ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# צאינה וראינה
# ויקרא

אידיש

**722**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# צְאֶינָה וּרְאֶינָה

עם הוספות רבות

נחלת צבי, נופת צופים, ספר הישר, של"ה הקדוש, לקוטי יקרים, אוהל יעקב, משלי יהודה, קול יעקב.

ווי אויך די פאלגענדע מעלות והוספות

# פנינים יקרים

מנחה לשבת, ברכי נפשי, ט"ו שיר המעלות ופרקי אבות מיט משלים.

מיט הונדערט און צעהן פירושים אויף עברי טייטש.

חלק שני

# דינים פון ערב שבת

א דער הייליגער שבת איז איינע פון די גרעסטע מצות וואס דר אויבערשטער האט אונז יודען גיגעבין. ער לערינט אונז אז גאט האט באשאפין אין זעכס טעג די הימעל אונ די ערד אונ אלץ וואס אין זייא געפינט זיך אונ דעם זיבעטין טאג האט ער גערוט. אונ ווייל דאס איז דער גרעסטער עקר אין אמונה מען זאל גלויבין אז השי"ת האט באשאפין די וועלט אונ אלע ברואים אונ האט אונז אויס גילייזט פון מצרים אז מיר זאלין אים דינען מיט אונזער לייב אונ לעבין ווייל ער איז מחיה אלע בראים אונ משגיח אויף אלעמען אונ גיט שפייז צוא אלעמען אונ אין זיין האנד איז טייטען אונ לעבעדיג מאכן ווייל ער איז דער באשעפער פון אלץ. איבער דעם שטייט די מצוה פון שבת צוועלף מאל אין דער תורה. די גמרא זאגט ווער עס האלט שבת אקוראט וויא דער דין איז רעכינט עס אים גאט גלייך וויא ער האט די גאנצע תורה מקיים גיוועזין. אונ ווער עס איז מחלל שבת איז גלייך וויא ער האט עובר גיוועזין אויף די גאנצע תורה. מען מוז אלע טאג גידיינקען דעם שבת אזו וויא עס שטייט זכור את יום השבת לקדשו. דוא מוזט יעדען טאג גידיינקען דעם הייליגען שבת (ווייל דיא דער מאנונג פון שבת פלאנצט איין אין הארצין דיא עקרים פון אמונה), איבער דעם מוז זיך דער מענש נוהג זיין אז ווען עס טרעפט זיך אים אין מיטען דער וואך איין שיין עסינווארג וואס מען באקומט עס ניט אלע טאג מוז ער עס בהאלטען אויף שבת. אונ איבער דעם זאגט מען אין דעם יום אלע טאג, היום יום ראשון בשבת. יום שני בשבת. כדי מען זאל שטענדיג גידיינקען דעם שבת. וואורום דיא קדושה פון שבת ציהט זיך אויף דער גאנצע וואך. זונטאג מאנטאג דינסטאג הייסען אחר שבת. ווייל זייא ציהען דיא קדושה פון דעם שבת וואס איז שוין גיוועזן.

אונ מיטוואך דאנערשטיג פרייטיג הייסען פאר שבת. וואורום זייא האבין דיא קדושה פון דעם שבת וואס וועט קומען :

ב עס איז א מצוה פרייטיג פריא אויף צו שטיין פריער וויא אלע טאג כדי מען זאל אלדינג אן גרייטען אויף דעם הייליגען שבת. אונ אפילו מיהאט אסך דיענסטען אונ משרתים זאל מען עפים אליין טאהן לכבוד שבת. מכל שכן ווינטער אין דיא קליינע טעג איז בודאי רעכט עפים אליין צו טאן. כדי דיא דינסטען זאלין ניט מוזען ארבייטען שפעט אין דער נאכט אריין. מיר געפינען אין דער גמרא אז דיא רייכסטע תנאים האבין אליין געהאקט האלץ אונ אנדערע ארבייט געטאן לכבוד דעם הייליגען שבת :

ג עס איז רעכט פרייטיג בייא טאג ווייניג צו עסין. כדי מען זאל קענען בייא דער נאכט עסין לכבוד שבת. אונ אזו וויא עס איז ניט רעכט צוא זיין מיטען פולען בויך צוא קבלת שבת. אזו איז אויך ניט רעכט צוא פיל צוא טרינקען פאר קבלת שבת. וואורום מען מוז קידוש מאכין אונ לכבוד שבת עסין מיט ריינעם פארשטאנד ניט שכור :

ד פרייטיג פאר נאכט מוז מען איבער זעהען דיא קליידער אויב עס שטעקט ניט אין זייא קיין נאדיל אונ אויב עס ליגט ניט אין דיא קעשינעם געלד אדער איין אנדער זאך וואס מען טאר שבת בייא זיך ניט האלטין :

ה פאר נאכט מוז מען צוא רעכט מאכין דיא בעטין. אונ אלדינג שיין אין דער ארדענונג שטעלין אין שטוב אונ צום טיש גרייטען. דער טיש מוז זיין באדעקט מיט א טישטוך. אויף דעם טישטוך ליינט מען צווייא חלות אונ פון אויבין באדעקט מען זייא מיט אנאנדער טישטוך. אונ מען טוט זיך אן שיינע קליידער לכבוד שבת :

# דינים פון ליכט בענטשין

א פרייטיג פאר נאכט ווייניגסטינס אפערטיל שעה פאר דיא שקיעה מוז מען בענטשין ליכט. דער עיקר מצוה איז אז דער מאן זאל דיא לייכטער מיט דיא ליכט אויף שבת צו רעכט מאכין אונ דיא ווייב זאג ליכט בענטשין. אבער ווער עס האט קיין ווייב ניט אדער אז דיא ווייב איז אקימפעטארין מוז ער אליין ליכט בענטשן.

ב דיא ווייבער זאלין זיך אפ וואשען אונ שיינע קליידר אן טאן פאר ליכט בענטשין. אבער ווען איינע קומט שפעט אהיים פון גאס זאל

# דינים פון ליכט בענטשין

זיא פְרִיעֶר לִיכְט בֶּענְטְשִׁי און דֶער נָאךְ זִיךְ אָפּ וַואשִׁין (אבער אן זייף) און שַׁיין אָן טָאן. און וֶוען דֶער מַאן זֶעהְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין שָׁפֶּעט און דִיא וַוייבּ אִיז נָאךְ נִיטָא זָאל עֶר אַלֵיין לִיכְט בֶּענְטְשִׁין. און וֶוען זִיא קוּמְט נָאךְ דֶער צַייט אַז מֶען טָאר שׁוֹין נִיט צִינְדֶען קֵיין לִיכְט טָאר זִיא קֵיין בְּרָכָה אוֹיךְ נִיט מַאכֶען אוֹיף דִיא לִיכְט. און וֶוען זִיא בֵּייזֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מַאן וָואס עֶר הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט אִירֶע לִיכְט מוּז עֶר אִיר גֶעבִּין צוּ פַארְ שְׁטַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, וִויא בַּאלְד זִיא מֵיינְט דָאךְ מִיט אִיהְרֶע לִיכְט בֶּענְטְשִׁין צוּא טָאן אַמִצְוָה, הַיינְט וֶוען זִיא בֶּענְטְשְׁט נָאךְ דֶער צַייט אִיז לֹא דַי וָואס זִיא הָאט נִיט קֵיין מִצְוָה, הָאט זִיא נָאךְ אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן חִלוּל שַׁבָּת. און מִיט דִיא גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִיא זִיךְ בַּארוּהִיגֶען וֶוען זַיא אִיז אַפַארְשְׁטַאנְדִיגֶע און אַפְרוּמֶע פְרוֹיא :

ג פְרִיעֶר צִינְד מֶען אָן דִיא לִיכְט און דֶער נָאךְ שְׁפְּרֵייט מֶען אוֹיס דִיא הֶענְד קֶעגִין פָּנִים און מֶען מַאכְט דִיא בְּרָכָה :

# בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל

אום שבת — **שַׁבָּת :**

אום יום טוב — **יוֹם טוֹב :**

ווען עס גיפאלט יום טוב אום שבת — **שַׁבָּת וְשֶׁל יוֹם טוֹב :**

אום יום כפור — **שַׁבָּת וְ) יוֹם הַכִּפּוּרִים :**

אום יום טוב זאגט מען דא דיא ברכה שהחינו. דיא אנדערע טעג פסח זאגט מען ניט שהחינו. דיא אנדערע טעג סוכות און ראש השנה יום כפור זאגט מען יוא. און יום כפור בייא גאכט ווען דער חזן זאגט שהחינו. דארף זיא שוין ניט זאגין שהחינו :

# בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה :

לְכָבוֹד גָאט לְכָבוֹד אוּנְזֶער נִיבָּאט לְכָבוֹד דֶעם לִיבִּין שַׁבָּת קֹדֶשׁ וָואס אוּנְזֶער הֶער גָאט הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין און חָאט אוּנְז גִיבָּאטִין דִיא לִיבֶּע מִצְוָה אִיךְ זָאל זִיא רֶעכְט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין און זִיא זָאל אַזוֹ גִיווָאוּנִין זַיין וִויא כָּל תרי״ג מִצְוֹת אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן :

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ :

אנייע שיינע תחנה צו זאגין נאך ליכט בענטשין מיט גרויס כוונה :

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ לוֹיבּ און דַאנְק דַיין לִיבִּין נָאמֶען וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ טָאן דִיא מִצְוָה וָואס דוּא הָאסְט גִיגֶעבִּין פַאר דִיא נָשִׁים וִויא דִיא חֲכָמִים ז״ל שְׁרַייבִּין אִים מס׳ שַׁבָּת אַז וַוייבֶּער זַיינֶען מְחוּיָב צוּ בֶּענְטְשִׁין לִיכְט פְרַייטִיג פַאר נַאכְט. און דַיין חֶסֶד זָאל זַיין מִיט מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טָאן דִיא מִצְוָה בִּיז הוּנְדֶערְט יָאר. און אִיךְ זָאל זַיין גֶעהִיט אַז אִיךְ זָאל נִיט אָנְצִינְדֶען דִיא לִיכְט נָאךְ זוּן אוּנְטֶער גַאנְג (שקיעת החמה), עֶס זָאל נִיט זַיין חֲלִילָה פוּן דִיא מִצְוָה דִיא גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה דָאס הֵייסְט חִלוּל שַׁבָּת וָואס דָאס אִיז הַארְבּ וִויא דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה צוּ זַאמֶען. און פַאר דֶעם זְכוּת הָאף אִיךְ און בֶּעט פוּן דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען הקב״ה אַז מַיינֶע קִינְדֶער וָואס דוּא הָאסְט מִיר גִינֶעבִּין מִיט דַיין חֶסֶד און וֶועסְט מִיר גֶעבִּין מִיט דַיינֶעם חֶסֶד, אַז זַייא זָאלִין נִיט זַיין קֵיין מְחַלְלֵי שַׁבָּת חָלִילָה. און דִיא לִיכְט פוּן דֶער תּוֹרָה זָאל זַייא דֶער לַייכְטִין דִיא אוֹיגִין אַז זַייא זָאלִין נִיט חָלִילָה נִכְשַׁל וֶוערִין אִין עֲבֵירוֹת. וִויא עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבִּין ואורח צדיקים כאור נוגה דָאס הֵייסְט דִיא צַדִיקִים גֵייעֶן אִין גְרַאדֶען רִיכְטִיגֶען וֶועג וִויא אֵיינֶער גֵייט פִיר דִיא טָאג לִיכְטִיקֵייט. ודרך רשעים כאפלה און דִיא נִיט פְרוּמֶע גֵייעֶן אִין דֶער פִינְצְטֶערְנֶס. וּבִזְכוּת זֶה (וָואס אִיךְ הָאבּ אָן גִינוּמֶען דֶעם לִיבֶּען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִין דֶער צַייט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד און אִים בַּאשַׁיינְט מִיט שַׁיינֶע לִיכְט) בֶּעט אִיךְ דִיךְ הקב״ה אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּא הָאבִּין קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַז אִיךְ זָאל הָאבֶּען נַחַת און כָּבוֹד אִין בֵּיידֶע וֶועלְטִין. מַיין פָּנִים זָאל נִיט שְׁוַוארְץ וֶוערִין פוּן זַייא אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אָמֵן :

פון שבת נאך פסח ביז ראש השנה זאגט מען צו מנחה פרקי אבות.

# אמרי הקדמה נועם

דר רמב"ם שרייבט וואָרום הייסט די מסכת אבות ווייל די חכמים וואס מיר לערנען פון זיי גוטע מדות מוסר אונ דרך ארץ הייסן זיי אבות דם הייסט אונזערע פאטערס אונ מיר הייסן זייערע קינדר. דען זיי זענן געגליכן צו א גוטען פאטר וואס ערציהט זיינע קינדער אין גוטן וועג אונ מאכט איהם דערמיט גליקליך אונ די וואס לערנן עס פון זיי זענן געגליכן צו גוטע קינדר וואס לאזן זיך לייטן אונ לערנן פון זייער פאטר. אונ אזו געפינען מיר דם אלישע הנביא האט גערופן זיין רבי אליהו הנביא מיט דעם נאמען אבי אבי:

הרב רבי משה אלמושנינו שרייבט. וואָרום האט מען מתקן געווען דם מען זאל זאגען שבת פר יעדעם פרק דיא משנה פון כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. ווייל אייגענטליך מוז יעדער מענטש וויסען א געוויסען צוועק אונ א תכלית צו יעדע זאכע וואס ער וויל טהון, איבר דעם זאגט מען די משנה כל ישראל פר יעדן פרק צו ווייזן אז אויסר וואס דר מענש וועט גע־פינען די גרעסטע נוצען אויף די וועלט דורך דעם וואס ער וועט זיך פיהרען על פי המדות והמוסר וואס אין די מסכת איז געזאגט דען ער וועט דורך דעם ווערען אהוב לכל אונ עס וועט זיין רוח הבריות נוחה הימנו וואס אייגענטליך איז דם אליין אויך איין גרוסר תכלית אונ א הויכווירדיגר צוועק. אזו ווי דער תנא זאגט אין די מסכת פרק שלישי כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו. דאס הייסט וועלכער מענש וואס שטעלט די מענשען געזעלשאפט צו פרידען מיט זיין הנהגה איז גאט אויך פון איהם צופרידען. דען דם איז דר הויפט רצון פון בורא יתברך אונ דר הויפט צוועק פון זיינע תורה ומצות צוא מאכען דורך דעם מענשן עהרליך אונ נוצליך פר די מענשן געזעלשאפט אויף דר וועלט. אונ ווי אלע קלוגע מוסר ספרים זאגן דם אייגענטליך איז דאס דער הויפט עבודת השם אין יראת שמים פון מענשן, אבער נאך אויסער דעם זאגט אונז דר מאמר פון כל ישראל דם אויסר די אלע נוצן אונ דעם גרוסן שכר וואס דר מענש וועט האבען אויף דר וועלט פון די מדות אונ מוסר וואס דא איז געזאגט בלייבט נאך פאר דעם מענשן א גרויסער תכלית אונ א חלק אויף עולם הבא. אונ אזו איז דער פירוש פון דעם מאמר כל ישראל יעדער מענטש וואס איז נאר רעכט פארטיג פר גאט (ווארום דם ווארט ישראל איז א נוטריקון, ישר אל דם הייסט רעכט פארטיג פר גאט) יש לו חלק לעולם הבא. האט א גרויסען חלק לעולם הבא. אזו זאל דר מענש וויסן דעם גרוסן צוועק אונ תכלית וואס עס פיהרען דאצו די מדות ומוסר וואס דא איז געשריבען אונ זאל פערשטעהן וויא וויכטיג די זאך איז אונ זאל לערנען על מנת לשמור ולעשות כדי צו קומען צו דעם גרויסען תכלית פון די מעשים הטובים והישרים:

צון געפינען מיר פר נייטיג צו ערקלערען דעם טעם פר וואס איז מען זיך נוהג צו זאגן פרק אבות זומערדיגע שבתים איבערהויפט. ווייל פסח הייבן זיך אן די טעג וואס יודן זענען זיך מכין אין זיי צו קבלת התורה אום שבועות אזו ווי אונזערע קדמונים אונ מקובלים זאגן דז די ספירה טעג זענן איבערהויפט ימי טהרה והכנה לקבלת התורה בטהרה. אונ אין פסוק שטייט ראשית חכמה יראת ה' דם הייסט פריהער פר לערנען תורה אונ חכמה מוז זיך דר מענש פערשאפן יראת ה' אונ אזוי זאגען אויך אונזערע חכמים אין דר גמרא אז די תורה איז געגליכן צו ווייץ אונ די יראה איז געגליכן צו איין אוצר. דאס הייסט א זאסעק וואס מען האלט דארטן ווייץ אונ אזו ווי ווייץ אהן א זאסק קאן זיך ניט האלטן אזו אויך תורה אהן יראת שמים האט קיין קיום נ"ט:

אזו האבן אונזערע יראים מתקן געווען דם גלייך נאך פסח זאלן אלע יודן אנפאנגן לערנען ווייניגסטענס אלע שבת דיא מסכת אבות וועלכע זיא לערנט דעם מענשן יראת ה' מדות ומוסר דם הייסט זיי זאלן בויען דעם אוצר דעם זאסעק אויף דיא תורה צו האלטען וועלכע אלע יודען זענען מקבל אלע שבועות אונ זיי האבן משער געווען דם ווענגיסטענס מוז יעדר מענש די מסכת פיער מאל דורך לערנן. אזו ווי משה רבינו עליו השלום האט אויך יעדר הלכה פיער מאל געלערנט אזו ווי מיר געפינן אין דר גמרא הקדושה. דרום האבן מיר די מסכת מעתיק געווען אויף דייטש כדי עס זאלן פארשטן גרוס אונ קליין, ובזכות הלמוד יזכו לרב טוב הצפון אמן:

# מתוק התעוררות מדבש

א טעם. שלמה המלך זאגט (וזכור את בוראיך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרע) ווייל א גאנצען ווינטר איז א מענש געשטערט פון תענוגים ובפרט די ערד ארבייטערס וואס זיצן אין שטוב א גאנצען ווינטר אונ אפילו די וואס זענן עוסק במשא ומתן פון דעסטוועגן דר טאג איז קליין די ארבייט איז פיעל ער איז פר טרוד נאר אין זיינע געשעפטן ער האט ניט צייט עוסק זיין בתענוגי הגוף דיא פייגל פישצען ניט די גערטנער זענן וויסט אבר אז עס קומט זומער אז דר טאג איז לאנג די שפאציער גענג זענן אפען אונ עס מאכט פיעל חברים רעים וואס קומען זיך צוזאמען מענשן איינר מיט דעם אנדערען אונ דער יצר הרע קומט אויך אין מיטען אריין דעם מענש צו מאכן זינדיגן ער זאל פארגעסן אין בורא עולם אונ אזו בעהם אוועק דר זומער מיט תענוגים אונ ער קלערט נאר ניט אויפן תכלית עס וועט קומען דר יום הדין ראש השנה ויום כפור וואס עס שטייט (מי יצדק לפניך בדין) דריבער וויא באלד ער וועט זיך ניט בעציימן ארום קוקן ווי ער איז אין דר וועלט קאן איהם דר יצר הרע פר פיהרן אין שאול תחתית דריבר זאגט שלמה המלך געדענק אן בורא עולם אונ אין די פריהערדיגע טעג אין אנהייב זומער איידער עס קומט דיא שלעכטע טעג די ימים הנוראים (ותאמר אין לי בהם חפץ) דו וועסט זאגען איך האב ניט אין זיי קיין באגער דיין הארץ וועט שון זיין פאר שלאסן פון תשובה ח"ו דריבר האבן די חכמים מתקן געווען מזהיר צו זיין דעם מענש אז מען זאל געדענקען אין בורא העולם באלד פון אנהייב זומער צוא לערנען מסכת אבות:

# כָּל־יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא. שֶׁנֶּאֱמַר, וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים, לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ, נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר:

## ברית אבות

(כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא). עס איז קשה עס איז דאך פר האנדן פיעל פושעי ישראלים וואס האבן ניט עולם הבא נאר מיר וועלן דס פארשטעהן מיט נאך א קשיא פאר וואס זאגט ניט דער תנא (כל איש ואיש מישראל) יעדר מאן פון די ישראל האט א חלק לעולם הבא מוז מען זאגן דאס דער טייטש איז אזו כל ישראל, יעדרוויגד וואס איז נאך ובכלל כל ישראל, ער איז זיך מיט נתפ בצער של ישראל אונ ער הט נאך ניט חלילה געטאן אזעלכע עבירות וואס זיין נפש זאל אפ געריסן ווערען פון כלל ישראל הט ער א חלק לעולם הבא אזו ווי דר פסוק זאגט. (ועמך כולם צדיקים). אז דיין פאלק האלטן זיך אלע איינם הן ער איז זיך משתתף אין זייער צער והן ער האט זיין נפש חלילה ניט מטמא געווען באופן ער זאל חלילה פארלוירן ווערן אזו ווי די תורה שטעלט דעם עונש (והאברתי את הנפש ההיא מקרב עמה) ווערן זיי גערעכענט פר צדיקים דס זיי וועלען ירשנן עולם הבא נאר פון דעסטוועגן דר כח פון תשובה איז זייער גרוס דס ער איז מקרב צוריק דם נפש צום כלל ישראל ווייל דאס נפש איז א צווייג פון אייבערשטענס פלאנצונג אונ כשם ווי א צווייג וואס דערגער האבן איהר ארום געריגעלט אונ זי קאן ניט וואקסען באם מען רייסט אוס די דערנר קאן דיא צווייג צוריק אויף בליהען אונ האבן א יניקה פון דעם שורש אזו אויך דער בעל תשובה אז ער ווארפט אוועק זיינע שלעכטע מעשים קאן ער צוריק זיין נפש ברענגען צום שורש פון כל ישראל:

## תפארת אבות

(כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא). די מפרשים זאגן דם יש בעטרעפט דריי הונדערט אונ צעהן דם הייסט פר יעדען יוד איז אנגעגרייט לעולם הבא אזוי פיעל עולמות באם ער איז זוכה, אונ אויב ער איז חלילה ניט זוכה ירשנת דער צדיק זיינע עולמות אויך:

די ספרים הקדישים זאגן דאס איבר דעם שטעהט ביי משה רבינו דאס לשון קבל ער הט גענומען אונ ביי די איבריגע שטעהט דאס לשון ומסרה ער האט זיא איבר געגעבן, ווייל ווען משה רבינו איז געקומען אויף דעם הימל מקבל זיין די תורה איז געווען אין הימל א שטארקער קטרוג די מלאכים האבען געפיהרט טענות אונ האבן ניט געוואלט דם די תורה זאל זיין ביי מענשען אין די האנד ביז דאס משה רבינו האט זייא גובר געווען מיט פערשידענע תשובות איבר דעם שטעהט דם לשון קבל ער הט זי גענומען מיט געוואלד ער הט די מלאכים כ׳ נ״ח געוועזן אבער משה רבינו איז געווען א טוב עין דם ער האט זיא פון זיין גוטען ווילען איבער געגעבען צו יהושע אונ צו כל ישראל:

## חסדי אבות

ועמך, אונ דיין פאלק ישראל. כלם צדיקים. זענען דורכאויס צדיקים. נצר, ער איז איין צווייג. מטעי. פון מיינע פלאנצונגן. איז דאך איין פראגע געפינן זיך דען ניט צווישען אונז רשעים אונ אפיקורסים אויך. אונ ווי פאסט אהער די ווערטר נצר מטעי. וועלן מיר דם ערקלערען, די קדמונים שרייבן אז וואס דער תנא רעדט דא וועגען עולם הבא מיינט ער נים דערמיט די צייט וואס דיא נשמות פון צדיקים קומען נאך זייער פטירה אין גן עדן, נאר אויף דיא גליקליכע צייט פון תחית המתים, בעת משיח וועט קומען וועלן די נשמות פון די צדיקים מוזען אראב געהן אויף דר וועלט אונ צוריק אריין אין זייערע גופים, אונ דס זאגט דר תנא כל ישראל אלע יודן אפילו די ניט פרומע וואס זיי זענען דאך אויך מלאים מצות ברמון פול מיט מצות ווי דר מילגרוים מיט קערנער, יש להם חלק לעוה״ב. אפילו די האבען אויך אטייל אין עוה״ב ווארום זייערע נשמות ווערען געבייטערט אויף יענער וועלט אז קיינר זאל פון זיי גים פעהלען אונ קומען אויך אונטער דעם שוטץ פון דר שכינה אונ אויך

## זכות אבות

(כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא). איז דאך א קשיא עס דארף שטיין חלק בעולם הבא אין דער גייסטיגען אונ ניט לעולם הבא צו די גייסטיגע וועלט אונ וואס איז דער לשון חלק נאר עס איז ידוע אז דיא הייליגע נשמה פון מענשען איז א טהייל פון השי״ת כביכול אונ זי איז מעורר דעם מענשען צו טאהן גוטעס מצות ומעשים טובים זי ברענגט איהם צו תורה ויראת שמים אונ זי שטרייט געגען יצר הרע וואס ער וויל דעם מענשען אריין ציהען אין אלע תאוות עולם הזה אונ צום ענדע איז ער אליין אויף איהם מקטרג אונ ברענגט אויף איהם אלע צרות נמצא אז יעדער איש ישראל האט אין זיך א טהייל פון גאט דאס איז דיא נשמה

## משלי אבות

(כל ישראל) יעדער יוד יש להם חלק לעוה״ב הט א חלק אין עוה״ב. פרעגן די מפרשים ווי באלד אז דר תנא ווייל אז יעדער זאל האבען עולם הבא זאל דאך שטעהן כל ישראל יהי׳ להם כו׳ זיי וועלן האבן א חלק בעוה״ב ווען זיי וועלען היטען תורה ומצות. אז עס שטעהט אבער יש להם אז זיי האבן שוין פון פריהער עוה״ב וועט דאך קיין מענש ניט וועלן זיך בעמיהען אויף עוה״ב ווייל ער האט שוין אנגעגרייט. זאגט הרב

## פירוש ע״ם

(כל ישראל) אלע ישראל ווען די ווענ פון זייערע אבות האבן זיי א חלק לעולם הבא אזו ווי אין פסוק שטעהט (ועמך כלם צדיקים) אונ דיין פאלק זענען אלע צדיקים אונ צו אייביג וועלען זייא ערבען דאס לאנד לעולם הבא ווייל זייא זענען א צווייג פון מיין פלאנצונג אונ זענען די ווערק פון מיינע הענט איך זאל זיך באריהמען מיט זיי:

# א מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי, וּמְסָרָהּ לִיהוֹשֻׁעַ, וִיהוֹשֻׁעַ לִזְקֵנִים,

## תפארת אבות

(מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי). משה האט צוגענומען די תורה פון בארג סיני, איז איין קשיא וואָרום שטעהט ביי משה'ן לשון קבלה קבל תורה מסיני ער האט צוגענומען די תורה אונ ביי יהושע מסרה דאס הייסט אז משה האט איהר איבער געגעבן צו יהושע עס האט דאך איינגענטליך בעדארפט שטעהן ויהושע קבלה משמשה יהושע האט איהר צו גענומען פון משה'ן, דער תירוץ איז עס איז ניט גלייך דען משה רבינו איז אן געקומען די תורה הקדושה זייער שווער ער האט געהאט גרויסע וכוחים מיט די מלאכי השרת זיי האבען געשריגן רבש"ע (תְּנָה הוֹדְךָ עַל הַשָּׁמַיִם) געב דיין שוינהייט דאס הייסט די תורה צו וועלכע עס בעוואהנן דעם הימל די תורה זי איז איין טייערער אוצר דארף זיא בלייבן נאר פר אונז מלאכי השרת מיר וועלען זיא היטן בקדושה ובטהרה אבער וויא קומט דער שטערבליכער מענש צו אזו איין טייערען אוצר, האט זיך משה רבינו דר שראָקען פאר זיי אונ זאגט רבש"ע איך האב מורא פר די מלאכים זיי וועלן מיך פערברענן מיט דעם פייער פון זייער מויל האט איהם השי"ת געהייסען ער זאל זיך האלטען פעסט אן כסא הכבוד אונ זאל זיי ענטפערען ווי אזוי קאנט איהר נעמען די תורה עס שטעהט דאך אין איהר לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב. האט איהר דען א יצר הרע צו רציחה גנבה וכדומה זייט איהר דען געווען אין גלות מצרים האט מען דען אייערע קינדר אין טייך נילוס געווארפן אונ אין דר תורה שטעהט (אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם) לכן איז די תורה געגעבן געווארן נאר פר אונז בשר ודם, זאגן די מלאכי השרת די אלע זאבען איז מאקי פאר

## ברית אבות

(מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי וכו' וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה). דיא היילינגע מסכת דערצעהלט אונז באלד אין אנפאנגס אז די ישראל אונ הקב"ה אונ די תורה מיט די ישראל זעגען איינס מיר זעהען דם אלע גוטע זאכן איז געבעך בעונותינו הרבים פון די ישראל צו גענומען געווארן חוץ די תורה הקדושה האלט זיך מיט אונז אזוי וויא מיר זאגען (וְכָל מַחֲמַדֶּיהָ שְׁבוּעוֹת וְנִגְנָזוֹת וְאֵין לָנוּ שִׁיוּר רַק הַתּוֹרָה הַזֹּאת). דאס איז א סימן אז מיר האבען צו האפן דען הקב"ה מיט די תורה איז דאך אויך איינס זאגט די משנה דאס משה רבינו ווס ער איז געווען א רועה נאמן אונ ער הט זיך מקריב געווען פר די ישראל אונ ער הט באלד בעת קבלת התורה גענומען די תורה בזה האופן דאס די תורה זאל חלילה אין גלות אונז ניט פארלאזן ווארום אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאגן דם איבער דעם האט הקב"ה ברוך הוא זיך אנפלעקט צו משה רבינו בסנה אין א דארן צו ווייזן דם (עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה) אז הקדוש ברוך הוא איז זיך כביכול מצער בצערן של ישראל די נאטור פארשר זאגן אז דם גאנצע געגענד פון דעם בארג סיני שלאגט נאך אב עד היום איין מראה פון סנה. איז דם א בעוויז אז תיכף אוף דעם בארג סיני הט מען זיי געשענקט די תורה בזה האופן דם אפילו בעת צרה ר"ל אין גלות וועט די תורה פון זייא אויך ניט אב טרעטען זהא ראיה דם ער רעכענט כסדר דם איבערענפערונג ביז די אנשי כנסת הגדולה וועלכע זיי זענען געווען בעת החורבן האבן זיי דערמיט געטרייסט די ישראל אונ געגעבן באלד מאמרים אוף קיום התורה דאס אפילו אין גלות זאל זיך די תורה אויך ביי אונז דערהאלטן איבער דעם דארף די תורה ביי אונז זעהר חשוב זיין:

## זכות אבות

הקדושה. אונ דאס איז די כוונה כל ישראל יש להם חלק אלע יודען האבען ביי זיך איין חלק ו"ם איז די

## חסדי אבות

זיי וועלן זוכה זיין אויפצושטעהן צו תחית המתים, אט אוף דעם זאגט דר פסוק (וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים לְעוֹלָם יִירְשׁוּ אָרֶץ) זיי וועלן אוף אייביג ארבען די וועלט דען נאך תחית המתים

וועט מען דאך אייביג לעבן. (נֵצֶר מַטָּעַי). מיר געפינן אין ספרי קדמונים אז בעת תחית המתים וועלען דיא נשמות טהורות ניט וועלען אראב פון גן עדן פון זייער גייסטיגע רוהע אונ אריין געהן צוריק אין זייערע גופים וועט זיי השי"ת

## משלי אבות

המגיד מדובנא ז"ל א משל, איין אָרעמאן וועלכר הט ניט געהאט קיין דירה פלעגט שטענדיג נעכטיגן וואו עס האט זיך איהם געמאכט בעגעגענט איהם זיינער א גוטער פריינד אונ זאגט צו איהם ליבער ברודר ווס וועט זיין מיט דיר דר תכלית דעם טאג קומסטו שון ווי עס איז איבר, אבער די נאכט, א מענש מוז דאך האבן זיין אָברוהונג. איך וועל דיר געבען איין עצה דו קלייבסט אוף אלע טאג צוויי גולדן נדבות בערך פאלג מיר לייג אם אלע טאג א גולדן אונ אין איין פערלויף פון אייניגע צענדליג יאהרן וועסט דו צו זאמען קלייבן אוף איין אייגענע שטיבל וועסט דו אונ דיין פאמיליע האבן אייער אָברוהונג, פר אזא עצה וועט איהם דער ארעמאן געווים אויסלאכן צענדליגע יאהר וועט ער זיך פייניגן אונ אבקומען אין גרוס דחקות כדי אז דערנאך

## פירוש ע"ט

משה קבל תורה מסיני, משה רבינו האט מקבל געוועזען די תורה פון גאט ווס האט זיך בעוויזען אויף דעם בארג סיני אונ האט דיא תורה איבר געענטפערט צו יהושע אונ יהושע הט מוסר גיוועזן די תורה ווס משה רבינו הט אים אוסגעלערנט צו די זקנים אונ די זקנים האבן איבר גיגעבן צו די נביאים ביז וואנן אז דר בית המקדש איז חרוב געווארן הט זיך שון אוסגעלאזן נביאים נאר אז דער אנדרער בית המקדש איז געבויט גיווארן האבן זיך צונויף

# וּזְקֵנִים לִנְבִיאִים, וּנְבִיאִים מְסָרוּהָ לְאַנְשֵׁי כְנֶסֶת הַגְּדוֹלָה. הֵם אָמְרוּ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים, הֱווּ מְתוּנִים בַּדִּין, וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה, וַעֲשׂוּ

## צדקת אבות

(הֱווּ מְתוּנִים בַּדִּין). די טייטש פון דר משנה איז איהר זאלט זיין געווארענט ביי דעם דין תורה דהיינו מען זאל זיך גוט מישב זיין איידר מען פסק'ענט דעם דין תורה כדי מען זאל זיך נישט טועה זיין. (וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה). איהר זאלט לערנען מיט פיעל תלמידים. (וַעֲשׂוּ סְיָג לַתּוֹרָה), איהר זאלט מאכן א גדר צו דר תורה. מען זאל נישט קומען צו קיין עבירה. דהיינו אין דר תורה שטעהט אז מען טאר ניט שבת ברענגן קיין פייער. האבען די חכמים געזאגט אז מען טאר אפילו ניט נעמן אין דר האנט אריין קיין לייכטער. דורך דעם וועט מען געווארענט זיין ניט אן צו צינדן קיין ליכט אום שבת. אונ אזוי אויך אנדערע זאכען אזא שטייגר. דא איז צו פרעגען די זאכע וואס מיר האבן געשריבן דארפן דאך נאר וויסן די לומדים וואס פסק'ענען שאלות אונ דין תורה. אונ לערנען מיט תלמידים. אבר א סתם מענש. בענוצט דאך ניט דם

## תפארת אבות

איך נאר מיר וועלן נעמן די סודות אונ די טעמי המצות פון דר תורה וואס דס איז די נשמה פון איהר אונ פר איך וועט בלייבן דר גוף התורה די תרי"ג מצות. ענטפערט משה די היילגע תורה איז איין אוצר איין גאנצע כלי מען קען איהר ניט צוטיילן אויף שטיקלך ווי אין פסוק שטעהט (תורת ה' תמימה) גאנץ לעהרע איז גאנץ דארום די וואס נעמען דעם גוף התורה והמצות איז שייך צו זיי די נשמה פון דר תורה אויך זיי זאלן האבן שכר די סודות התורה, מיט דעם הט משה רבינו אויסגעפיהרט אונ הט מקבל געוועזן די תורה פון הימל וואס מען הט זיא אראב געגעבן אויף דעם בארג סיני דס זאגט די משנה (משה קבל תורה מסיני) משה הט מקבל געוועזן דיא תורה דורך רבוחים אונ טענות אונ הט זיא ביי דיא מלאכים אב גענומען געגען זייער ווילן (ומסרה ליהושע וכו') ער הט זיא איבר געגעבן מיט גוטן ווילן צו יהושע אונ יהושע הט זיא אזוי ווייטר איבער געגעבן צו די זקנים אונ אזוי ווייטער:

(וְהַעֲמִידוּ תַלְמִידִים הַרְבֵּה). אונ שטעלט אויף פיעל

תלמידים דארף דאך שטעהן (וְלַמְּדוּ לְתַלְמִידִים) לערנט תורה צו פיעל תלמידים וואס איז דר לשון (וְהַעֲמִידוּ) שטעלט אויף, נאר דיא היילגע משנה לערנט אונז איין כוסר השכל אזו וויא עס איז ידוע אז דער גאנצער קיום פון דיא אומה

## חסדי אבות

ואנן איהר היילגע נשמות איך איז דא גוט איהר שוועבט צווישן די אונזיילגע מלאכים אונ הט א גייסטיגן פערגניגן, אייער גוף אבר ליגט דאך אין דעה פינסטערען גרוב אונ הט נאך ניט געזעהן קיין גוטס דם גאנצע לעבן האט דר גוף געהאט געגוג שמערצען וויל איך איהם אויך טהנה זיין ער זאל זעהן די ליכטיגע שיין ווי איך וועל ערשיינען, דורך איהם האט איהר געטהון מצות ומעשים טובים ביז איהר זענט געקומן צוא דר מדרגה אז אייערע נשמות זאלן זיין אין הימל, (נֵצֶר מַטָּעַי) דר גוף איז דאך אויך א צווייג פון מיינע פלאנצונג, (מַעֲשֵׂה יָדַי) ער איז דאך מיין האנדווערק, מיין ארבייט, איך האב איהם בעשאפן, דארום מוזט איהר אראב אין אייער גוף אונ אויפשטיין תחית המתים. (לְהִתְפָּאֵר) ער זאל זיך קענען בעריהמען אז ער האט אויך געזעהן מיין הילף:

## זכות אבות

נשמה וואס זי קאן ברענגן לעולם הבא צו עולם הבא זיצען אין גן עדן אויף דר אמתע וועלט:

## משלי אבות

זאל ער האבן איין אייגן הויז זאל געהן ווי עס געהט. דר אייגענר מענש הט איין מאל בעגעגנעט איין אנדר גוים בעדערפטיגן וואס האט געהאט בירושה א קליין שטיבעלע פון זיינע עלטערן אונ ער לעבט זייער געדריקט זאגט ער צו איהם וואס דארפסט דו אזו פיל פערשווארצט ווערען אויף דער וועלט דר מאנגעל פון געלט לאזט דיר דאך ניט לעבן פערקויף דיין שטיבל וועסט דו האבן דיין לעבענסמיטעל, ענטפערט ער גיין ליבר פריינד דם וועל איך ניט טאן בשום אופן איך זאל אפילו גוויס אז איך וועל פון הונגר שטארבן וועל איך אוך ניט פערקויפן א ירושה פון מיינע עלטער עלטערן וואס זיי האבן מיר געלאזן איין אנדענקונג השי"ת וועט מיר נאך העלפן אונ איך וועל ביי מיין ירושה בלייבן. דר נמשל איז דר תנא איז אונז א יועץ טוב א געטרייער פאטער וואס ער וויל אז יעדער איש ישראל זאל זעהן בלייבן ביי זיין ירושת אבות ביי אונזער היילגע אמונה. הייגט אז ער וואלט זאגן אז יעדער מענש זאל קיין הנאה ניט האבן פון דר וועלט נאר ער זאל זעהן אנגרייטן עולם הבא וואלטן ניט אלע ת"ו דאס וועלן ליידען ניט אלע פארשטעהן דעם גליק פון דער גייסטיגען וועלט דארום זאגט ער מיט חכמה וויא א וואהרער יועץ טוב אז כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב יעדער ישראל הט שון פון אונזערע היילגע עלטערן בירושה איין חלק אין עוה"ב זינד בני ישראל

## פירוש ע"ט

געקליבן הונדערט אונ צוואנציג גרויסע לייט זיי זענן גערופן געווארן אנשי כנסת הגדולה דס איז טייטש גרויסע פארזאמלונג ווארום אזו א פערזאמלונג פון אזעלכע חשובים איז נאך ניט געוועזן. זיי האבן געזאגט דרייא זאכן, איר זאלט זיין געווארענט אין משפט דם הייסט איר זאלט ניט גיך פסקענען ביז איר וועט אויסקלערן רעכט דעם משפט אונ איר זאלט אוסשטעלן

סיג לתורה: ב שמעון הצדיק היה משירי כנסת הגדולה. הוא היה אומר. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה, ועל העבודה, ועל גמילות חסדים: ג אנטיגנוס איש סוכו, קבל משמעון הצדיק.

## תפארת אבות

הישראלית איז נאר בזכות התורה הקדושה אונ מיר זעהן אז בעוה"ר פון דור צוא דור ווערט זיא נתמעט אונ מען שפיצט איהר זייער ווייניג, לערנן אונז די חכמים מיט וואס פר איין אופן די תורה זאל איין קיום האבן ביי אונז, היינו די עשירים פון יעדן דור אונ אלע וואס זענען אומשטאנד זאלן זעהן ווי ווייט מעגליך צו גרינדן ישיבות אונ תלמוד תורה פר קליינע קינדער, ווייל דר למוד פון תינוקות של בית רבן איז מבטל אלע גזירות אונ דאס ברענגט ישועות אויף דער וועלט. אויך מחזיק זיין ארעמע תלמידי חכמים כדי עס זאל נים פערלאשן ווערן די געט'ליכע ליכט פון דר תורה, אונ זי זאל שיי'ען לאורך ימים, איבערהויפט מגדל זיין אייגענע קינדר צו תורה ומצות, דס איז דר עיקר פון אמונת ישראל אונ דס איז די כונה פון (והעמידו תלמידים הרבה) שטעלט

## צדקת אבות

וום מיר האבען געשריבען. אונ דעם פרק זאגט דאך יעדער מענש. מוז דאך זיין א כונה אין די ווערטער וועלכעס יעדר מענש דארף וויסן. צו פר ענפערן דס וועלען מיר מקדים זיין וום דער ספר חסידים שרייבט (בסימן פ"ג ובסי' תרנ"ה) אז דר מענש דארף געווארענט צו זיין אז עס קומט איהם אן צו בייזערן זאל ער זיך נים באלד בייזערן. אויך זא"ל ער נאר נים רעדן בשעת ער איז אין כעס נאר ער זאל אפלייגן דם בייזערן אויף מארגן ממילא קען דורטוויל השם יתברך העלפען אז מארגן זאל ער שון נים האבן אויף וום זיך צו בייזערן. שרייבט דר ספר חסידים א מעשה אז איינר הט געלאזט א צוואה צו זיין זוהן. אז עס וועט דיר אנקומען צוגא בייזערן זאלסט דו דיך נים בייזערן. אונ זאלסט גאר נים רעדן דעמאלט נאר זאלסט אפלייגן דם בייזערן אויף מארגען. נאך דעם פאטערס פטירה איז דר זוהן אוועק געפארן קיין מדינת הים אונ הט איבערגעלאזט דם נייב מעוברת אונ הט זיך געזוממט פיעל יאהרן, דערווייל הט זי דא געהאט א יונגעל אונ ער איז דר

## משלי אבות

זעגען געשטאנען ביי דעם בארג סיני, אז אזו וועלכער יוד וועט דס וועלען פערלירען זיין טהייל ירושת אבות בעוה"ב געוויס וועט ער זיך בעמיהען אונ ליידן גאר ער זאל ערווערבן מצות ומעשים טובים כדי ער זאל בלייבן ביי זיין נחלת אבות, דס מיינט מען עוה"ב: (ועשו סיג לתורה). דר מענש דארף זיך צו מאכן איין צוים צו דר תורה ער זא"ל זיא ניט עובר זיין ניט מען מיינט דם דער מענש זאל אויף זיך מאכען פיעל חומרות וועלכעס עס איז נים נייטיג אדר ער וויל ווייזען פר מענשן דאס ער איז צו פרום, ניין מען מיינט נאר דם דר מענש דארף זוכען א גדר דם ער זאל ניט קומען צו דר עבירה ווען ער פארשטעהט אז דער גדר וועט איהם אפהאלטען פון די עבירה אזו ווי מיר געפונען א מעשה אין דער גמרא דם שמעון הצדיק וועלכר איז געוועזן אכהן גדול הט גיט געוואלט עסען פון א קרבן אשם נזיר ווייל ער האט פון דיא נזירים ווינציג וואס געהאלטען ער הט אין זיי דערקענט פיעל צביעות נאר אמאל איין זיין לעבן הט זיך געטראפן א געשיכטע מיט א נזיר וועלכעס ער הט גענעסן פון זיין קרבן אשם ווייל ער הט איינגעזעהן דס זיין נזירות איז געוועזן לשם שמים דען אמאל איז געקומען צו איהם א נזיר פון דרום זייט ארץ ישראל זייער א שיינער בחור א העלד בלונט אונ מילך מיט זייער שיינע געקרייזעלטע האר האבן ויהם ארום גערונגעלט זיינע אקסלן הט שמעון הצדיק צו איהם געזאגט מיין קינד פארוואס זאלסט דו דיר אפגאלן אזעלכע שיינע האר, הט דר נזיר געענפערט איך בין א פאסטעך ביי מיינעם פאטר איך פלעג מיך קיין מאל ניט שפוגלען, נאר איין מאל בין איך צו געקומען צו איין קוואל האב איך געזעהן אין דעם שאטן מיינעם ווי שיין איך בין אונ ווי שיין מיינע האר זענען דם איך האב געקריגן אין מיר גרוס גאות אונ דר יצר הרע הט זיך אין מיר אנגעצינדן האב איך אויף מיר אליין אנגעשריגן רשע וום מאכסט דו דיך גרוס מיט דיינם שיינם קערפר וועלכעס עס וועט פון איהם ווערן ערד מיט ווערעם אונ די שיינע האר וועלן אוסקריכן אונ פוילן אין דער ערד. דא שווער איך ביי גאט דאס איך מוז ווערען א נזיר אונ איך מוז מיינע שיינע האר אפשערן לשם שמים הט שמעון הצדיק איהם געקישט

## פירוש ע"ט

פיל תלמידים, אונ מאכט א צוים צו דר תורה מען זאל זי ניט עובר זיין. שמעון הצדיק דר כהן גדול שמעון הצדיק ער איז איבערגעבליבן פון די גרוסע פארזאמלונג ער פלעגט זאגן אויף דריי זאכן שטייט די וועלט מען זאל לערנן די תורה צו האלטן זיא אונ אויף די קרבנות וום מען הט מקריב גיווען אין בית המקדש אונ היינט אויף דעם וום מען זאגט די פרשיות פון קרבנות אונ אויף דעם וום איין מענטש איז גומל חסד מיט דעם אנדערן. אנטיגנוס איש סוכו דר הער פון דר שטאט סוכו ער הט מקבל גיווען פון שמעון הצדיק ער פלעגט זאגן איר זאלט ניט זיין ווי די קנעכט וום בעדינן דעם הער פון דעסטוועגן זיי זאלן נעמן געצאלט נאר איר נימל

הוא היה אומר, אל־תהיו כעבדים, המשמשין את־הרב על־מנת לקבל פרס, אלא הוו כעבדים המשמשין את־הרב שלא על־מנת לקבל פרס, ויהי מורא שמים עליכם: ד יוסי בן־יועזר איש צרדה, ויוסי בן־יוחנן איש ירושלים קבלו מהם. יוסי בן־יועזר איש צרדה אומר, יהי ביתך בית ועד לחכמים, והוי מתאבק בעפר רגליהם, והוי שותה בצמא את־דבריהם: ה יוסי בן־יוחנן איש ירושלים אומר, יהי ביתך פתוח לרוחה, ויהיו עניים בני ביתך,

### צדקת אבות

נואקסן געווארן אזו ווי דר שטייגר איז. אונ נאכדעם איז ער אהיים געקומן ביי נאכט הט ער זיך געשטעלט לעבן דעם שטיבל ווס זיא איז געשלאפען. האט ער געהערט ווי זי רעדט מיט א בחור הט ער געמיינט אז דס איז א פרעמדר בחור הט ער געוואלט אריין געהן הרג׳ענן זי מיט דעם בחור. הט ער זיך דערמאנט אז דער פאטער הט איהם געלאזט א צואה ער זאל אפ לייגן דם בייזערן אויף מארגען הט ער דערוויל גאר ניט געטהון. דערנאך איז ער געוואהר געווארען אז דער בחור איז זיין זוהן. וועלכעס ער האט זיא איבערגעלאזט מעוברת הט ער געזאגט געלויבט איז השם יתברך וואס האט מיר געהאלפען אז איך האב איינגעהאלטען מיין כעס ביז איך בין דאס געוואהר געווארן אונ איין שבח צו מיין פאטר ווס הט מיר דם אן געזאגט. אונ אזו דארף זיך יעדר מענש נוהג זיין. אונ אז ער וועט ווארטן מיט דעם כעס ממילא וועט ער זיך דערמאנען אז עס איז אלץ פון השם יתברך צו זיין גוטן. אונ השם יתברך וועט איהם העלפן אז ער וועט שון ניט האבן אויף ווס צו בייזערן. דס זאגט דר

### תפארת אבות

אויף פיעל תלמידים ווען זיי האלטן ביי איין פאלען ח״ו אונ מיט דעם אופן וועט איהר פערפעסטיגן דעם עמוד התורה, אונ דר לשון (תלמידים הרבה) פיעל תלמידים ווייזט אונז אז מען זאל ניט זאגן אז מיר זענן מחויב שטיצן נאר פרומע אונ גוטע תלמידי חכמים אבר די ווס זענן ניט אזוי דארף מען זיי ניט שטיצן דרום זאגט דר תנא (והעמידו תלמידים הרבה) איהר זעהט צוא מאכן פיעל תלמידים עס מאכט ניט אוס צו זיי לערנן לשמה אדר ניט דען אז זייא וועלען גאר לערנען וועלן זיי סוף כל סוף ווערן פרום אונ גוט אזוי וויא די חכמים זאגן (המאור שבה) דער פונק אונ דיא ליכטיגע שטראהלען פון דר תורה (מחזיר למוטב) דם וועט זיי שוין צו אלעס גוטעס ברענגן, ווידר זאגט די גמרא (לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות) דער מענש דארף עוסק זיין בתורה ובמצות אפילו ניט לשם שמים (שמתוך שלא לשמה בא לשמה) פון אנפאנג לערענט ער ניט פון גאטס וועגען נאר פר איין ווייסענשאפט אדר פון כבוד וועגן נאר דערנאך זעגן מיר זיכער אז ער וועט נאר בעקומען איין דבקות אין דער תורה וועט ער שון לערנען בקדושה פון השי״ת וועגן פון דעסטוועגן (ועשו סיג לתורה) מאכט איין צאם צו דר תורה אונ ניט פר אלעמן זאלט איהר מגלה זיין דיא סודות אונ טעמים פון דר תורה, צום לערנן דארף מען אלעמן שטיצן נאר דיא סודות התורה זאל מען ענטדעקן נאר פאר דיא יחידי סגולה דיא גרויסע תלמידי חכמים יראי אלהים גאטס פורכטיגע בעלי מדות טובות:

### משלי אבות

אויף זיין קאפ אונ הט געזאגט אזעלכע אמת׳ע גזירים ווי דו ביזט מעג זיך מערען צווישען ישראל אונ ער האט געגעסען פון זיין קרבן אשם:

(אל תהיו כו׳ אלא הוו כעבדים כו׳ שלא על מנת לקבל פרס). איהר זאלט ניט זיין ווי די דיענר וועלכע דיענען פר געצאהלט נאר ווי די טרייע דינער וועלכע דינגען גור פון טרייהייט. למשל, איין גרויסר שר איז געפאהרען אין וועג איז איהם אויסגעקומן צו נעכטיגן אין איין קליין שטעטיל אין איין אכסניא, דר ווירט הט צו געגרייט זעהר שיינע חדרים פר דעם שר אונ זיינע

### פירוש ע״ט

זאלט זיין ווי די קנעכט ווס בעדינן דעם העיר ניט פון געצאלט וועגן אונ עס זאל אויף אייך זיין די מורא פון הקב״ה. יוסי בן יועזר דר העיר פון דר שטאט צרדה אונ יוסי בן יוחנן דר העיר פון ירושלים זיי האבן פון זיי מקבל גיווען די תורה. יוסי דר זון פון יועזר זאגט דיין הויז זאל זיין א פערזאמלונגס הויז צו די חכמים אונ זאלסט זיך בעשטויבן מיט דיא שטויב פון זייערע פים דס הייסט זאלסט געהן אין זייער וועג אונ זאלסט הערן זייערע רייד מיט לוסט אזו וויא איינר ווס איז דארשטיג אונ טרינקט מיט לוסט. יוסי בן יוחנן דר העיר פון ירושלים זאגט דיין הויז זאל זיין אפן פון אלע זייטן עס זאל קיינעם ניט זיין ענג אין דיין שטוב אריין צוא געהן. דיינע הויז לייט ווס דו דארפסט זיי דיך צו בעדינן זאלסט דו בעסר האלטן אביונים זיי זאלן

בֶּן־פְּרַחְיָה וְנִתַּאי הָאַרְבֵּלִי קִבְּלוּ מֵהֶם. יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־פְּרַחְיָה אוֹמֵר, עֲשֵׂה לְךָ רַב, וּקְנֵה לְךָ חָבֵר, וֶהֱוֵי דָן אֶת־כָּל־הָאָדָם לְכַף זְכוּת: ז נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי אוֹמֵר, הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע, וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע, וְאַל־תִּתְיָאֵשׁ מִן־הַפֻּרְעָנוּת: ח יְהוּדָה בֶּן־טַבַּאי וְשִׁמְעוֹן בֶּן־שָׁטַח קִבְּלוּ מֵהֶם. יְהוּדָה בֶּן־טַבַּאי אוֹמֵר. אַל־תַּעַשׂ עַצְמְךָ כְּעוֹרְכֵי הַדַּיָּנִין וּכְשֶׁיִּהְיוּ בַּעֲלֵי הַדִּין עוֹמְדִים לְפָנֶיךָ, יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כִּרְשָׁעִים, וּכְשֶׁנִּפְטָרִים מִלְּפָנֶיךָ, יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כְּזַכָּאִין. כְּשֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין: ט שִׁמְעוֹן בֶּן־שָׁטַח אוֹמֵר. הֱוֵי מַרְבֶּה

### צדקת אבות

(וּקְנֵה לְךָ חָבֵר). אונ קויף דיר איין חבר. דער מדרש ברענגט א מעשה. אייגער פון די גרויסע תנאים האט תפלה געטהון צו השי"ת אונ געפאסט תעניתים מען זאל איהם ווייזען מן השמים ווער איז זיין חבר אין גן עדן כדי ער זאל וויסען אין וועלכע מדרגה ער האלט. האט מען איהם מגלה געווען אין חלום אז איין געוויסער קצב וועט זיין זיין חבר בעוה"ב. ער האט זיך אופגעהאפט פון שלאף זעהר דערשראקן פון חלום אונ האט ווידער אנגעפאנגען צו פאסטען תעניתים מיט גרויס תשובה אונ האט מתפלל געווען אז מען זאל מבטל זיין דעם פאריגן חלום וויל ער האט גערעכענט פר זיך פר איין שאנדע צו זיצן נעבן אזא פראסטן חבר. האט מען איהם ווידער געענטפערט אין חלום מען האט דיר שוין איינמאל מודיע געווען אז דער קצב איז דיין חבר אונ עס קען אנדערש ניט זיין. האט ער אויף דעם געוויינט חלום נאך מעהר געוויינט אונ געקלאגט אונ

### מעשה אבות

איין מעשה. האט דער צדיק וקדוש גערופן זיין תלמיד וועלכער האט איהם בעדיענט אונ זאגט צו איהם ברענג מיר א הייסן אנגעברענטן נאגעל. דער תלמיד האט איהם געבראכט אונ ער האט זיך מיט דעם פייערדיגען נאגעל אויסגעברענט דיא אויגען. ווי דער שטן האט דאס געזעהן איז ער דערציטערט געווארען פון שרעק. עס איז געווארען איין גרויסער רעש אויפן הימעל האט השי"ת געשיקט דעם מלאך רפאל ער זאל איהם אויסהיילען די אויגען. ווי דער מלאך איז געקומען פרעגט איהם רבי מתיא בן חרש ווער בין דוא זאגט ער איך בין דער מלאך רפאל השי"ת האט מיך געשיקט היילען דיר די אויגען זאגט ער איך וויל ניט לאז שוין זיין וויא עס איז. ווי דער מלאך איז געקומען מיט דיא תשובה צוריק אויפן הימל האט איהם השי"ת געשיקט צום צווייטען מאל ער זאל איהם זאגן אין זיין נאמען אז דער בורא יתברך איז איהם מבטיח אז דער שטן וועט שוין אויף איהם ניט האבען קיין שום שליטה עד עולם. דער מלאך האט איהם געהיילט אונ זיינע אויגען האבן ווייטער געשיינט אין דער הייליגער תורה. דערפון זעהט מען ווי דער גם איז געווען גרוס פאר דיא הייליגע לייט וואס היטן זיך פון שלעכטע געדאנקן אונ זיי זענען שטארק געהיטען אין דעם פערזאג ואל תרבה שיחה עם האשה:

### משלי אבות

האט איהם אנגעזאגט אז ווען ער וועט דארפען האבען איין נייטיגע זאך אין עיר מלוכה זאל ער זיך גלייך ווענדען צו איהם וועט ער איהם ערפילען זיין וואונש

איצט פערשטעהט מען ווער פון דיא ביידע בעלי אכסניות האט בעסער געמאכט. נאטירליך דער צווייטער. דען אויסער די גרויסע מתנה וועלכע ער האט בעקומען

### פירוש ע"ט

איז מבטל פון לערנען אונ זיין סוף וועט זיין ער וועט ירשענען דאס גהנם. יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי זיי האבען מקבל געווען פון זיי, יהושע בן פרחיה זאגט זייא מקבל אויף דיר א רבי אונ זאלסט דיר קויפן א גוטן חבר אונ שאץ אלע מענשן צום בעסטען. נתאי הארבלי זאגט דו זאלסט דיך דערווייטערן פון צו וואגען מיט א שלעכטען מענשן, זאלסט דיך ניט בעהעפטען צו א רשע ווען ער איז מצליח אונ זאלסט זיך ניט מיאש זיין פון צוא בעטן רחמים ווען עס איז חלילה געקומען א פורענות. יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח האבען פון זיי מקבל געווען, יהודה בן טבאי זאגט דו זאלסט דיך ניט מאכען ווי די וואס גרייטען אן טענות צו די בעלי דינים וואס דארפען זיך לאדען אונ אז די בעלי דברים וואס לאדען זיך שטעהן פר דיר אונ טענה'ן זאלן זיי ביידע ביי דיר זיין ווי רשעים אונ אז זיי געהען אוועק פון דיר זאלן זיי ביי דיר זיין אין דיינע אויגן אזוי ווי זייא זענען ביידע גערעכט אז זיי האבען אויף זיך מקבל געווען דעם משפט. שמעון בן שטח זאגט דוא זאלסט אויספארשען די עדות אונ זאלסט זיך היטן מיט דיינע רייד אז דוא רעדסט וואריום

לְחַיֵּיב אֶת־הָעֵדִים, וֶהֱוֵי זָהִיר בִּדְבָרֶיךָ, שֶׁמָּא מִתּוֹכָם יִלְמְדוּ לְשַׁקֵּר: י שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן קִבְּלוּ מֵהֶם. שְׁמַעְיָה אוֹמֵר, אֱהַב אֶת־הַמְּלָאכָה, וּשְׂנָא אֶת־הָרַבָּנוּת, וְאַל־תִּתְוַדַּע לָרָשׁוּת: יא אַבְטַלְיוֹן אוֹמֵר, חֲכָמִים הִזָּהֲרוּ בְּדִבְרֵיכֶם, שֶׁמָּא תָחוּבוּ חוֹבַת גָּלוּת, וְתִגְלוּ

## תפארת אבות

(ואל תתודע לרשות). דיא וועלט האט איין טעות אין פשט מען מיינט אז דיא כונה איז ואל תתודע לרשות דוא זאלסט זיך ניט לאזן ערקענן צו די רעגירונג פון דעם לאנד ח"ו דאס מאר מען ניט דענקן גראד פארקעהרט מיר זענען מחויב צו צו שעצן די ממשלה וויא אונזערע נביאים תנאים ואמוראים האבן אונז שטרענג פערזאגט אונ מיר געפינען אז דיא גרעסטע צדיקים רין דער וועלט האבן זיך גליקליך געשעצט אז זייא זענן געוועזן קרובים למלכות וויא רבינו הקדוש אונ ר' אבוהו וכדומה. נאר דר אמת'ער פשט איז אז יעדר מענש דארף קענען א מלאכה אונ דר וועט שין אין אלע נוטן זיך קענען צורעכט פינדן, ווארום די חז"ל זאגען אין סנהדרין אז ווען עס זאל ח"ו זיבן יאהר נאך איין אנדר זיין איין הונגער אויף דער וועלט וועט ער צוא דעם בעל מלאכה ניט צו קומן אויף עשירות קאן דר בעל מלאכה ניט רעכנן אבער זיין לעבענס מיטעל קאן ער אלע מאל האבען דארום האבן אונזערע גרעסטע תנאים ואמוראים געלעבט

## צדקת אבות

ווידר געפאסט תעניתים אונ תפלה געטהון. הט מען איהם געזאגט מן השמים א דריטען מאל אז ווען רג וואלסט ניט געוועזן אזו איין גרוסר חסיד אונ א גרוסר צדיק אונ א בעל מעשים טובים וואלט מען דיר דן געוועזן למיתה ח"ו. ווארום וויילסטו ניט ליידען אז יענר קצב זאל זיין דיין חבר בעוה"ב ווייסטו דען וואס דר מענש הט געטהון בעוה"ז. השי"ת וייס דאך אלס עס איז איין גרוסע זכיה פר דיר צו זיצן נעבן איהם אין גן עדן. אויף מארגן איז אריין דער תנא צום קצב אין קראם הט ער איהם צוגענומען מיט גרויס כבוד. פרעגט ער ביים קצב זאג מיר דעם אמת וואס האסטו געטהון גוטס אויף דר וועלט וואס דו ביזט אזוי פיעל חשוב ביים רבש"ע. ענטפערט דר קצב זעהסט דאך מיין שווערע ארבייט. אונ וואס איך פערדיען גיב איך פון דעם העלפט אויף צדקה. אונ מיט דעם איבריגען שפייז איך זיך מיט מיין ווייב אונ קינדער. זאגט דר תנא דאס איז אפילו א גרוסע מצוה גאר וויא איך

פערשטעהע האסט דנא געטהון נאך א גרעסערע זאך וואס ניט אלע קאנן דס טהון האט ער גיט געוואלט זאגן נאר ווייל ער הט איהם שטארק געבעטן האט ער איהם דערציילט. מיט א צייט יארן צוריק בין איך געגאנגען אין גאס האב איך געזעהן א קאנוואי פון רוימישע סאלדאטען פיהרען זייער פיעל געפאנגענע צווישן דיא געפאנגענע איז געוועזן איין יונג יודיש מיידל וועלכע האט שרעקליך געוויינט האב איך געפרעגט ביי איהר ליעב קינד וואס וויינסטו ענטפערט זיא איך בין פון ירושלים אונ געהער צוא איין גרויסע אלטע יודישע פאמיליע פון גרויסן יחוס. איצט בין איך געפאנגען בייא די רומים אונ זיי קענן מיך מטמא זיין אונ גייטן איך זאל אומבריינגען מיין רעליגיאן דארום וויין א ך פיליייכט געפינט זיך דא איין גוטר מענש וועלכר עס זאל מיך ארום נעמן פון די הענד פון דיא אכזרים. ווי איך האב דם געהערט האב איך איהר בערוהיגט אונ בין באלד אוועק צו דעם הויפטמאן פון דיא רומים אונ בין מיט איהם דורכגעקומען פאר איין גרוסע סומע וועלכע עס איז אפילו געוועזן ניט נאך מיין שטאנד אונ ער האט זי מיר איבערגעגעבן אונ האב אזוי מקיים געוועזן די מצוה פון פדיון שבוים. איך האב זי צוגענומן צו מיר אונ געהאלטן ביי זיך וויא מיינע אייגענע קינדר איך האב זי ערצויגן אין יודישן וועג. זיא איז דאמאלס אלט געוועזן צוועלף יאהר. אז זי איז געווארן עלטר האב איך איהר פארקנסט מיט מיין זוהן. איך האב איהר געמאכט א שיינע גארדעראבע געקויפט פיינע תכשיטים אונ זיך צוגעגרייט צוא דר חתונה. פר דר חתונה האב איך געמאכט א גרוסע סעודה פאר ארימע לייט אונ האב געגעבן אלע שטאט לייט זיי זאלן קומן צו דר סעודה. איך האב אלעם געמאכט פון דאס שענסטע

## משלי אבות

פון שר איז ער נאך געווארן א חשוב אויך, דר נמשל איז השי"ת בעצאהלט יעדען מענשן נאך זיינע מעשים, דר וואס דיענט השי"ת צוליעב ער זאל האבן עוה"ב איז דאך דאס אליין שוין גענוג. נאר דער תנא גיט איין עצה טובה אז יעדער מענש זאל דיענען השי"ת גיט נאר צוליעב דעם שכר פון עוה"ב נאר צוליעב אהבת השי"ת אליין אונ ער דארף זיך פרייען אז ער האט איין זכיה אז השי"ת איז צו פרידען מיט זיין

## פירוש ע"ט

מאמר פון דיינע רייד וועלן זיי זיך לערנן ליגענד זאגן. שמעיה ואבטליון האבן מקבל געוועזן פון זיי. שמעיה זאגט האב ליעב די מלאכה זאלסט ארבייטן אויף פרנסה אונ האב פיינט דם רבנות. אבטליון זאגט איהר חכמים איהר זאלט געווארענט זיין אין אייערע רייד ווארום טאמער וועט איהר פארטריבן ווערן אויף אזו איין ארט וואס מען וועט ניט קאנן פארשטעהן אין גאנצן אייערע רייד דם הייסט שלעכטע דעות וואס זיי וועלן לערנן אין אייערע רייד אונ די תלמידים

לִמְקוֹם מַיִם הָרָעִים, וְיִשְׁתּוּ הַתַּלְמִידִים הַבָּאִים אַחֲרֵיכֶם וְיָמוּתוּ,
וְנִמְצָא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְחַלֵּל: יב הִלֵּל וְשַׁמַּאי קִבְּלוּ מֵהֶם. הִלֵּל אוֹמֵר,
הֱוֵה מִתַּלְמִידָיו שֶׁל־אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם. אוֹהֵב אֶת־
הַבְּרִיּוֹת, וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה: יג הוּא הָיָה אוֹמֵר, נְגִיד שְׁמָא אֲבַד שְׁמֵהּ,
וּדְלָא מוֹסִיף יָסֵף וּדְלָא יָלִיף קְטָלָא חַיָּב, וּדְאִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתָגָא חָלָף:
יד הוּא הָיָה אוֹמֵר, אִם אֵין אֲנִי לִי מִי לִי, וּכְשֶׁאֲנִי לְעַצְמִי מָה אֲנִי,

### צדקת אבות

אונ בעסטע אונ אויפ'ן רייכסטן ארט. בעת הסעודה בין איך ארום געגאנגען ארום די געסט זעהן זיי זאלן עסען אונ טרינקען אונ פארגניגן האבן. ערסט איך זעה אז דר עולם זיצט נאר שטיל אונ זענען זעהר אומעטיג. פרעג איך זיי וואס איז די אורזאכע. פיליכט געפעלט אייך ניט דס עסען. די משקאות וועל איך לאזן געבן אנדערע. האבן זיי מיר אנגעוויזן אויף איין יונגן מאן וועלכער זיצט דיא גאנצע צייט אונ וויינט אונ דאס פארשטערט זיי די גאנצע שמחה. איך האב גענומען דעם יונגען מענשען אין זייטען צימער אונ האב איהם געפרעגט וואס איז די אורזאכע וואס ער וויינט. האט ער מיר דערצעהלט אז דיא כלה איז זיינע א פארקנס'טע מיט א שטר קדושין כדת משה וישראל אונ ער אליין איז אויך פון איינע פון די גרעסטע יודישע פאמיליען אונ פון גרוסן יחוס. נאכדעם אז דיא רוזמים האבען איהר געפאנגען איז ער געפאהרן ממדינה למדינה. ביז ער האט איהר ענדליך דא געפונען גראדע פאר דר חופה. אונ ווי זאל איך ניט וויינען זאגט ער צו מיר. אז ערשטענס זעה איך וויא מיין טייערסטע זאך אין מיין לעבן געהט איבר צו איין אנדערן, אונ דאן איז דאך מיין כלה פערקנסט פון מיר כדין וכדת איז זיא דאך איין אשת איש. איך האב בייא איהם געבעטען ער זאל מיר ווייזן דעם שטר קדושין האט ער מיר געוויזן. דאן האב איך איהם געפרעגט צו קען ער מיר זאגען איין בעזונדערן סימן וועלכן זיא האט אויף זיך. האט ער מיר געזאגט. אז עס האט זיך בעוויזען אז עס איז אלעס ריכטיג האב איך איהם בערוהיגט אונ פערשפראכען אז ער וועט מיט זיין כלה חתונה האבען. איך האב ארויסגערופען מיין זוהן פון טיש אונ האב איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה אונ זאג צו איהם מיין טייערר זוהן דוא זאלסט טהון מיין רצון אונ זיך אפזאגן

### תפארת אבות

נאר פון אומנות זיי האבן ליעב געהאט צוא עסן א שטיקעל ברוט מיניע פעים וויא רבי יהושע איז געוועזען א קוילען ברענר רבי יצחק איז געוועזען איין שמיד רב פפא איז געוועזען איין ביער ברויער וכדומה אונ דורך דעם האבן זיי געהאט זייער הכנה בכבוד אונ געדיענט השי"ת בקדושה ובטהרה. אויך זאגען די חז"ל כל מי שאינו מלמד את בני אומנות ווער עס לערענט ניט זיין זוהן א מלאכה כאלו מלמדו לסטיות איז גלייך ווי ער וואלט איהם געלערנט זיין א גזלן.

### משלי אבות

עבודה אונ ניט צו פאדערן שכר. וועט השי"ת אליין אויף איהם משפיע זיין פון הימעל אלעס גוטס אונ וועט זיין זעהר חשוב ביי' הקב"ה, דס זאגט דר תנא (אל תהיו כעבדים כו') איהר זאלט ניט זיין וויא דיא דיענער וואס דיענען השי"ת צוליעב שכר. (אלא הוו כעבדים כו' שלא על מנת לקבל פרס). נאר איהר זאלט זיין ווי דינער וואס דינען השי"ת ניט צוליעב שכר נאר צוליעב כבוד השי"ת:

### פירוש ע"ט

וואס וועלן נאך קומען וועלן טרינקען די וואסער זיי וועלן אוסלייגן אויף שלעכטע דעות אונ וועלן בלייבן ביי דר שלעכטער דעה וועט זיין א חלול השם. הלל ושמאי קבלו מהם הלל אונ שמאי האבן מקבל גיוועזען פון זיי הלל זאגט דו זאלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן הכהן ער האט ליב עס זאל זיין שלום צווישן ישראל אונ יאגט נאך שלום צו מאכן שלום אזו ווי אהרן הכהן ער האט ליב אלע מענשן האטשע שלעכטע אונ ער האט זיי גימאכט גענעהנן צו דר תורה. הוא היה אומר הלל פלעגט זאגן ווער עס מאכט זיך גרוס מיט א שם וואס הערט זיך ווייט ווערט זיין נאמען פארלארן ער וועט ניט לאנג געווערן אויף דר וועלט, ווער עס מעהרט ניט צו הער'ן וואס ער האט געלערנט ווערט זיין לערנן פארגעסן, דר וואס לערענט גאר ניט איז ער זיך אליין שולדיג, ווער עס ניצט מיט דר קרון פון דר תורה וועט ער פארביטן ווערן פון עולם הבא. הוא הלל פלעגט זאגן ווען איך וועל מיר אליין ניט העלפן איך זאל קונה זיין תורה ומעשים טובים ווער וועט מיר העלפן, ווען איך העלף מיר יוא וואס בין איך גלייך, אונ אז איך וועל ניט זעהען היינט אויף דר וועלט מיר צו העלפן צוא לערנן, אונ טהון מצות ווען וועל איך

וְאִם לֹא עַכְשָׁו אֵימָתָי: טו שַׁמַּאי אוֹמֵר. עֲשֵׂה תוֹרָתְךָ קֶבַע. אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה. וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת־כָּל־הָאָדָם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת: טז רַבָּן גַּמְלִיאֵל אוֹמֵר. עֲשֵׂה לְךָ רַב וְהִסְתַּלֵּק מִן הַסָּפֵק. וְאַל תַּרְבֶּה לְעַשֵּׂר אֻמָּדוֹת: יז שִׁמְעוֹן בְּנוֹ אוֹמֵר. כָּל־יָמַי גָּדַלְתִּי בֵּין הַחֲכָמִים, וְלֹא מָצָאתִי לְגוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה, וְלֹא הַמִּדְרָשׁ עִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה וְכָל־הַמַּרְבֶּה דְבָרִים מֵבִיא חֵטְא: יח רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן־גַּמְלִיאֵל אוֹמֵר, עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם קַיָּם, עַל־הָאֱמֶת, וְעַל־הַדִּין, וְעַל־הַשָּׁלוֹם. שֶׁנֶּאֱמַר. אֱמֶת. וּמִשְׁפַּט שָׁלוֹם שִׁפְטוּ בְּשַׁעֲרֵיכֶם:

### תפארת אבות

אונ דאס זאגט דער תנא אֱהַב אֶת הַמְּלָאכָה האב ליעב דיא ארבייט וּשְׂנָא אֶת הָרַבָּנוּת אונ האב פיינט דיא גרויסקייט וְאַל תִּתְוַדַּע לָרָשׁוּת דאן וועסט דו ניט לאזען ערקענען צו דעם ארמוט דאס הייסט דו וועסט ניט זיין קיין אריימאן (רָשׁוּת שטאמט פון דעם ווארט ריש ארמוט). דאס איז איין מוסר השכל אז עלטערען זאלען לערנען זייערע קינדער איין אומנות וועלען זיי קענען זיין מיט לייטען גלייך אונ דינען נאט מיט פרייעם הערצען.

(עַל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הָעוֹלָם קַיָּם וכו׳ עַל הָאֱמֶת). צוליעב דריי זאכען עקם סטירט דיא וועלט. דיא גמרא ברענגט א מעשה רבא האט איין מאל געזאגט אז עס איז ניט דא קיין אמת אויף דער וועלט. האט איהם געענטפערט איין תלמיד חכם רב טביומי אז מען קאן דס ניט זאג בעשטימט דען איך וועץ מען זאל מיר געבען אלע אוצרות פון דר וועלט וועל איך קיין שקר ניט זאגען. איין מאל האט זיך געטראפען אז ער זייז געקומען אין איין שטאט "קושטא" דר

### צדקת אבות

פון דעם שידוך מיט דער געפאנגענע. מיין זוהן האט באלד ממלא געוועזן מיין רצון. אונ איך האב גלייך געגומען אלע בגדים אונ תכשיטין וועלכע איך האב אנגעגרייט פאר מיין זוהן אונ דיא כלה. אונ אוועק געגעבן דעם יונגן מענשן אונ גלייך געשטעלט איין חופה אונ געפייערט די האכצייט אויף דעם שענסטען ארט. נאך דר חתונה האב איך געהאלטען די יונגע לייט א לאנגע צייט אויף קעסט ביז זיי האבן פערגעסן אן זייערע צרות אונ זענן אוועק צו זייערע עלטערן. איך האב זיי זעהר פיין אויסגעריכט מיט פיעל קליידער אונ מתנות אונ איצט הער איך פון זיי נאר גוטס פון נייטען אונ מיין נחת פון זייא דאס איז מיין שכר פר אלעם וואס איך האב מיט זייא געטהון. ווייא דער תנא הט דס אויסגעהערט זאגט ער צום קצב געלויבט זאלסטו זיין צו גאט וואס דו האסט מיך בערוהיגט אונ ערפרייט מיין הארץ. גליקליך בין איך אז דו נאש זעקה וועסט זיין מיין חבר אין גן עדן. פון דאמאלס אן הט דר תנא מיט איהם קובע געוועזן איין צייט צו לערנן תורה מיט גרוס יראת שמים. נאך דאס איז דיא כונה (וּקְנֵה לְךָ חָבֵר). זעה צוא פערשאפן דיר איין גוטן חבר איין גרויסען בעל מעשים טובים. דו זאלסט זיך אב לערנען פון איהם גוטע מעלות ומדות אין עבודת השי״ת. וועסט זוכה זיין צוא זיצען אין גן עדן תחת כנפי השכינה בסוד קדושי עליון. וואו עס זיצן אלע הייליגע אונ כשרה נשמות:

### פירוש ע״ט

מיר קאנען העלפען. שמאי אומר שמאי זאגט מאך דיין תורה וואס דו לערנסט אויף תמיד. זאג בעסער ווינציגער אונ טהון זאלסט דוא מעהר הן תורה ומצות אדר צדקה געבען אונ זאלסט אנטפאנגען איטליכן מענשן מיט גוטע געדאנקן אונ מיט א שיין פנים. רבן גמליאל רבן גמליאל זאגט מאך צו דיר איין רבי אז דו ווילסט פסקענען זאלסט דו איין עצה האלטען אונ דורך דעם וועסט דו אפגעטהון ווערן פון א ספק דען דו וועסט אויסקלערן דעם אמת אונ זאלסט ניט מעהרן מעשר׳ען שאצענדיג נאר זאלסט איבר מעסטען אונ געבן מעשר. שמעון בנו זיין זון שמעון זאגט אלע מיינע יאהרן בין איך געוואקסן געוואָרן צווישן די חכמים אונ האב ניט געפונען אבעסערע זאך צום גוף נאר שווייגן אז ער רעט ניט איבעריג זאגט ער ניט קיין רכילות אונ לשון הרע וְהָרְאָיָה אפילו אין דברי תורה אז ער נ״ה ניט אזו ווי ער דרש׳נט איז בעסער אז ער וואלט געשוויגן אונ ווער עס רעט פיעל ברענגט ער אויף זיך עבירות. רבן שמעון דער זוהן פון רבן גמליאל זאגט אויף דרייא זאכן הט די וועלט א קיום, אויף אמת מען זאל איינר דעם אנדערן ניט לייקענען אונ מען זאל טהון א משפט ווען איינער טהוט ניט רעכט אונ עס זאל זיין שלום איינער מיט דעם אנדערן עס זאל ניט זיין קיין מחלוקת:

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן־עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר , רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת־יִשְׂרָאֵל , לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת , שֶׁנֶּאֱמַר . יְיָ חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר : עלינו , קדיש יתום .

## משלי אבות

(רבי חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל וכו'). השי"ת הט געוואלט מזכה זיין די ישראל דארום הט ער זיי פארמעהרט די תורה ומצות, פרעגען די מפרשים דוכט זיך גראדע פערקעהרט אז גאט וואלט אונז געגעבן ווייניגער מצות וואלט געוועזן גרינגער צו היטן, זאגט דר אה"ק יעקב א משל, אביינגער יונגער מאן וועלכער עס הט זיך ביי איהם געענדיגט די קעסט הט ער צוזאמענגענומן זיין קאפיטאל אונ איז אוועק געפאהרן האנדלן סחורה אין איין גרויסע פאבריק שטאט, הט ער זיך צוזאמען געטראפן מיט זיין פעטער ער האט דעם פעטער דערציילט דעם צוועק פון זיין נסיעה, זיי האבען ביידע פערבראכט א צייט אונ דער נאך איז דר יונגר מאן אוועק צו זיך אויף זיין סטאנציע, דר טרייער פעטער איז געגאנגען צו זיינע בעקאנטע פאבריקאנטען אונ הט פר איהם צוזאמען געקויפט ביי פערשיעדענע פאבריקאנטען פערשיעדענע סארטען סחורה צו די ביליגסטע פרייזען, די פאבריקאנטען האבען אן געפאנגען צוזאמען צו שיקען די סחורה וועלכע דר פעטער הט פר איהם אפגעקליבן פון איין פאבריקאנט איז מען ארויס אונ פון דעם אנדערן איז מען געקומען מיט סחורה ביז מען הט איהם ארום גענומען פון אלע זייטן אונ ער איז מיט זיי בעשעפטיגט געוועזן איינגע טעג, דר יונגר מאן הט פר אלעם בעצאהלט מזומן ביז ער איז געבליבן אהן געלד נאר נוס ער הט זיך געלאזן אום צו קענען רייזן צוריק, בעת ער הט אבשיער גענומען פון פעטער זאגט ער צוא איהם ליעבער פעטער מיט אייער פריינדשאפט האט איהר מיר פערמאטערט יעדער פאבריקאנט האט מיר געשיקט סחורה אין אייער נאמן מיט בעשטימטע פרייזען איך האב אלעם געמוזט צוא נעמן אונ בעצאהלן אונ יעצט בין איך געבליבען אהן איין פרוטה, איך בין דעם ערשטן מאל דא האב איך געוואלט עטוואס פערדינען האבן יעצט מוז איך שוין פאהרען צוא הויזע דען איך בין שוין קורץ אין געלד, ענטפערט איהם דער פעטער ווי גליקליך ביסטו יעצט איך האב דיר געשיקט די שענסטע אונ בעסטע סחורה וואס עס איז גיטא צו זיין קיין דמיון אונ זעהר ביליג ווי עס קאן נאר געבן דו וועסט קומן אי"ה צוא הויזע וועסטו אן זיי זעהר גוט פערדינען אונ דו וועסט מיר אימער דאנקען וואס איך האב דיר די צייט אונ די געלד צו גענומען דען דא איז מעשים בכל יום אז עס קומען יונגע לייט מיט גרויסע קאפיטאלן עס לאזן זיך צו זייא צוא חברה אונ מען פארברייגגט נור אין פערגניגן ביז מען צאפט זיי אום די עטליכע גילדן אונ פערדייזן מיט נאר ניכטס האב איך דיר פערהיטט אז מיט דיר זאל עס ח"ו ניט פאסירן, יעצט פאהר געזונגד מיין קינד (ה' ישמר צאתך ובואך). דר יונגר מאן הט איהם געדאנקט פון טיעפן הערצען אונ איז אבגערייזט גאך הויזע לשלום. דער נמשל איז השי"ת האט אראב געשיקט דעם מענשן אויף דר וועלט ער זאל דא איין האנדלען תורה ומצות נאר וויא דר מענש קומט אהער זעהט ער פר זיך א וועלט מיט אלערליי תאוות עולם הזה אונ אז ער זאל זיך ח"ו צו לאזן צוא זיי איז ער אונגליקליך. (כי יצר לב האדם רע מנעוריו). דר מענש האט דאך א יצר הרע צו אלע נארישע פארגניגן אונ תאוות אונ ער שעמט זיך קומן לעולם הבא מיט שענדליכע מעשים ווי די חכמים ז"ל זאגן (עבירה גוררת עבירה) איין עבירה שלעפט נאך זיך

## תפארת אבות

טייטש פון „קושטא" איז אמת, אונ דערפאר הייסט זיא „קושטא" ווייל ליגנער זענע דארט ניטא. אונ צוליעב דעם טרעפט גיט אין דער שטאט אז איין מענש זאל שטארבען פר דער צייט. ער הט פון דער שטאט גענומען איין ווייב אונ האט מיט איהר געהאט צוויי קינדער. איין מאל איז זיא געזעסען אין צימר אונ האט צורעכט געמאכט די האר קומט איין שכנה אונ האט אנגעקלאפט אן טהיר, עס איז דאך אבער גיט שיין אריינצולאזן איין פרעמדן זעהן די פרויע נעהט מיטן בלויסן קאפף. האט ער זיך איסגערעדט אז זיין ווייב איז ניט דא אין דר היים אונ פאר דעם קליינעם שקר זענען געשטארבען זיינע ביידע קינדער. וויא מען האט זיך דערוואוסט אין שטאט פון זייער שטארבען האבען זיך איינגעקליבן די שטאט לייט צו איהם. דען דס איז ביי זיי גאר געווען איין נייעס אז קינדר זאלן שטארבן. הט ער זיי דערצעהלט דיא גאנצע מעשה אז צוליעב דעם קליינעם ליגן וועלכן ער הט געזאגט איז דר אומגליק געשעהן. זאגן זיי צו איהם מיר בעטן דיר אז דו זאלסט זיך ארויסקליבן פון שטאט, כדי דוא זאלסט אייך אונז ניט ברענגען דעם טויט פאר דער צייט. דער פון זעהט מען אז רבא איז גערעכט געווען אז עס איז זעהר שווער צו היטן זאגן דעם אמת אונ דארום הט ער געזאגט אז עס איז ניטא קיין אמת אויף דר וועלט. אונ דס זאגט די משנה על שלשה דברים העולם קים כו' על האמת. אז אויף וואהרע אמת שטייט די וועלט:

פירוש ע"ט

רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא זאגט גאט הט גישטעלט אין דר תורה אזעלכע מצות דהיינו ער זאל ניט עסן שקצים ורמשים האטשע עס וואלט ניט שטעהן אין דר תורה וואלט מען אויך ניט גיגעסן הט ער געשטעלט ער זאל זיי געבן שכר דרוף ווי אין פסוק שטייט גאט הט געוואלט מזכה זיין די ישראל פון וועגן זייגע צדקות דרום טהוט גאט גרעסר מאכן די תורה כדי יוהן זאלן לערנען וועלן זיי געמן גוטען שכר בעולם הזה ובעולם הבא אמן:

כל ישראל וכו'.

א רַבִּי אוֹמֵר, אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם, כָּל־שֶׁהִיא תִפְאֶרֶת לְעֹשֶׂהָ וְתִפְאֶרֶת לוֹ מִן הָאָדָם. וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה, שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל־מִצְוֹת. וֶהֱוֵי מְחַשֵּׁב הֶפְסֵד מִצְוָה כְּנֶגֶד שְׂכָרָהּ, וּשְׂכַר עֲבֵרָה כְּנֶגֶד הֶפְסֵדָהּ. הִסְתַּכֵּל

## תפארת אבות

(אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה וכו'), וועלכער וועג איז דער גלייכער וואס דר מענש זאל זיך אויסקלייבען. עס איז ידוע אז עס איז דא צוויי סארטען מצות. א) בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם. אזוי איין סארט מצוה וואס זיא בעלאנגט נאר צו השי"ת אליין אונ צו מענשען ניט, ווי פאסטען יום כפור. סוכה. לולב. ציצת. תפלין. מזוזה וכדומה. דאס איז איין שווערע סארט מצוה ווייל מען דארף זיא טהון בכונה נאר לשם שמים אהן איין שום פניה. ב) בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אזוי איין סארט מצוה וואס בעשטייט נאר אין טהון גוטס צום צווייטען, געבען צדקה צו ארמע לייט, גמילות חסדים צו רייכע אונ צו ארעמע. הכנסת אורחים וכדומה. דער ארט

## ברית אבות

(וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל מִצְוֹת). עס איז קשה דר תנא איז דאך סותר זיינע רייד ער זאגט דאס מען ווייסט ניט דעם שכר פון יעדע מצוה ווי אזו זאגט ער דאס מען זאל גענוארענט זיין אפילו אין איין גרינגע מצוה, וועלכעס הייסט דם איין גרינגע מצוה מען ווייסט דאך ניט אוף וועלכע מצוה מען נעמט מיין שכר זענען דאך אלע מצות אלם איינס נאר דער פשט איז אזו (וֶהֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה) דו זאלסט שטענדיג זיין א זריז צו א מצוה הן קלה סייא דיא מצוה וועט דיר לייכט אן קומען צו טהון זאלסט דו אוך ניט אבליינגען אויף שפעטער ווייל וועון מען וויל קאן מען זיא טהון. (כְּבַחֲמוּרָה) אזו וויא דו בענוצט זריזות צו די מצוה וואס קומט דיר אן שווער ווארום (שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ) דוא ווייסט ניט (מַתַּן שְׂכָרָן שֶׁל מִצְוֹת) וואס פאר א מתנה מען וועט דיר שענקען פאר דיא מצוה דען באמת קומט פאר די מצוה קיין שכר ניט דען די מצוה אליין איז א נוטע זאך נאר דער שכר איז א מתנה פון אייבערשטען קענסטו דאך ניט וויסען טאמר וועט דיא מתנה נאך גרעסער זיין ווייל דו האסט געטהון די מצוה בזריזות:

## זכות אבות

(רַבִּי אוֹמֵר אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם כָּל שֶׁהִיא תִּפְאֶרֶת לְעֹשֶׂהָ וְתִפְאֶרֶת לוֹ מִן הָאָדָם). דר רשב"ץ זאגט דאס לעושה מיינט מען הקדוש ברוך הוא דאס הייסט האטשי עס איז דאך זעהר גוט צו טהון איין מצוה וועלכעס נאר דער רבונו של עולם זאל וויסן. פון דעסטוועגן איז דא פיעל מצות וועלכע עס איז אמאל גלייך צו טהון דאס מענשען זאלן זיך פון איהם אבלערנען צוא טהון א מצוה. על פי משל אין א שטאדט איז געוועזן צוויי עשירים וועלכע זיי האבען ביידע געגעבען פיעל צדקה מתן בסתר שטילערהייט קיינר האט ניט געוואוסט נאר איין עושר הט געהאט

די אנדערע. דארום איז געוועזן איין עצה פון השי"ת צו פערשאפען איהם זעהר פיעל סחורה דאס איז פיעל תורה ומצות אז ער זאל נאר ניט האבען קיין לייריגע צייט. (ומצוה גוררת מצוה), איין מצוה בריינגט צו די אנדערע דען קוים האט ער מקיים געוועזן איין מצוה שטעהט איהם פאר נאך איין מצוה מקיים צו זיין. דם

## מעשה אבות

(אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ יְשָׁרָה וכו'). וועלכער וועג איז דער גלייכסטער וואס דער מענש זאל זיך אויס קלייבען. דער מדרש ברענגט א מעשה. רבי שמעון בן שטח האט איין מאל געקויפט איין אייזעל ביי איין ישמעאל. האבען דיא

## משלי אבות

זאגט דר תנא רצה הקב"ה כו' השי"ת האט געוואלט גליקליך מאכען דיא ישראל (לפיכך הרבה להם תורה ומצות). דארום הט ער זיי געגעבען פיעל תורה ומצות אז זיי זאלן קיין צייט ניט האבען צו זוכען תאוות עולם הזה נאר (להגדיל תורה ולהאדירה). אונ דר זכות פון דר תורה וועט אוף אונז מגין זיין לעולם ועד:

## פירוש ע"ט

רַבִּי אוֹמֵר רבינו הקדוש ער האט געהייסן רבי יהודה הנשיא זאגט, וועלכער איז דער רעכטפארטיגר וועג וום א מענש זאל זיך אויסקלויבען, די זאך וום א מענש טהוט קאן ער זיך מיט דעם בעשיינען אונ פון אנדערע מענשען איז איהם אויך א שיינקייט אונ זאלסט זיין געווארענט א גרינגע מצוה צו טהון ווי א הארבע מצוה ווארום דו ווייסט ניט דם בעצאהלונג פון די מצות אפשר וום דיר דאכט זיך עס איז א קליינע מצוה וועסט דוא דערפאר מעהר שכר נעמען אונ דו זאלסט בעטראכטען אונ רעכענען דעם שאדען וום דו האסט דורך דעם וום דו טהוסט א מצוה זאלסט אנטקעגען שטעלען דעם שכר פון דר מצוה וואס איז זייער פיעל אונ דעם שכר אונ די הנאה וום דו האסט פון דר עבירה וום דו טהוסט זאלסט דו דיר אנטקעגען שטעלען דעם גרוסן שאדן וום דו וועסט האבן דורך דר עבירה, זאלסט תמיד טראכטן אוף די

בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עברה, דע מה למעלה ממך, עין רואה ואזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים: ב רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא אומר, יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ,

### דרך אבות

(יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ). דר קדושת לוי פיטשט דעם מאמר עס איז גוט אז מען לערענט בשעת דעם האנדל היינו בשעת דעם משא ומתן הט מען אין זינען די תורה, מען זאל האנדלען עהרליך אזוי ווי דיא תורה הייסט מען זאל געבען איין עהרליכע מאס איין עהרליכע וואג מען זאל נישט נארען יענעם מען זאל ניט זאגען קיין ליגענט. דס איז אלץ די דינים פון דער תורה ממילא אז מען וועט דס אלץ אין זינען האבען בשעת דעם האנדעל מקיים צו זיין הייסט דאך אז ער לערענט תורה בשעת משא ומתן, דעסטגלייבן דער וואס האנדעלט מיט נשים דארף זיך היטן ניט צו רעדן מיט זיי נאר דס וואס ער דארף צום משא ומתן, אייך זאל ער נישט קוקן אויף זייא לשם תועבה ח״ו, כדי ער זאל ניט האבען קיין שלעכטע געדאנקען, דיא גמרא שרייבט א מעשה (קידושין דף מ׳) רב כהנא האט

### תפארת אבות

מצות איז לייכטער, נאייל דערצו דארף מען ניט קיין בעזונדערע כונה אונ אז ער האט א כונה פון כבוד ווייזן איז אויך גוט דען דעם ארעמאן איז אלס גלייך נאר ער זאל בעקומען די נדבה, דער רמב״ם שרייבט אז יעדער איש ישראל האט פר זיך איין צעטיל פון תרי״ג מצות אונ יעדער מענטש מוז זיך פאר נעמען איין מצוה וואס אין דעם זאלען ליגען זיינע גאנצע געדאנקען אונ דס וועט איהם ברענגען לחיי עולם הבא. אונ דאס זאגט דר תנא, וואס פאר איין מצוה זאל ער מאכן פון איר דעם עיקר, כל שהיא תפארת לעושה. וועלכע זי איז שיין פאר דעם באשעפער. ותפארת

### מעשה אבות

תלמידים דערזעהן בייא איהם אויפ׳ן האלז איין פייערען רימענט, זענען זיי אריינגעלאפען צו רבי שמעון מיט גרויס שמחה אונ זאגען צו איהם. רבי, ברכת ה׳ היא תעשיר, דיא ברכה פון השי״ת מאכט איין מענשען רייך. איצט זייט איהר גליקליך פון דער כשרה מציאה. מיר האבען געפונען ביים אייזל אויפ׳ן האלז איין טייערען רימענט. זאגט ער צו די תלמידים פרייט זיך ניט דאס איז ניט מיינע דען איך האב געקויפט נאר דאס אייזעל אונ

### זכות אבות

א נאטור אז די שבעה טובי העיר זענען געקומען צו איהם וועגן א דבר צדקה פר די שטאדט פלעגט ער זיי אן שרייען אונ ארויסוואפן נאר שטילערהייט ביי נאכט פלעגט ער זייא אונטערוואפען א ביוטיל מיט געלד דער צווייטער עושר פלעגט האבן א נאטור פר קעהרט ער פלעגט די שבעה טובי העיר זעהר שטארק מכבד זיין. אונ ער פלעגט זיין דר ערשטער לכל דבר שבצדקה דאס די גאנצע שטאדט הט זיך מיט איהם געבענטשט דאס זאגט רבי אויבוואהל זיי זענען דאך ביידע נאמט פארכטיגע אונ גרויסע בעלי צדקות פון דעסטוועגן איז דעם צווייטן עושרס דרך בעסער ווי דעם ערשטן עושרס דרך. צדקה מתן בסתר איז זעהר גלייך ווען אז מען גיבט דעם ארומאן אליין די צדקה מוז איך זוכן איין אופן דאס ער זאל ניט מבויש ווערן איהם צוא געבען בסתר. אבער ווען מענשען אנשים מכובדים געהן אונ זענען זיך מבטל צוזאמן צוא מאכען פאר ארימע לייט א צדקה דארף מען זיי מחזק זיין ניט זאגן איך וויל ניט מען זאל וויסען בכדי דאס אנדערע זאלען זיך אויף זייא פארקוקן אונ אויך געבען צדקה צוא דיא טייערע זאך:

(וכל מעשיך בספר נכתבים). דער מדרש שמואל זאגט דעם פשט דאס דער תנא הייסט אז אלע מעשים וואס דר מענש טהוט זאל ער ביי זיך אין זיין טאג בוך פארצייכנן וועט דס זיין איין עצה צו תשובה דען דר מענש איז עלול צו שכחה אונ ער געפינט גארניט אין זיך קיין שלעכטע מעשים ער פארגעסט וואס ער האט אפגעטהון אבר אז ער וועט זיך פאר צייכענן וועט ער אליין דורכזעהן זיינע מעשים אונ אוב זיי זענען שלעכט וועט ער תשובה טהון אונ מתקן זיין:

### צדקת אבות

(עין רואה ואזן שומעת וכו׳) עס איז דא איין אונ וועלכע זעהט אונ איין אויער וואס הערט אלעס. די גמרא פרענגט אין מסכת ברכות ווען רבי יוחנן בן זכאי איז געווען קראנק האבען די תלמידים פערשטאנען אז

ער וועט באלד שטארבן האבן זיי געבעטן פון איהם איין ברכה. זאגט ער צו זייא יהי רצון עס זאל זיין גאטס ווילן אז איהר זאלט מורא האבן פר איהם ווי איהר הט מורא פר איין בשר ודם. זאגן זיי צו איהם

### פירוש ע״ט

דריי זאכן וועסט דו ניט קומן צו עבירות. וואס זענען די דריי זאכן. דו זאלסט וויסן תמיד וואס איבר דיר טהוט זיך אובן. איין אויג קוקט אויף דיר וואס דו טהוסט אונ איין אויער הערט וואס דו רעדסט אונ אלע דיינע מעשים וואס דו טהוסט ווערט פארשריבן אין א בוך. רבן גמליאל דר זון פון רבי יהודה הנשיא זאגט עס איז גוט צו לערנען תורה מיט דעם פיהרונג פון דר וועלט



פס

# שיגיעת שניהם משכחת עון. וכל־תורה שאין עמה מלאכה, סופה בטלה וגוררת עון. וכל־העוסקים עם־הצבור. יהיו עוסקים עמהם לשם שמים. שזכות אבותם מסיעתם, וצדקתם עומדת

## תפארת אבות

לי מן האדם אונ וואס מענשען ואלען איך וויין צו פרידען. היינו איינע פון די מצות וואס בין אדם להברו ווי״א צדקה אונ גמ״ח ווייל מיט דעם איז ער דאך ממילא מקים בין אדם למקום אויך. והוי זהיר במצוה קלה ריגא ואלסט היטען די גרינגע מצוה פון צדקה אונ גמ״ח וואס מיט איינע מטבעות קאן מען מחיה זיין איין נפש בבחמורה. ווי די שווערע מצוה תפלין אונ פאסטען יום כפור וכדומה וואס זיי זענען שווער מקיים צו זיין ווייל זיי מוז מען טהון בכונה אהן איין שום פניה שאין אתה יודע מתן שכרן של מצות. דען די קאנסט גאר ניט משער זיין ווי ווייט עס איז גרויס דער שכר פון צדקה אונ גמ״ח בעולם הבא:

## דרך אבות

געהאנדעלט מיט אזעלכע כלים וואס די נשים קויפן זיי צוהאלטען אין זיי זייערע זאכן. רב כהנא איז געווען א גרויסר צדיק נאר ווייל ער איז געווען געמיין. אונ האט ניט געוואלט געמן קיין צדקה האט ער געהאנדעלט מיט אזעלכע כלים אונ האט זיך מפרנס געווען. איינמאל איז רב כהנא אריינגעקומן צו איין פרוצה פאר קויפן די כלים האט זי איהם אנגערערט צו זינדיגן האט ער מורא געהאט דר יצר הרע זאל איהם ניט אנרעדן ער זאל זי פאלגן. איז ער ארויפגעגאנגען אויף דעם דאך אונ איז אראפ געשפרונגען אונ האט געוואלט געהרגת ווערען ער זאל ניט זינדיגען. אזו ווי ער איז אראפ געשפרונגן איז געקומען אליהו הנביא ז״ל אונ האט איהם דערהאפט ער זאל ניט געהרגת ווערן. האט אליהו הנביא געזאגט צו רב כהנא דו האסט מיך מטריח געווען פיער הונדערט מייל היינו איך בין פריהער געווען ווייט פון דאנעט פיער הונדערט מייל האב איך געמוזט פליהען אהער דיך מציל צו זיין רגא זאלסט נישט געהרגת ווערן. האט רב כהנא געענטפערט וואס זאל איך טהן איך בין א געמיינער מאן מוז איך האנדלן מיט אזעלכע כלים. ממילא האט זיך דס געטראפן איך בין אריינגעקומן צו דר פרוצה אזו וויא מיר האבען פריהער געשריבן. האט איהם אליהו הנביא ז״ל געגעבן איין כלי מיט רענדליך ער זאל שון ניט דארפן צו האנדלן מיט נשים. דאס איז אויך די טייטש. (יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ) - עס איז גוט אז מען האט אין זינען דברי תורה בשעת דעם משא ומתן (שיגיעת שניהם משכחת עון) דען אז מען געדענקט תמיד די תורה בשעת דעם משא ומתן. אונ מען היט זיך אפ פון א שום שלעכץ העלפט השם יתברך אז מען זינדיגט נישט קיינמאל ממילא איז מען זוכה צו פיעל גוטס:

## צדקת אבות

גיט מעהר ירא פר איין בשר ודם ענטפערט ער ווייל אז איהר וועט מורא האבען פר גאט ווי פר איין מענשן איז שון גענוג דען מיר זעהען אז יעדער מענש היט זיך צו טהון איין עבירה פר דעם צווייטן אונ דס וואס השי״ת בכבודו זעהט אונ ווייס אלץ דאס ארט איהם ניט. נאך א מעשה ברענגט פון איהם די גמרא אין מסכת בבא קמא אז די תלמידים האבן איהם געפרעגט פר וואס האט די תורה הקדושה מחמיר געווען ביי איין גנב מעהר וויא ביי איין גזלן אז איינער גנב׳עט איין אקס אדר איין שאף דארף ער בעצאהלן דאפעלט אונ אוב ער האט זיי געשאכטן אדר פערקויפט בעצאהלט ער פר איין אקס פינף מאל אונ פר איין שאף פיער מאל מעהר אונ איין גזלן איז מעהר ניט מחויב ווי אפ צו געבן די גזלה. איינענטליך איז דאך איין גזלן פיעל ערגר ווי איין גנב. האט זיי רבי יוחנן בן זכאי געענטפערט דר קנס פון גנב איז דערפאר גרעסר ווייל ער האט מורא פר מענשן מעהר וויא פר גאט אונ דארום גנב׳עט ער ביינאכט כדי אז איין מענש זאל איהם ניט זעהען

## מעשה אבות

גיט קיין רימענט רופט צוריק דעם ישמעאל אונ גיט איהם דעם רימענט צוריק. ווי האבען איהם גרופען פון פר איז צוריק געקומען האט איהם רבי שמעון בן שטח אפ געגעבן דעם רימענט. ווי ער האט געזעהן פון רבי שמעון בן שטח די וועלטענע פיינקייט האט ער אויסגעריפען געלויבט איז שמעון בן שטח אונ געלויבט איז דער גאט פון ישראל ווס ער האט ווי געגעבן אזוי איין שיינע תורה. גמצא אז פון אזא מדה טובה פון איין בשר ודם ווערט געהייליגט דר נאמען פון השי״ת אונ עס מאכט עהרע דעם מענשען אויך. אונ ווי גרויס עס איז די שכר פון רבי שמעון בן שטח בעולם הבא קענען מיר זיך אונז פארשטעלען. אונ דאס זאגט די משנה אידי היא דרך ישרה. וועלכען וועג פון יושר זאל זיך דער מענש אויס קלייבען כל שהיא תפארת לעושה. אזעלכע וואס זי איז שיין פר גאט ווס דר פון שטאמט איין קידוש השם. ותפארת לו מן האדם. אונ עס איז שיין פר לייטן.

## פירוש ע״ט

דס מיינט ער מען זאל א מלאכה טהון אדר משא ומתן ער זאל זיך קענען מפרנס זיין דען דס מידיקייט פון די ביידע פארגעסט זינדיגן אונ דר ווס לערנט תורה אונ האט ניט קיין מלאכה זיך מפרנס צו זיין איז דר סוף ער וועט מוזען אופהערן צו לערנן וואורום ער וועט ניט האבן ווס צו עסן. אונ די אלע ווס זענען עוסק פון רבים וועגן זאלן זייא עוסק זיין פון גאטס וועגן ניט פון זייער כבוד וועגן דען דר זכות אבות פון רבים העלפט זיי. זיי דארפן אבער ניט דרמיט

לַעַד, וְאַתֶּם מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם שָׂכָר הַרְבֵּה, כְּאִלּוּ עֲשִׂיתֶם: ג הֱווּ זְהִירִים בָּרָשׁוּת, שֶׁאֵין מְקָרְבִים לוֹ לְאָדָם, אֶלָּא לְצֹרֶךְ עַצְמָם, נִרְאִים כְּאוֹהֲבִים בִּשְׁעַת הֲנָאָתָם, וְאֵין עוֹמְדִים לוֹ לְאָדָם בִּשְׁעַת דָּחְקוֹ: ד הוּא הָיָה אוֹמֵר, עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנְךָ, כְּדֵי שֶׁיַּעֲשֶׂה רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנוֹ, בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיְּבַטֵּל רְצוֹן אֲחֵרִים מִפְּנֵי רְצוֹנֶךָ: ה הִלֵּל אוֹמֵר, אַל־תִּפְרוֹשׁ מִן־הַצִּבּוּר, וְאַל־תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ, וְאַל־תָּדִין אֶת־חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ,

## משלי אבות

(הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת שֶׁאֵין מְקָרְבִין וכו'). מיר וועלן דא אויך זאגן דעם פשט אנדערש ווי אלע, דם ווארט רשות שטאמט פון דעם ווארט ריש א ארעמאן (ווי מיר האבן געטייטשט אין ערשטען פרק), די כונה דערפון איז אזוי די נאטור פון מענשן איז ווען ער געהט אראפ פון זיין שטאנד ווערט ער ביי זיך געפאלען אונ פאר לאוט זיינע עסקים ער הויבט אן צו זוכען שטיצע ביי בעקאנטע אונ גוטע פריינד ער הויבט אן צו קלערען וועגען נדבות אונ הויבט אן צו טראכטען אז זיינע אמאליגע גוטע פריינד וועלן איהם געוויס שטיצן ווייל ער הט זייא אויך אמאל געשטיצט ווען ער איז רייך געוועזען אונ רערנוייל קומט ער אין גאנצען הערונטער פון זיין שטאנד דם זאגט דיא משנה (הֱווּ זְהִירִין בָּרָשׁוּת). איהר

## תפארת אבות

(וְאַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ). דו זאלסט אין זיך זעלבסט ניט זיין איינגעטרויט ביז דעם טאג פון דיין שטארבען. אין תלמוד ירושלמי מסכת שבת געפינט זיך א מעשה איין גרויסער חסיד איז געזעסן אונ הט געלערענט יומם ולילה ווען ער הט געלערענט דעם זאפּך (ואל תאמין בעצמך) הט ער ניט געלייענט (עד יום מותך) נאר (עד יום זקנתך) ביז צו דיין עלטער ווען ער הט גערעכענט אז אויף דר עלטער קען מען זיין זיכר אז מען וועט שוין ניט זינדיגן

## צדקת אבות

אבער פר דעם אונ פון מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה בביכול ווס וועהט אלס הט ער ניט מורא. רבי מאיר זאגט איין משל ווס ער הט געהערט פון רבי גמליאל פס וועגען געוועזען אין איין שטאדט צוויי עשירים ווס האבען געמאכט גרוסע סעודות איינער פון זייא הט פארבעטן אלע שטאדט לייט פון גרוס ביז קליין נאר דעם קעניגס קינדער האט ער ניט גערופען. אונ דער צווייטער הט פארבעטען אויף דר סעודה נאר איינענע פאמיליע. אלזא הט דאך דר צווייטער אן קעניגס כבוד ניט פונע געוועזען דען ער הט דאך קיין פרעמדן מענשן ניט געבעטען האט ער דעם קעניגס קינדער אויך ניט געבעטען. אבר דר ערשטער הט דאך אלעמן געבעטען צו דר סעודה נאר די בני המלך ניט ווייזט ער דערמיט אז ער איז מקיל אין מלכ'ס כבוד. אזו איז דער גנב אויך אז פר איין אונ פון איין בשר ודם הט ער מורא אונ פאר השי"ת ניט דארום מוז ער קנס בעצאהלען כפל. אונ דאס איז די כונה (עין רואה ואזן שומעת). דער כלל איז פון הימעל זעהט מען אונ מען הערט אונ אלעס איז בהשגחת השי"ת:

(כְּדֵי שֶׁיַּעֲשֶׂה רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנוֹ). דאמיט ער זאל טהון דיין ווילן ווי זיין איינענם. די גמרא דערצעהלט אין מסכת תענית א מעשה דם אמאל איז אין ארץ ישראל דעם גאנצן ווינטער קיין רעגן ניט געוועזן. חודש אדר ווערבר איז דר לעצטר חודש פון זייען איז שון געוועזן

## פירוש ע"ט

נאוה האבן אונ דם גערעכטיגקייט פון די אבות דם שטעהט אויף אייביג אונ איהר ווס איהר זייט עוסק זאגט גאט איך וועל אייך אופברענגען פיעל שכר גלייך ווי איהר הט אליין געטהון. הֱווּ זהירין נעמט זיך אין אכט פר זעלכע מענשן וועלכע ווייזן זיך פריינד בשעת זיי דארפן פון איהם הנאה האבן אונ העלפן אבר ניט דעם מענשן אין זיין נוט. הוא היה אומר רבן גמליאל זאגט טהו גאטס רצון ווס ער הייסט דיך טהון על פי התורה גלייך ווייא דוא וואלסט אליין געגלוסט אונ חשק געהאט צו טהון כדי השי"י זאל טהון דיין ווילן וואס דוא דארפסט. זייא מבטל דיין ווילן וואס דיך גלוסט פון השי"י ווילען כדי השי"י זאל מבטל זיין דעם ווילען פון אנדערע מענשן ווס ווילן דיר שלעכטס טהון פון דיין רצון וועגן. הלל אומר הלל זאגט דו זאלסט דיך ניט אפשיידן פון דעם עולם אז זיי איז ח"ו שלעכט. דוא זאלסט דיר אליין ניט איין רעדן איך האב ניט מורא פר דעם יצר הרע. ביז דעם טאג פון דיין טוט זאלסט דוא דיר אלץ ניט גלובן אונ זאלסט דיך נאך אלץ היטן פר איהם. דוא זאלסט ניט דן זיין דיין חבר אזוי ער איז ערגר פון דיר ביז דו ביסט אויך אליין געקומן אויף דיין חברס ארט אונ ביסט בעשטאנען דרויף

אונ

וְאַל־תֹּאמַר דָּבָר שֶׁאִי אֶפְשַׁר לִשְׁמוֹעַ שֶׁסּוֹפוֹ לְהִשָּׁמַע, וְאַל־תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה: ו הוּא הָיָה אוֹמֵר, אֵין בּוּר יְרֵא חֵטְא, וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד, וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד, וְלֹא הַקַּפְּדָן מְלַמֵּד, וְלֹא כָל־הַמַּרְבֶּה בִסְחוֹרָה מַחְכִּים, וּבְמָקוֹם שֶׁאֵין אֲנָשִׁים, הִשְׁתַּדֵּל לִהְיוֹת אִישׁ: ז אַף הוּא רָאָה גֻּלְגֹּלֶת אַחַת, שֶׁצָּפָה עַל־פְּנֵי הַמָּיִם. אָמַר לָהּ, עַל דְּאַטֵּפְתְּ אַטְפוּךְ, וְסוֹף מְטִיפַיִךְ יְטוּפוּן:

## תפארת אבות

אונ דער יֵצֶר הָרָע קען נים מְנַצֵחַ זיין. דעם שָׂטָן האט פערדראסן וואס ער איז ביי זיך אזוי תַּקִיף האט ער זיך פאר איהם פארגעשטעלט פאר איין פרויענצימער אונ איז איינינגע מאל פארביי געגאנגען פארביי איהם אונ האט אלץ געווארפען איין אויג אויף דעם חָסִיד ביז ער האט דעם שטן תּאוֶה געוועזען צו איין עֲבֵירָה נאר ווי ער האט געוואלט צו רירען זיך צו איהר האט ער באלד חֲרָטָה געהאט אונ האט זייער פיעל געוויינט איף דעם שלעכטען געדאנק. האט דר שטן געזאגט

## משלי אבות

הערונטער געקאמענע מענשען זייט פארזיכטיג בעת עם געהט אייך ניט אזוי גוט פערליערט ניט די האפנונג אז עם קאן אייך ווידר גוט ווערן איבער ניט זיך ניט צו די ארמוטה אונ פערלאזט זיך ניט אויף שטיצע פון פרעמדע מענשען רען עם זענען דא מענשען (שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן) וועלכע לאזן זיך צו צום צווייטען נאר אום צו ציהען פון איהם נוטצען פאר זיך אונ ווייזן זיך פאר איהם ווי גוטע פריינד (ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו) אונ בעת יענער ווערט געדרוקט אונ דארף אנקומן צו זייערע א טובה שטעהען זייא פון ווייטען אונ ער ווערט א יורד רחמנא לצלן, על כן זאלט איהר זיך ניט פערלאזען איף זייער שטיצע נאר האפט צוא השי״ת ער וועט אייך העלפן דען ער מאכט ארעם אונ רייך. (ואין טוב מתוחלת) אונ עם איז ניט דא קיין בעסערע זאך ווי צו האפן צו השי״ת. (כי לא

## צדקת אבות

צו ענדע אונ רעגען איז אלץ ניט דא. האבען דיא איינוואהנר געבעטען דעם תנא חוני המעגל וועלכער איז געוועזען דער גרעסטער בעל מופת אין זיין צייט ער זאל מתפלל זיין. ער האט מתפלל געוועזען אונ עם האט ניט געהאלפען האט ער געמאכט איין גרויסען קרייז ארום זיך אונ האט אזוי געזאגט רבש״ע דיינע קינדר האבען מיך געמאכט פאר איין שליח איך זאל מתפלל זיין פאר זיי ווייל זיי האלטען מיך פאר איין בן בית ביי דיר אב רחום שווער איך ביי דיין הייליגען נאמען אז איך וועל פון דעם קרייז ניט ארויסגעהן ביז דו וועסט רחמנות האבן אויף זיי וואס זיי זענען אין איין עת צרה אונ וועסט געבען רעגען האט באלד אנגעפאנגען צו רעגענען אבער טראפען וויים. זאגען די תלמידים צו איהם רבי מיר זעהען דיך אין אזוי א גרוסע מדרגה אז דיינע תפלות ווערען אן גענומען אין הימעל אונ צוליעב דיר געהט דר רעגען נאר ער איז אהן נוטצען לאז אונז ניט שטארבען פון הונגר אונ זיי מתפלל אויף א גרויסען רעגען. ענטפערט זיי חוני המעגל זייט רוהיג איהר וועט ניט שטארבען פון הונגר. ער האט ווידר מתפלל געוועזען אונ געזאגט רבש״ע ניט אזוי איין רעגען האב איך געבעטען איך וויל האבן א רעגען וואס פון איהם זאלען פיל ווערען אלע גריבער מיט וואסער האט אנגעפאנגען געהן זעהר א שטערענגער אונ גרייסר רעגן. זאגען די תלמידים צו איהם רבי דער רעגען קאן חרוב מאכען די וועלט זאגט

## פירוש ע״ט

אונ זאלסט ניט זאגען אזעלכע רייד וואס מען קאן ניט פארשטיין וואס דו זאגסט, דו וועסט דיר איין רעדן אז די תלמידים וועלן דר נאך פארשטעהן, אונ דוא זאלסט ניט זאגן אז איך וועל צייט האבן וועל איך לערנן טאמער וועסט דו קיין צייט ניט האבן. הוא היה אומר הלל פלעגט זאגן א ליידיגער מענש וואס ווייסט גאר ניט קיין תורה אונ קיין שום גוטע מדה אונ ער איז ווייט פון לייט קאן ניט זיין א ירא חטא אונ א עם הארץ קאן ניט זיין קיין חסיד. אונ דר וואס שעהמט זיך צו פרעגן דר קאן ניט מקבל זיין קיין תורה אונ דר רבי וואס איהם פארדריסט אז דר תלמיד פרעגט איהם דר קאן ניט אויסלערנן די תלמידים אונ ניט דר וואס האנדעלט תמיד קאן זיין קלוג אין די חכמת התורה אונ דארטן וואו קיין לייט זענען ניט דא אונ דוא ביסט נאר אליין זאלסט דו דיך שטארקן אז דו זאלסט זיין אין דר מדרגה פון איש דם הייסט א צדיק, אף הוא ראה הלל האט אויך געזעהן א קאפ פון א מענש וואס האט געשווימען אויף דעם וואסער האט ער געזאגט צו דעם קאפ פר דעם וואס דו האסט געמאכט פארטרינקען אנדערע לייט האט השי״י געהייסן מען זאל דיך דערטרינקען אונ דר סוף וועט זיין די וואס האבן דיך דער־

ח הוּא הָיָה אוֹמֵר, מַרְבֶּה בָשָׂר מַרְבֶּה רִמָּה, מַרְבֶּה נְכָסִים מַרְבֶּה דְאָגָה, מַרְבֶּה נָשִׁים מַרְבֶּה כְשָׁפִים, מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה, מַרְבֶּה עֲבָדִים מַרְבֶּה גָזֵל. מַרְבֶּה תוֹרָה מַרְבֶּה חַיִּים, מַרְבֶּה יְשִׁיבָה מַרְבֶּה חָכְמָה, מַרְבֶּה עֵצָה מַרְבֶּה תְבוּנָה, מַרְבֶּה צְדָקָה מַרְבֶּה שָׁלוֹם, קָנָה שֵׁם טוֹב קָנָה לְעַצְמוֹ, קָנָה לוֹ דִבְרֵי תוֹרָה קָנָה לוֹ חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא: ט רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן־זַכַּאי קִבֵּל מֵהִלֵּל וּמִשַּׁמַּאי. הוּא הָיָה אוֹמֵר, אִם לָמַדְתָּ תוֹרָה הַרְבֵּה אַל־תַּחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמְךָ, כִּי לְכַךְ נוֹצָרְתָּ: י חֲמִשָּׁה תַלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבָּן יוֹחָנָן בֶּן־זַכַּאי.

### משלי אבות

כָּלוֹ רַחֲמָיו) דֶען זַיינֶע בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקַייט אִיז אָהן אֵיין עֶנְדֶע אוּנ עֶר וֶועט אַייךְ גֶעוִויס הֶעלְפֶן, אוּנ דָס מֵיינְט מֶען (הֱוֵו זְהִירִין בִּרְשׁוּת). בֶּעט אִיהר וֶוערְט אָרֶעם חָלִילָה זַייט פָארְזִיכְטִיג פָארְלִיעֶרְט נִיט דִיא הָאפְנוּנְג צוּ הַשֵּׁי״ת אוּנ הָאפְּט נִיט צוּא מֶענְשֶׁען:

### תפארת אבות

צוּ אִיהם שְׁרֶעק זִיךְ נִיט אִיךְ בִּין נִיט קֵיין אִשָּׁה אִיךְ בִּין דֶער שֶׁטָן דוּ הָאסְט נָאר נִיט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם וָוָס דוּ הָאסְט מִיר תּוֹבֵעַ גֶעוֶוען אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען נַויזֶען דִיר אַז דוּ זָאלְסְט נִיט אַנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען וִוי אַלֶע חֲכָמִים. זֵיי הָאבֶּען גִילֶערְנְט אִין דֶער הֵיילִיגֶער מִשְׁנָה עַד יוֹם מוֹתְךָ בִּיז דֶעם טָאג פוּן דַיין שְׁטַארְבֶּען אוּנ נִיט וִויא דוּ לֶערִינְסְט עַד יוֹם זִקְנָתְךָ בִּיז דַיין עֶלְטֶער דֶען דָא הָאסְט דוּ אַלֵיין גִיזֶעהְן אַז אוֹיךְ דֶר עֶלְטֶער קֶען מֶען אוֹיךְ נִיט זִיכֶר זַיין:

### צדקת אבות

עֶר צוּ זֵיי זַייט רוּהִיג. אוּנ הָט וִויֶדר מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען רִבּשׁ״ע אִיךְ הָאבּ בַּיי דִיר גֶעבֶּעטֶן רֶעגֶן וֶועלְכֶע בְּרֶענְגֶען נוּטְצֶן אָבֶּר נִיט וָוס קָאן חָרוּב מַאכֶען דִי וֶועלְט הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶן גֶעהְן רֶעגֶען וִוי מֶען דַארְף עֶס אִיז אָבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַזוֹ לַאנְג רֶעגֶן בִּיז דִי תַּלְמִידִים הָאבֶּן אִיהם גֶעבֶּעטֶן אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶר רֶעגֶן זָאל שׁוֹן אוֹפְהֶערֶן. הָט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ אֵיין קַבָּלָה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען מִימֵי הַנְּבִיאִים אַז בֶּעטֶען עֶס זָאל אוֹיפְהֶערֶען אֵיין טוֹבָה בֶּעט מֶען נִיט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען בְּרֶענְגְט אֵיין קָרְבַּן תּוֹדָה צוּ דַאנְקֶען הַשֵּׁי״ת פַר זַיינֶע גְבוּרוֹת אוּנ טוֹבוֹת. עֶר הָאט וִוידֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען רִבּשׁ״ע דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל וָוס דוּ הָאסְט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אִיז נִיט אִין שְׁטַאנְד צוּ צוּ נֶעמֶן הֵן צוּפִיעל פוּרְעָנִיוֹת וֶוען דוּ שִׁיקְסְט אוֹיף זֵיי אָן וְהֵן צוּפִיעל טוֹבוֹת עֶס זָאל זַיין דַיין הֵיילִיגֶר ווילֶן אַז דֶער רֶעגֶן זָאל שׁוֹן אוֹפְהֶערֶען אוּנ עֶס זָאל זַיין אֵיין מַשָּׂא וּמַתָּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. בַּאלְד נָאךְ דֶער תְּפִלָּה הָט אָן גֶעפַאנְגֶען צוּ וַויהֶען אֵיין נַארֶעמֶר וִוינְד וֶועלְכֶר הָט פַר אַיין אַנְדֶר גֶעטְרִיבֶּען דִי וָואלְקֶענְס דִי זוּן הָט אָנְגֶעפַאנְגֶן צוּ שַׁיינֶען אוּנ דִי אֵיינְוואוֹהנֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבֶּן גִיזֶעהֶן ווי פוּן רֶעגֶן אִיז דֶר הַר הַבַּיִת פַר וַואקְסֶן גֶעוָוארן מִיט שְׁוָואמֶן. אִין דֶר צַייט אִיז גֶעוֶוען דֶר תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח דֶער רַב אִין יְרוּשָׁלַיִם ווי עֶר הָט דֶערְוואוּסְט פוּן דֶער מַעֲשֶׂה הָט עֶר גֶעשִׁיקְט זָאגֶן דֶעם גְרוֹיסֶען צַדִּיק חוֹנִי הַמְעַגֵּל דוּ זָאלְסְט וִויסֶן אַז וֶוען דוּ וָואלְסְט נִיט גֶעוֶוען אַזוֹי אָנְגֶענוּמֶען בַּיי דֶעם בּוֹרֵא ב״ה וָואלְט אִיךְ דִיר

### פירוש ע״ט

טְרִינְקֶען וֶועלֶן אוֹיךְ דֶערְטְרִינְקֶען וֶוערֶן. הוּא הָיָה אוֹמֵר הִלֵּל פְלֶעגְט זָאגֶן וֶוער עֶס עֶסְט פִיעל מִיט גְרוֹסֶע תַּעֲנוּגִים דֶר מֶענְשׁ מֶעהְרְט זִיךְ וֶוערִים. וֶוער עֶס מֶעהְרְט זִיךְ פִיעל הָאבּ, הָט עֶר פִיעל זָארְג עֶר אִיז תָּמִיד אִין זָארְג מֶען זָאל אִיהם נִיט בֶּע׳גַנְבֶ׳עֶנֶען. וֶוער עֶס מֶעהְרְט ווַייבֶּר מֶעהְרְט כִּישׁוּף אִיטְלִיכֶע ווִיל אַז עֶר זָאל זִיא לִיעבֶּר הָאבֶּן. וֶוער עֶס מֶעהְרְט דִיענְסְטֶען נְקֵבוֹת מֶעהְרְט עֶר בַּיי זִיךְ אִין הוֹיז נִיאוּף. וֶוער עֶס מֶעהְרְט פִיעל קְנֶעכְט מֶעהְרְט עֶר גְזֵלָה. וֶוער עֶס מֶעהְרְט תּוֹרָה דֶר מֶעהְרְט אֵייבִּיג לֶעבֶּן. וֶוער עֶס מֶעהְרְט זִיצוּנְג פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דֶר מֶעהְרְט חָכְמָה מַחֲמַת דֶר תּוֹרָה. וֶוער עֶס מֶעהְרְט עֵצוֹת צוּא הַאלְטֶען אוֹיף אִיטְלִיכֶר זַאךְ וָואס עֶר וִויל טְהוּן מֶעהְרְט עֶר פַארְשְׁטַאנְד. וֶוער עֶס מֶעהְרְט צְדָקָה גֶעבֶּען מֶעהְרְט עֶר שָׁלוֹם אוֹיף דֶר וֶועלְט וֶוער עֶס אִיז קוֹנֶה אַ גוּטֶען שֵׁם אוֹיף דֶר וֶועלְט הָט עֶר נָאר זִיךְ אַלֵיין קוֹנֶה גֶעוֶועזֶן אַ גוּטֶן שֵׁם אָבֶּר אַז עֶר קוֹפְט דִבְרֵי תוֹרָה דְהַיינוּ עֶר לֶערֶענְט דִי תּוֹרָה קוֹפְט עֶר זִיךְ אֵייבִּיג לֶעבֶּן בְּעוֹלָם הַבָּא. רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי רַבָּן יוֹחָנָן הָט מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶען דִי תוֹרָה פוּן הִלֵּל אוּנ שַׁמַּאי עֶר פְלֶעגְט זָאגֶן וֶוען דוּ הָאסְט אֲפִילוּ גֶעלֶערֶענְט פִיעל תּוֹרָה זָאלְסְט דוּא דִיר נִיט הַאלְטֶען פַר אַ גוּטְקַייט ווארוּם פוּן דֶעסְטְוֶועגֶן בִּיסְטוּ נָאר בֶּעשַׁאפֶן גֶעוָוארֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. חֲמִשָּׁה פִינְף תַּלְמִידִים אִיז

וְאֵלּוּ הֵן. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן־הוֹרְקְנוֹס. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־חֲנַנְיָא. רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן־נְתַנְאֵל. וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲרָךְ: יא הוּא הָיָה מוֹנֶה שִׁבְחָם. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן־הוֹרְקְנוֹס בּוֹר סוּד שֶׁאֵינוֹ מְאַבֵּד טִפָּה. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־חֲנַנְיָא אַשְׁרֵי יוֹלַדְתּוֹ. רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן חָסִיד. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן־נְתַנְאֵל יְרֵא חֵטְא. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲרָךְ כְּמַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר: יב הוּא הָיָה אוֹמֵר. אִם יִהְיוּ כָּל־חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל בְּכַף מֹאזְנַיִם. וֶאֱלִיעֶזֶר בֶּן־הוֹרְקְנוֹס בְּכַף שְׁנִיָּה מַכְרִיעַ אֶת־כֻּלָּם: אַבָּא שָׁאוּל אוֹמֵר מִשְּׁמוֹ. אִם יִהְיוּ כָּל־חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל בְּכַף מֹאזְנַיִם. וֶאֱלִיעֶזֶר בֶּן־הוֹרְקְנוֹס אַף עִמָּהֶם. וְאֶלְעָזָר בֶּן־עֲרָךְ בְּכַף שְׁנִיָּה. מַכְרִיעַ אֶת־כֻּלָּם: יג אָמַר לָהֶם. צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶרֶךְ טוֹבָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן טוֹבָה. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר

## צדקת אבות

אַרייַנְגֶעלֶעגְט אין חֵרֶם דֶר פַּר וָוס דוּ בִּיזְט איהם מַטריחַ נָאר וָוס זָאל איך טְהוּן אַז דוּ בִּיזְט טֵייעֶר בַּייא השי״ת ווי אַ קְלֵיין קִינְד בַּיי זֵיינֶע עֶלְטֶערְן וָועלְכֶע גֶעבְּן איהם אַלֶעס נָאךְ דֶר בּוֹרֵא ב״ה איז מְמַלֵא אַלֶע דֵיינֶע בַּקָשׁוֹת אוֹיף דיר זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. דָס הֵייסְט עֶס מֶעגְן זִיךְ פְרֵייעֶן מיט דִיר דֵיין פָאטֶר אוּנ דֵיין מוּטֶר וָוס הָט דִיךְ גֶעבָּארְן דֶר נָאךְ הָאבְּן דִי סַנְהֶדְרִין גֶעשִׁיקְט צוּ איהם אוֹיף דִיר גְרוֹסֶר בַּעַל מוֹפֵת צַדִיק יְסוֹד עוֹלָם איז מְקוּיָים גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וְתִגְזַר אֹמֶר וְיָקָם לָךְ אַז דוּ הָאסְט גוֹזֵר גֶעוָועְן עֶס זָאל גֶעהְן רֶעגְנְן הָט השי״ת מְקַיֵים גֶעוָועְן. אוּנ דָס איז דִי כַּוָונָה (עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנֶךָ) טְהוּ גָאטְס ווילֶען ווי דֵיין אֵייגֶענֶם (כְּדֵי שֶׁיַעֲשֶׂה רְצוֹנְךָ כִּרְצוֹנוֹ) וֶועט גָאט עֶרְפִילֶען דֵיין וְואוּנְשׁ פּוּנְקְט ווי מיט חוֹנִי הַמְעַגֵל אַז עֶר הָט מְמַלֵא גֶיוֶועְן גָאטְס רָצוֹן הָט גָאט מְמַלֵא גֶיוֶועְן זֵיינֶם אוֹיךְ:

## פירוש ע״ט

גֶעוָועְן צוּ רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אוּנ דָס זֶענֶען דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא פִינְף תַּלְמִידִים. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן נְתַנְאֵל וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ. הוּא הָיָה מוֹנֶה עֶר פְלֶעגְט רֶעכֶענֶען זֵייעֶר שֶׁבַח פוּן דִי פִינְף תַּלְמִידִים. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס עֶר איז גְלֵייךְ ווי אַ גְרוּבּ וָוס איז גוּט אוֹיסְגֶעקָאלְכְט דִי גְרוּבּ פַארְלִירְט נִיט אַ טְרָאפְּן פוּן דֶער מַשְׁקֶה אַזוֹ אוֹיךְ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס פַארְגֶעסְט נִיט אַ וָוארְט פוּן וָוס עֶר הָט גֶעלֶערְנְט. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אוֹיף איהם פְלֶעגְט עֶר זָאגְן ווָאהל זֵיין גֶעוִוינֶערִין דָאס מֵיינְט מֶען זֵיין מוּטֶער. רַבִּי יוֹסֵי הַכֹּהֵן איז אַ חָסִיד עֶר טְהוּט תָּמִיד לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִין. רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פַר אַיין עֲבֵירָה. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ איז ווי אַ קְוָואל פוּן וַואסֶר וָואס מֶעהר מֶען שֶׁעפְּט פוּן איהר שְׁטַארְקְט זִיא זִיךְ מֶעהר אַזוֹ אוֹיךְ רַבִּי אֶלְעָזָר שְׁטַארְקְט זִיךְ אַלֶע מָאל מֶעהר אִין דֶר תּוֹרָה. הוּא הָיָה אוֹמֵר רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי פְלֶעגְט זָאגֶן וֶוען אַלֶע דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן יִשְׂרָאֵל וָואלְטֶן גֶעוֶועְן אִין אַיין וָואג שָׁאל אוּנ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס וָואלְט זֵיין אִין דֶער אַנְדֶערֶע וָואג שָׁאל וָואלְט דִי שָׁאל וָוס רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס איז אִיבֶּערְוֶועגֶען דִי שָׁאל וָוס דְרִינֶען זֶענֶען אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אַבָּא שָׁאוּל זָאגְט פוּן רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי וֶועגֶען אַז עֶס וָואלְטֶן זֵיין אַלֶע חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אִין אַיין וָואג שָׁאל אוּנ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס וָואלְט אוֹיךְ זֵיין מִיט זֵיי אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ וָואלְט זֵיין אוֹיף דֶר אַנְדֶערֶער וָואג שָׁאל וָואלְט רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ זֵיי אַלֶע אִיבֶּערְוֶועגֶען. אוּנ בֵּיידֶע דֵעוֹת זֶענֶען אֱמֶת, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הוֹרְקְנוֹס הָט עֶר גֶעלוֹבְּט אִין אַ זִכָּרוֹן אוּנ אִין בְּקִיאוּת אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ הָאט עֶר גֶעלוֹבְּט אִין חֲרִיפוּת אוּנ אִין פִּלְפּוּל. אָמַר לָהֶם הָט רַבָּן יוֹחָנָן צוּ זֵיי גֶעזָאגְט גֶעהְט אוּנ קְלֶעהְרְט אוֹיס וֶועלְכֶעס איז דִי גְלֵייכֶע רֶעכְטְפַארְטִיגֶע וֶועג אַז דֶר מֶענְשׁ זָאל זִיךְ בַּאהֶעפְטֶען אִין דֶעם וֶועג אוּנ זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירֶען. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט וֶוער עֶס הָאט אַגוּט אוֹיג צוּ קוּקְן אוֹיף אַיין אַנְדֶערְן מִיט אַגוּט אוּנ אוּנ

דָּבָר טוֹב, רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן טוֹב, רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הָרוֹאֶה אֶת־הַנּוֹלָד, רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב טוֹב. אָמַר לָהֶם רוֹאֶה אֲנִי אֶת־דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם, שֶׁבִּכְלַל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם: יד אָמַר לָהֶם, צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ רָעָה שֶׁיִּתְרַחֵק מִמֶּנָּה הָאָדָם, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר עַיִן רָעָה, רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר חָבֵר רָע, רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר שָׁכֵן רָע, רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר הַלֹּוֶה וְאֵינוֹ מְשַׁלֵּם, אֶחָד הַלֹּוֶה מִן הָאָדָם כְּלֹוֶה מִן הַמָּקוֹם, שֶׁנֶּאֱמַר, לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם, וְצַדִּיק חוֹנֵן וְנוֹתֵן, רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר לֵב רָע. אָמַר לָהֶם, רוֹאֶה אֲנִי אֶת־דִּבְרֵי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲרָךְ מִדִּבְרֵיכֶם, שֶׁבִּכְלַל דְּבָרָיו דִּבְרֵיכֶם: טו הֵם אָמְרוּ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, יְהִי כְבוֹד חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ, וְאַל־תְּהִי נוֹחַ לִכְעוֹס, וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ,

### תמימות אבות

(לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם). דר טייטש פון די ווערטר איז דר רשע אנטלייעט אונ בעצאהלט ניט. איז דא צו פרעגן פארוואס שטעהט לֹוֶה רָשָׁע כשעת ער אנט־לייעט איז ער דאך ניט קיין רשע נאר ערשט ווען עס קומט דיא צייט פון אפגעבן אונ ער גיט ניט אפ הייסט

### מגדל אבות

(וְשׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ). טהו תְּשׁוּבָה איין טאג פאר דיין טוט. אין מַסֶּכֶת שַׁבָּת געפינען מיר, אז די תַּלְמִידִים

### משלי אבות

(הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד). דר וואס זעהט וואס שפעטער וועט זיין. מיר ווילן דס ערקלעהרען מיט א מָשָׁל איין מְלַמֵּד הט געהאט צוויי תַּלְמִידִים ביידע זענען געוועזן ווי קינדר געוועהנליך גרויסע שטיפער אונ האבן ניט

### פירוש ע"ט

ער זאל ניט מְקַנֵּא זיין דעם חבר. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זאגט מען זאל זעהען צו האבן אגוטען חָבֵר אז ער זאל איהם תָּמִיד שטראפן ווען ער וועט טהון עפעס אום רעכט. רַבִּי יוֹסֵי זאגט זאלסט האבן אגוטען שָׁכֵן ווארום אשכן איז מעהר מיט איהם וויא אחבר ווארים ער זעהט זיך מיט איהם אֲפִילוּ ביי נאכט. רַבִּי שמעון זאגט ווער עס זעהט אונ בעטראכט פריהר וואס עס קען קומען פון איטליכר זאך וואס ער טהוט וועט ער זיך היטען שלעכטס טהון. רַבִּי אֶלְעָזָר זאגט מען זאל האבן אגוט הַאֲרֶץ. הט רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי צו די פינף תַּלְמִידִים געזאגט איך זעה אונ עס געפעלט מיר די רייד פון אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ בעסר פון אייערע רייד ווייל אין דעם כְּלָל פון זיינע רייד איז דרינען אייערע רייד אויך אז מען הט אגוט הַאֲרֶץ הט מען אגוט אויג אונ אלע אייערע רייד. אָמַר לָהֶם האט רַבָּן יוֹחָנָן ווידר געזאגט געהט אונ זעהט מיט אייער שֵׂכֶל וועלכס איז אשלעכטר וועג דס הייסט פיהרונג וואס דר מענש זאל זיך דערווייטערן פון איר. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאגט אשלעכט אויג. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זאגט אשלעכטן חָבֵר. רַבִּי יוֹסֵי זאגט אשלעכטן שָׁכֵן. רַבִּי שִׁמְעוֹן זאגט דר וואס אנטלייט געלט ביי זיין חָבֵר אונ וויל ניט בעצאלען. די זאך איז גאר איינס ווער עס אנטלייט געלט פון אמענשן איז אזוי וויא ער אנטלייט פון גאט ב"ה ווי עס שטעהט דר רָשָׁע אנטלייט געלט אונ וויל ניט בעצאהלן אונ דר צַדִּיק פון דר וועלט השי"ת לייט זעליגט אונ גיט אפ דס געלט דעם מַלְוֶה. רַבִּי אֶלְעָזָר זאגט אשלעכט הַאֲרֶץ. האט רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי צו זיי געזאגט עס געפעלט מיר די רייד פון רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲרָךְ בעסער פון אייערע רייד, ווייל אין כְּלָל פון זיינע רייד איז אלע אייערע רייד. הֵם אָמְרוּ דיא תַּלְמִידִים פלעגן אפט זאגן די דריי זאכען. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאגט עס זאל זיין דר כָּבוֹד פון דיין חָבֵר אויף דיר געליבט אזוי וויא דיין כָּבוֹד אונ זאלסט ניט זיין גרינג צו בייזערן זיך אונ קעהר דיך אום צו השי"ת איין טאג פר דיין טויט דרום מוזט דו אלע טאג תְּשׁוּבָה טהון טאמער איז היינט דר

וֶהֱוֵי מִתְחַמֵּם כְּנֶגֶד אוּרָן שֶׁל־חֲכָמִים. וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה, שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל. וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב, וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף, וְכָל דִּבְרֵיהֶם כְּגַחֲלֵי אֵשׁ: טו רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר. עַיִן הָרָע, וְיֵצֶר הָרָע. וְשִׂנְאַת הַבְּרִיּוֹת. מוֹצִיאִין אֶת־הָאָדָם מִן־הָעוֹלָם: יז רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר. יְהִי מָמוֹן חֲבֵרְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ, וְהַתְקֵן עַצְמְךָ לִלְמוֹד תּוֹרָה. שֶׁאֵינָהּ יְרֻשָּׁה־לָךְ. וְכָל־מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמָיִם: יח רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר. הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל־תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים

### מגדל אבות

פון רבי אליעזר האבן איהם געפרעגט ווי קאן איין מענש וויסן ווען ער וועט שטארבן. אז ער זאל תשובה טהון סיט איין טאג פריהער. האט ער זיי געענטפערט די כונה דערפון איז. ווייל דר מענש וויים דאך ניט ווען ער וועט שטארבן דארים דארף ער שטענדיג זיין פאר געגרייט אונ טהון תשובה. וויא שלמה המלך זאגט בכל עת יהיו בגדיך לבנים. אין יעדר צייט זאלן דיינע קליידר זיין ווייס. דאס הייסט דו זאלסט שטענדיג עוסק זיין במצות ומעשים טובים. רבן יוחנן בן זכאי זאגט דערצו איין משל, איין קעניג האט געסעלדעט זיינע האפלייט אז ער וועט מאכן א באל פאר זיי. נאר ער האט נאך גיט בעשטימט ווען די באל וועט זיין

### תמימות אבות

פר א רשע. דארף דאך די שמעהן ולוה ולא ישלם רשע. דר פהרליכר יוד אנטלייט זיך גיט נאר פיידען ער ווייסט אז ער איז פארמעגליך צו בעצאהלן דערינבר מאכט ער ניט קיין גרויסע געשעפטן

### משלי אבות

געהאט דעם וואהרען געפיהל אין לערנן, דער מלמד האט זיי שטרענג אנגעזאגט אז אוב זיי וועלען זיך ניט בעסערן וועט ער זיי בעשטראפן. איינער פון זיי האט באלד אנגעפאנגן צו לערנן פלייסיגר דער צווייטר האט זיך גיט געבעסערט ביז דר מלמד האט איהם שטרענג געשטראפט דר פאטר פון צווייטן תלמיד האט געפרעגט ביי דעם מלמד פר וואס האט אויף יענעם תלמיד געווירקט נאר די שטראף דייר אליין אונ ניין זוהן האט ער געמוזט בעשטראפן מיט איין רוט ער האט דאך בייזע גלייך מזהיר געווען. פרעגט איהם דער מלמד פאדוואס פרעגט איהר ניט בכלל פארוואס איז דער פערשטר אין לערנען אויך פיעל בעסר פר אייער זוהן. דער תירוץ איז ווייל יענער איז געשייטר אין אלעם אונ ווי איך האב איהם נאר דערמאנט דעם רוט האט ער זיך גלייך פארגעשטעלט די שאנדע וועלכע ער וועט האבן אז מען וועט איהם בעשטראפען אונ האט זיך באלד געבעסערט אייער זוהן אבער האט וועניגר פערשטאנד ווי יענער האט ער זיך גיט פאר געשטעלט די שאנדע

### פירוש ע״ט

טאג פר דיין טויט. אונ דו זאלסט זיך וואַרעמען קעגן די ליכט אונ דם פייער פון די חכמים אבער זיי געווארענט אין זייערע קוילען פייער כדי דו זאלסט ניט פארברענט ווערן, מיינט מען דו זאלסט דיך היטען עס זאל זיי ניט פארדריסען אויף דיר ווארים דם בייסען פון די חכמים איז ווי דם בייסען פון אפוקס אז אפוקס ניט אביס איז שווער צו פארהיילן אונ זייער שטעכען איז גלייך ווי איין עקרים אונ זייערע רייד ווס זיי זענען גוזר אין דער תורה איז אזו וויא דאס שמוצערן אונ דעם דאמפף ווס לאזט ארויס פון זיך אברענעדיגר שלאנג אונ גאר זייערע רייד זענען ווי די ברענענדיגע קוילען. רבי יהושע אומר רבי יהושע זאגט אשלעכט אויג אונ שלעכטע געדאנקען אונ די אומזוסטע שנאה דם ציהט אויס דעם מענשן פון דר וועלט. רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט עס זאל זיין דיין חברס געלט ביי דיר אזוי געליבט וויא דיין אייגענע געלט אונ זאלסט דיך פארטיג מאכן אונ שטארקן צו לערנן תורה ווייל זיא איז ניט צו דיר אירושה ווס עס קומט צו דיר אן טרחא אונ אלץ ווס דו טהוסט זאל זיין אנחת רוח צו טהון צו גאט וואס איז אויף דעם הימל. רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט דוא זאלסט זיין געווארענט צו לייענן קריאת שמע אין דר צייט אונ איטליכע תפלה אויך צו דאווענען אין דערצייט אונ אז דו ביסט מתפלל די תפלה זאלסט דו ניט מאכען דיין תפלה ווי אגעזעצטע זאך ווס דו וואלסט געוען שוין אפטהון נאר ווי דען די תפלות זאלן ביי דיר זיין געבעט פר גאט ווס הייסט מקום

לִפְנֵי הַמָּקוֹם. שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי־חַנּוּן וְרַחוּם הוּא, אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד, וְנִחָם עַל־הָרָעָה, וְאַל־תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ: יט רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר, הֱוֵי שָׁקוּד לִלְמוֹד תּוֹרָה, וְדַע מַה־שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס, וְדַע לִפְנֵי מִי אַתָּה עָמֵל. וּמִי הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם־לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ:

## תמימות אבות

גאר ווערדליג ער פארמאגט און אנטלייעט ניט קיין סך געלט גאר ווערדליג ער פארשטעהט אז ער וועט קענן אפגעבן. אבער דער רשע קלערט גאר ניט צו ער וועט קענען אפגעבען גאר ווי ער קריגט זיך צוא אנטלייען נעמט ער בסדר ממילא איז דער סוף אז ער בלייבט שולדיג און גיט ניט אפ דס איז די טייטש פון פסוק „לוה רשע ולא ישלם“ אז דער רשע אנטלייעט זיך געלט פר וואס ניט אפגעבן ממילא איז דר סוף אז ער בלייבט איין אפזעצער און הט ניט די וועלט און ניט יענע וועלט. אבער דר עהרליכער יוד אנטלייעט גאר באופן ווי ער פארשטעהט אז ער וועט קענען אפ געבן ממילא ניט פר אפ יעדערן און מענשן גלייבן איהם און מאכן מיט איהם עסקים ממילא האט ער פרנסה בריוח און הט פיעל גוטס אויף ביידע וועלטען:

## מגדל אבות

די קלינערע פון די האפליים האבן באלד צורעכט געמאכט וויערע קליידר אז צו יעדר צייט ווען דר באל וועט זיין זאלן זיי קענן קומן אין האף ווייא עס פאסט פאר דעם כבוד פון קעניג, דען זיי האבן געטראכט מען קען אונז דאך יעדען אויגנבליק מעלדען אז היינט ווערט זיין דער באל, די נארישע אבער האבן זיך געטראכט עס איז נאך דא גענוג צייט און האבן זיך דערווייל בעשעפטיגט מיט זייערע ארבייט און האבן קיינע פאר בריייטונגן צום באל געמאכט. זיי האבן געטראכט זיי האבן מיר זיך צו איילן איין קעניגליכר באל ווערט ניט געמאכט אזוי שנעל מען דארף ווערן פיעל פאר בערייטונגן דאצו און מיר האבן נאך גענוג צייט זיך צו צוגרייטן, פלוצלונג הט מען אבער פון קעניגס הויף געמעלדעט אז דער באל וועט באלד זיין. ווענען די קלוגע געקומען צום באל געקליידעט אלעס אין דר בעסטן ארדנונג און דר קעניג הט זיי זעהר שיין אויפגענומן, ער איז געווען מיט זיי זעהר פריינדליך און הט זיי געמאכט פיעל פערגניגן אין זיי צו קוקען. די נארישע אבער האבן שון קיין צייט ניט געהאט זייערע קליידר אין ארדנונג צו ברענגען ווען זיי געקומען צום באל אין אלטע אבגעטראגענע קליידר ניט ווי עס פאסט צוא קומן צום קעניג אויף א באל. דר קעניג איז געוואָרן אויף זיי שטארק אין כעס און הט געגעבן איין בעפעהל אז די וואס זענען געקומן נוט געקליידעט און אלעס אין ארדנונג זאלן זיצן ביים דעם טיש, עסען און טרינקען און פערגניגן האבן און די וועלכע האבן זיך ניט צוגעגרייט און זענען געקומען ניט ווי עס פאסט צום באל. זיי זאל מען גאר ניט צו לאזן צום קעניגס טיש. זיי זאלן שטעהן פון ווייטן און זעהן ווייא יענע האבן פערגניגן און זענען פריילך. דר נמשל איז אז די קלוגע מענשן דארפן זיך אלע טאג צוא גרייטען מיט מצות ומעשים טובים מיט די שענסטע מדות כדי אז ווען מען וועט זיי רופן לעולם העליון זאלען זיי ניט מבויש ווערן און זאלן זוכה זיין זעהן דיא אייבגע ליכט פון גן עדן און די עתרת פון הקב״ה, דיא נארישע מענשן אבער וואס ווען פערשמוצט מיט עבירות ווי אז מען וועט פלוצלונג רופן לעלמא דקשוט וועלן זיי ליידן חרפה ובושה און דער צוא נאך האבן גרויס עונש ח״ו. דס זאגט דר תנא ווי איין וואהרער פריינד ושוב יום אחד לפני מיתתך. אלט מאג זאלסט פרטן תשובה ומעשים טובים אז צוא יעדר צייט זאל דיין נשמה קענען קומען ריין פאר הקב״ה:

## משלי אבות

וועלכע פר וועט האבן אז מען וועט איהם בעשטראפן פר זאך מען הט איהם זוירקליך ניט בעשטראפט ערשט נאכדעם אז מען הט איהם בעשטראפט הט ער זיך אן געפאנגן צו פארבעסערן, דר נמשל איז דער קלוגער מענש שטעלט זיך פאר דעם שטראף וואס קומט דעם מענשען וועלכער עס געהט ניט בדרך הישר גלייך וויא ער זעהט דעם עונש פאר דיא אויגען דארום האט ער מורא פאר השם יתברך און טהוט מצות ומעשים טובים. און דאס איז דיא כונה הרואה את הנולד. ער שטעלט זיך פאר איהם פאראויס דעם עונש פון דעם שלעכטען פיהרונג און דאריבער פיהרט ער זיך אויף גוט:

## פירוש ע״ט

ער זאל זיך איבער דיר דערבארעמען וויא אין פסוק שטעהט גאט איז אלייטזעליגער, אדער בארעמיגער אלאנגמוטהיגער און טהוט זייער פיעל גענאד און בעדענקט זיך אויף דעם שלעכטס וואס איז נגזר געווארען אויף דעם מענשן אז מען איז מתפלל צו איהם און דו זאלסט ניט זיין א רשע פאר דיר אליין און פארלייטען וועסט דו מאכן זיך פרום. רבי אלעזר אומר רבי אלעזר זאגט דו זאלסט דיך איילען צו לערנען תורה און זאלסט וויסן וואס צו ענטפערן איין אפיקורוס און זאלסט וויסן פר וועמן דו מיהסט זיך מיט דר תורה לערנען און ווער איז דר ווירט פון דיין ארבייט וואס דו לערנסט און טהוסט מצות וואס וועט דיר בעצאהלן דיין לוין פר דיין

כ רַבִּי טַרְפוֹן אוֹמֵר, הַיּוֹם קָצֵר, וְהַמְּלָאכָה מְרֻבָּה, וְהַפּוֹעֲלִים עֲצֵלִים, וְהַשָּׂכָר הַרְבֵּה, וּבַעַל הַבַּיִת דּוֹחֵק: כא הוּא הָיָה אוֹמֵר, לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמוֹר, וְלֹא אַתָּה בֶן־חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה, אִם לָמַדְתָּ תּוֹרָה הַרְבֵּה, נוֹתְנִין לְךָ שָׂכָר הַרְבֵּה, וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ, שֶׁיְּשַׁלֶּם־לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ, וְדַע שֶׁמַּתַּן שְׂכָרָן שֶׁל צַדִּיקִים לֶעָתִיד לָבוֹא: רבי חנניא וכו'

## פרק שלישי

כל ישראל וכו'

א עֲקַבְיָא בֶּן־מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר, הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין

### תפארת אבות

(עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים), עס איז קָשֶׁה פַר וָוס זָאגְט עֶר דָס לָשׁוֹן הִסְתַּכֵּל פַר וָוס זָאגְט עֶר נִיט תִּתְבּוֹנֵן דוּ זָאלְסְט קוּקְן הִסְתַּכֵּל אִיז דָאךְ אֵייגֶענְטְלִיךְ אַ לָשׁוֹן הִפְעִיל זָאלְסְט וֶוערֶן גֶקוּקְט, נָאר דֶר פְּשַׁט אִיז אַזוֹ,

### דרכי אבות

(הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים). דְרַייא זַאכֶען זָאלְסְטוּ בֶּעטְרַאכְטֶען. (מֵאַיִן בָּאתָ) פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ. (וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ) אוּנ וואוּ אַהִין גֵייסְטוּ אַוֶועק. (וְלִפְנֵי מִי) אוּנ פַר וֶועמֶן. (אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן) שְׁטֵעהסְט דִיר פָאר אָבְצוּגֶעבֶּען רֶעכֶענְשַׁאפְט. לְמָשָׁל אֵיין פָאטֶער הָט גֶעהַאט צְוַויי קִינְדֶער אֵיינֶער הָט גֶעהַאט אַ גוּטֶן קָאפּ, דַאצוּ אִיז עֶר גֶעוֶועזֶן אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּנ אַ יְרֵא שָׁמַיִם עֶר אִיז אָבֶער דָאךְ אַ קִינְד. פְלֶעגְט אִיהם דֶער פָאטֶער אַמָאל זָאגֶען מוּסָר אוּנ פְלֶעגְט אִיהם וַוייזֶען ווי אֵיין מֶענְשׁ דַארְף זִיךְ פִּיהרֶן, אָבֶער אַלֶעס קוּרְץ אוּנ שַׁארְף, דֶען פִיעל הָט מֶען מִיט אִיהם נִיט בַּדַארְפְט רֶעדֶן, דֶער צְוֵויטֶער זוּהְן אִיז גֶעוֶועזֶן אֵיין אֵיינְפַאכֶער אוּנ דֶערצוּ אֵיין שְׁטִיפֶר אוּנ אַבִּיסֶל פֶערְדָארְבֶּן אוֹיךְ, אִיהם הָט שׁוֹין דֶר

### משלי אבות

עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר וגו' דַע מֵאַיִן בָּאתָ וגו' מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה). עס אִיז קָשֶׁה נָאךְ וָוס חַזֶרְט כִּיר דֶר תַּנָּא אִיבֶּער צְוַויי מָאל דִי וֶוערְטֶר (מֵאַיִן בָּאתָ. וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ) דַארְף עֶר תֵּיכֶף זָאגֶען (מֵאַיִן בָּאתָ

### מדרש אבות

(הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵירָה), דֶר מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל זָאגְט דָאס אִיבֶּר דֶעם זָאגְט עֶר גִים וְאֵין אַתָּה בָא לַעֲבֵירָה נָאר לִידֵי עֲבֵירָה, וַוייל פוּן יֶעדֶער עֲבֵירָה וָוס דֶר מֶענְטְשׁ טוּט וֶוערְט ר"ל בֶּעשַׁאפֶן אַ מַשְׁחִית וֶועלְכֶעס דֶר מְחַבֵּל אַלֵיין שְׁלָאגְט אִים אוּנ פַּאנִיגְט אִים, דָס מֵיינְט דֶר תַּנָּא זָאלְסְט זִיךְ הִיטֶן פוּן אֵיין עֲבֵירָה דָס דוּ זָאלְסְט נִיט פַאלֶן צוּ דִי עֲבֵירָה אִין דִיא הַאנְד אַרַיין דָאס מֵיינְט מֶען אִין דִיא הַאנְד פוּן מַשְׁחִית ר"ל וֶועלְכֶער וֶוערְט בֶּעשַׁאפֶן פוּן דִיא עֲבֵירָה:

### פירוש ע"ט

אַרְבֵּייט. רַבִּי טַרְפוֹן אוֹמֵר רַבִּי טַרְפוֹן זָאגְט דֶר טָאג פוּן מֶענְשֶׁן אִיז קוּרְץ אוּנ וֶועניג אוּנ דִי מְלָאכָה פוּן דֶר תּוֹרָה אִיז זֶעהר פִיעל אוּנ דִי אַרְבֵּייטֶער וָוס הָאבֶּן זִיךְ אָנְגֶענוּמֶן צוּ דִינֶען צוּ הַשׁ"י אוּנ תּוֹרָה לֶערְנֶען זֶענֶען פוּל זֵיי טְהוּן נִיט בִּזְרִיזוּת אוּנ דֶר שָׂכָר אִיז פִיעל אוּנ הַשׁ"י וָוס עֶר אִיז אוֹיף גָאר דֶר וֶועלְט אַ בַּעַל הַבַּיִת שְׁפַּארְט עֶר צוּ מֶען זָאל אַרְבֵּייטֶן, ווי אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֶעהְט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה טָאג אוּנ נַאכְט. הוּא הָיָה אוֹמֵר רַבִּי טַרְפוֹן פְלֶעגְט זָאגֶען, נִיט אוֹיף דִיר אִיז אַ חִיּוּב אַז דוּ זָאלְסְט דִי מְלָאכָה פוּן דֶר תּוֹרָה גוֹמֵר זַיין ווי אַ נַאנְדֶערֶער פּוֹעֵל וָוס מֶען צָאהְלְט אִיהם נִיט בִּיז וַואנֶען עֶר מַאכְט פַארְטִיג גָאר דִי מְלָאכָה, בַּיי דֶר תּוֹרָה אִיז נִיט אַזוֹ, אָבֶער דוּ בִּיסְט נִיט פְרַייא דֶר פוּן אַז דוּ זָאלְסְט מְבַטֵּל זַיין פוּן דֶר תּוֹרָה וּמִצְוֹת. וֶוען דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט פִיעל תּוֹרָה גִיט מֶען דִיר פִיעל שָׂכָר אוּנ דֶר בַּעַל הַבַּיִת וָוס דוּ אַרְבֶּעסְט בַּיי אִיהם אִיז בַּאגְלַייבְּט אַז עֶר וֶועט דִיר צָאהְלֶן דֶעם שָׂכָר פוּן דַיין אַרְבֵּייט אוּנ דוּ זָאלְסְט וִויסֶן אַז דֶם גֶעצָאהְלְט פוּן דִי צַדִּיקִים וֶועט זַיין נָאךְ תְּחִיַּת הַמֵּתִים אַז דִי טוֹטֶע וֶועלֶן לֶעבֶּעדִיג וֶוערֶן אָמֵן:

עֲקַבְיָא בֶּן מַהֲלַלְאֵל עֲקַבְיָא דֶר זוּן פוּן מַהֲלַלְאֵל זָאגְט קוּק אִין דִי דְרַיי שְׁטְרָאף רֵייד וֶועסְטוּ נִיט קוּמֶען אֲפִילוּ צוּ אַזוֹ אֵיין זַאךְ וָוס פוּן דֶעם קֶענ מֶען קוּמֶען צוּ אֵיין עֲבֵירָה דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶן יַד אַזוֹ ווי מֶען רוּפְט אַהַאנְד פוּן אֵיין כְּלִי וָוס מֶען נֶעמְט אָן דִי כְּלִי צוּ הַאלְטֶן, דְרִיבֶּער שְׁטֶעהְט לִידֵי עֲבֵירָה אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן צוּ דֶער עֲבֵירָה אַלֵיין וֶועסְט דוּ בְּוַדַּאי נִיט קוּמֶען וֶוען דוּ

אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה, דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן. מֵאַיִן בָּאתָ, מִטִּפָּה סְרוּחָה, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: ב רַבִּי חֲנִינָא סְגַן הַכֹּהֲנִים אוֹמֵר, הֱוֵי מִתְפַּלֵּל בִּשְׁלוֹמָהּ שֶׁל מַלְכוּת, שֶׁאִלְמָלֵא

## דרכי אבות

פאטר געמוזט זאגען גאנץ אגדרש מוסר און גיט קיין קורצע ווערטער ווייל ער האט ניט פערשטאנען אויפן וואונק איהם הט מען געמוזט בעשטראפען אויך, דר משל איז דערפון אזוי עס איז דאך אין גרונד איין פראגע וואס דארף דר תנא שטעלן צוויי מאל איין זאך. (דע מאין באת). דערנאך ווידער (מאין באת ולאן אתה הולך). און ווייטער די זעלבע ווערטער, נאר דר תירוץ איז דר תנא זאגט דא מוסר פר צוויי סארטן מענשן, א) פר די גרויסע תלמידי חכמים וואס פר זיי איז אוואונק אויך געגנוג איז ער זייא מרמז קורץ אויף דער הייליגע נשמה. (דע מאין באת). זאלסט וויסען אז דו שטאמסט פון עולם העליון. זיא, דיא נשמה איז איין חלק אלוה ממעל. (ולאן אתה הולך). און וואו אהין דארף זיא

## תפארת אבות

דר תנא זאגט די אלע דריי זאכן קאן דר מענטש אין זיך אליין אנזעהן גלייך ווי ער וואלט געזען דר שפיגעל פון די זאכן, איז טייטש הסתכל דו זאלסט ווערן נכוקט געזעהן פון דיר אליין דו זאלסט זיך איינשפיגלן אין דיר אליין צו זעהן די דריי זאכן ערשטענס זעהט דאך דר מענטש אז ער איז פון ליחה סרוחה אז עס מאכט זיך נאר חלילה א שטיקעל ראנגע עס געהט מאטעריע אדער ער איז גאר עפים ניט ריין אויף דעם מאגן אדער ער איז עפים אזוי ניט גזונד ר"ל פארך

## מעשה אבות

(ולפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון), פאר וועמען דארפסט דו אב געבן רעכענשאפט, דער תלמוד ירושלמי ברענגט אין מסכת נדרים רבן יוחנן בן זכאי נאך אלס יונגערמאן איז ער געווען איינער פון די אכציג תלמידים פון הלל הזקן דר רבי האט איהם גרופען אב לחכמה אב לדורות ווייל ער איז געווען געלערנט אין אלע געטליכע חכמות און

## משלי אבות

מטפה סרוחה. ולאן אתה הולך למקום עפר רמה ותולעה). מיר וועלען דיא זאך פארשטיין על פי משל א גרויסר עושר הט געהאט א בת יחידה ער הט געזוכט איין איידעם איין עלוי געוועהנליך האט ער צווישען נגידים ניט געפינען קיין עלוי ער איז געפאהרען אין א ישיבה דר ראש הישיבה האט איהם אנגעוויזען אויף א בחור איין אמת'ער עלוי וועלכר איז געגאנגען זעהר אבגעריסן נאר דר קאפף זיינר איז גאר געווען זעלטן, דער עושר האט זיך מיט איהם משדך געווען ער האט איהם געגעבן נדן זעהר פיעל געלד און האט איהם צו געזאגט עולמות קעסט ער הט איהם תיכף געהייסען מאכען טייערע מלבושים אויף דעת נגידישען אופן און איהם אנגעקליידט נאר פאר דעם איבער טהון דיא

## בית אבות

(לתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ב"ה) דס איז טייטש אז דר מענש וועט בעדארפן אפ צו געבן דין וחשבון פון זיינע מעשים פר השם יתברך דעריבער דארף ער זיך היטען ער זאל ניט זינדיגען, איז דא צו פרעגען פארוואס שטעהט א טאפעל לשון "דין וחשבון" עס וואלט דאך גענוג געווען עס זאל שטעהן "ליתן חשבון לפני כו'" אז מען וועט בעדארפן אפ צו געבן חשבון פון אלע מעשים צו וואס דארף שטעהן דס ווארט דין, צו פר ענפערען דס וועלן מיר מקדים זיין מיט איין משל, עס איז געווען א מלך בשר ודם האט ער אריין געזעצט זיינם א מענש אי איין געשעפט אריין ער זאל ארבייטן דרינן דאס געשעפט

## פירוש ע"ט

וועסט תמיד אין זין האבען די דריי שטראף רייד, וואס זעגן זיי דו זאלסט וויסען און זאלסט תמיד טראכטען פון וואנען פון וואס פר איין ארט ביסט דו געקומען אויף דער וועלט און וואו אהין איז דיין גאנג אז דוא וועסט אוועק גיין פין דער וועלט און פאר וועמען ביסט דוא אנגעברייט צו געבען דין וחשבון אויף דיינע מעשים בשעת מ'משפט, היינט איז ער מפורש, פון וואנען ביסט דו געקומען פון איינעם שענדליכען טראפפין איבער דעם קענסט דוא קיין שום גאוה און קיין האפירדיקייט ניט האבען און וואו אהין איז דיין גאנג אין אזו איין ארט אין קבר ערד און אלערלייא ווערים און פר וועמען ביסט דוא אנגעברייט צוא געבען משפט און חשבון פר גאט ברוך הוא וואס ער איז א מלך איבער אלע מלכים. רבי חנינא סגן הכהנים אומר רבי חנינא דר העכער פון די כהנים פלעגט זאגן הוי מתפלל בשלומה של מלכות דו זאלסט בעטן ביי גאט פר דעם מלך וואס מען איז אין זיין מדינה אז עס זאל איהם זיין שלום און פרייד ווען עס

מוֹרָאָהּ אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ חַיִּים בְּלָעוֹ: רַבִּי חֲנִינָא בֶּן־תְּרַדְיוֹן אוֹמֵר, שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִים וְאֵין בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה, הֲרֵי זֶה מוֹשַׁב לֵצִים, שֶׁנֶּאֱמַר, וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב. אֲבָל שְׁנַיִם שֶׁיּוֹשְׁבִים וְיֵשׁ בֵּינֵיהֶם דִּבְרֵי תוֹרָה, שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵינֵיהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר, אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע, וַיִּכָּתֵב סֵפֶר זִכָּרוֹן לְפָנָיו, לְיִרְאֵי

## תפארת אבות

געבין שטונקט ער שון נייל ער שטאמט פון אפארשטינ־קענעם טראפן, אונ וויא אהין ער געהט זעהט ער אוך אן אין זיך דאס וואס עלטער דר מענטש ווערט איז ער אלס שוואכער אונ עס בייגט זיך אים איין דר קאפ אראפ צו די ערד צו ווייזן איהם דס ער שטארבט אפ ביסלעכווייז אונ ער רוקט זיך צו די ערד אונ צוא דעם קבר מיט ווערעם, אונ ווען ער וויל זעהן מיט אפענע אויגן דיא השגחה פרטית

## דרכי אבוה

ווייטער געהן תחת כנפי השכינה. אויך דארפסט דו וויסן (לפני מי אתה עתיד לתן דין וחשבון) אז גאך דעם ווי זי לעבט אב די זיבעציג יאר אין עולם השפל דארף זי אבגעבן איין דין וחשבון אויף איהרע מעשים וום זי

## משלי אבות

מלבושים הט ער מיט איהם אויסגענומן א תנאי דאס ער זאל זיך שטענדיג אין דיא בעסטע אונ אין דיא רייכסטע צייט דערמאנן ווי ער הט אויסגעזעהן בעת ער הט זיך מיט איהם משדך געווען אין די צוריסענע מלבושים בעזונדר הט דר עושר געלאזט מאכן עקסטרא א שיין שענקיל ווי ער האט דיא צוריסענע מלבושים בעהאלטן דר חתן פרעגט ביי איהם צו וום ער בעהאלט די מלבושים אז ער וועט אזוי אויך געדענקען זיינע מלבושים, דער עושר ענטפערט איהם דו וועסט שוין זעהן צו וום זיי וועלן דיר נוטצען עס איז געקומן דר זמן התחתונה הט איהם דער עושר אויף געעפענט דאס שענקעלע אונ זאגט צוא איהם זעה נוט מיין קינד דיינע מלבושים ווי זיי האבן אויסגעזעהן אונ איך נעם נאך

## מעשה אבות

איז געווען דר גרעסטער פון די דורות וום נאך איהם זענען געווען, אין מסכת ברכות דערציעהלט די גמרא אז ווען דר תנא איז קראנק געווארין אונ זיינע תלמידים זענען געקומן צוא אים מבקר חולה זיין הט ער אן געפאנגן שטארק צו וויינן, די תלמידים האבן אים געפרעגט הייליגער רבי וואס וויינט איהר הט ער זיי געזאגט ליבע קינדער ווי זאל איך ניט וויינן דענקט אז מען וואלט מיר געפירט דן זיין צו איין שר איין בשר ודם וום זיין כעס איז ניט קיין עוויגר אונ זיין טורמע

## בית אבות

זאל זיך אלע מאל פארבעסערן, אונ הט געזאגט צו דעם מענש אז דו וועסט ארבייטן אין דעם געשעפט אונ עס וועט זיך פארבעסערן וועל איך דיר זייער גוט בעצאהלן וועלכעס דו וועסט רייך ווערען דער פון, אבר אז דו וועסט ניט ארבייטן עס זאל זיך אלע מאל פארבעסערן ממילא וועט דאס געשעפט קאלע ווערען וועל איך דיך שטראפן אין צווייטן, איין מאל וום דו האסט ניט פארבעסערט דס געשעפט, דאס אנדערע מאל וום דס געשעפט איז דורך דיר קאלע געווארן, דער נייל איז געווען נאך איינר ביי דעם מלך וועלכעס ער הט געוואוסט אז דר מענש וועט פארבעסערן דם געשעפט וועט ער זוכה זיין צו אזעלכע גדולה אונ צו עשירות וועלכעס עס איז נישט משער צו זיין, הט זיך יענר מקנא געווען אין דעם מענש פארוואס זאל ער זוכה זיין צו אזוי פיעל גוטס, איז ער געקומן צו דעם מענש אונ הט איהם געזאגט וום טויג דיר צו ארבייטן אין דעם געשעפט עס קען נאך געדויערן פיעל יאהרן איידער דער מלך וועט ביי דיר אפנעמען חשבון נעם בעסר ארום געלט פון דעם געשעפט אונ עס אונ טרינק וום געהט דיך אן אז דם געשעפט וועט קאלע ווערן

## פירוש ע"ט

וואלט ניט געוועזן זיין פאר־כט וום דער עולם האט מורא פאר דעם מלך וואלט איינער דעם אנדערן געגזלט אדר געהרג'עט אונ דריבר שטעהט בשלומה של מלכות אז מען זאל אויך פר אלע זיינע שרים ויועצים וום פיהרן זיין מלוכה פאר זיי דארף מען אוך גאט בעטן. רבי חנינא בן תרדיון אומר רבי חנינא בן תרדיון זאגט ווען צוויי זיצן אין איינעם אונ זייא רעדן ניט פון דר תורה נאר זיי רעדן לעהרע רייד וום קומט ניט צו ניץ דם הייסט וואס דיא תורה רופט זיי שפעטערס ווארום אין פסוק שטייט א שבח אין זיצונג פון דיא שפעטערס איז ער ניט געזעסן אונ ווייטר שטייט נאר אין גאטס תורה איז זיין באגער אבר ווען צוויי מענטשן זיצן אונ זיי רעדן יא דברי תורה רוהט צווישן זיי די שכינה ווארום אין פסוק שטייט אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו דענסטמאל אז איינר צום אנדערן רעדן גאטס פארכט דס מיינט מען דברי תורה פר נעמט גאט אונ הערט זייערע רייד אונ עס ווערט אן געשריבן אין ספר עס



זאל

יי וּלְחשְׁבֵי שְׁמוֹ, אֵין לִי אֶלָּא שְׁנַיִם, מִנַּיִן אֲפִילוּ אֶחָד שֶׁיּוֹשֵׁב וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא קוֹבֵעַ לוֹ שָׂכָר, שֶׁנֶּאֱמַר, יֵשֵׁב בָּדָד וְיִדֹּם, כִּי נָטַל עָלָיו: ג רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, שְׁלשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד, וְלֹא אָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה כְּאִלּוּ אָכְלוּ מִזִּבְחֵי מֵתִים, שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי כָּל־שֻׁלְחָנוֹת מָלְאוּ קִיא צֹאָה, בְּלִי מָקוֹם. אֲבָל שְׁלשָׁה שֶׁאָכְלוּ עַל שֻׁלְחָן אֶחָד, וְאָמְרוּ עָלָיו דִּבְרֵי תוֹרָה, כְּאִלּוּ

## דרכי אבות

האט דא געטהון פאר הקב"ה דעם באשעפער פון די נשמות. ב) פר פראסטע מענשן וואס זיי פערשטעהן ניט קיין רמזים אונ גייסטיגע זאכן, זיי זאגט דר תנא איינ־פאכע ווערטער. (דע מאין באת). וויים פון וואנען דו קומסט (מטפה סרוחה. ולאן אתה הולך) אונ וואו גייסטו. (למקום עפר רמה ותולעה) אין דר ערד אונ אין אארט פון ווערם. (ולפני מי אתה עתיד) אונ דערמאן זיך אז דו דארפסט אפגעבען דין וחשבון (לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה), אונ אז דו וועסט עובר זיין אויף זיין געבאט איז דער עונש זעהר גרוס:

## תפארת אבות

אין יעדער זאך ווי מיט אים פירט זיך זעהט ער גאר ניט אז אויף אלע זיינע מעשים איז דא א דאטע אונ ער וועט אפגעבען דין וחשבון ווען דר מענטש וועט זיך אין די דרייא זאכן ניט איינשפיגלען ער וועט זיך ניט דארפן קוקן אדער לייען א שפיגעלע נאר דם שפיגעלע וועט ער אליין זיין אזוי וועט ער ניט קומען צוא קיין עבירה:

## מעשה אבות

דם גלייכן אונ ווען ער זאל מיר דן זיין למיתה איז דאך דם אוך ניט קיין עוויגער טויט דען דאס אלעס קען דאך נאר בערירען מיין קערפער אבער ניט די נשמה אונ עס קען דאך טרעפן אז דר שר זאל מיר פערצייהען אויך פון דעסט

## משלי אבות

אמאל מוט ר"ר אוים א תנאי דם דו זאלסט כמעט אלע שבע חאטשע געדענקן אין די צוריסענע מלבושים אונ קינזיגער ווען דו וועסט מאכן א שמחה אדער א גוט געשעפט זאלסט דו עפענען דם שענקעלע זאלסט דו דיך אין זיי אנשפיגלען, דר חתן זאגט צו איהם איך זעה איהר ווילט מיך נאר מצער זיין עס איז ווינציג דם וואס איך זאג אייך צו איך וועל זייא געדענקן ווילט איהר נאך מיך מצער זיין דאס אין מיין גרעסטע שמחה זאל איך מיך אן שפיגלען אין זיי, דר עושר ענטפערט

## בית אבות

הט דר מענש יענעם געפאלגט, יענר הט זיך נאך ניט געקיהלט אונ האט איהם נאך אן גערעדט ער זאל בידים קאלע מאכן דם געשעפט, וואס מעהר דר מענש הט איהם געפאלגט האט ער איהם מעהר אנגערעדט קאלע צו מאכען אלדינג, אין אצייט ארום שיקט דר מלך נאך דעם מענש ער זאל אפ געבען חשבון פון דעם געשעפט, דר מענש הט זיך זייער דערשראקן ער הט נישט וואס אפ צו געבען חשבון עס איז אלדינג קאלע עס העלפט אבר גאר ניט ער מוז געהן פר דעם מלך, ער קומט פר דעם מלך שטעלען זיך אלע שכנים פאר עדות אונ זאגן אדוני המלך ניט גענוג ער הט ניט פר בעסערט דם געשעפט ער הט נאך דערפון אלע מאל ארויסגענומען צו זיינע זאכען אונ דורך דעם איז דאס געשעפט קאלע געווארן, אפילו יענר וואס האט איהם אנגערעדט צו דעם אלעמען שטעלט זיך אויך פר איין עדות אונ זאגט איך אליין בין געווען מיט איהם

## פירוש ע"ט

זאל תמיד דר מאנט ווערן פר איהם צו די גאטס פארבאטענע אונ די וואס טראכטן זיין נאמן דם מיינט מען וואס טראכטן אין דר תורה וואס נאר די תורה איז אלץ דר נאמן פון גאט ברוך הוא. פון דאנען ווייסט מען נאר אז צוויי לערנען באנאנדער תורה פון וואנען ווייסט מען חאטש איינער וואס זיצט אונ איז עוסק אין דר תורה אז הקדוש ברוך הוא שטעלט איהם שכר ווייל עס שטייט אין פסוק ישב בדד וידום ער זיצט א ליין אונ ער רעדט שטיל ניט אזוי ווי צוויי רעדען אדער וידום ער טהוט טראכטען אין דער תורה וואדום עס איז אויף איהם ארויף געווארפן שכר. רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט ווען דריי האבן געגעסן אויף איין טיש אונ זיי האבן אויף דעם טיש ניט געזאגט קיין דברי תורה איז גלייך ווי זייא האבן געגעסן פון דעם וואס מען הט געקולט צו דר עבודת גלולים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי כל שלחנות מלאו קיא צואה אלע טישן זענען פול מיט מיאוסקייט וואו מען דערמאנט ניט גאטס נאמען אויף דעם טיש מיינט מען דברי תורה אבר ווען דריי האבן געגעסן ביי איין טיש אונ האבן

# אכלו משלחנו של־מקום. שנאמר. וידבר אלי זה השלחן, אשר לפני יי: ד רבי חנינא בן־חכינאי אומר. הנעור בלילה. והמהלך בדרך יחידי. ומפנה לבו לבטלה. הרי זה מתחיב בנפשו: ה רבי נחוניא בן־הקנה אומר. כל־המקבל עליו על תורה, מעבירים ממנו על מלכות ועל דרך ארץ, וכל־הפורק ממנו על תורה. נותנים עליו על מלכות ועל דרך ארץ: ו רבי חלפתא בן־דוסא איש כפר חנניא אומר. עשרה שיושבים ועוסקים בתורה. שכינה שרויה

## משלי אבות

איהם ביין מיין קינד איך מיין חלילה ניט דיך מצער צו זיין איך מיין נאר דיין טובה דאס איך אונ מיין מאכטער אונ מיין גאנץ בני בית זאלען דיך שטענדיג חשוב האלטען אונ ליעב האבן. דען איצט ביסטו זעהר דם וואוהלע קינד נוייל די ביסט ביי זיך זעהר פשוט די געדענקסט נאך דיין ביטערע פאלאזעניע וויא די האסט אויס געזעהן בין איך בייא דיר זעהר חשוב דינא פאלגסט מיך אונ אויך מיין מאכטער איז ביי דיר זעהר חשוב איך האב אבער מורא פאר דיא שפעטערע יאהרען נאך דיא חתונה וועלכעס עס וועט דיר ניט פעהלען פון פיינעלם מי״ך אונ די וועסט אנהייבען צו פיהרען געשעפטן וועסטו קריגן פליי אין דר גאז די וועסט זיך ניט וועלן פאלגן וועלכם דאס וועט דיר חלילת ברענגן איין אום שלום אונ איך וועל דיך פיינד קריגן דאס עס וועט דיר ניט גוט זיין. איבער דעם איז מיין כוונת די זאלסט זיך אלע טאג דערמאנען אין די מלבושים, נאר אין א געוועהנליכען טאג, קאן זיין פאר דיר א פעולה בלוים דם דערמאנען זיך אבר בעת ווען די וועסט האבנא שמחה אדער אזו איין גליק קאן שוין דאס בלויסע דערמאנען זיך ניט פועלן סיידין די וועסט זיך אין וויא אנשפיגלן. דאס זאגט דר תנא אין א געוועגליכע צייט איז אמאל גענג בלוס דער זכרון (מאין באת) פון וואנן די ביסט געקומן אבער בעת ווען דוא ביסט בעקוראשט פרייליך מוזט די דיר פארשטעלן דעם פר שטונקענעם טראפן וואס די קומסט ארוס פון איהר בקדי די זאלסט שון מעהר ניט זינדיגען :

## מעשה אבות

ייפנען תו מען וואלט מיר געפיהרט צוא איהם וואלט איך נעיים שטארק געוויינט היינט ווי זאל איך ניט וויינען אז איך ווייס אז מען פיהרט מיר לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה וואס ער איז איין עווינגער אז ער זאל ח״ו זיין אין כעס

## בית אבות

באנאנד יעדעס מאל ווס ער הט קאלע געמאכט דאס געשעפט, זאגט דר מלך צו דעם מענש ווען די וואלסט געווען געטהון מיין ווילן צו ארבייטן אין דעם געשעפט עס זאל זיך אלע מאל פארבעסערן וואלט איך דיך בנדאי געוועזן רייך געמאכט אויף תמיד. אבר אצינר וועל איך ג״כ מקיים זיין מיינע רעד אונ שטראפן דיך אין צווייען איין מאל ווס די האסט ניט פארבעסערט דם געשעפט, דם אנדערע מאל וואס די האסט נאך קאלע געמאכט דם געשעפט. דר נמשל איז בקיצור השם יתברך הט בעשאפען דעם מענש ער זאל טהון מצות ומעשים טובים ער זאל אלע מאל פארבעסערן די נשמה פאר דעם וועט ער בעצאהלען דעם מענש פיעל גוטס וועלכעס עס איז נאר גישט משער צו זיין. קומט דר יצר הרע אונ רעדט אן דעם מענש ער זאל גיט טהון קיין מצות נאר זאל געהן נאך זיינע תאוות מיט שלעכטע מדות וועלכעס דם איז באמת נאר גישט.

## פירוש ע״ט

יוא גערעט דברי תורה איז גלייך וויא זייא האבן געגעסן פון גאטס טיש ווייל אין פסוק שטייט אונ ער הט גערעט צו מיר פריהער שטייט פון דעם מזבח אונ דר נאך שטייט השי״ הט מיר געזאגט דם דר מזבח איז דר טיש וואס מען זאגט אויף איהם דברי תורה. רבי חנינא בן חכינאי אומר רבי חנינא בן חכינאי זאגט ווער עס איז אויף ביי נאכט אונ ווער עס גייט איינר אליין אונטער וועגענס אונ ער קערט א וועק זיין הארץ צו לערע זאכן ניט אין זין צו האבען דברי תורה שטעלט איין זיין נפש ווארום דיא צוויי זענן א סכנה אונ די תורה וואלט איהם געהיט. רבי נחוניא בן הקנה אומר רבי נחוניא בן הקנה זאגט ווער עס איז אויף זיך מקבל דעם יאך פון דר תורה פיהרט מען אוועק פון איהם עס זאל אויף איהם ניט זיין דר עול פון פרנסה מען מאכט איהם גרינג מען גיט איהם פרנסה כדי ער זאל קאנען לערנען. רבי חלפתא רבי חלפתא פון דעם דארף חנניא זאגט ווען צעהען זיצן אונ זענן עוסק בתורה רוהט צווישן זיי

בֵּינֵיהֶם, שֶׁנֶּאֱמַר. אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת־אֵל. וּמִנַּיִן אֲפִילּוּ חֲמִשָּׁה. שֶׁנֶּאֱמַר, וַאֲגֻדָּתוֹ עַל־אֶרֶץ יְסָדָהּ. וּמִנַּיִן אֲפִילּוּ שְׁלֹשָׁה. שֶׁנֶּאֱמַר. בְּקֶרֶב אֱלֹהִים יִשְׁפֹּט. וּמִנַּיִן אֲפִילּוּ שְׁנַיִם, שֶׁנֶּאֱמַר, אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי יְיָ, אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ. וַיַּקְשֵׁב יְיָ וַיִּשְׁמָע. וּמִנַּיִן אֲפִילּוּ אֶחָד. שֶׁנֶּאֱמַר. בְּכָל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת־שְׁמִי. אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ: ז רַבִּי אֶלְעָזָר אִישׁ בַּרְתּוֹתָא אוֹמֵר. תֶּן־לוֹ מִשֶּׁלּוֹ. שֶׁאַתָּה וְשֶׁלְּךָ שֶׁלּוֹ.

### מעשה אבות

און מיר בעשטראפן בעלאנגט דאך דאס מיין נשמה. עס איז דא צוויי וועגן איין וועג פיהרט גלייך אין גן עדן, דר צווייטער וועג איז דורך דעם גיהנם און אז מען זאל מיך פיהרן דורך דעם גיהנם אין גן עדן איז שון אויך גענוג גרוס די יסורים צו זעהן ווי דיא זינדיגע מענטשען ווערן דארט געפייניגט, און ווער קען דאס זאגען אז זיין נשמה איז אזו

### דרכי אבות

(רבי אלעזר) פון דער שטאט ברתותא זאגט, (תן לו משלו), גיב איהם פון זיינע (שאתה ושלך שלו), דען דו אליין און אלעם וואס דו האסט איז זיינע. מיט דעם זעלביגען תנא רבי אלעזר געפינט זיך אין מסכת תענית איין מעשה, ער איז געוועזין איין גרויסער בעל צדקה און גוט הערציג אהן א שיעור. וואס ער האט געהאט הט ער אוועק געגעבן ארעמע און פון מעהר צדקה ער חם נגעבן הט איהם השי"ת ממלא געוועזן כפלי כפלים, דיא גבאי צדקה זוען זיי זעגין געגאנגען זאמלען געלד פיר ארעמע לייט פלעגין זייא זיך פון איהם בעהאלטן, דען עס איז זיי געוועזן גוויסענהאפט צו נעמען די גרויסע נדבות פון אים. (ויהי היום) הט רבי אלעזר בעדארפט חתונה מאכן איין טאכטער, האט ער גנומען איין רעכטע סומע געלד צוזאמען צוקויפען פאר איהר קליידר און צירונג. גייענדיג האט ער דערזעהן פון וויטען דיא גבאי צדקה נאר זיי האבן זיך געוואלט פון איהם בהאלטן, האט ער זיי אנגעיאגט און גזאגט צו זיי איך פערלאנג פון אייך אז איהר זאלט מיר זאגן פר וועמן קלויבט איר צוזאמען האבן זייא איהם געזאגט אויף הכנסת כלה. דר חתן און דיא כלה זענין ארעמע יתומים. האט רבי אלעזר ארוס גנומען דם גאנצע געלד וואס ער הט ביי זיך געהאט און הט זיי אוועק געגעבן, די ארעמע יתומים זענין מעהר נייטיג ווי מיין טאכטר האט ער געזאגט און איז אוועק.

### בית אבות

נאר עס מאכט קאליע די נשמה מיט אלדינג פון יעדערע עבירה ווערט בעשאפן א מקטרג ווען עס קומט דיא צייט דר מענש זאל נפטר ווערען שטעלען זיך אלע מקטריגים מיט דעם יצר הרע פאר עדות אויף אלע עבירות וואס דער מענש האט געטהון און האט קאליע געמאכט די נשמה מיט אלדינג. פסק'נט מען בבית דין של מעלה מען זאל שטראפן דעם מענש אין צווייען, איינמאל וואס ער הט ניט פארבעסערט די נשמה מיט מצות ומעשים טובים דם אנדערע מאל וואס ער הט קאליע געמאכט די נשמה מיט די עבירות ומדות רעות. און אזוי טייטשט הרב הגאון ר' אליהו ז"ל מווילנא דיא משנה דע כו' ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך כו' היינו כל' זמן דר מענש לעבט דארף ער צו וויסען אז ער וועט דארפן אפ צו געבען דין וחשבון פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ת. דם ווארט דין איז טייטש אז דר מענש זינדיגט שטראפט מען איהם אויף דר שעה וואס ער הט געזינדיגט און הט קאליע געמאכט די נשמה מיט דר עבירה אדר מיט אזעלכע דיבורים

### פירוש ע"ט

די שכינה ווארום אזו שטייט אין פסוק גאט שטעהט אין דר עדה פון גאט דיא עדה וואס לערענט תורה און עדה איז צעהען, פון וואנען ווייסט מען אז אפילו פינף לערנען תורה איז די שכינה ביי זיי עס שטייט אין פסוק און זיין בונד איז אוף דר ערד געגרונד פעסט און איין בונד נעמט מען מיט דר האנד וואס איז פינף פינגר. פון וואנען ווייס מען אז ביי דריי איז אויך אזו ווארום אין פסוק שטייט צווישן דיינים שטייט גאט און ריכטעט ווייל א משפט איז אויך דברי תורה און א משפט איז פון דריי דיינים. פון וואנען ווייס איך אפילו צוויי וואס לערנען איז ביי זיי אויך די שכינה ווארום עס שטייט אין פסוק דענסטמאל אז טהון רעדן איינר צום אנדערן די גאטס פארכטיגע דברי תורה פר געמט גאט און הערט. פון וואנען ווייס מען אז איינר לערענט איז אויך ביי איהם די שכינה ווארום עס שטייט אין פסוק אויף אלע ערטר וואו איך וועל דיר געבען פערשטאנד צו דערמאנען מיין נאמען דם הייסט דברי תורה וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענטשן. רבי אלעזר איש ברתותא רבי אלעזר פלעגט זאגען געב גאט פון זיינע וואס דו טהוסט צדקה אדער א מצוה סיי מיט דעם גוף סיי מיט דעם געלד גיבסט דו אלץ גאטס ווארום דיין

וְכֵן בְּדָוִד הוּא אוֹמֵר, כִּי מִמְּךָ הַכֹּל, וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ. רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר, הַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ וְשׁוֹנֶה, וּמַפְסִיק מִמִּשְׁנָתוֹ, וְאוֹמֵר מַה־נָּאֶה אִילָן זֶה, מַה־נָּאֶה נִיר זֶה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ: ח רַבִּי דוֹסְתָּאִי בַּר יַנַּאי מִשּׁוּם רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, כָּל הַשּׁוֹכֵחַ דָּבָר אֶחָד מִמִּשְׁנָתוֹ, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר, רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד, פֶּן־תִּשְׁכַּח אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ. יָכוֹל אֲפִילוּ תָּקְפָה עָלָיו מִשְׁנָתוֹ, תַּלְמוּד לוֹמַר וּפֶן

## דרכי אבות

איין גילדן איז איהם איבער געבליבן הט ער פר איהם געקויפט תבואה אונ האט געבראכט אהיים אונ אריין געשאטן אין שפייכלער, אונ ער אליין איז געגאנגן אין בית המדרש לערנין תורה, די מוטר הט געפרעגט ביי די טאכטער וואס הט דר פאטער פר דיר איינגעקויפט, הט איהר די טאכטער גיענטפערט איך ווייס נאך ניט, זעגין זיי אריין אין שפייכלער זעהן אפשר הט ער דם דארט בעהאלטן, זעגין זיי ערשטוינט געווארן אז זייא האבען דערזעהן אז דר גאנצער שפייכלער איז פול פון ברעג צוא ברעג מיט תבואה, אין דר צייט איז גראדע געוועזין איין גרוסער יקרות, איז די טאכטר אוועק געלאפען צום פאטער אין בית המדרש אונ האט אים ערציילט מיט גרוס שמחה די ישועה וואס השי"ת האט מיט זיי געטהון. זאגט דר פאטער פון מעשה נסים טאר מען ניט הנאה האבן אליין נאר מען דארף איינטיילן דערפון ארעמע לייט אויך, דערפון מוז מען אויך געבן צדקה, דאס זאגט ער (תן לו משלו), גיב צדקה פון זיינע דאס הייסט פון גאטס (שאתה ושלך שלו), דען דוא זעלבסט אונ דיין פערמעגן אלעס איז זיינע, עס איז אלעס שייך צוא השם יתברך דוא מעגסט ביסט נאר איין גבאי אויף זיין רייכטהום:

## מעשה אבות

דיין אז ער דארף נאר ניט מורא האבן פר דעם אויבערשטענס משפט. דס זאגט די משנה ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון). פר וועמן דארפסט דו אבגעבן רעכענשאפט, לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה פאר דעם קעניג איבער אלע קעניגען פר דעם בורא ב"ה:

## בית אבות

וואס הט נישט געשמארט רעדן היינו דברים בטלים, לשון הרע, רכילות, ניבול פה, ליצנות, חנופה אדר מען פארשעהמט איהם דם איז אלץ גרויסע עבירות אונ עס מאכט קאליע די נשמה מיט אלדינג. דם ווארט וחשבון איז טייטש אז מען שטראפט איהם בעזונדער ער זאל געבן חשבון פון דר שעה וואס ער הט געטהון די עבירה אדער גערעדט שלעכטס וואלט ער בעסער די שעה געלערענט תורה אדער געטהון וועלכע מצוה וואלט ער דאך דיא שעה פארבעסערט די נשמה, אונ חוץ דעם וואס מען שטראפט איהם וואס ער הט קאליע געמאכט די נשמה די שעה פון דר עבירה שטראפט מען איהם בעזונדער וואס ער הט נישט פארבעסערט די נשמה די שעה מיט תורה אדער מצות אזוי ווי דאס משל וואס מיר האבן פריהער געשריבן, דאס זאגט די משנה אז דר מענש דארף זיך דאס אלץ תמיד צו פארעכענען ממילא וועט ער נישט פאלגען דעם יצר הרע אונ וועט קיינמאל נישט זינדיגן, נאר ער זאל פילגעוועהן צייט ער לעבט צו לערנען תורה אונ טהון מצות ומעשים טובים וויא ווייט ער קען וועט ער זוכה זיין צו פיעל גוטס אויף יענע וועלטען:

## פירוש ע"ט

גוף אונ דיין געלד איז אלץ גאטס אונ אזוי שטייט ביי דוד המלך ער הט געזאגט פון דיר איז אלץ אונ פון דיר גיבט מען דיר אלע די נדבות. רבי יעקב אומר רבי יעקב זאגט ווען איינער גייט אונטער וועגנס אונ לערינט אונ הערט אויף פון זיין לערנען אונ זאגט וואס פר א שיינקייט איז דער בוים וואס פר א שיינקייט איז דער אקער חאטשע ער מיינט גאט צו לויבן דר מיט רעכענט פארט די תורה אויף איהם ווי ער שטעלט איין זיין נפש וואס ער ווארפט אוועק דברי תורה וואס איז גרעסער פון אלץ. רבי דוסתאי בר ינאי משום רבי מאיר רבי דוסתאי זאגט פון רבי מאיר'ס וועגן ווער עס פארגעסט א ווארט פון זיין לערנען ברענגט די תורה אויף איהם ווי ער אליין שטעלט איין זיין נפש ווייל עס שטייט נאר זייא געהיט צו דיר אונ היט דיין נפש טאמער וועסטו פארגעסן די דייך וואס דיינע אויגן האבן געזעהען אז מען האט געגעבען די תורה. וואלט איך געקענט מיינען חאטשע עס איז איהם שווער געוועזן צו געדענקן דריבער הט ער פארגעסן

יְסוּרוֹ מִלְּבָבְךָ כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ, הָא אֵינוֹ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ. עַד שֶׁיֵּשֵׁב וִיסִירֵם מִלִּבּוֹ: ט רַבִּי חֲנִינָא בֶּן־דּוֹסָא אוֹמֵר, כֹּל שֶׁיִּרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת, וְכֹל שֶׁחָכְמָתוֹ קוֹדֶמֶת לְיִרְאַת חֶטְאוֹ, אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת: הוּא הָיָה אוֹמֵר, כֹּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּין מֵחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת, וְכֹל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו, אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת: י הוּא הָיָה אוֹמֵר, כֹּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, וְכֹל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ: רַבִּי דוֹסָא בֶּן־הָרְכִּינַס אוֹמֵר, שֵׁנָה שֶׁל־שַׁחֲרִית, וְיַיִן שֶׁל צָהֳרַיִם, וְשִׂיחַת הַיְלָדִים, וִישִׁיבַת בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ, מוֹצִיאִים אֶת־הָאָדָם מִן־הָעוֹלָם: יא רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי אוֹמֵר, הַמְחַלֵּל אֶת הַקֳּדָשִׁים, וְהַמְבַזֶּה אֶת־הַמּוֹעֲדוֹת,

### משלי אבות

(רַבִּי דוֹסָא בֶּן הָרְכִּינַס זָאגְט, שֵׁנָה שֶׁל שַׁחֲרִית), דֶער פְרִימָארְגֶענְדִיגֶער שְׁלָאף, (יַיִן שֶׁל צָהֳרַיִם דֶער נָאכְ־מִיטָאג וויין. (וְשִׂיחַת הַיְלָדִים) דִי קִינְדֶערְשֶׁע גִשְׁפְּרֶעכֶען, (וִישִׁיבַת בָּתֵּי כְנֵסִיּוֹת שֶׁל עַמֵּי הָאָרֶץ) אוּנ דִיא הַייזֶער וואוּ עֶס קוּמְט צוּזַאמֶען דָאס פְּרָאסְטֶע פָאלְק, (מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם), דִי אַלֶע זַאכֶען בְּרֶענְגֶען אוּם דֶעם מֶענְטְשֶׁן פוּן דֶער וֶועלְט, לְמָשָׁל אַ קִינְד וֶועלְכֶען דִיא עֶלְטֶערֶן הָאבֶּען אִים גִינֶעבֶּען דִיא בֶּעסְטֶע רַבִּיִים אוּנ לֶעהְרֶער, הָט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גְוָואלְט לֶערְנֶין קֵיין שׁוּם לִמּוּד, נִיט תּוֹרָה אוּנ נִיט אַנְדֶערֶע וויסֶענְשַׁאפְטֶן. עֶר הָאט פֶערְבְּרַאכְט זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אִין גַארִישְׁקֵייטֶען,

### מעשה אבות

(וְשִׂיחַת הַיְלָדִים), דֶר תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גֶוֶעזֶען אַיין כֹּהֵן אַיין גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם וֶועלְכֶר הָט גֶעטְהוּן זֶעהר פִיעל מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בַּסֵּתֶר, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְהוּן שְׁטִילֶערְהֵייט קֵיין מֶענְטְשׁ זָאל נִיט וויסֶען נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, הַשֵּׁי"ת הָט אִים גֶבֶּענְטְשְׁט מִיט צֶעהְן קִינְדֶר, זֶעקְס זְכָרִים אוּנ פִיר נְקֵבוֹת, עֶר הָט שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵּל גֶוֶועזֶן צוּ הַשֵּׁי"ת זַיינֶע קִינְדֶער זָאלֶען נִיט נִכְשָׁל וֶוערֶען אִין אַיין עֲבֵירָה אוּנ זָאלֶען זַיין גוּט צוּ גָאט אוּנ צוּ לֵייטֶן. עֶר אִיז

### פירוש ע"ט

שְׁטֵייט צוּ זָאגֶן אוּנְז טָאמֶר וֶועלֶן זַיי וֶוערֶען אָפּ גֶעטְהוּן פוּן דַיין הַארְצֶען אַלֶע דַיינֶע לֶעבֶּענְס טָאג ווייזְט דָס עֶר אִיז נִיט מְחוּיָב זַיין נֶפֶשׁ בִּיז וואַנֶן עֶר ווארְפְט בְּכִוָּון אַוֶועק דִי דִבְרֵי תוֹרָה כְּדֵי עֶר זָאל פַארְגֶעסֶן. רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זָאגְט וֶוער עֶס וויל לֶערְנֶען תּוֹרָה מֵחֲמַת עֶר הָט מוֹרָא פַר אַיין חֵטְא עֶר זָאל ווייסֶען וָוס אַ חֵטְא אִיז הָט בַּיי אִיהם חָכְמַת הַתּוֹרָה אַ קִיוּם אוּנ בַּיי וֶועמֶן עֶס אִיז פְרִיהֶער אוּנ דֶר עִיקָר צוּ קֶאנֶען דִי חָכְמַת הַתּוֹרָה נִיט פוּן וֶועגֶען צוּ הַאלְטֶן דִי תּוֹרָה הָט דִי תּוֹרָה בַּיי אִיהם קֵיין קִיוּם נִיט. הוּא הָיָה אוֹמֵר עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען דֶר וָוס זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶען מֶער פוּן זַיין חָכְמָה הָט דִי חָכְמָה אַ קִיוּם ווארוּם עֶר וֶועט לֶערְנֶען כְּדֵי עֶר זָאל וויסֶען צוּ טְהוּן אוּנ דֶר וָוס זַיין חָכְמָה אִיז מֶער פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים עֶר טְהוּט נִיט אַזוֹ ווִי עֶר ווייסְט וֶועט זַיין חָכְמָה קֵיין קִיוּם נִיט הָאבֶּן בַּיי אִיהם. הוּא הָיָה אוֹמֵר עֶר פְלֶעגְט זָאגֶן פוּן דֶעם וָוס לַייט הָאבֶּן הֲנָאָה עֶר פִיהְרְט זִיךְ מִיט זַיי עֶרְלִיךְ אוּנ מִיט גוּטֶען הָט הַשֵּׁ"י אוֹיךְ פוּן אִיהְם הֲנָאָה אָבֶּר פוּן דֶעם מֶענְשׁ וָוס לַייט הָאבֶּען נִיט קֵיין הֲנָאָה עֶר פִיהְרְט זִיךְ נִיט רֶעכְט מִיט לַייטֶן הָט דֶר אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ פוּן אִיהְם קֵיין הֲנָאָה נִיט. רַבִּי דוֹסָא בֶּן הָרְכִּינַס רַבִּי דוֹסָא בֶּן הָרְכִּינַס זָאגְט דֶר שְׁלָאף פוּן דֶער פְרִיה וֶוען דִי צֵייט אִיז פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּנ תְּפִלָּה אוּנ דֶר ווַיין וָוס מֶען טְרִינְקְט מִיטָאג צֵייט אוּנ דִי נַארִישֶׁע רֵייד פוּן דִי יוּנְגֶע לַייט אוּנ דָס אַיינְזַאמְלוּנְג וָוס עַמֵּי הָאָרֶץ זִיצֶען אוּנ רֶעדֶן דְבָרִים בְּטֵלִים צִיהֶען אוֹיס דֶעם מֶענְשֶׁן פוּן דֶר וֶועלְט דָס מֵיינְט מֶען פוּן יֶענֶער וֶועלְט. רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי רַבִּי אֶלְעָזָר הַמּוֹדָעִי זָאגְט וֶוער עֶס פַארְשְׁוֶועכְט דִי קָדָשִׁים אוּנ דִי קָרְבָּנוֹת עֶר אִיז בְּכִוָּון מְטַמֵּא אָדֶר עֶר עֶסְט דִי קָדָשִׁים וָואס מֶען טָאר נִיט עֶסֶן אוּנ וֶוער עֶס אִיז מְבַזֶּה חוֹל הַמּוֹעֵד עֶר טְהוּט מְלָאכוֹת וָוס מֶען טָאר נִיט

וְהַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים, וְהַמֵּפֵר בְּרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ. וְהַמְגַלֶּה פָנִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה, אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא: יב רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר, הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ, וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה: יג רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר, שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ מַרְגִּילִין אֶת הָאָדָם לְעֶרְוָה. מַסֹּרֶת סְיָג לַתּוֹרָה, מַעַשְׂרוֹת סְיָג לָעֹשֶׁר. נְדָרִים

## מעשה אבות

גווען אין אזו איין מדרגה אז ווען עזרא הסופר האט ארויס גנומען די ישראל פון גלות בבל אונ האט זייא געבראכט אין ירושלים אונ געבויט דעם בית המקדש, האט ער דעם כהן אויך מיט גנומען פון בבל אונ האט פון זיינע קינדער געמאכט פיעל כהנים גדולים אונ יונגע כהנים צום בית המקדש, דער כהן דער צדיק האט זעהר לאנג גלעבט ביז ער האט זוכה גוועזן צו זעהן קינדר אונ קינדס קינדער כהנים ומשרתי עליון אין בית שני אונ האט גהאט פון זיי נחת וגדולה, דר נאך איז ער גשטארבן מיט גרויס כבוד אונ האט גיהאט עוה"ב ווי די גרעסטע צדיקים פון דר וועלט אונ דס איז אלץ גוועזן ווייל ער האט די קינדר גוט מדריך גוועזן בדרך הישר אונ האט אין זיי פערפלאנצט תורה ויראת שמים אין דר יוגענד אונ האט אלץ פערבראכט מיט זייא אין מוסר ותוכחה. דאס בעווייזט אונז אז יעדער מענטש דארף פערברענגען מיט די קינדער אין אזעלכע גשפרעכן וואס פערעסטיגט זיי אין דר רעליגיאן אין תורה וחכמה, אבער ניט אין אזעלכע גשפרעכן וועלכע ברענגען קיין נוצן נאר שאדן דעם קינד, דס זאגט דער תנא ושיחת הילדים דיא נארישע רייד מיט קליינע קינדער אין דברים בטלים, מוציאין את האדם מן העולם ברענגי' אום דעם מענטשען פון ביידע וועלטן:

## משלי אבות

מען קאן זיך באגין גוט דערקענען וואס פון אזא קינד איז גוואָרן, די יונגע יאהרן זענין אוועק, נאכדעם אז ער האט חתונה גהאט האט ער אויך פארבראכט אין לוקסוס אונ פערשידענע פערגניגען, מיט דער צייט זענין ביי איהם צוגעקומען עטליכע קינדר פלעגט ער מיט זייא פארברענגען די צייט אויך אין נארישע גשפרעכן, ער איז גוואָרען עלטער אונ האט אין זיך ניט גהאט קיין ריח תורה אויך קיין אנדערע קענטניסע, ער געהט ניט אין בית המדרש אום צו לערנען דען ער קאן דאך גאר ניט, נאר ער געהט צוא מענטשען זייגעם גלייכן אונ דערצעהלט זיי נארישע מעשיות, פון אזא אופפירונג געהט ער אראב פון זיין שטאנד אונ עס ווערט פון איהם אונ פון זיין גאנצע פאמיליע א בארג אש, ער שטארבט פר דער צייט אהן איין רעכנונג, בחושך חי ער האט גפירט א פינסטערע לעבען, (ובחשך שמו יכוסה) אונ זיין נאמען בלייבט אויך פינסטער, דאס זאגט דר תנא שנה של שחרית דר פריהמארגענדיגער שלאף דס הייסט אז מען פאר באכלעסיגט דיא יונגע יאהרן ווי עס איז ידוע אז די יוגענד פון מענטשן ווערט גרופן שחר (ויין של צהרים) אונ דר נאכמיטאגס וויין, דס הייסט אז מען פערברענגט דיא מיטעלע יאהרן אין לוקסוס אונ נארישקייטען (ושיחת הילדים), אונ דיא נארישע קינדערשע פלודערונגען (וישיבת בתי כנסיות של עמי הארץ) אונ די הייזער וואו עס קלויבן זיך צוזאמען דאס פראסטע פאלק אונ פערברענגען דיא צייט אין נארישע גשפרעכן, (מוציאין את האדם מן העולם) דיא אלע זאכן ברענגען אום דעם מענטשען פון דער וועלט אונ פון יענער וועלט:

## פירוש ע"ט

אדער ער איז ניט משנה חול המועד פון וואכענדיג עסן אונ דר וואס איז מבייש זיין חבר צווישן פיל לייט אונ ווער עס פארשטערט דעם ברית פון אברהם אבינו ער וויל זיך ניט לאזן מל זיין ווען מען האט אים קליינערהייט ניט מל גוועזן אונ דר וואס זאגט איין פירוש אין דער תורה ניט ווי דר אמת איז חאטשע עס איז ביי איהם דא תורה אונ גוטע מעשים האט ער פארט קיין חלק ניט אויף יענער וועלט ווען ער טהוט קיין תשובה ניט ביי זיין לעבן. רבי ישמעאל רבי ישמעאל זאגט דו זאלסט ביי דיר גרינג זיין אונ גאר ניט חשוב זיין משמש צו זיין איין תלמוד חכם אונ זאלסט זיין באוויליגט צו יונגע וואס האבן נאך שווארצע האר כלומר חאטשע זיי זענען יונגע לייט זאלסטו זיי פארט כבוד אן טהון אונ זאלסט אנטפאנגען איטלכן מענשן מיט אפרייליך פנים. רבי עקיבא אומר רבי עקיבא זאגט דס געלעכטער אונ פארשייטקייט די זאכן מאכן געוואהנען דעם מענשן צו אום געשייטקייט די קבלות וואס מען האט אום ווייניג הלכה למשה מסיני ווי מען זאל לייגן די אותיות פון דר תורה אנדערש ווי עס שטייט דס איז איין צוים צו דר תורה פון דעם קומט ארויס פיל הלכות. אז מען גיבט מעשר איז דאס אן שטארקייט צו עשירות אז ער טהוט א נדר ער זאל דאס ניט טהון דס איז איין צוים צו

סְיָג לַפְּרִישׁוּת, סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה: יד הוּא הָיָה אוֹמֵר. חָבִיב אָדָם שֶׁנִּבְרָא בְצֶלֶם, חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לוֹ, שֶׁנִּבְרָא בְּצֶלֶם אֱלֹהִים. שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים עָשָׂה אֶת־הָאָדָם. חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרְאוּ בָנִים לַמָּקוֹם, חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לָהֶם, שֶׁנִּקְרְאוּ בָנִים לַמָּקוֹם. שֶׁנֶּאֱמַר, בָּנִים אַתֶּם לַיְיָ אֱלֹהֵיכֶם. חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה, חִבָּה יְתֵרָה נוֹדַעַת לָהֶם שֶׁנִּתַּן לָהֶם כְּלִי חֶמְדָּה. שֶׁבּוֹ נִבְרָא הָעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם, תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ:

## בית אבות

(חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרְאוּ בָנִים לַמָּקוֹם), די ישראל זענען געליבט וויל זיי ווערין אנגערופן קינדר צו גאט, רבי שמעון בן לקיש זאגט אין תלמוד ירושלמי מסכת תענית אז גאט האט געוואלט אז דם פאלק ישראל זאל זיך ניט פערלירן צווישן די היידן האט ער זיי צו געלייגט זיין הייליגן נאמן, גלייך ווי איין מלך איז געווען איין קעסטיל מיט זעהר פיעל קאסטבארקייטין האט ער זיך בעטראכט אז ער האלט ביי זיך דעם שליסעל פון איר נאר אן א קייטעל קען ער איהם דאך לייכט פערלירן האט ער צו געמאכט צו איהר איין קייטעל דאמיט אז אויב ער וועט אים פערלירן זאל זיין לייכטער צו געפינען איהם צוליעב דעם קייטעל. דם זעלבע האט השי"ת געזאגט אז איך וועל לאזן די ישראל אין גלות צווישן די היידן איין לאנגע צייט קענין זיי ח"ו גבלע ווערן צווישן זיי דארום הט ער זיי צו געגעבען זיין נאמן אונ רופט זיך אלהי ישראל דער גאט פון ישראל אונ צוליעב דעם וועלן זיי ניט כלה ווערן אונ וועלן אייביג עקסיסטירן ביז השי"ת וועט אויף זייא רחמנות האבן אונ וועלן ניט זיין ווי די היידענפעלקער, אשור, צור, צידון, פלשתים אונ נאך אנדערע פון וועלכע עס איז מעהר קיין זכר ניט דא וויל זיי הט גאט ניט געשענקט זיין נאמן:

## מדרש אבות

(סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה), דר תלמוד ירושלמי ברענגט אין מסכת ברכות רבי שמעון בן יוחאי הט איין מאל געזאגט עס איז איין גרויסר שאדן פר די וועלט וואס איך בין ניט געווען ביים בארג סיני ווען מען האט די יידן געגעבן די תורה אז איך וואלט דערביי געווען וואלט איך געבעטען ביי השי"ת ער זאל באשאפן דעם מענטשן מיט צוויי מיילער איינער וואלט געווען צו לערנן תורה אונ דער אנדערער צוא ריידן שיחת חולין נאר דר נאך הט ער איינגעזעהען ווי גיט ריכטיג דם וואלט געווען דען מיר זעהען אז א מענטש הט נאר איין מויל רעדט ער מיט אים אזוי פיעל רכילות אונ נארישקייטן ווי וואלט שון געווען אז ער וואלט געהאט צוויי מיילער האט ער דאך נאר די וועלט חרוב געמאכט, דאס זאגט דר תנא סיג לחכמה שתיקה שווייגן איז דר צאם צו חכמה דאס הייסט איין קלוגער מענטש רעדט ווייניג אונ דאס איז דיא גרעסטע חכמה:

## מגדל אבות

(שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֶקַח טוֹב) איינע גוטע לעהרע (נָתַתִּי לָכֶם) האב איך אייך געגעבען (תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזוֹבוּ) מיין תורה זאלט איהר ניט פארלאזען, דער מדרש אותיות דרבי עקיבא זאגט אויף דעם פסוק (תורתי אל תעזובו) דם געהט אויף מתן תורה איידער השי"ת הט געגעבן די תורה אויף דעם בארג סיני הט ער גרופן די ישראל אונ געזאגט צו זיי איך האב איין גוטע זאך צו געבן באופן אז איהר וועט מקבל זיין די תורה אונ היטען איהרע מצות האבן די ישראל געפרעגט וואס איז די גוטע זאך הט זיי השי"ת גיענטפערט דם איז עולם הבא וואס איז איין טייערער אוצר פר די וואס וועלן אנגעמען די תורה אונ היטען איהר. האבן די ישראל געבעטן איין פראבע

## פירוש ע"ט

פרישות ער זאל זיך פורש זיין פון תאוות צו חכמה איז מער קיין צוים נאר שווייגן ער זאל ניט פיל רעדן. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן געליבט איז דער מענש וואס ער איז בעשאפן געווארן אין אנטליכן פארם דם איז נאך א גרעסער ליבשאפט פון השי"ת וואס ער הט מודיע געווען דעם מענשן אז ער איז בעשאפן געווארן אין איין געטליכן פארם דען אין פסוק שטייט אין א געטליכן פארם הט ער באשאפן דעם מענשן די ישראל זענן געליבט צו גאט ברוך הוא וואס זיי זענן גערופן געווארן קינדר צו גאט דם איז נאך א גרעסער ליבשאפט וואס מען הט זיי מודיע געווען אז זיי ווערן גערופן קינדר צו גאט ווי עס שטייט אין דר תורה איהר זייט קינדר צו אייער גאט. די ישראל זענן געליבט אז עס איז צו זיי געגעבן געווארן א גליסטיגע כלי דם מיינט מען די תורה דם איז נאך א גרעסער ליבשאפט וואס מען הט זיי מודיע געווען אז עס איז זיי געגעבן געווארן א גליסטיגע כלי ווי עס שטייט איך האב אייך געגעבן א גוט

טו הַכֹּל צָפוּי, וְהָרְשׁוּת נְתוּנָה, וּבְטוּב הָעוֹלָם נָדוֹן, וְהַכֹּל לְפִי רֹב הַמַּעֲשֶׂה: טז הוּא הָיָה אוֹמֵר, הַכֹּל נָתוּן בָּעֵרָבוֹן, וּמְצוּדָה פְרוּסָה עַל־כָּל־הַחַיִּים, הֶחָנוּת פְּתוּחָה, וְהַחֶנְוָנִי מַקִּיף, וְהַפִּנְקָס פָּתוּחַ, וְהַיָּד כּוֹתֶבֶת, וְכָל הָרוֹצֶה לִלְווֹת, יָבֹא וְיִלְוֶה, וְהַגַּבָּאִין מַחֲזִירִין תָּדִיר בְּכָל יוֹם, וְנִפְרָעִים מִן־הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ, וְיֵשׁ לָהֶם עַל מַה־שֶּׁיִּסְמוֹכוּ, וְהַדִּין דִּין אֱמֶת, וְהַכֹּל מְתֻקָּן לִסְעוּדָה:

### תפארת אבות

(הכל צפוי וכו'). דר מדרש בראשית רבה ברענגט איין חכם פון דיא היידן האט גהאט א ויכוח מיט רבי יהושע בן קרחה הט ער ביי אים גפרעגט, איר זאגט דאך אז אייער גאט וייס יעדעס וועט פארקומען עד סוף כל הדורות פר וואס גפינען מיר אין אייער תורה אז נאך דעם ווייא ער האט בשאפן דעם מענטשן אונ ער הט גזינדיגט הט גאט בדויערט ווארום ער הט אים באשאפן. איז דאך א פראגע ווי באלד ער וייס עתידות הט ער דאך אים פאראויס גוואוסט אז ער וועט זינדיגן הט ער אים נים גדארפט בעשאפן אונ ווי באלד ער הט אים בשאפן האט אים נים בעדארפט פארדריסן אז ער הט גזינדיגט. פרעגט רבי יהושע בן קרחה ביים היידע דוא האסט איין זוהן זאגט ער יא ווס האסטו געטהון אז ער איז גבארן גווארן ענטפערט דר היידע איך האב גמאכט איין סעודה אונ גבעטן מיינע גוטע פריינד זייא זאלן אויך אנטהייל נעמן אין מיין שמחה פרעגט איהם דר תנא וואס איז דיא שמחה בייא דיר אזו גרוס ווייסט דוא דען נים אז ער וועט שטארבען, ענטפערט דער היידע בשעת פרייד איז פרייד אונ בשעת טרויער איז טרויער. זאגט צוא אים רבי יהושע בן קרחה דאס גלייכן איז דא איך בשעת דר בריאה פון מענשן הט זיך גאט גפרייט דר נאך אז ער הט גזינדיגט ויתעצב אל לבו האט אים פערדראסן אבר השי"ת האט גוואוסט אים פאראוס אז עס וועט אזוי זיין:

### מגדל אבות

פון עולם הבא זאגט השי"ת איך וועל אייך געבן דעם טאג שבת קודש וואס ער איז איין זעכציג טהייל פון עוה"ב וואס ווערט גרופען (יום שכלו שבת), ווי זייא האבן דס דערהערט האבן זיי אנגענומן די תורה מיט גרוס שמחה דען אז דיא מנוחה פון שבת איז אזוי גוט האבן זייא שון פון פריהער גוואוסט ווייל אין מרה זענין זיי שון פארזאגט גווארן אויף שבת:

### משלי אבות

(והחנות פתוחה). דר לאדען איז אפען, דר מדרש תהלים ברענגט איין משל צווי רייזענדער האבן זיך אבגעשטעלט אין איין אכסניא איינער פון זייא איז גוועזן איין לעבעמאן אונ דר אנדערער א פרומער אונ א געלאסענער מענטש דר ערשטער הט ליעב גהאט צו עסן אונ טרינקען הט ער זיך געלאזט געבן פון די

### פירוש ע"ט

לערנן מיין תורה זאלט איהר זי נים פארלאזן. הכל צפוי מען זעהט אויבן אלע די מעשים פון די מענשן אונ דר רשות איז געגעבן געווארן צו איטלכן צו טהון וואס ער וויל אונ מיט גוטקייט ווערט די וועלט געמשפט אלץ וועגט זיך וועט עס טהוט מער מעשים טובים דר האט מער שכר. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן חאטשע השי"ת זעהט אלץ וואס א מענש טהוט צאלט ער נים תיכף. עס איז איין ערבות אז קיינער קען נים אנטרונען ווערן פון זיינע הענד. עס איז איין נעץ פארשפרייט אויף אלע לעבעדיגע מען האפט זיי פלוצלונג. די קראם וואס מען פארקויפט אלץ איז אפען אונ דר קרעמר גיבט אויף בארג ווער עס וויל זיך נעמן וואס געטרויט ער אז ער וועט בודאי באצאלן אונ דר בוך איז אפען אונ די האנד שרייבט אן אלע נאכט וואס דער מענש הט געטהון ביי טאג אונ ווער עס הייסט ווער עס וויל אנטלייען עס וויל טהון שלעכץ מען זאל איהם שפעטער באצאלן מעג ער קומען אונ לייען כלומר מען ווערט איהם נים צו טהון וואס ער וויל אונ דר נאך בעצאהלט מען איהם אונ די גבאים דאס מיינט מען די יסורים אונ אנגסטן וואס זענען גובה פון די מענשען זיי גייען ארום געוואנטליך אלע טאג אונ זיי נעמען געצאהלט פון דעם מענשן פון דעם מענשענ'ס ווילן ער דר מאנט זיך אונ איז מודה אז ער איז שולדיג אונ עס קומט איהם יסורים אונ א מאל פארגעסט דר מענש וואס ער הט געטהון אונ עס דאכט זיך איהם ער הט אומזיסט יסורים אונ די גבאים (דיא יסורים) האבן זיך אויף וואס סומך צו זיין אויף דעם פנקס וואס איז פארשריבן אונ דר משפט וואס מען משפט איטלכן איז בודאי אמת אונ איטלכר איז אנגעברייט צו דר סעודה איטלכר ישראל וועט האבן עולם

יז רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן־עֲזַרְיָה אוֹמֵר. אִם אֵין תּוֹרָה אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ. אִם אֵין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אֵין תּוֹרָה. אִם אֵין חָכְמָה אֵין יִרְאָה. אִם אֵין יִרְאָה אֵין חָכְמָה. אִם אֵין דַּעַת אֵין בִּינָה. אִם אֵין בִּינָה אֵין דַּעַת. אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה. אִם אֵין תּוֹרָה אֵין קֶמַח: הוּא הָיָה אוֹמֵר. כֹּל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו. לְמָה הוּא דוֹמֶה. לְאִילָן שֶׁעֲנָפָיו מְרֻבִּין. וְשָׁרָשָׁיו מוּעָטִין. וְהָרוּחַ בָּאָה. וְעוֹקַרְתּוֹ וְהוֹפַכְתּוֹ עַל פָּנָיו. שֶׁנֶּאֱמַר. וְהָיָה כְּעַרְעָר בָּעֲרָבָה. וְלֹא יִרְאֶה כִּי־יָבֹא טוֹב. וְשָׁכַן חֲרֵרִים בַּמִּדְבָּר. אֶרֶץ מְלֵחָה וְלֹא תֵשֵׁב. אֲבָל כֹּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרֻבִּים מֵחָכְמָתוֹ. לְמָה הוּא דוֹמֶה. לְאִילָן שֶׁעֲנָפָיו מוּעָטִים. וְשָׁרָשָׁיו

### משלי אבות

פּעסטע שפּייז אונ געטרענק וואס עס איז נאר געווען אין אכסניא. דר צווייטר איז געוועזן איין פרומר אונ האט זיך בעגעגענט מיט ווייניג האט ער זיך געלאזט געבן איין געוואנליכן מיטאג. זאגט דר ערשטר צום צווייטען איך פארשטעה ניט די זעהסט אזוינע גוטע מאכלים אונ בעגניגענסט זיך מיט גאר ניט. ענטפערט איהם דר פרומר וואס מיר די האסט זיך געלאזט געבן אזא טהייערן מיטאג מיט וואס וועסטו בעצאהלען מען וועט דאך דיר מאכן דעם גרעסטן סקאנדאל. כך הוה. דר צדיק האט אבגעגעסן אונ גענומן איין בעכר וויין פר האט אפגעגעבן בעצאהלט אונ איז אוועק געפאהרן בשלום וייטר רוהיג אונ שעהן. דר ערשטר אבר האט ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלן פר אזא טהייערן מיטאג האט ער געוואלט גאר פארלייקענן דעם גאנצן רעכענונג וואס דער ווירט פון אכסניא האט איהם געגעבן איז געווארן איין מחלוקה צווישן זיי ביז דר קרעטשמער מיט זיין הויז געזונד האבען איהם שטארק געשלאגן אונ פערוואונדעט. דער נמשל איז התנהגות פתוחה דער לאדען איז אפען והחנוני מקיף אונ דער קרעטשמר בארגט והפנקס פתוח דער בוך איז אויך אפען והיד כותבת אונ דיא האנט פערצייכנעט אלעס וכל הרוצה ללוות וער עס וויל בארגן דם הייסט די וועלט איז פר מענשן אפען דיא בריות איז ביי איהם פר קען זיך פירן ווי ער וויל ער דארף אבר וויסען אז אויבן ווערד אלץ פארשריעבן אונ אז עס קומט צום יום הדין ווערט פון איהם אלס אויסגעמאנט דארום דארף זיך דר מענש פיהרען בהדרגה ניט לעבען אין לוקסוס נור נאך זיין שטאנד דען די פראגע פון אזא פיהרונג איז ניט גוט:

### פירוש ע"ט

הבא נאך דעם אז ער וועט מקבל זיין זיין עונש. רבי אלעזר בן עזריה רבי אלעזר בן עזריה זאגט דר וואס האט גאר ניט געלערנט קיין תורה ער ווייסט ניט א ווארט פון דער תורה דר ווייסט גאר ניט ווי זיך נוהג צו זיין מיט דעם עולם ער זאל זיך רעכט פיהרן אז ער פיהרט זיך ניט כשורה מיט דעם עולם וועט די תורה ביי איהם אויך קיין קיום ניט האבן ווארום עס איז איין חלול השם. אז עס איז ניט דא די חכמת התורה איז קיין יראה דא ווארום ער ווייסט ניט וואס צו טהון מיט די יראה. אז ער האט ניט קיין יראת שמים איז קיין חכמה ניט דא (אם אין דעת אין בינה) ווער עס האט ניט קיין פארשטאנד האט ער ניט קיין וויסענשאפט ווי קאן ער וויסען דעם טעם פון דער זאך אז ער האט ניט קיין פערשטאנד. אז עס איז ניט דא קיין וויסענשאפט ער ווייסט ניט דעם טעם פון דר זאך ווי קאן ער פארשטיין מיט דעם שכל. אז ער האט ניט קיין מעהל דס הייסט ניט קיין ברויט ווי קאן ער לערנען תורה. אז ער האט ניט געלערנט קיין תורה האט ער ניט צו עסן ווייל ער האט צייט געהאט צו לערנען אונ האט ניט געוואלט. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן דר וואס זיין חכמה איז מעהר פון זיינע גוטע מעשים צו וואס איז ער גלייך צו איין בוים וואס זיינע צווייגן זענען פיל אונ זיינע ווארצלן זענען ווייניג אונ דר ווינט קומט אונ רייסט איהם אויס אונ פארקעהרט דעם בוים אויף זיין פנים ווי א עס שטייט ער וועט זיין ווי איין איינזאמער בוים וואס שטייט אויף איין גלייכן פלאץ ער וועט ניט זעהען גוטס ער וועט רוהען מיט דארקייט אין דר וויסטע א געזאלצן לאנד אן ישוב. אבער ווען זיינע גוטע מעשים זענען מעהר פון זיין חכמה צו וואס איז ער גלייך צו א בוים וואס זיינע

מְרֻבִּים, שֶׁאֲפִילוּ כָּל־הָרוּחוֹת שֶׁבָּעוֹלָם בָּאוֹת וְנוֹשְׁבוֹת בּוֹ, אֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ מִמְּקוֹמוֹ. שֶׁנֶּאֱמַר, וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל־מַיִם, וְעַל־יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו. וְלֹא יִרְאֶה כִּי־יָבֹא חֹם, וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן, וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג. וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי: יח רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (בֶּן)־חִסְמָא אוֹמֵר, קִנִּין וּפִתְחֵי נִדָּה, הֵן הֵן גּוּפֵי הֲלָכוֹת, תְּקוּפוֹת וְגִמַּטְרִיָּאוֹת פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה: רבי חנניא וכו׳

## פרק רביעי

כל ישראל וכו׳

א בֶּן־זוֹמָא אוֹמֵר. אֵיזֶהוּ חָכָם, הַלּוֹמֵד מִכָּל־אָדָם, שֶׁנֶּאֱמַר, מִכָּל־מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי, כִּי עֵדְוֹתֶיךָ שִׂיחָה לִי. אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר, הַכּוֹבֵשׁ

### תפארת אבות

(אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ), דער טעם זקנים זאגט דס איבר דעם שטיים נים (איזהו גבור המנצח את יצרו)

### גבורת אבות

(אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ). דֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל שרייבט אז יעדר מענש הט א בעזונדערן יצר הרע צו איין זאך, היינו איינר איז א כעסן, איינר איז א נואף, איינר איז א קארגר אדער ער הט איין אנדערע שלעכטע מדה, דארף מען וויסען דעם כלל, אז די שלעכטע מדה וָוס איז שווער דעם מענש איבר צו אַרבייטען איז ער דוקא בעשאפן געווארען ער זאל דיא מדה איבער

### תורת אבות

בֶּן זוֹמָא אוֹמֵר אֵיזֶהוּ חָכָם הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם. דֶר תַּנָּא פערצעהלט מיר אונ לערנט אונז דס הן אין דברי

### מדרש אבות

(אֵיזֶהוּ חָכָם כו׳). בֶּן זוֹמָא ווייזט אז דיא פיער מעלות פון מענשן: ווי חכם, גבור, עשיר, אונ מכובד, האבן איין גאנץ אנדערע בעדייטונג וויא די וועלט מיינט. נים דעם וואל לערנער אדער געבילדעטען קען מען רופען חכם ווייל עס זענען דא גרעסערע לומדים אדר גרעסערע געבילדעטע וויא זיי, דאס גלייכן קען מען נים רופען דעם קרעפטערליך שטארקן מענטשן גבור, דען עס איז דא נאך שטארקערע

### צדקת אבות

(אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר). ווער הייסט א שטארקער מענש, (הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ) דר וָוס קען בעהערשן זיינע שלעכטע געדאנקען. רבינו נסים נאון ברענגט א מעשה פון א מדרש אז אין דעם גרויסן תנא ר׳ עקיבא׳ס צייטן איז געווען זעהר איין רייכר מאן „נתן צוציתא" דר נתן האט זיך פארליעבט אין זעהר א שיינע פרוי מיט דעם נאמען חנה ער פליעגט איהר אפט מאכען זעהר שיינע פאר שלעגע חנה אבר איז געווען א גרויסע צנועה הט זי

### פירוש ע״ט

צווייגן זענען ווינציג אונ זיינע ווארצלן זענען פיל אפילו עס זאלן קומן אלע ווינטן פון דר וועלט וועלען זיי איהם נים ריהרען פון זיין ארט ווי עס שטייט אין פסוק ער וועט זיין ווי איין בוים וָוס איז געפלאנצט אויף בעך וואסר ביי דעם טייך צו שפרייט ער זיינע ווארצלען ער וועט נים זעהן אז עס וועט קומן א היץ ווארום עס וועט איהם נים שאדן אונ זיינע בלעטר וועלען זיין צווייגהאפטיג אין א יאר וָוס רעגן זענען געמינערט וועט ער נים זארגן אונ ער וועט נים אפ טהון פון צו מאכן וואקסן פירות. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן חִסְמָא רבי אליעזר בן חסמא זאגט די הלכות פון א געוויינערין פון די קרבנות וָוס זי בדארף ברענגן דס איז זעהער שווער אונ די דינים פון איין אשה וָוס זי ווייסט נים אויב זי איז איין נדה אבר א זבה דס איז די רעכטע הלכות פון דר תורה. (תְּקוּפוֹת וְגִימַטְרִיָּאוֹת פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה) די תקופות אונ צו רעכענען ווי פיל יעדער אות טרעפט אן איז אזוי וויא א מאכל וואס מען עסט סוף סעודה אזוי איז דאס צו די חכמת התורה. חכמות מאכען שיין פאר לייטען:

בֶּן זוֹמָא אוֹמֵר בן זומא זאגט ווער איז איין חכם ווער עס לערנט פון איטלכן ער שעמט זיך נים מקבל צו זיין א זאך וואס יענר ווייסט חאטשע ער איז קלענר פון איהם ווארום עס שטייט פון אלע מיינע לערנר האב איך מיך געקליגט ווארום דיין עדות די תורה רעדט צו מיר איך דארף נים פרעגן ווער עס זאגט. אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר וועלכר איז א גבור ווער עס נעמט איין

אֶת יִצְרוֹ , שֶׁנֶּאֱמַר , טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִּבּוֹר , וּמוֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלּוֹכֵד עִיר • אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ , שֶׁנֶּאֱמַר , יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל , אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ , אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה , וְטוֹב לָךְ , לָעוֹלָם הַבָּא • אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד , הַמְכַבֵּד אֶת־הַבְּרִיּוֹת , שֶׁנֶּאֱמַר , כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד , וּבֹזַי יֵקָלּוּ : ב בֶּן־עַזַּאי אוֹמֵר , הֱוֵי רָץ לְמִצְוָה קַלָּה , וּבוֹרֵחַ מִן־

## גבורת אבות

אַרְבֵּייטְן , דְרִיבֶּר דַארְף אֵיין מֶענְשׁ גֶעוָואהר צוּ וֶוערֶן בַּיי זִיךְ דִי עֶרְגְסְטֶע מִדָּה אוּנ זָאל טְהוּן כָּל הִתְפַּעֲלוּת צוּ בֶּעצְוִוינְגֶן דֶעם יֵצֶר הָרָע פוּן דֶר מִדָּה אוּנ מִיט דֶעם וֶועט עֶר טְהוּן דֶעם גְרֶעסְטְן נַחַת רוּחַ פַר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ , טַייטְשְׁט דֶר עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל דִי מִשְׁנָה „אֵיזֶהוּ גִבּוֹר" וֶוער הֵייסְט אַ גִבּוֹר „הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ" דֶער וָוס בֶּעצְוִוינְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע הַיְינוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָוס זַיין יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אִיהם אָן צוּ אִיהר , אִיז עֶר מְחוּיָב אַיין צוּ הַאלְטְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּנ נִישְׁט פָאלְגֶן אִיהם אוּנ צוּ טְהוּן כָּל הִתְפַּעֲלוּת זִיךְ אָפּ צוּא גֶעוַוייגֶן פוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וֶועט אִיהם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפֶען אַז עֶס וֶועט אִיהם שׁוֹין זַיין גְרִינְג זִיךְ אָפּ צוּ גֶעוַוייגֶן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּנ וֶועט קֶענֶען דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּשִׂמְחָה מִיט אַלֶעם גוּטֶען :

## תפארת אבות

וָוס עֶר אִיז מְנַצֵּחַ דֶעם יֵצֶר אָדֶער הַנִּמְלָט מִיִּצְרוֹ דֶר וָואס וֶוע־ט אַנְטְרִינֶען עֶר אִיז זִיךְ מַצִּיל פוּן דֶעם יֵצֶר צוּ וַוייזֶען אַז דָס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער דֶרֶךְ פוּן עֲבוֹדַת ה׳ . צוּ בֶּעצְוִוינְגֶען דֶעם יֵצֶר בְּזֶה הָאוֹפֶן דָס מִיט דֶעם אֵיגֶענֶים פַייֶער מִיט דִי אֵייגֶענֶע תַּאֲוָה וְחַשְׁקוֹת וָוס דֶער יֵצֶר הָרָע הָט אִיהם צוּא גְרֶעדְט צוּ דִיא עֲבֵירָה זָאל עֶר אִיהם בֶּעצְוִוינְגֶען מִיט דֶעם אֵייגֶענֶעם פַייֶער מִיט דֶעם חֲשָׁקוֹת צוּ טְהוּן דִיא מִצְוָה נִיט בְּלוֹיז עֶר זָאל דֶעם יֵצֶר מְבַטֵּל מַאכֶן אִיהם מְנַצֵּחַ זַיין :

## מדרש אבות

פַר אִיהם , אוּנ דָס גְלַייכֶן עָשִׁיר אוּנ מְכוּבָּד , דֶר תַּנָּא זָאגְט אַז חָכָם רוּפְט מֶען דֶעם וָוס פַארְשְׁטֶעהְט וֶועניג אוּנ דַארְף זִיךְ נָאךְ לֶערְנֶען אוּנ לֶערִינְט זִיךְ פוּן אַנְדֶערֶע אוּנ דָס זָאגְט (בֶּן זוֹמָא אֵיזֶהוּ חָכָם) , וֶוער וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען אַ קְלוּגֶער ,

## תורת אבות

תּוֹרָה וְהֵן אִין מִילֵּי דְעָלְמָא וֶוען אֲפִילוּ מֶען הָאט גָאר דֶעם גוּטְן , קָאפּ קָאן מֶען נִיט וֶוערֶן אָנְגֶערוּפֶען חָכָם וֶוען מֶען אִיז בַּייא זִיךְ גְרוֹיס דָאס עֶס פַּאסְט אִיהם נִיט צוּ פְרֶעגֶן אוּנ צוּ לֶערְנֶען זִיךְ בַּיי אַ קְלֶענֶערֶן פוּן אִיהם . עַל פִּי מָשָׁל דֶער גְרֶעסְטֶער תַּלְמִיד חָכָם אַז עֶר וֶועט נִיט לֶערְנֶען פְּרַאקְטִישׁ הֲלָכוֹת טְרֵיפוֹת וֶועט עֶר הָאבֶּען אֵיין שְׁוַואכֶע יְדִיעָה עֶר מוּז גֵעהְן אִין שֶׁעכְט הוֹיז אַרַיין אוּנ מוּז זִיךְ לֶערְנֶען דִיא אַלֶע שְׁטִיקֶר אֵבָרִים פוּן דֶעם אָקְס וִוי אַזוֹ זַייא זֶעהֶן אוֹיס וִויפִיעל בֵּיינְדְלֶעךְ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זֵיי , וִוי אַזוֹ דִי אָדֶערֶען צִיהֶען זִיךְ , בַּיי דֶעם גְרָאבֶּן , קָאפּ דֶעם שִׁינְדֶער וָואס צוּשְׁנַייט דִיא בְּהֵמוֹת , עֶר

## צדקת אבות

אִיהם אִימֶער צוּרִיק גֶעוִויזֶן אוּנ נָתָן הָט דַאדוּרְךְ זֶעהר גֶעקְרֶענְקְט דֶערְוַוייל אִיז חַנָּה׳ס מַאן אַרָאפּ פוּן מַעֲמָד אוּנ אַלֶע זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת הָאבֶּן אִיהם פֶּעסְט גֶענוּמֶן אוּנ אַיינְגֶעזֶעצְט אִין גֶעפֶּענְגְנִיס חַנָּה הָאט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אַרְבֵּייט גֶעמוּזְט פַארְדִינֶען פַאר זִיךְ אוּנ אִיהר מַאן אִיהר לֶעבֶּענְסְמִיטֶל זִי פְלֶעגְט אִיהם אָפְּט בֶּעזוּכֶן אִין גֶעפֶּענְגְנִיס הָט זִיא אִיהם אֵיינְמָאל גֶעפוּנֶען שְׁטַארְק בֶּעוֵויינְט פְרֶעגְט זִי בַּיי אִיהם וָוס אִיז מִיט דִיר זָאגְט

## פירוש ע"ט

זַיין יצה"ר וָוארוּם צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבֶּן גְרוֹיס שְׁטַארְקַייט וִוי עֶס שְׁטֵייט עֶס אִיז גוּט דֶר וָואס דֶערְלֶענְגֶערְט דֶעם צָארֶן עֶר זָאל נִיט גִיךְ בְּרוֹגֶז זַיין דָאס אִיז מֶעהר אֵיידֶער אַ גִבּוֹר . דֶר וָוס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף זַיין ווִילֶען עֶר גְלוּסְט צוּא טְהוּן וָואס אֵיין עֲבֵירָה אִיז אוּנ הַאלְט זִיךְ אַיין אוּנ טְהוּט נִיט אִיז עֶס מֶעהר מְלָאכָה אוּנ שְׁוֶוערֶער פוּן דִי וָוס בֶּעצְוִוינְגֶען אוּנ נֶעמֶען אֵיין אַ שְׁטָאדְט . אֵיזֶהוּ עָשִׁיר וֶועלְכֶער הֵייסְט אֵיין עָשִׁיר דֶר וָוס פְרֵייט זִיךְ מִיט זַיין חֵלֶק וָוס הַשי"ת הָט אִיהם אָפּ גֶעטֵיילְט פִיעל אָדֶער וֶוייניג וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז דוּ וֶועסְט עֶסֶן וָוס דוּ פַארְדִינְסְט מִיט דַיינֶע הֶענְד אוּנ וֶועסְט נִיט וֶועלֶן קֵיין אִיבְּרִיגֶעס וֶועט דִיר וואהל זַיין אוֹיף דֶר וֶועלְט אוּנ עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט . אֵיזֶהוּ מְכֻבָּד וֶועלְכֶער וֶוערְט גֶעעֶרְלִיכְט פוּן לַייט דֶר וָוס הַאלְט עֶרְלִיךְ לַייט וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוער עֶס הַאלְטֶן מִיךְ עֶרְלִיךְ וֶועל אִיךְ זֵיי עֶרְלִיךְ הַאלְטֶן אוּנ דִי וָוס פַארְשֶׁעמֶן מִיךְ דִי וֶועלֶן אַלֵיין פַארְשֶׁעמְט אוּנ מְבוּזֶה וֶוערֶן . בֶּן עַזַּאי אוֹמֵר בֶּן עַזַּאי זָאגְט דוּ זָאלְסְט לוֹיפֶן צוּ אַ גְרִינְגֶע מִצְוָה צוּ טְהוּן אַזוֹי וִויא צוּ אַ הַארְבֶּע מִצְוָה אוּנ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפֶען פוּן אֵיין עֲבֵירָה אֲפִילוּ פוּן דֶער קְלֶענְסְטֶע עֲבֵירָה וָוארוּם דֶר שְׂכַר פוּן דֶר מִצְוָה אַז דוּא וֶועסְט טְהוּן אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה וֶועט

הָעֲבֵרָה, שֶׁמִּצְוָה גּוֹרֶרֶת מִצְוָה, וַעֲבֵרָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵרָה. שֶׁשְּׂכַר מִצְוָה מִצְוָה. וּשְׂכַר עֲבֵרָה עֲבֵרָה: ג הוּא הָיָה אוֹמֵר. אַל־תְּהִי בָז לְכָל אָדָם. וְאַל־תְּהִי מַפְלִיג לְכָל־דָּבָר. שֶׁאֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ שָׁעָה. וְאֵין לְךָ דָבָר שֶׁאֵין לוֹ מָקוֹם: ד רַבִּי לְוִיטַס אִישׁ יַבְנֶה אוֹמֵר. מְאֹד מְאֹד הֱוֵי שְׁפַל רוּחַ. שֶׁתִּקְוַת אֱנוֹשׁ רִמָּה: רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן־בְּרוֹקָא אוֹמֵר. כָּל הַמְחַלֵּל שֵׁם שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר. נִפְרָעִין מִמֶּנּוּ בַּגָּלוּי. אֶחָד

### תפארת אבות

(שֶׁתִּקְוַת אֱנוֹשׁ רִמָּה). דער מענש קען נור ערוואַרטען אַז פון איהם זאל ענדליך ווערען ווערים. דאס נעהם אויף דעם וואס דר תנא זאגט (מאד מאד הוי שפל רוח). איין מענטש דארף זיין זעהר געפאַלען בייא זיך. למשל אז איין

### מגדל אבות

(אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם). דו זאָלסט קיין מענטשען ניט פאַרשעהמען אין מדרש תהלים געפינען מיר אַז איינמאל ווען דיא יודען זענין עולה לרגל געווען אין ירושלים אונ רבי אלעזר בן שמוע איז געשטאַנען ביים ברעג ים אונ הט בעוואונדערט די שענהייט פון אים

הט ער דר זעהן ווייא א שיף מיט אלע אירע פאַסאַזשירן איז אונטער געגאַנגין איינער פון דיא פאַסאַזשירן איז געלונגן אויף א ברעט פון שיף צוא צושווימן צום ברעג. נאַס פאַר פרורען אונ קוים לעבעדיג איז ער אַרויף אויף דעם ברעג אונ געבעטן ביי די עולי רגלים זייא זאלן מיט איהם מיטלייד האבן אונ געבן אַנדערע קליידער אום צו בייטן אלע האבן זיך אוסגעלאַכט פון איהם. איר טוט אונז אָן גענוג צרות אונ מען דארף מיט אייך קיין מיטלייד האבן זייא איהם געזאגט. ר׳ אלעזר בן שמוע איז דערפאַר שטאַרק אין כעס געוואָרען אונ הט

### תורת אבות

קאן ניט גוט פערשטעהן פיעל זאכן אין הלכות כלאים ביז וואַנן ער זאל געהן אויף דעם פעלד אונ לערנן זיך ביי דעם פויער ווי אזוי יעדע זאך ווערט בעארבייטעט ווי אזוי דס וואַקסט אונ נאך כדומה פיעל מצות אונ תורה ווס דר תלמיד חכם מוז פראַקטיש אָנקומען צו

### מדרש אבות

(הלומד מכל אדם). וועלכער לערנט פון יעדען מענטש. ווי אין פסוק שטייט (מכל מלמדי) פון אלע ווס האבען מיך געלערנט השכלתי. בין איך קלוג געוואָרן. גבור הייסט דר וואס בעזיצט גענוג גייסטיגע קראַפט אונ קען זיך וועלבסט

דעם פראסטן מענש ריכטיג צו לערנן די זאך אונ ווען דר תלמיד חכם זאל נאר בייא זיך איינרעדן דאס עס פאַסט ניט פאר איהם צו געהן זיך לערנען בייא דעם פראסטן הט ווס איז באמת א ספעציאליסט אין דר זאך קאן ער ניט זיין קיין ריכטיגער תלמיד חכם אונ אזוי אויך קאן מען זיין דר גרעסטער פילוסוף אונ זאל ניט

### צדקת אבות

ער איהר איך קאן דא מעהר ניט אויסהאלטן אונ איך פערלאנג פון דיר אז דו זאלסט געהען צו נתן צוציתא איהם בעטן אז ער זאל אונז נעבן צו בעצאהלען דיא חובות וועל איך קענען פריי קומען. ווי קאנסט דו פון מיר פערלאנגן אזא זאך הט זי איהם געזאגט דו ווייסט דאך וואס ער פערלאנגט פון מיר אונ אז איך זאל געהען בעטן פון איהם איין טובה וועט ער דאך געוויס וועלן אז איך זאל ערפילען זיין בהמה׳שען פערלאנג אונ ווי קאן איך פארשמוצן מיין קערפער אונ מיין נשמה אז איך זאל פערלירן ביידע וועלטן דר מאן איז זעהר אין כעס געוואָרן אויף איהר אונ הט איהר געזאגט איך וויים אז דו ווילסט אז איך זאל דא שטארבן ווערסט קענן חתונה האבן מיט נתן צוציתא אזא פארוואורף פון איהר מאן האט זי גאר ניט ערוואַרטעט אונ איז אוועק פון איהם מיט א צעבראכן הארץ. אין איינגע טעג אַרום איז זי ווידר געקומען צו איהם הט זי איהם

### פירוש ע״ט

דיר השי״ת העלפן אונ צו שיקן איין גרעסערע מצוה אונ דר שכר פון דר עבירה איז דס דו וועסט קומען צו נאך א עבירה. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן דוא זאלסט ניט מבזה זיין קיין שום מענשן אונ דו זאלסט ניט דערווייטערן קיין שום זאך צו זאגן עס קאן גאר ניט זיין קיין מאל ווייל עס איז ניט פאַרהאנדן א מענש ווס ער הט ניט א צייט טאמער וועסט דו דארפן צו איהם אונ עס איז ניט פאַרהאנדן א זאך ווס עס זאל ניט אמאל מקוים ווערן. רבי לויטס רבי לויטס דר הער פון יבנה זאגט זעהר אונ זעהר זייא נידריג אין דיינע געדאנקן וואָרום דער האפנונג פון דעם מענשן צו ווס ער וועט קומען איז עס וועט ווערן פון אים ווערים ווייל ער הט זיך הויך געהאלטן. רבי יוחנן בן ברוקא רבי יוחנן בן ברוקא זאגט ווער עס פאַרשוועכט דעם אויבערשטענס נאמן פארבארגענערהייט דהיינו עס ווייסן ניט פיעל לייט וועט מען פון אים געצאהלט נעמן אנפלעקטערהייט אז מען זאל געוואר ווערן סיי בשוגג אונ סיי במזיד אז דר

שׁוֹגֵג, וְאֶחָד מֵזִיד. בְּחִלּוּל הַשֵּׁם: ה רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר, הַלּוֹמֵד עַל־מְנָת לְלַמֵּד, מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד. וְהַלּוֹמֵד עַל־מְנָת לַעֲשׂוֹת. מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד. לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת: רַבִּי צָדוֹק אוֹמֵר, אַל־תִּפְרוֹשׁ מִן־הַצִּבּוּר. וְאַל־תַּעַשׂ עַצְמְךָ כְּעוֹרְכֵי הַדַּיָּנִין. וְאַל תַּעֲשֶׂהָ עֲטָרָה לְהִתְגַּדֵּל בָּהּ. וְלֹא

## מגדל אבות

געזאגט פאר ארענטליכע מענטשען איז א שאנדע צו בעגעהן זיך מיט דעם צווייטין מיט אזא אכזריות. ער הט איהם גענומען צו זיך נאך הויזע אונ הט איהם געגעבען זיבען קליידער אונ עסען אונ טרינקען אונ א בעזאנדערעס צימער צו איטרוהען. רבי אליעזר הט איהם געהאלטען בייא זיך א לאנגע צייט ביז ער האט זיך פאלשטענדיג ערהאלט דאן הט ער איהם געגעבען צוזייא הונדערט דוקאטן אונ אפערד ער זאל קענין אבריינן אונ האבן זיך פעראבשיעדעט זעהר פריינדליך ר' אליעזר הט ניט געוואוסט אז דער מענטש וועלכן ער האט אזוי מקרב געוועזן איז איין רוימי אין א צייט יאהרן ארום איז געקומען פון קייזער פון רום שרעקליכע גזירות אויף יודען וועלכע זייא האבן גאר ניט געקענט אויסהאלטען, זייא האבען גוזר תענית געווען אונ תשובה געטהאן אונ גאכהער האבן זיי צוזאמען גענומען פיער טויזענד דוקאטן אונ האבן דערמיט אויסגעריכטעט רבי אליעזר בן שמוע וואס ער איז דאמאלס געוועזן דער גרעסטער אונטער יודען צום קייזער אין רום ער זאל זיך פאר איהם משתדל זיין צוריק צו רופן די שלעכטע גזירות. ער איז געקומען קיין

## תפארת אבות

נראה מענש איז דיך מכ"ש אדער ער זידעלט דיך שטארק אום זאלסטו איהם גאר ניט ענטפערען כדי עס זאל ניט קומען צו מחלוקת וואס דאס איז די שענדליכסטע זאך פר דעם מענשן אונ איין חלול הכבוד פאר דעם בורא יתברך. דוא דארפסט גור וויסען אז דר וואס זידעלט דיך אדער איז דיך מבייש איז ער יעט אין דעם קלאס ,אדם' וואס ווייזט אוף

## תורת אבות

וויסן אונ זיך לאזן אריין גאנן פון דעם גרעסטן פויער אזוי ווי מען פערצייהלט א געשיכטע פון איין גרויסען פילוסוף וועלכער וואר א גרויסער חכם הט געוואהנט אין א קליין שטעטל נעבן לאנדן אין ענגלאנד. ער האט געהאט אפאר טויזענט פונט אלט זילבר אונ ער האט געוואלט דס איין טוישען אויף נייע זילבערנע כלים. ער הט זיך אריבר געשיפט נאך לאנדאן אונ ער הט גראדע אריין געטראפען צו א גאלדשמידט א גנב א גנאר ער וועלכר הט געהאט פאלטשע געוויכטע. די גאלדשמידט וועגט איבר דס אלטע זילבר מסתמא בייא איהם מיט הונדערט פונט וויניגער וויא דר

## מדרש אבות

בעהערשן אז ער זאל ניט טהון קיין עבירה, אונ דס זאגט ער איזהו גבור. וועיר איז דר שטארקר, (הכובש את יצרו) דר וואס איז אים שטאנדע צו באהערשן זיך זעלבסט אונ איבערוועלטיגען דעם יצר הרע אונ נעהם צוריק פון זיין שלעכטען פארנעמן צו טהון עבירות. עשיר הייסט ניט דר וואס איז רייך אין געלד אדער גיטער. ניין, דען פר יעדען רייכן מענשן וויס מיר זעהן זענן דא פיל רייכערע, אונ דאן הייגט איז ער רייך אונ מארגן קען ער ווערן ארעם, ואגט

## צדקת אבות

געפונן זעהר שוואך אונ האט געסיינט אז ער געהט שוין. אום הט זי איהם געזאגט איך בין דיר מוחל דעם חשד וואס די האסט אויף מיר אונ וואס די האסט מיך אזוי טיעף בעליידיגט איך ווייס אז דיינע יסורים האבן דס מיט געבראכט דס הארץ הט איהר ווי געטהון אן זעהענדיג איהר מאן. איז זי אוועק צו נתן צוציתא מיט א צעבראכן הארץ אונ געהענדיג הט זי מתפלל געוועזן אז זי זאל ח"ו ניט אריין פאלן אין איין עבירה ווי זי איז געקומען צו נתן'ס הויז האבן איהם די דיענער געמעלדעט אז חנה איז געקומען ער הט זיך שטארק דערפרייט אונ הט איהר געהייסן אריין לאזן ווי זי איז אריין הט ער צו איהר מיט א פריינדליכע אונ פרייליכע מינע געזאגט ליעבע חנה אלעס וואס די פערלאנגסט פון מיר וועל איך דיר געבען זעלבסט מיין האלבען

## פירוש ע"ט

פון קומט א חלול השם ווערט ער געשטראפט. רבי ישמעאל ברבי יוסי רבי ישמעאל זאגט ווער עס לערענט תורה ער זאל ווייטער לערנען מיט אנדערע גיבט מען איהם זיין באדערפעניש ער זאל צייט האבען צו לערנען אויך מיט אנדערע אונ אויב זיין עיקר מחשבה וואס ער לערנט תורה איז צו טהון מצות גיט מען איהם אין זיינע הענד זיין ווילן אונ נאך מעהר ווי ער הט געוואלט ער זאל קענען לערנען אונ צו לערנען מיט אנדערע צו היטן אונ צו טהון וואס אין דער תורה שטעהט. רבי צדוק אומר רבי צדוק זאגט דוא זאלסט זיך ניט אפשיידען פון צבור אונ זאלסט זיך ניט מאכן ווי די וואס ארדנען איין טענות פון די בעלי דינים פאר דיא דיינים אונ זאלסט דיר ניט מאכן א קרוין פון דר תורה דו זאלסט פון דר תורה הערשאפט האבען דוא

קַרְדּוֹם לַחְפָּר־בָּהּ. וְכַךְ הָיָה הִלֵּל אוֹמֵר. וּדְאִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתָגָא חֲלָף. הָא לָמַדְתָּ, כָּל־הַנֶּהֱנֶה מִדִּבְרֵי תוֹרָה. נוֹטֵל חַיָּיו מִן־הָעוֹלָם: ו רַבִּי יוֹסֵי אוֹמֵר, כָּל הַמְכַבֵּד אֶת־הַתּוֹרָה. גּוּפוֹ מְכֻבָּד עַל הַבְּרִיּוֹת. וְכָל הַמְחַלֵּל אֶת־הַתּוֹרָה. גּוּפוֹ מְחֻלָּל עַל הַבְּרִיּוֹת: ז רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ אוֹמֵר. הַחוֹשֵׂךְ עַצְמוֹ מִן־הַדִּין. פּוֹרֵק מִמֶּנּוּ אֵיבָה וְגָזֵל וּשְׁבוּעַת

### תפארת אבות

אין הֵיכן סארט מענטשן, ווי דער פסוק זאגט (דמות כמראה אדם עליו מלמעלה), אוך ניט אין דעם קלאס. „איש" ווייל „איש" ווייזט אויך אויף איין הויכען מענטשען (ויא אין פסוק שמו ט והאיש משה. והאיש גבריאל) נאר ער איז „אנוש" וואס דער נאמן „אנוש" ווייזט אויף איין נידריגען מענטשען. אונ דס זאגט דער תנא, (מאד מאד הוי שפל רוח), די זאלסט

### מגדל אבות

רים איז הט זיך פארגעשטעלט פאר דעם קייזער רבי קייזער הט אים צו גענומען זעהר פריינדליך ער האט איהם געזעצט לעבען זיך אונ געפרעגט אוב ער קאן איהם. הט רבי אלעזר געענטפערט ניין הט איהם דער קייזער געזאגט איך בין דער וואס איז איינמאל צוגעשווי מען צום ברעג ים אויף א ברעט פון שיף אונ דו האסט איהם צוגענומען צו זיך אונ געגעבן קליידער געלד אונ

אפערד. איך בין מזרע המלוכה פון דיא רוימישע קעניגן אונ יעצט בין איך זעלבסט קייזער זאג מיר וואס איז דיין פערלאנג וועל איך ערפילן. איך בין געקומן צו דיר גרויסער קייזער דיר בעטן אז דו זאלסט צוריקרופן דיין שרעקליכן בעפעהל (וואס דו האסט ארוס געלאזט איבער אונז יודען. דערמאן זיך אבער האט צו איהם געזאגט דער קייזער ווי דיינע ברודער זענען זיך מיט מיר בעגאנגן אלס איך בין צוגעשווימען צום ברעג יעצט וויל איך דערמאנען דאבע געמען פון זייא, זאגט רבי אלעזר צו איהם גרויסער קייזער דו דארפסט וויסן אז יענע יודען וועלכע זענען זיך מיט דיר שלעכט בעגאנגען זענען דיא נידעריגסטע קלאסע פון אונזער נאציאן, אין גרונד אבער זענען יודען רחמנים אונ טהון פיעל טובות מיט אלעמען ווי ביי יעדע נאציאן גיבט פארדארבענע מענשען גיבט עס בייא אונז אוך אבער דנא וועסט דאך ניט אונמגליקליך מאכן איין

### תורת אבות

פילוסוף הט עס געוואגן אין דר היים דר פילוסוף שרייט ווי אזו קאן דס זיין איך האב דאך ביי מיר גאר ריכטיג געוואגן דר גאלדשמידט לאכט זיך פון איהם אויס, אונ ער זאגט צו איהם א שיינר פילוסוף ביסט דו אז דו ווייסט ניט דעם איינגעשאפט פון זילבר דס אז מען שוטט זיך מיט זילבער איבר דעם וואסער ווערט דאס

### מדרש אבות

בן זומא. איזהו עשיר וועמען קען מען ווירקליך רופן עשיר יענער איז ווירקליך רייך. (השמח בחלקו). דר וועלכר איז צופרידן מיט וואס ער הט. אונ איז קיינעם ניט מקנא אונ לעבט נאך זיין פערמעגן. „מכובד" קען מען ניט רופן יענע מענשען וואס מען גיט איהם כבוד, דען עס זענען דא סיפל מענשן וואס מען גיט זיי כבוד צוליעב מורא צוליעב עשירות אדער אנדערע אור זאכן. בן זומא רופט מכובד דעם יט

ניט כבוד אנדערע מענטשען אונ שמעלט זיי פאר זיך פאר גרעסער זייא פאר איז אליין. דעם קען מען רופן מכובד ווייל

### צדקת אבות

פערמעגען. איך פערלאנג אז דו זאלסט מיר לייען די סומע געלד וואס עס טרעפן אן מיין מאנס חובות האט זי איהם געזאגט איך זאל דאכויט קענען מיין מאן פריי מאכן פון געפענגעניס ער הט געהייסן זיין קאסיר ער זאל אנגרייטען די סומע געלד וועלכע זי פערלאנגט נאכדעם הט ער איהר געזאגט חנה דיין וואונש ערפיל

איך יעצט פרפיל מיינעם. די פערלאנגס פון מיר א זאך וואס עס קען ניט זיין הט זי איהם געענפערט די פערלאנגסט פון מיר אז איך זאל פערשמוצן מיין קערפער אונ מיין זעלע אונ דאדורך זאל איך זיך מגזען שיידן מיט מיין מאן ווילסט די דען אז צו ליעב די אויגענ בליקליכע שמוציגע תאוה זאלן מיר ביידע פערשמוצן

### פירוש ע"ט

זאלסט ניט לערנן די תורה ווי א האק צו האקן דר מיט דס מיינט מען די זאלסט דייר ניט מאכן קיין פרנסה פון דר תורה ווארום מען טאר פון דער תורה קיין הנאה ניט האבן אויף דר וועלט אונ הלל פלעגט אויך אזוי זאגן ווער עס ניצט מיט דר תורה הט ער פארבייטן די וועלט פאר יענע וועלט פון דאנן לערענט מען אפ אז ווער עס הט הנאה פון דר תורה אויף דר וועלט נעמט ער דם איבינגע לעבן וואס ער הט געזאלט האבן לעולם הבא פון דר וועלט. רבי יוסי אומר רבי יוסי זאגט ווער עס האלט ערליך די תורה אדער ער האלט ערליך לומדי תורה איז ער אויך ערליך ביי לייטן אונ ווער עס פארשוועכט די תורה איז ער אויך מבוזה ביי לייטן. רבי ישמעאל בנו אומר זיין זוהן רבי ישמעאל זאגט ווער עס פארמייט זיך פון משפט אונ איז זיי מיט גוטען משוה נוארפט ער פון זיך ארופ פיינדשאפט אונ גזלה אונ שווערען

# שָׁוְא. וְהַגַּס לִבּוֹ בְּהוֹרָאָה, שׁוֹטֶה רָשָׁע וְגַס רוּחַ: ח הוּא הָיָה אוֹמֵר, אַל־תְּהִי דָן יְחִידִי, שֶׁאֵין דָּן יְחִידִי, אֶלָּא אֶחָד. וְאַל־תֹּאמַר קַבְּלוּ

## מגדל אבות

גאנצעס פאלק צוליעב איניגע שלעכטע מענשן וואס די האסט געזעהן. אויף ריעזע ווערטער האט איהם דר קייזער גיענטפערט ווען איך וואלט דיר ניט געאכטעט פון געשעצט וואלט איך אלע יודען אומגעבראכט נאר איך אכטע דיר אונ דיין ביטע. האסט מיט געבראכט קאנטריבוציע פר וויי האט דר קייזער געפרעגט. פיער טויזענד רנדקאטן האב איך פון מיין ארימעס פאלק צוזאמענגענומען אונ מיט געבראכט פאר דייער גרויסער קייזר. דס געלד האט דר קייזער צו רבי אלעזר גוזאגט ניט איך דארף נעהמען דיא וועלכע דוא האסט מיר געגעבען דערפאר וואס דוא האסט מיר גערעטעט מיין לעבען נעם איך מיין בעטעט צוריק אונ נעהמען די זיבן קליידער וועלכע דוא האסט מיר געגעבען ניט איך דיר ומנזי המלך זיבעצין פאר קליידער נאכדעם האט דער קייזער ר' אלעזר אבגעלאזט מיט דיא גרעסטע עהרע. ווי ר' אלעזר איז געקומען צו הויזע אונ האט ווי געבראכט די גוטע בשורה האבן זיי איהם עכספאנגען מיט גרוס שמחה אונ געזונגן דעם פסוק ושלח לחמך על פני המים. דס לערנט אונז דיא משנה איין מוסר השכל ואל תהי בז לכל אדם די זאלסט קיין מענשען ניט פעראכטען ואל תהי מפליג לכל דבר אונ וואס די פהוסט זאל ניט זיין איבער טריבען אונ זאלסט ניט ווייט פערקריכען אפילו נענן דיין בלגט פיינד וויא דיא עולי רגלים האבן געטהון מיט דעם רוימער דר מענש דארף אים פאראויס בעטראכטען וואס עס קען דערפון ארויסקומען. אונ דערצו קען מען אויך זאגען דעם תנא'ס ווארט (איזהו חכם הרואה את הנולד):

## תפארת אבות

זיין ביי זיך נפאלען אונ האבען אין זיך יראת שמים אונ שפלות אונ פארשטעהן אז פר דיר וואס דו ביסט אין דעם קלאס פון "אדם" פאסט ניט צו קרינען זיך מיט איין גראבן מענשען וואס הייסט געראפען "אנוש" (שתקות אנוש רמש) ווייל די ערווארטונג פון אזא מענשען איז נור מערר וויא אז פון איהם זאל ווערן ווערים. אבער די לייטישער מענש פארשטייט איהם וועסט האבען עוה"ז אונ עוה"ב:

## תורת אבות

הי ער שעצט אלעמן [illegible]. נמצא ווייזט דס בן זומא זעהר איין שיינעם גאנג אין מעלות יסודות וויא איין מענש דארף זיך פיהרען אויף דר וועלט אונ מיט די פיער מעלות וועט ער גליקליך זיין בעוה"ז ובעוה"ב:

## מדרש אבות

הלבו מיער גרינגר א סימן וועסט די האבן ווען דיר העלבסט אב ריכטיג די נייע הלבערנע כלים וואס די האנדעלסט ביי סיר וועסט די זעהן דס אז די וועסט ריך צוריק שיקען אונ קומען נאך דיין הויז וועט ווייטער פעהלן א ערך פון הונדערט פונט. די פילוסוף האט דיך זעהר געשעמט צו נעהן פרעגען בייא א צווייטען נאר דשמיט די ריכטיקייט עס האט איהם ניט געפאסט פאר זאגן דאס ער ווייסט ניט ווארום דעם איז אר געבליבען גענאוט מיט צווייט הונדערט פונט זילבר. דערפון איז א ראיה אז דר גרעסטער חכם וועט פר חיל זיך נאר פוסק זיין אויף זיין חכמה ניט פרעגען א צווייטען קאן מען איהם גאר גרינג אבנארן:

## צדקת אבות

אונזערע דיינגע זעלען אונ סיר זאלן ביידע קיין תקומה מיט האבן ברעך דיין יצר הרע וועסט די זיין ווי יוסף הצדיק וואס זיין נאמן איז אויף עוויג פערהייליגט פאר נעם ניט אז די וועסט דאך דארפען אב געבען דין וחשבון פר השי"ת וואס פר איהם בביכול איז קיין סודות ניט דא אונ ווייס אלעס וואס דר מענש טהוט אפילו אין דעם גרעסטען אונ טיפסטען געהיימנים עס איז שאנדע אז א מענש ווי די זאל ניט קענן בעהערשן דעם יצר הרע וואס ער איז דר גרעסטער אונ ערגסטער פיינד פון מענשן ריזע רויז האבען שטארק געווירקט אויף נתן צנציתא פר איז אבגעשטאנען פון איהר אונ איז געפאלן צו דר ערד אונ גדאנקט השי"ת וואס ער האט איהם נעגעבען קראפט זיך צו בעהערשן אונ איהם מציל געווען פון אזא גרויסע זינדע חנה האט בעקומען דס געלד וועלכעס נתן האט איהר געגעבען אונ האט באלד פריי געמאכט איהר מאן. ביים מאן איז פון דעמטווענן געבליבן אויף איהר א חשד ווי ביי אלע איינוואוהנער פון שטאדט אונ האט זיך פון איהר מרחיק געווען. איינמאל איז רבי עקיבא געזעסן אין בית המדרש אונ געלערנט מיט זיינע תלמידים האט ער דורך דעם פענסטער בעמערקט ווי איינר איז פארביי געריטן אויף פונקט וויא זאנענשטראלן האבן איהם ארויין געשיינט אין פענסטער אונ פערבלענדט די אויגן. רבי עקיבא האט געפרעגט זיינע תלמידים ווער איז דא פארביי געריטן האבן זיי איהם געזאגט דאס איז נתן צנציתא דר רשע וועלכר האט משמא געוועזן איין אשת איש רבי עקיבא האט איהם

## פירוש ע"ט

אומזיסט אונ ווער עס מאכט גרוים זיין הארץ אין דר הוראה וויא איין גרויסר למדן איז ער איין נאר אונ איין רשע אונ איין בעל גאוה. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן דו זאלסט ניט אליין פסקענען סיידן זיי וועלן זיך פון זיך זעלבסט ווארום עס משפט ניט אייגר אליין נאר דער אייגר וואס איז אויף אלע וועלטן דו זאלסט ניט זאגן נייט מקבל זיין דעה איך

דַּעְתִּי, שֶׁהֵם רַשָּׁאִים וְלֹא אָתָּה: ט רַבִּי יוֹנָתָן אוֹמֵר, כָּל־הַמְקַיֵּם אֶת־הַתּוֹרָה מֵעֹנִי, סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעֹשֶׁר, וְכָל־הַמְבַטֵּל אֶת־הַתּוֹרָה מֵעֹשֶׁר, סוֹפוֹ לְבַטְּלָהּ מֵעֹנִי: י רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, הֱוֵי מְמַעֵט בְּעֵסֶק, וַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה, וֶהֱוֵי שְׁפַל־רוּחַ בִּפְנֵי כָל־אָדָם, וְאִם־בָּטַלְתָּ מִן־הַתּוֹרָה, יֶשׁ לְךָ בְּטֵלִים הַרְבֵּה כְּנֶגְדְּךָ, וְאִם־עָמַלְתָּ בַּתּוֹרָה, יֶשׁ־לוֹ שָׂכָר הַרְבֵּה לִתֶּן־לָךְ: יא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן־יַעֲקֹב אוֹמֵר, הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה־לּוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד, וְהָעוֹבֵר עֲבֵרָה אַחַת, קוֹנֶה־

## מעשה אבות

(כָּל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעוֹנִי וכו׳), די גְמָרָא בְּרֶענְגְט איין מַעֲשֶׂה אין מַסֶּכֶת יוֹמָא, הִלֵּל הַזָּקֵן איז גֶעוֶועזֶען אין דֶר יוּגֶענְד איין גְרוֹיסֶער אֶבְיוֹן, אוּנ ווי ווייניג עֶר הָט פַארְדִינְט פְלֶעגְט עֶר אַ הֶעלְפְט דֶערְפוּן אָבְגֶעבֶּען אַלֶע טָאג דֶעם שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ עֶר זָאל אִיהם אַריינְלָאזֶען הֶערֶען דֶעם שִׁעוּר, איין טָאג הָט עֶר גָאר נִיט פַארְדִינְט אוּנ הָט נִיט גְעהַאט וָוס צוּ גֶעבֶּען דעם שׁוֹמֵר הָט עֶר אִיהם נִיט אַריין גֶעלָאזְט, הִלֵּל איז אָבֶּער גֶעוֶוען זֶעהר איין גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּנ הָט גֶעוָואלְט הֶערֶען ווי שְׁמַעְיָה אוּנ אַבְטַלְיוֹן לֶערְנֶען איז עֶר אַרוֹיף אוֹיפ׳ן דַאךְ אוּנ הָט זִיךְ גֶעלֵייגְט אִיבֶּער דֶעם דַאכְפֶענְסְטֶער אוּנ צוּ גֶעהֶערְט ווי זֵיי לֶערְנֶען. דָס איז גֶעוֶוען אין חוֹדֶשׁ טֵבֵת פְרֵייטָאג וֶוען דֶער טָאג איז קוּרְץ, שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן הָאבֶּען גֶעלֶערְנְט די גַאנְצֶע נַאכְט פַארְהֶער אוּנ עֶס איז שׁוֹין גֶעוֶוען איין שְׁטִיק אין טָאג אַריין אוּנ עֶס איז נָאךְ אַלְץ פִינְסְטֶער גֶעוֶוען. זֵייא הָאבֶּען זִיךְ דֶערִיבֶּער גֶעווּאוּנְדֶערְט נָאר זֵיי הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז עֶס איז איין ווָאלְקֶענְדִיגֶער טָאג הָאבֶּען זֵיי אַ ווייטֶער גֶעלֶערְנְט, עֶס איז ווִידֶער אַוֶועק אַ צַייט אוּנ

## בית אבות

(הֱוֵי מְמַעֵט בְּעֵסֶק וַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה), די טַייטְשׁ פוּן דֶעם מַאֲמָר איז דוּא זָאלְסְט וֶועניג עוֹסֵק זַיין אין דִיא עֲסָקִים פוּן דֶר וֶועלְט נָאר דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה. דָא איז צוּ פְרֶעגֶען, אַז עֶר וֶועט נִיט עוֹסֵק זַיין אין מַשָּׂא וּמַתָּן ווי עֶס גֶעהֶער צוּ זַיין ווי וֶועט עֶר גֶעמֶען צוּ עֶסֶן וֶועט עֶר דָאךְ מְמִילָא נִיט קֶענֶען לֶערְנֶען, דֶר תִּירוּץ איז דֶר יֵצֶר הָרָע לָאזְט דֶעם מֶענְשׁ נִיט לֶערְנֶען וֶוען עֶר ווִיל לֶערְנֶען רעדְט אִיהם אַן דֶר יֵצֶר הָרָע דוּ דַארְפְסְט דָאךְ אַצוּנְד טְהוּן דָאס קְלֵיינִיגְקֵייט וֶועלְכֶעס עֶר וָואלְט זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶקֶענְט בֶּעגֶעהן אָהן דֶעם. דֶעסְטְוֶוגֶען רעדְט עֶר אִיהם אַן עֶר זָאל תָּמִיד שְׁמוּעֶסֶן מִיט מֶענְשֶׁען טָאמֶער וֶועט עֶר עֶפֶּעס גֶעוָואהר ווֶערֶען וֶועלְכֶעס קְלֵיינִיגְקֵייט

## צדקת אבות

גֶעהֵייסֶען אַריין רוּפֶען אוּנ ווִי עֶר איז אַריין הָט עֶר אִיהם גֶעפְרֶעגְט וָוס פַר איין מִצְוָה עֶר הָט גֶעטְהוּן הָאט עֶר רַבִּי עֲקִיבָא׳ן דֶערְצֶעהְלְט די גֶעשִׁיכְטֶע מִיט חַנָּה׳ן הָט רַבִּי עֲקִיבָא אִיהם גֶעבֶּענְשְׁט אוּנ גֶעזָאגְט דוּ הָאסְט דַיין יֵצֶר הָרָע גוֹבֵר גֶוֶוען דַארוּם שַׁיינְן די הֵיילִיגֶע שְׁטְרָאלֶן פוּן דֶר שְׁכִינָה כִּבְיָכוֹל אוֹיף דִיר יֶעצְט מַיין זוּהן זֶעץ זִיךְ אין מַיין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען וֶועסְט נָאךְ קוּמֶען צוּ איין גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה. נָתָן הָט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען אוּנ איז גֶעוָוארֶען איין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם. אֵיינְמָא״ איז חַנָּה׳ס מַאן גֶעקוּמֶען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ פְרֶעגֶען בַּיי רַבִּי עֲקִיבָא דֶעם דִין וֶועגֶען זַיין ווַייב, זֶעהט עֶר ווִיא נָתָן זִיצְט אין דֶער עֶרְשְׁטֶע שׁוּרָה פוּן די תַּלְמִידִים פַר רַבִּי עֲקִיבָא, פְרֶעגְט עֶר ווִי קוּמְט דֶר חוֹטֵא וּפוֹשֵׁעַ צוּ אַזָא שְׁטוּפֶע, הָאבֶּען אִיהם די תַּלְמִידִים דֶערְצֶעהְלְט די גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע,

## פירוש ע״ט

ווַייל אַייךְ אַליין פְסָקֶענֶען זֵיי מֶעגֶען זִיךְ אוֹיף דִיר פַארְלָאזֶען אָבֶּער נִיט דוּ זָאלְסְט דָס זָאגֶען. רַבִּי יוֹנָתָן אוֹמֵר רַבִּי יוֹנָתָן זָאגְט וֶוער עֶס הַאלְט בַּייא זִיךְ דִיא תּוֹרָה עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ פוּן אָרוּמְקֵייט חָאטְשֶׁע עֶר איז אָרוּם וֶועט דֶר סוֹף פוּן אִיהם זַיין אַז הַשֵּׁ״י וֶועט אִיהם הֶעלְפֶען אַז עֶר זָאל וֶוערֶען איין עוֹשֶׁר וֶועט עֶר בְּהַרְוָחָה מְקַיֵּים זַיין. דֶר וָוס איז מְבַטֵּל די תּוֹרָה אַז עֶר איז איין עוֹשֶׁר אוּנ הָט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען איז זַיין סוֹף עֶר וֶועט מְבַטֵּל זַיין די תּוֹרָה מֵחֲמַת אָרוּמְקֵייט. רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר רַבִּי מֵאִיר זָאגְט זָאלְסְט ווִינְצִיגֶער מַשָּׂא וּמַתָּן טְהוּן אוּנ זָאלְסְט עוֹסֵק בַּתּוֹרָה זַיין אוּנ דַיין דֵעָה זָאל נִידְרִיג זַיין פַר אִיטְלֶכֶען מֶענְשֶׁען זָאלְסְט דוּ זִיךְ נִידְרִיג הַאלְטֶען וֶוען דוּ הָאסְט בְּכִיוָון מְבַטֵּל גֶעוֶוען פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען איז פַארְהַאנְדֶען נָאךְ בְּטֵלִים קֶעגֶען דִיר וָוס מֶען וֶועט דִיר צוּ שִׁיקֶען אַז דוּ זָאלְסְט ווייטֶער מְבַטֵּל זַיין אוּנ אַז דוּ הָאסְט דִיךְ זֶעהר פִיל גֶעמִיהט אין דֶער תּוֹרָה איז פַארְהַאנְדֶען פוּן דַיינֶעט וֶועגֶען פִיעל גֶעצָאהְלְט צוּ גֶעבֶּען דִיר. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב זָאגְט וֶוען אֵיינֶר טְהוּט איין מִצְוָה קוֹיפְט עֶר זִיךְ איין פַארְשְׁפְּרֶעכֶער עֶר זָאל פַר אִיהם תָּמִיד דֶערְמַאנֶען דֶעם זְכוּת פוּן דֶער מִצְוָה וְהָעוֹבֵר עֲבֵירָה אַחַת וֶוען עֶר טְהוּט איין

לוֹ קַטֵּגוֹר אֶחָד. תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, כִּתְרִיס בִּפְנֵי הַפּוּרְעָנוּת:
יב רַבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר אוֹמֵר, כָּל־כְּנֵסִיָּה שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם, סוֹפָהּ
לְהִתְקַיֵּם, וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם אֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם: יג רַבִּי אֶלְעָזָר
בֶּן־שַׁמּוּעַ אוֹמֵר, יְהִי כְבוֹד תַּלְמִידְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ, וּכְבוֹד
חֲבֵרְךָ כְּמוֹרָא רַבָּךְ, וּמוֹרָא רַבָּךְ כְּמוֹרָא שָׁמָיִם: יד רַבִּי יְהוּדָה
אוֹמֵר, הֱוֵי זָהִיר בְּתַלְמוּד, שֶׁשִּׁגְגַת תַּלְמוּד עוֹלָה זָדוֹן. רַבִּי שִׁמְעוֹן
אוֹמֵר, שְׁלֹשָׁה כְתָרִים הֵן, כֶּתֶר תּוֹרָה, וְכֶתֶר כְּהֻנָּה, וְכֶתֶר מַלְכוּת,

## בית אבות

צו דער פרנסה, דער כלל איז דער יצר הרע נארט תמיד דעם מענש אז ער זאל קיינמאל נישט האבן קיין צייט צו לערנען, אבער באמת איז יעדער יוד מחויב צוא לערנין תורה אפילו דער וואס איז עוסק במשא ומתן איז מחויב איבערלאזען צייטען ביי טאג אונ ביי נאכט צוא לערנען תורה, דער וואס קען נישט לערנען זאל לערנען די היילינע ספרים בלשון עברי טייטש ער זאל וויסען מקיים צו זיין די מצות ווי עס געהער צו זיין אונ זאל אריינברענגען אין זיך יראת שמים, דעסטגלייכן ביי יעדען עסען איז איין גרויסע מצוה עפיס צוא לערנען אין וועלכען ספר דורכדעם ברענגט מען אין זיך אריין קדושה מיט יראת שמים מען זאל תמיד געדענקען אין

## מעשה אבות

עס איז נאך אלץ פינסטער, דאס איז זיי געווארן אויפגעפאלענד, האבען זיי א בליק געטהון אין דאכפענסטער האבען זיי ערשט דערזעהן איין מענשליך געשטאלט איבער דעם פענסטער, זיי זענען ארויף אויף דעם דאך האבען זיי דערזעהן אז הלל ליגט איבער דעם פענסטער אונ אויף איהם איז אנגעפאלען איבער נאכט דריי איילן היך שניי, זיי האבען אבגעשארט דעם שניי פון איהם אונ האב' איהם אראבגענומען אין בית המדרש, זיי האבען איהם אבגעווארעמט אונ אבגעוואשען, דערווייל איז געווארן שבת האבען זיי געזאגט אז הלל איז ווערט צו פערהיטען איהם פון איין קראנקהייט אז מען זאל איבער איהם מחלל שבת זיין, דעם שומר האט מען פערזאגט אז פון איצט אן זאל ער איהם שטענדיג אריין לאזען אין בית המדרש אונ זאל זיצען צווישען די גרעסטע תנאים, הלל איז געשטאנען פון טאג צוא טאג אונ איז געווארן איין גדול הדור, אין א צייט אדום איז ער אוועק פון בבל נאך ארץ ישראל, דארטן זענען געווען די נשיאים אונ די זקנים פון בני בתירא אונ אז זייא האבען געזעהן זיין גדלות אין תורה אז ער שטעהט פיעל העכער פאר זייא האבען זיי איהם געמאכט פאר איין נשיא אין ארץ ישראל אויך דער קעניג הורדוס האט

## צדקת אבות

איצט ווייס איך קלאר אז חנה איז ריין אונ עהרליך. האט ער צו זיך געזאגט אונ האט ווייטער געלעבט מיט איהר זעהר שיין אונ זי געשעצט ווי א היילינע זאך, די חכמים האבען איהם א נאמען געגעבען נתן דצוציתא ווייל די ליב־טינע שטראהלען האבען אויף זיין קאפ געשיינט, דאס מיינט די משנה, ווער הייסט איין גבור הכובש את יצרו, דער וועלכער קאן בעהערשען זיינע שלעכטע געדאנקען, אונ דער ווערט זיין גערעכענט פון די צדיקים גבורי ישראל:

## פירוש ע"ט

עבירה קויפט ער זיך איין קריגער וואס דערמאנט תמיד די עבירה. ווידער קענען זיך צו נאט חרטה האבען באמת פון זיינע שלעכטע מעשים אונ זאל שוין טהון ווייטער גוטע מעשים וויא א שוץ אזוי פארשטעלט דאס פאר צרות עס דערלאזט ניט קומען צו מענשען. רבי יוחנן הסנדלר רבי יוחנן הסנדלר זאגט די איינזאמלונג וואס זייער צונויף קומען איז פון אויבערשטענס דינסט אדער פון תורה וועגען איז דער סוף אז עס וועט אזוי בלייבען זיי וועלען אויספיהרען זייער ווילען אונ דאס איינזאמלונג וואס איז ניט לשם שמים האט דאס צום סוף קיין קיום ניט. רבי אלעזר בן שמוע רבי אלעזר זאגט עס זאל זיין דער כבוד פון דיינע תלמידים אויף דיר געליבט אזוי ווי דיין כבוד אונ דיין חברים כבוד זאל זיין אזוי ווי דער כבוד וואס דו טהוסט אן דיין רבי מחמת מורא אונ די מורא פון דיין רבי זאל זיין אזוי ווי מען האט מורא פאר גאט. רבי יהודה אומר רבי יהודה זאגט זאלסט זיין געווארענט אין לערנען דו זאלסט רעכט פארשטיין ווייל דאס וואס דו וועסט דיך טועה זיין דורך דעם וואס דו האסט ניט רעכט געזעהן אונ וועסט דיך טועה זיין צו פסקענען דאס וועט זיין גערעכענט פאר איין מזיד. רבי שמעון אומר רבי שמעון זאגט עס איז געווען ביי יודען אין ארץ ישראל דריי קרוינען דאס הייסט וואס די תורה האט געהייסען כבוד אן טהון דיא קרוין פון דער תורה ווער עס איז איין למדן אין דער תורה א כהן בפרט א כהן גדול האט דיא

וְכֶתֶר שֵׁם טוֹב עוֹלֶה עַל גַּבֵּיהֶן: טו רַבִּי נְהוֹרָאִי אוֹמֵר, הֱוֵי גוֹלֶה לִמְקוֹם תּוֹרָה, וְאַל־תֹּאמַר שֶׁהִיא תָבוֹא אַחֲרֶיךָ, שֶׁחֲבֵרֶיךָ יְקַיְּמוּהָ בְיָדֶךָ, וְאֶל־בִּינָתְךָ אַל־תִּשָּׁעֵן: טז רַבִּי יַנַּאי אוֹמֵר, אֵין בְּיָדֵינוּ לֹא מִשַּׁלְוַת הָרְשָׁעִים, וְאַף לֹא מִיִּסּוּרֵי הַצַּדִּיקִים: רַבִּי מַתְיָא בֶּן־חָרָשׁ אוֹמֵר, הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל־אָדָם, וֶהֱוֵי זָנָב לָאֲרָיוֹת, וְאַל־תְּהִי רֹאשׁ לַשְּׁעָלִים: יז רַבִּי יַעֲקֹב אוֹמֵר, הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר,

## מעשה אבות

איהם ווערד געאכטעט אונ אכטצ״ג פון די גרעסטע תנאים אין זיין דור זעגען געקומן צו איהם לערנען תורה אונ האבן זיך גערופן זיינע תלמידים אונ אזו האט ער זוכה געוועזן צו זעהן פיעל נחת וגדולה, דס זאגט די משנה, (כל המקים את התורה מעוני), דער וואס לערנט אין ארעמקייט אונ דחקות, (סופו לקימה מעושר), לערנט אס ענדע אין רייכטהום אונ עהרע וויא מיט הלל הזקן איז געוועזן:

## בית אבות

השם יתברך, דאס זאגט דר תנא אין דר משנה (והוי ממעט בעסק ועסוק בתורה), היינו דוא זאלסט ניט פארגנען דעם יצר הרע וואס רעדט דיך תמיד אין אז דו האסט ניט קיין צייט צו לערנען נאר דו זאלסט אוועק לייגען די קליינינקייטן וואס דו דארפסט ניט נייטיג אונ לערנען אויף דעם ארט, וועד שמועסט מען זאל ניט שמועסן מיט מענשן איבריגע ווערטער וועלכעס מען קען זיך בעגעהן אהן דעם נאר מען זאל בעסער לערנען אין דר צייט יעדער וואס ער קען. די גמרא זאגט אז דער וואס לערנט תורה האט הצלחה אין אלדינג, דריבער דארף מען צוא פר זיכערן זיך אין השם יתברך אונ אוועקלייגען אלע קליינינקייטן מיט דיא איבריגע רייד נאר וועגן מידארף ניט גייטיג עוסק צו זיין במשא ומתן זאל מען תיכף עוסק זיין בתורה יעדער מענטש וויא נאר מעגליך איז וועט מען זוכה זיין צוא פיעל גוטס אונ צוא עוה״ב אמן:

## משלי אבות

(אין בידינו לא משלות הרשעים וכו׳) מיר האבן ניט דם רעכט צו קלערן פר וואס געהט אנדערע רשעים גוט אויף דער וועלט. ואף לא מיסורי הצדיקים: אונ ניט מיר קענן פערשטעהן ווארום האבן צדיקים יסורים, ווייל דאס איז אלץ מהשגחת השי״ת אונ דעם סוד וויסט קיינר ניט, משה רבינו האט געבעט ביי השי״ת (הודיעני נא את דרכיך) ערקלער מיר דיין געטליכע הנהגת, ירמיה הנביא האט געפרעגט (מדוע דרך רשעים צלחה) ווארום זענען די רשעים גליקליך אויף דר וועלט אונ צדיקים האבן צרות. אין דר גמרא איז דם אלץ ערקלערט נאר מיר וועלן דערצו געבן איין משל. ביי איין קעניג איז געוועזן איין שר וועלכר איז איהם געוועזן זעהר טריי, ער האט דם גאנצע לעבן געאפפערט איהם אונ מעהרערע מאל האט ער זיך געשטעלט אין געפאהר פר דעם קעניגס לעבן, נאטירליך איז ער געוועזן זעהר געאכטעט אונ געליעבט ביים קעניג, דאנגען איז געוועזן אין לאנד ביים זעלבן קעניג א געוויסר פערברעכר וואס אז מען וואלט איהם נאר חאפן וואלט מען איהם געווים צום טויט פעראורטיילט. איינמאל האט זיך געטראפן אז דר שר האט אין א פערזאמלונג פון גרויסע הערשאפטן אין איין רעדע אונגערעגט זיך אוים געדריקט מיט אזא ווארט וואס עס איז געוועזן א פחיתות הכבוד פר דעם קעניג. ער האט דם אפילו געשפראכען אונגערען אבער צו בעשטראפן קומט איהם אין דער זעלבר צייט איז דר קעניג געגאנגען שפאצירען האט א יאהגזיניגר געוואלט שיסן אויף איהם אונ גראדע איז דר מורד במלכות וועלכן מען האט געזוכט פערביי געגאנגען. ער האט דעם משוגענעם אנגענומן פארן האנד אונ האט דאדורך דעם קעניג מציל געוועזן פון טויט. אלזא האט ער פאר דיעזען העלדענטהאט פערדינט איינע בעלאוהנונג. די מיניסטארן האבן ניט געקענט בעשליסן וואס זאל מען טהון מיט די צוויי פערשידענע

## פירוש יו״ט

תורה געהייסן כבוד אן טהון. רבי נהוראי אומר רבי נהוראי זאגט דו זאלסט ווערן פארטריבן צו דעם ארט וואו מען לערנט תורה זאלסט אליין געהען צום רבי אונ דו זאלסט ניט זאגן אז זי וועט קומן נאך דיר דאס הייסט דיא תלמידי חכמים וועלען אמאל אהער קומען וועל איך דענטסמאל ביי זיי לערנען אדר דו וועסט טראכטן דיינע חברים וועלן אהער קומן פון דעם רבי וועלן זיי מיט דיר לערנען אונ זאלסט דיך ניט פארלאזן אויף דיין גרוים פארשטאנד. רבי ינאי אומר רבי ינאי זאגט מיר ווייסען ניט פר וואס רשעים האבן אפט מאהל שלוה אונ פר וואס די צדיקים האבן אפט מאהל יסורים. רבי מתיא בן חרש רבי מתיא זאגט דו זאלסט פעדערן צו פרעגן שלום איטלכן מענש אונ זיי איין עק צו לייבן אונ גרעסערע פון דיר אונ דו זאלסט ניט זיין איין עלטסטר צו פיקסן צו נידריגערע פון דיר. רבי יעקב אומר רבי יעקב זאגט דיא וועלט

בפני העולם הבא. התקן עצמך בפרוזדור. כדי שתכנס לטרקלין:
יח הוא היה אומר. יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים
בעולם הזה. מכל חיי העולם הבא. ויפה שעה אחת של־קורת
רוח בעולם הבא. מכל חיי העולם הזה: יט רבי שמעון בן־אלעזר
אומר. אל־תרצה את־חברך בשעת כעסו. ואל תנחמהו בשעה
שמתו מוטל לפניו. ואל־תשאל לו בשעת נדרו. ואל־תשתדל
לראותו בשעת קלקלתו: כ שמואל הקטן אומר. בנפל אויבך אל־

### אמונת אבות

(ויפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא). די טייטש פון דעם מאמר איז עס איז בעסער איין שעה וואס מען טהוט תשובה און גוטע מעשים אויף דר וועלט פון גאר דס לעבען פון עולם הבא, ווארום דערמאלט בעולם הבא קען מען שוין ניט קיין תשובה טהון נאר דס וואס מען האט זיך אנגעגרייט בעולם הזה תשובה ומעשים טובים פון דעם בלייבט נאך לעולם הבא. אבער דר וואס האט זיך נישט אנגעגרייט תשובה ומעשים טובים קען שוין דארט גאר נישט פארבעסערן. אזוי ווי בספר פרקי דרבי אליעזר ובספר ראשית חכמה שער התשובה שרייבן א מעשה עס איז געוועזן א גרויסער רבי וועלכער ער איז פריהער געוועזן א גזלן. און איז געזעסן אויף דעם וועג מיט נאך צוויי גזלנים און האבען יעדערן בעגזל'ט. האט ער זיך מישב געווען וואס וועט זיין

### מעשה אבות

(התקן עצמך בפרוזדור) מאך דיך צוגעגרייט אין פארצימער כדי שתכנס לטרקלין דאמיט זאלסט קענען אריין געהן אין דעם פאראדנעם צימער. דיא ספרי מוסר ברענגען א מעשה אין דער געגענד וואו עס האט געוואהנט הגאון בעל מקדש מלך איז געווען איין רייכער מאן איין מפורסם פאר איין גרויסען בעל עבירה. ער איז געוועזן אזוי ווייט פארדארבען אז ווי פיעל מען האט זיך מיהה געגעבען איהם אב צו ווענדען פון זיינע שלעכטע נעמען און אריף

### משלי אבות

מענשן וואס ביידע פערדינען צו גלייך בעשטראפונג און בעלאוהנונג. דר קעניג האט געהייסן אז דעם שר וואס איז דאך אלע מאל טריי דעם קעניג און פערדינט גוטע בעלאוהנונג נאר איינמאל האט ער אונגערן פינגט געוועזן אין קעניגס כבוד זאל מען איהם אוועק פיהרען אין א זייטיגן ארט און דארט זאל מען איהם שטרענג פר האלטן פר זיין פערברעכן געגן דעם קעניג. דס זאל זיין זיינע שטראפע און נאכהער זאל מען איהם ברענגען אין שטאט בפני כל עם ועדה און אין אלעמענס געגענווארט מיט גרויס פאראד געבען מעראלען און ארדען. און דעם מורד במלכות וואס פריהער האט ער פערדינט די שטרענגסטע שטראפע נאר ער האט דאך מציל געוועזן דעם קעניג פון טויט קומט איהם דאך בעלאוהנונג אויך איהם זאל מען צו ערשט אוועק פיהרן אין איין אבגעלעגענעם ארט וואו קיינער געהט ניט. און מען זאל איהם אין דר שטול אנטהון איין ארדען (דס זאל זיין די בעלאוהנונג) און נאכהער זאל מען איהם ברענגען אין שטאט און אויף איין פרייען פלאץ וואו עס איז זעהר בעלעבט פון פובליקום זאל מען איהם אין געגענווארט פון אלעמען בעשטראפן ווי ער האט פערדיענט. דר נמשל איז דר צדיק דיענט השי"ת מיט'ן גאנצן הארצן מיט גרויס מסירת נפש. נאר אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא. עס איז דאך ניטא איין צדיק וואס זאל טהון דערבאים מעשים טובים

### פירוש ע"ט

איז גלייך ווי א פאהרהויז פר יענע וועלט גרייט דיך אן דוא זאלסט דיך אן טהון אין פאהרהויז אז דו זאלסט אריין געהן אין פאלאץ. הוא היה אומר רבי יעקב פלעגט זאגן עס איז בעסר איין שעה וואס מען טהוט תשובה און גוטע מעשים אויף דר וועלט פון גאר דאס לעבען פון עולם הבא ווארום דארטן קאן מען שוין גאר ניט פארדינגן קיין שום נייעם שכר און עס איז ווידר בעסר איין שעה פון תענוג און הנאה וואס מען האט בעולם הבא פון אלע תענוגים וואס מען האט אויף דר וועלט. רבי שמעון בן אלעזר רבי שמעון זאגט דו זאלסט ניט בעוויליגן דיין חבר אין דר צייט אז ער איז ברוגז ביי דר כעס וועט איהם אפ געהען און דו זאלסט איהם ניט טרייסטן אין דר צייט אז דר מת ליגט נאך פאר איהם און דוא זאלסט ניט פרעגן איהם אויף איין פתח חרטה דענסטמאל אז ער טהוט דעם נדר און געוואהן דיך ניט צו זעהען דיין חבר דענסטמאל אז ער האט געטהון וואס ניט רעכט איז ווארום ער וועט פאר דיר מבויש ווערן. שמואל הקטן אומר שמואל הקטן פלעגט תמיד זאגען דעם פסוק אז דיין פיינד פאלט

תִּשְׂמַח וּבִכָּשְׁלוֹ אַל־יָגֵל לִבֶּךָ, פֶּן יִרְאֶה יְיָ וְרַע בְּעֵינָיו וְהֵשִׁיב מֵעָלָיו אַפּוֹ: כא אֱלִישָׁע בֶּן־אֲבוּיָה אוֹמֵר, הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמָה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל־נְיָר חָדָשׁ, וְהַלּוֹמֵד זָקֵן לְמָה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל־נְיָר מָחוּק: רַבִּי יוֹסֵי בַּר יְהוּדָה אִישׁ כְּפַר הַבַּבְלִי אוֹמֵר, הַלּוֹמֵד מִן־הַקְּטַנִּים לְמָה הוּא דוֹמֶה, לְאוֹכֵל עֲנָבִים קֵהוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן מִגִּתּוֹ, וְהַלּוֹמֵד מִן־הַזְּקֵנִים לְמָה הוּא דוֹמֶה, לְאוֹכֵל עֲנָבִים בְּשׁוּלוֹת וְשׁוֹתֶה יַיִן יָשָׁן: רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, אַל תִּסְתַּכֵּל בְּקַנְקַן, אֶלָּא בְּמַה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, יֵשׁ קַנְקַן חָדָשׁ, מָלֵא יָשָׁן, וְיָשָׁן

## מעשה אבות

פיהרען איהם אויף דעם ריכטיגען וועג האט אלעס ניט געהאלפען צוא אלע מעלות איז ער נאך געווען א גרויסער שכ"ר, עס פלעגט אבער זעהר אפט טרעפען אז בעת שכרות האט ער געטהון גוטע זאכען אויך אונ פלעגט געבען נדבות וצדקות, ויהי היום איז דער עשיר גישטארבען מען קען זיך פארשטעלען וויפיעל מענשען עס זענען צוזאמענגעלאפען אויף וואונדער בעת דער לויה, אין דעם זעלבען טאג איז גראדע געווען דער גאון בעל מקדש מלך אין דער זעלבען שטאדט האט ער גיפרעגט ווער איז דאס גישטארבען (ער האט געמיינט אז עס איז גישטארבען א גרויסער צדיק) האט מען איהם געזאגט אז עס איז געשטארבען דער רייכער רשע אונ דאס איז מען צוזאמענגעלאפען אויף וואונדער, דעם בעל מקדש מלך האט מען מגלה געווען מן השמים

## אמונת אבות

זיין תכלית הט ער אנוועקגעלאזט די צווי גזלנים אונ הט תשובה געטהון מיט דעם גאנצען הארץ אונ האט געפאסט אונ געבעטען תמיד להשם יתברך ער זאל איהם מוחל זיין אונ אפגעגעבען וועמען ער הט געקאנט אונ הט ערענסט געדאווענט אין בית המדרש אונ הט געלערינט תורה אונ געגעבען צדקה אונ איז געווארען א גרויסער רבי, אין דעם איינענעם טאג ווס ער איז נפטר געווארען זענען געשטארבען די צווי גזלנים וואס

## משלי אבות

אהן איין שום פעהלער אונ פאר זיינע קליינע חטאים שטראפט מען איהם דא אין דר פינסטערע וועלט, אונ קומט אב בעולם הזה, נאר ער איז דאך אבער איין פרייער דינער ביי השי"ת ניט מען איהם גרויס כבוד אין דר ליכטיגע וועלט אין גן עדן. אבר דר רשע איז דאך מורד אן השי"ת בביכול אונ טהוט אלץ געגען זיין פערזאנ, נאר עס טרעפט אמאל אז ער טהוט איין מצוה ווס דאס איז דאך איין נחת רוח פאר השי"ת, בעצאהלט איהם השי"ת מיט גוטעס אונ עשירות אויף דר וועלט, ווי אין פסוק שטייט ומשלם לשונאיו אל פניו. דר בורא ב"ה בעצאהלט זיינע פיינד בייא זיין לעבען דאס הייסט אויף דער וועלט להאבידו. דאמיט ער זאל קיין טענות ניט האבען אונ זאל פערלירען יענע וועלט אונ דארטען האט ער דעם גרויסען עונש דארום איז צדיק ורע לו עס גיבט א צדיק וועלכען עס איז שלעכט אויף דער וועלט. רשע וטוב לו אונ עס גיבט א רשע וואס איהם איז גוט אויף דער וועלט:

## פירוש ע"ט

זאלסט דוא דיך ניט פרייען אונ אז ער ווערט געשטרויכעלט זאל דיין הארץ ניט לוסטיג זיין טאמער אז השי"ת וועט זעהען אז דו פרייסט דיך אונ עס וועט איהם איבעל געפעלען אין זיינע אויגען וועט ער פון איהם אפקערען זיין צארן אויף דיר. אֱלִישָׁע בֶּן אֲבוּיָה אלישע זאגט ווער עס לערענט יונגערהייט צו ווס איז ער גלייך צו טינט ווס איז געשריבען אויף נייע פאפיר וואס עס איז נאך קיינמאל עפיס אנדערס ניט געשריבען דרויף אונ ווער עס הייבט אן צו לערנען אויף דער עלטער צו ווס איז ער גלייך ווי טינט ווס איז געשריבען אויף אזא פאפיר ווס מען הט שוין אמאל דרויף געשריבען. רַבִּי יוֹסֵי בַּר יְהוּדָה רבי יוסי זאגט אז ער לערענט תורה פון יונגע לייט צו ווס איז ער גלייך צו דעם ווס עסט איילינגע ווייך טרויבען אונ טרונקט פון זיין קעלטער יונגען ויין אבר דר ווס לערענט תורה פון אלטע צו ווס איז ער געגליכען צו דעם ווס עסט פארטיגע וויין טרויבען אונ טרינקט אלטען וויין. רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר רבי מאיר זאגט דו זאלסט ניט קוקען אויף אקרוג ווס פר א קרוג דס איז נאר זאלסט קוקען ווס איניוויינג איז דא עס איז פארהאנדען א נייער קרוג אונ עס איז פול מיט אלטען וויין אונ עס איז פארהאנדען איין אלטער קרוג וואס עס איז אין איהם גיט דא אפילו קיין נייער וויין ער איז גאר ליידיג אזו איז פאר

שֶׁאֲפִלּוּ חָדָשׁ אֵין בּוֹ: כב רַבִּי אֶלְעָזָר הַקַּפָּר אוֹמֵר, הַקִּנְאָה, וְהַתַּאֲוָה, וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת־הָאָדָם מִן־הָעוֹלָם: כג הוּא הָיָה אוֹמֵר, הַיִּלּוֹדִים לָמוּת, וְהַמֵּתִים לִחְיוֹת, וְהַחַיִּים לִדּוֹן, לֵידַע, וּלְהוֹדִיעַ, וּלְהִוָּדַע, שֶׁהוּא אֵל, הוּא הַיּוֹצֵר, הוּא הַבּוֹרֵא, הוּא הַמֵּבִין, הוּא הַדַּיָּן, הוּא הָעֵד, הוּא בַּעַל דִּין, הוּא עָתִיד לָדוּן.

### אמונת אבות

זעניִן פריהער געוועזען זיינע חברים האט מען אין הימעל געגעבען איהם זיין חלק אין גן עדן אונ פיעל גוטס אונ די צוויי חברים הט מען געגעבן זייער ארט אין גיהנם אין פינסטערן שאול תחתית. האבען דיא צוויי בזלנים געפרעגט פאר וואס גיט מען איהם זיין חלק אין גן עדן אונ אונז אין גיהנם ער הט דאך פון לאנג יעדערן בע'גזל'ט גלייך מיט אונז. האט השם יתברך גיענטפערט ער הט תשובה געטהון ווען ער הט געלעבט האב איך אנגענומען זיין תשובה אונ האב איהם מוחל געווען אונ איהר האט נישט געטהון קיין

### מעשה אבות

אז דער הוטא איז איין בעל עולם הבא פאר זיינע גרויסע צדקות אונ נדבות דורך וועלכע ער האט מחיה געווען פיעל נפשות מען הט איהם מגלה געווען אז איינע מאל פאר זיין שטארבען זענען צו איהם געקומען ארעמע עלטערן פון איין ארעמע כלה אונ האבען איהם דערצעהלט אז דער חתן וויל ניט געהן צוא דער חופה ביז מען וועט איהם געבען איין טלית מיט איין זילבערנע עטרה אונ זיי האבען קיין שום מיטעל ניט גיהאט דאס צו שאפען האט זיי דער גביר גלייך געגעבען געלד צו קויפען דעם טלית מיט דער עטרה אונ האט נאך גערופען צו זיך דעם חתן מיט זיינע גוטע פריינד אונ גינג אכט פאר וויא איין גאנצען מאלצייט אונ גיבעטען דעם חתן אז ער זאל דעם שידוך ניט אבלאזן ווייל דיא כלה איז איין בת כובים, דער חתן האט איהם געפאלגט אונ האט מיט דיא ארימע כלה חתונה געהאט, זיינע מליצי יושר אין הימעל האבען מליץ געווען פאר דעם בורא ב"ה אז ער זאל זיין איין בן עוה"ב בעזונדערס פאר די לעצטע מעשה מיט די ארימע כלה אונ האבען גיפועל'ם

### משלי אבות

(הקנאה והתאוה והכבוד וכו'). למשל א גוטס־בעזיצר זעהר איין גוטר מענש הט אפגעגעבן זיין גוט (אימעניע) איינעם אין ארענדע, אליין איז ער אוועק אויף איין לאנגע צייט אין אויסלאנד, דער ארענדאר הט זיך גאנץ גוט געלעבט אין דר אימעניע אונ איז געווען אין איהר דר גאנצר בעל הבית. ארענדא הט ער דעם גוטסבעזיצר די גאנצע צייט ווס ער איז געווען אין אויסלאנד ניט געצאהלט גאך איינינע יאהרן איז געקומען דר גוטסבעזיצר הט ער גערופן דעם ארענדאר אונ איהם שטרענג אנגעזאגט אז ער זאל איהם געבן איין רעכענונג ווס ער הט פר איהם אויסגעגעבן אין די גאנצע צייט אונ זאל איהם דערלעגן די איבעריגע ווס עס קומט איהם, דר ארענדאר הט זיך גענוואלט בענוצען מיט א פעטען רעכענונג הט ער איהם אנגעוויזן אויף פערשידענע זאכן ווס ער הט געמאכט ער הט דעם שייער געדעקט מיט בלעך פערפלאנצט איין גרויסן גארטן געמאכט נייע ברונענס אונ נאך אזעלכע זאכן ער הט פערקלערט דעם גוטסבעזיצר אז ער האט געמאכט די אלע זאכען ווייל ביי דעם אנדערען גוטס בעזיצער ווס גרענעצט זיך מיט איהם איז אויך אלעס אזוי געמאכט. דער גוטסבעזיצער הט דעם רעכענונג ניט אנגענומען איך דארף דיא אלע זאכען ניט האבען האט ער געזאגט דוא האסט דאס געמאכט ווייל דו האסט דאס געזעהן ביי יענעם גוטסבעזיצער דו האסט זיך אן איהם מתקנא געווען אונ איך דארף דס ניט איך קען אויסקומען אן דעם אונ וויל דארויף קיין געלט ניט אויסגעבן אלזא מוזט דו בעצאהלן פר די גאנצע צייט די גאנצע סומא ארענדע אונ אוב ניט וועל איך דיר מעהר ניט האלטען אונ ארויסטרייבן פון גוט. דר נמשל איז דר מענש איז נאר אשכן אויף דר וועלט דר בעל הבית איז נאר השי"ת אונ דער מענש דארף געבן דין וחשבון פר דעם בורא ב"ה דר מענש דארף בעצאהלן ארענדע מיט תורה ומצות ומעשים טובים ער נוייזט איין גאנצן חשבון פון מעשים וואס ער הט געטהון

### פירוש ע"ט

האגדן א יונגער קאן בעסר ווי איין אלטער. רבי אלעזר הקפר רבי אליעזר זאגט וואס מען וויל אזוי זיין ווי יענר אונ ווס מען גלוסט צו תענוגים אונ ווס מען וויל כבוד האבען אויף דער וועלט די זאכן ציהען אויס דעם מענשן פון דר וועלט. הוא היה אומר רבי אליעזר פלעגט זאגן די ווס זענן געבארען געווארן די זענן אנגעברייט צו שטארבן אונ די טויטע וועלען לעבעדיג ווערן אונ די ווס וועלן לעבעדיג ווערן זענן אנגעברייט צום משפט, צו ווערען געוואר פון דער תורה אונ צו מאכען וויסן אנדערע אונ מען זאל אליין פארשטיין אז ער איז גאט ער מאהלט אויס אלע צורות ער האט אלץ בעשאפן ער איז וואס פארשטייט אלץ ער איז אליין א דין ער פסקעט ער איז אליין דר עדות פון אלע מעשים ער טענה'ט אליין ער איז אנגעברייט

בָּרוּךְ הוּא, שֶׁאֵין לְפָנָיו, לֹא עַוְלָה, וְלֹא שִׁכְחָה, וְלֹא מַשּׂוֹא פָנִים, וְלֹא מִקַּח שֹׁחַד. וְדַע שֶׁהַכֹּל לְפִי הַחֶשְׁבּוֹן, וְאַל־יַבְטִיחֲךָ יִצְרְךָ, שֶׁהַשְּׁאוֹל בֵּית מָנוֹס לָךְ, שֶׁעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹצָר, וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹלָד, וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי, וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה מֵת, וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: רבי חנניא וכו'

## מעשה אבות

אַז אֲפִילוּ די עִינְשִׁים פון זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָאל מֶען אִיהם אוֹיךְ פֶערְגְרִינְגֶערְן נָאר אוּם עֶר וָאל חַייטֶער נִיט זִינְדִיגֶען וָאל מֶען אִיהם פַר דֶר צַייט אָפְּרוּפֶען פון דֶר וֶועלְט אוּנ דֶערְפַאר אִיז עֶר יוּנְג גֶישְׁטָארְבֶּען דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר וכו'. גְרֵייט זִיךְ צוּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועלְכֶע וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען פְּרוֹזְדוֹר אֵיין פָאְרְצִימֶער צוּ יֶענֶע לִיכְטִיגֶע גַייסְטִיגֶע וֶועלְט וֶועלְכֶע וֶוערְט גֶערוּפֶען טְרַקְלִין דָאס הֵייסְט פַּאלַאץ:

## אמונת אבות

תְּשׁוּבָה. הָאבֶּן זַיי גֶעזָאגְט לָאז מֶען אוּנְז לָאזֶען וֶועלֶען מִיר אַצִינְדֶערְט תְּשׁוּבָה טְהוּן, הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ גֶיעֶנְטְפֶערְט מֶען קֶען נָאר תְּשׁוּבָה טְהוּן וֶוען מֶען לֶעבְּט בִּיז מֶען שְׁטַארְבְּט אָבֶּער דֶערְנָאךְ קֶען מֶען שׁוֹן נִיט טְהוּן קַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹ וִויא אֵיינֶער ווייל אַוֶועקְגֶעהְן אוֹיף דֶעם יַם אַז עֶר גֶעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין בְּרוֹט פון יִשׁוּב קְרִיגְט עֶר שׁוֹן נִיט אוֹיף דֶעם יַם אַזוֹ וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ נִיט אָן תְּשׁוּבָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען נִיט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אִיבֶּער דֶעם

דַארְף זִיךְ יֶעדֶער מֶענְשׁ בֶּערֶעכֶענֶען אוּנ תְּשׁוּבָה טְהוּן כָּל זְמַן עֶר הָאט צֵייט אוּנ אָנְזַאמְלֶען מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבֶּן גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג:

## משלי אבות

אָבֶּער דָס בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה גֶעמְט נִיט אָן דֶעם חֶשְׁבּוֹן נָאר די זַאךְ הָט עֶר גֶעטְהוּן פון קִנְאָה יֶענֶע זַאךְ פון תַּאֲוָה. די דְרִיטֶע זַאךְ פון כָּבוֹד וֶועגֶען אָבֶּער אַלְץ נִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם הֵייסְט מֶען אִיהם פון דֶער דִירָה בְּעוֹה"ז אַרוֹיסְקְלִיבֶּן זִיךְ אוּנ שְׁטַארְבְּט פַר דֶר צַייט, דָס אִיז די בַּוָנָה פון די דְרַיי שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת הַקִּנְאָה גַייד, וְהַתַּאֲוָה וָואלִיוּסְט וְהַכָּבוֹד אוּנ עֶהְרְזוּכְט (מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם) בְּרֶענְגֶען אִיהם אוּם פון דֶער וֶועלְט אוּנ פֶערְלִיעֶרְט אוֹיךְ יֶענֶע וֶועלְט דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף טְהוּן אַלֶע מַעֲשִׂים לְשֵׁם שָׁמַיִם עֶס זָאלֶען פון אִיהם צוּפְרִידֶען זַיין גָאט אוּנ לַייט:

(וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי וכו'). דוּ לֶעבְּסְט אִיבֶּער בֶּעוַואלְד. אוּם צוּא פֶערְשְׁטֵיהן דֶעם הֶמְשֵׁךְ פון דִיא אַלֶע (עַל כָּרְחֲךָ) וֶועלֶען מִיר דָס עֶרְקְלֶערְן מִיט אַ מָשָׁל אֵיין גְבִיר הָט גֶעהָאט צְוֵויי טֶעכְטֶער אֵיינֶע אִיז גֶעוֶועז אַ קְרַאנְקֶע אוּנ אַ מַאוּסֶע די צְוֵוייטֶע וָועהר אַ שֶׁעכְטֶע אוּנ שְׁטֶענְדִיג הָאט זִיא גֶעמַאכְט לָארֶעם אִין שְׁטוּב בֵּיידֶע טֶעכְטֶער זֶענֶען שׁוֹן גֶעוֶוען אִין רֶעכְטֶע יָאהְרֶען אוּנ דֶער פָאטֶער הָאט זִיא פַאר קַיין פַאל נִיט גֶקֶענְט חֲתוּנָה מַאכֶען, נַאטִירְלִיךְ הָט עֶר זִיךְ גֶעגֶנג גֶקְרֶענְקְט דֶערִיבֶּער עֶר הָט אָנְגֶעבָּאטֶן גְרוֹסֶע גַדָן'עֶס הָאבֶּן זִיךְ אָבֶּער נִיט גֶעפוּנֶען קַיין בַּעֲלֵי נִים אוֹיף זַייא. אֵיין מָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְבִיר אַ שַׁדְכָן וָועהר אַ קְלוּגֶער הָאט עֶר אִיהם פָאר גֶעלֵייגְט פַאר זַיינֶע טֶעכְטֶער שִׁידוּכִים פון זֶעהר וַוייט מִיט צְוֵויי בְּרִידֶער אוֹיךְ פון רַייכֶע עֶלְטֶערְן וָואס אֵיינֶער אִיז בְּלִינְד אוּנ דֶר אַנְדֶערֶער טוֹיבּ, דֶר בְּלִינְדֶר זָאל נֶעמֶן די מַאוּסֶע אוּנ דֶר טוֹיבֶּר די שְׁלֶעכְטֶע טָאכְטֶער דֶעם פָאטֶער פון דִיא צְוֵויי שְׁוֶועסְטֶער אִיז דֶר פָארְשְׁלַאג וָועהר גֶפֶעלֶן עֶר הָט דֶעם שַׁדְכָן גֶגֶעבֶּן אוֹיף רַייזֶע קָאסְטֶען אוּנ אִיז אַוֶועק גֶפָאהְרֶן אוּנ אוֹסְגֶעפִירְט די צְוֵויי שִׁידוּכִים אוּנ עֶס אִיז גֶוֶועזֶען דִיא חֲתוּנָה. בֵּיידֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶוֶועזֶען צוּפְרִידֶען מִיט זַייעֶרֶע פְרוֹיעֶן דֶר בְּלִינְדֶער הָאט נִיט גֶזֶעהֶען וִויא וַוייט הֶעסְלִיךְ זַיין פְרוֹי אִיז אוּנ דֶר טוֹיבֶּער הָאט נִיט גֶהֶערְט דִיא שְׁטֶענְדִיגֶע קְלָלוֹת פון זַיין וַוייבּ אוּנ אַזוֹ הָאבֶּן דִיא בֵּיידֶע בְּרִידֶער אָבְּגֶעלֶעבְּט אֵייגִיגֶע יָאהר אִין צוּפְרִידֶענְהֵייט מִיט

## פירוש ע"ט

צוּ פַּסְקֶענֶען גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר וָוָאר טְהוּט נִיט קַיין שׁוּם אוּמְרֶעכְט קַיינֶם עֶס אִיז בַּיי אִיהם נִיט דָא קַיין שׁוּם פַארְגֶעסוּנְג עֶר וָאל וֶועמֶן פַארְזֶעהֶען פון זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּנ קַיין פֶערְשׁוִינוּנְג אוּנ קַיין נֶעהמוּנְג פון שׁוֹחַד. אוּנ וָאלְסְט וִויסֶען אַז אַלְץ וֶוערְט גֶעצָאהלְט לְפִי חֶשְׁבּוֹן רַיינֶע גֶעדַאנְקֶען די שְׁלֶעכְטֶע וָאלֶן דִיךְ נִיט פַארְזִיכֶערְן אוּנ דִיר אֵיין רֶעדֶען אַז די גְרוּבּ אִיז אַזוֹ אֵיין אָרְט צוּ אַנְטְלוֹיפֶען כְּלוֹמַר דוּ וֶועסְט דָארְטֶען רוּהֶע הָאבֶּן עֶס אִיז נִיט אַזוֹי וָוארוּם מִיט גֶעוַואלְד בִּיסְט דוּ בֶּעשַׁאפֶן גֶעוָוארֶען אוּנ מִיט גֶעוַואלְד לֶעבְּסְט דוּ דְהַיְינוּ אֵיין בַּעַל יְסוּרִים אוּנ מִיט גֶעוַואלְד שְׁטַארְבְּסְט דוּ אוּנ מִיט גֶעוַואלְד בִּיסְט דוּ אָנְגֶעבְּרֵייט צוּ גֶעבֶּן אֵיין מִשְׁפָּט פַר דֶעם מֶלֶךְ וָוס אִיז אֵיין מֶלֶךְ אִיבֶּער ד' מְלָכִים דֶער הֵיילִיגֶער גָאט עֶר אִיז גֶעלוֹיבְּט:

כל ישראל וכו'

א בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת נִבְרָא הָעוֹלָם. וּמַה תַּלְמוּד לוֹמַר, וַהֲלֹא בְּמַאֲמָר אֶחָד יָכוֹל לְהִבָּרְאוֹת, אֶלָּא לְהִפָּרַע מִן הָרְשָׁעִים, שֶׁמְּאַבְּדִין אֶת הָעוֹלָם, שֶׁנִּבְרָא בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת, וְלִתֵּן שָׂכָר טוֹב לַצַּדִּיקִים שֶׁמְּקַיְּמִין אֶת הָעוֹלָם שֶׁנִּבְרָא בַּעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת: ב עֲשָׂרָה דוֹרוֹת מֵאָדָם וְעַד נֹחַ, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו, שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת הָיוּ מַכְעִיסִין לְפָנָיו, עַד שֶׁהֵבִיא עֲלֵיהֶם אֶת מֵי הַמַּבּוּל: עֲשָׂרָה דוֹרוֹת מִנֹּחַ וְעַד אַבְרָהָם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה אֶרֶךְ אַפַּיִם לְפָנָיו, שֶׁכָּל הַדּוֹרוֹת

## זכות אבות

(בעשרה מאמרות), מיט צעהן בעפעהל פון דיעם בורא כביכול, (נברא העולם), איז די וועלט בעשאפן געווארן ווי מיר געפינן אין די ערשטע פרשה פון דער תורה „ויאמר אלהים יהי אור" גאט האט געהייסען עס זאל ווערן ליכט, „ויאמר אלהים יהי רקיע" גאט האט געהייסן עס זאל ווערן דער הימעל, אונ זא ווייטער, די גמרא פרעגט צו וואס האט דר בורא ב"ה בעדארפט געבן אויף יעדער געגענשטאנד א בעזונדער בעפעהל ער האט דאך איהר געקענט בעשאפן מיט איין בעפעהל, ענטפערט די גמרא דארויף (כדי להפרע מן הרשעים כו') לערנין אלע דעם פשט אז גאט האט דערפאר געגעבן צעהן בעזונדערע בעפעהלע אום צו בעשטראפן צעהן פאך די רשעים וועלכע פארדארבן די וועלט אונ צוא בעלאהנן צעהן פאך דיא צדיקים וואס טהון גוטס אויף דר וועלט וועלכע איז בעשאפען געווארן מיט צעהן בעפעהלע, פרעגן דיא מפרשים איז דען מעגליך אז השי"ת וואס איז בארמהערציג אונ געדולדיג וועט בכיון

## נחלת אבות

דר מ"לי דאבות זאגט דס איבר דעם זאגט ניט דר תנא דס לשון ליפרע מן הרשעים אזוי ווי ער זאגט דס לשון ליתן לצדיקים נאר ער שטעלט דס לשון להפרע דאס איז משמע דאס עס זאל ווערן געצאהלט ווייל די עבירה אליין נעמט געצאלט פון דעם מענשן אונ די עבירה אליין איז אין איס מקיים דעם עונש אבר ביי די צדיקים זאגט ער שון דס ווארט וליתן אונ צו געבן ווייל הקב"ה גיבט דעם שכר טוב:

(בעשרה מאמרות וכו' אלא להפרע מן הרשעים) דיא מפרשים פרעגן ווי אזוי קאן דר תנא זאגן אז הקב"ה וואס ער איז מלא רחמים ער זאל בכיון בעשאפן די וועלט מיט צעהן מאמרים בכדי זיי גוט צו בעשטראפן נאר מיר וועלן די זאך פארשטעהן על פי משל איין עושר האט געקויפט

## משלי אבות

זייערע פרונן. איין מאל איז געקומען אין דר שטאדט אריין א וועלט בעריהמטער דאקטאר דיא ברידר זענין געגאנגן צו איהם האט ער זיך אנגענומן ביידע אום צו קורירן פון זייערע פעלער אז זייא וועלן פאר איהם איינצאלייגן א געוויסע סומע דיא ברידער האבן דאס געטהון. עס איז אוועק געגאנגן אייניגע צייט ווי דר דאקטער האט זיי אוס קורירט האבן זיי אנגעפאנגן דר עטוואס צוא זעהן אונ דר עטוואס צוא הערן ערשט איז א יאמער אונ א געשרייא, זיי האבן זיך ביידע דערוואוסט פון זייערע צרות אונ האבן ניט געוואלט לאזען ארויסגעבן דעם דאקטער די איינגעלייגטע סומע זיי האבן געטענה'ט מיר האבן איינגעלייגט דס געלד באופן אז דו וועסט אונז בעסער מאכן ערשט עס איז דאך אונז אפילו ערגער געווארן דר דאקטער האט זיי

## פירוש ע"ט

בעשרה מאמרות מיט צעהן רייד וואס גאט האט גערעדט איז די וועלט בעשאפן געווארן. ווס פאר א מוסר קאן איך דער פון אפ לערנן זאגט די משנה דס איז דר מוסר וואס איך קאן אפלערנן ווארום גאט וואלט געקענט בעשאפן די וועלט מיט איין מאמר אבר אז די וועלט איז אזוי חשוב ביי השי"י אז ער האט זי בעשאפן מיט צעהן מאמרות געהערען מיר צו פארשטיין ווי אזוי מען וועט געצאהלט נעמען פון די רשעים וואס זיי מאכען פארלירן אזוי איין טייערע וועלט וואס זי איז בעשאפן געווארן מיט צעהן מאמרות. אונ מען וועט געבן א גוטען שכר צו די צדיקים וואס זיי דערהאלטן די וועלט וואס זי איז בעשאפן געווארן מיט צעהן מאמרות. עשרה דורות צעהן דורות איז געווען פון אדם ביז נח מודיע צוא זיין דעם עולם ווי פיעל השם יתברך האט דערלענגערט זיין צארן ווארום אלע דורות פון אדם ביז נח האבען השם יתברך דערצערענט חאטשע זיי האבען פארשטאנען אז עס איז פארהאנדן איין גאט האט השי"י אזוי לאנג געווארט ביז ער האט אויף זיי געבראכט דעם מבול ער האט דאך זעהר לאנג געווארט כדי מיר זאלן וויסען אז השי"י וועט בודאי בעצאהלען די מענשען וואס טהון שלעכץ. עשרה דורות צעהן דורות איז געווען פון נח ביז אברהם מודיע צו זיין ווי פיעל ארך אפים ער איז

# הָיוּ מַכְעִיסִין וּבָאִין, עַד שֶׁבָּא אַבְרָהָם אָבִינוּ וְקִבֵּל שְׂכַר כֻּלָּם: ג עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ, וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל־אַבְרָהָם אָבִינוּ: ד עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם, וַעֲשָׂרָה עַל הַיָּם: עֶשֶׂר מַכּוֹת הֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, וְעֶשֶׂר עַל הַיָּם: עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִסּוּ אֲבוֹתֵינוּ אֶת־הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּמִּדְבָּר, שֶׁנֶּאֱמַר, וַיְנַסּוּ אֹתִי זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים, וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי: ה עֲשָׂרָה נִסִּים נַעֲשׂוּ לַאֲבוֹתֵינוּ בְּבֵית הַמִּקְדָּשׁ, לֹא הִפִּילָה אִשָּׁה מֵרֵיחַ בְּשַׂר הַקֹּדֶשׁ, וְלֹא הִסְרִיחַ בְּשַׂר

## נחלת אבות

פר זיין בן יחיד וועגן א טייערן גאָלדענעם זייגר, אז דר עושר איז געקומען אין זיין הויז אריין רופט ער צו דעם בן יחיד און ער זאגט צו איהם מיין קינד דו זאלסט וויסן דס איך האב פאר דיר געבראַכט זייער א טייערע מתנה א קונסטליכן גאָלדענעם זייגר מען דארף אבר זייער פאר־זיכטיג צו זיין און צו היטן דעם זייגר ער זאל ניט צו בראכן ווערן און אז איך וועל זעהן דס דו וועסט מיין מתנה נוט אפהיטען אזוי קויף איך דיר אויף דעם צווייטען מאל נאך א שענערע מתנה ווי די ערשטע מתנה דר בן יחיד ענטפערט איהם ליבר פאטער דיין מתנה געפעלט מיר זייער שיין נאר דאך צו וואס האסטו מיר געקויפט אזוי א טייערן זייגר דס איך זאל מיך דארפן שטארק צו היטן מאמר וועל איך מיך ניט

## זכות אבות

בעשאפן דיא וועלט מיט צעהן בעפעהלע אום צעהן פאך צו בעשטראפן די רשעים, וועלן מיר דס פארש־טעהן מיט א משל. איין רייכער מאן הט געקויפט פאר זיין זוהן איין טהייערע גאָלדענע אוהר, אלס ער איז אהיים געקומן האט ער צוגערופן דעם זוהן און איהם געזאגט מיין קינד איך האב דיר געבראכט א געשענק א טהייערע קינסטליכע אוהר מען דארף מיט איהר זעהר פארזיכטיג ארום געהן און זאלסט איהר זעהן צו היטן אז זיא זאל ניט פערדארבן ווערן, אז איך וועל זעהן אז דו פערשטעהסט איהר צו האלטן וועל איך דיר דס צווייטע מאל קויפן נאך א פיינערן געשענק. צו וואס האסט דו מיר געקויפט אזא טהייערע אוהר וואס איך זאל דאַרפן ציטערן איבער איהר, פילייכט וועסט דוא מיך נאכהער שטרענג בעשטראפן, האט איהם דר זוהן געפרעגט, ענטפערט איהם דר פאטער, חלילה וחס, פון שטרענג בעשטראפן איז גאר קיין גדאנקן, נייל עס איז דאך נוירקליך שווער איין צוא היטן אזא קינסטליכע אוהר, ווען איך וואלט דיר ברענגן איין איינפאכע אוהר און וואלסט ניט וויסן וויא איהר צוא האלטן און וואלסט פערדארבן איהר וואלט איך דיר שטרענג בעשטראפט, איך האב דיר צוליעב דעם

## משלי אבות

אנגעקלאגט פר דעם שטאדט ריכטער, דר ריכטער איז געווען זעהר א קלוגער מענש האט ער גזאגט וויא זייא טענה'ן זענין זיי געריכט דען דר דאקטער האט זייא אנשטאט גוט צוא מאכן נאך ערגער געמאכט אלזא זאל ער זיי צוריק מאכן וויא זיי זענין פריהער געווען דאן וועלן זיי הייסן איהם ארום געבן דס געלד, ווי די ברידער האבן דערהערט דעם פסק האבן זייא ווידר געמאכט א ליארעם בעקומן צוריק דיא פריהערדיגע פעהלערן האבן זיי אוך ניט גוואלט, אלזא האט דר ריכטער גזאגט זייט איהר דאך צופרידן מיט דיא

## פירוש ע"ט

געווען, ביז אברהם איז געקומען און הט געטהון מעשים טובים און האט גענומן דעם שכר פאר זיי אלע. עשרה נסיונות מיט צעהן פרובען איז געפרובט געווארן אונזר פאטער אברהם און איז ביי געשטאנען ביי אלע צו מאכען וויסען אונז דאס ליבשאפט וואס הש"י האט ליב געהאט אברהם אבינו דרום הט ער איהם געפרובט. עשרה ניסים צעהן וואונדר איז געטהון געווארן צו אונזערע עלטערן אין מצרים וואס זיי זענען ניצול געווארן פון דיא צעהן מכות וואס הש"י הט געטהון אין מצרים און צעהן וואונדר איז געווען ביי דעם ים. עשר מכות צעהן מכות הט הש"י געבראכט אויף די מצרים אין מצרים און צעהן מכות האבען דיא מצרים געהאט אויף דעם ים. עשרה נסיונות צעהן מאל האבען אונזערע עלטערען געפרובט דעם אויבערשטן אין דער מדבר ווארום עס שטייט זיי האבן מיך געפרובט צעהן מאל און האבן ניט געהערט אין מיין קול. עשרה ניסים צעהן ניסים איז געטהון געווארן צו אונזערע עלטערן אין בית המקדש איינס קיין שום אשה מעוברת הט ניט מפיל געוועזן פון דעם געשמאק

הַקֹּדֶשׁ מֵעוֹלָם, וְלֹא נִרְאָה זְבוּב בְּבֵית הַמִּטְבָּחַיִם, וְלֹא אִירַע קֶרִי לְכֹהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים וְלֹא כִבּוּ הַגְּשָׁמִים אֵשׁ שֶׁל עֲצֵי הַמַּעֲרָכָה, וְלֹא נִצְּחָה הָרוּחַ אֶת עַמּוּד הֶעָשָׁן וְלֹא נִמְצָא פְּסוּל בָּעֹמֶר וּבִשְׁתֵּי הַלֶּחֶם וּבְלֶחֶם הַפָּנִים, עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים. וְלֹא

## זכות אבות

גבראכט איין קינסטליכע אוהר אז אוב דו וועסט איר ניט פארדארבן זאל איך דיר דערפאר דעם צווייטן מאל ברענגן פייגערע גשענקע, דר נמשל איז (עולם חסד יבנה), השי"ת הט די וועלט גבויעט מיט חסד, היינט אז ער וואלט בעשאפן דיא וועלט מיט איין מאמר, איז דאס גלייך וויא איין איינפאכע מתנה, וואלט דאך דעם צדיק ניט קומען קיין גרוסן שכר ווייל עס איז ניט אזו שווער דורך צו פיהרן די וועלט. אונ דעם רשע וואלט קומען אגרוסען עונש אז אזו איין איינפאכע וועלט הט ער ניט גקענט דורך פיהרן אהן עבירות, דאהער הט השי"ת בעשאפן די וועלט מיט צעהן מאמרים וואס דם ווייזט אוף דיא צעהן גבאט פון בארג סיני, וואס אין זייא איז מרומז אלע תרי"ג מצות אונ אלע גהיימניסע פון דר תורה ממילא קומט דעם צדיק פיל שכר אז אזו איין שוערע קינסטליכע וועלט

## נחלת אבות

קענן דערהיטען וועסטו נאך מיר שטארק בעשטראפן ווייל איך האב פארדארבן אזו אטייערע זאך ליבערשט וואלסטו מיר געקויפט אקליין זייגעריל וואלט דיך ניט אזוי פיעל הארין אז איך וועל עס צו ברעכען אונ וואלסט מיך ניט שטארק בעשטראפט, דער פאטער ענטפערט איהם ניין מיין קינד די האסט אמעות אין דער זאך איז דען מיין כונה דיך צו בעשטראפן מיין כונה איז דאך דיר גוטס צו טוהן אונ וואס מיין כונה ווערט זיין חשוב אונ דו וועסט איהר ניט פארדארבן, וועל איך דיר זעהן נאך גרעסערע אונ חשובערע מתנ׳ת צו געבען אונ יעדר וויען איך זאל דיר קויפן אנגעמיין זייגעריל וואלכטו עס געשווינד צו בראכן וואלט איך דיר מיין בעשטראפן דען דם זייגעריל וואלט שון געווען לא יצלח

## משלי אבות

קוראציע אט בעצאהלט דעם דאקטער, דר נמשל איז דר מענש טענה׳ט ביים יום הדין איך בין געגן מיין ווילן גבארן גווארן אונ מיין נאנצער לעבן איז מיר צו ווידר וואס מאכט מען מיר שולדיג אוב איך האב גזינדיגט ענטפערט מען איהם דר וועלכר האט דיר דאס לעבן גשענקט קען איהם ביי דיר צוא נעמן אבער וויא עס קומט צום שטארבן איז ווידר א רעש אונ איין געשריי עס ווילט זיך ניט שטארבן, ווי באלד אזו זאגט מען צו איהם איז דאך דיר דם לעבן ליעב מוזט דו ווייסן אז דוא וועסט מוזען אפגעבן רעכענשאפט פון אלעם וואס דו האסט געטהון צייט דיין לעבן פאר דעם בורא ב״ה וואס ער איז דר קעניג איבער אלע קעניגען:

## פירוש ע"ט

פון הייליג פלייש וואס מען הט געקאכט אונ געבראטן די כהנים זאלען עסען האט זיך נאר ניט פארגלוסט קיין שום אשה מעוברת דר צווייטר גם עס איז ניט פארשטונקן געווארן דם הייליגע פלייש פון קרבנות קיין מאל. דער דריטער גם מען הט ניט געזעהען קיין פליג אין דעם שאכט הויז וואו מען הט געקוילעט די קרבנות. דער פירטער גם עס הט ניט געטראפען אז דר כהן גדול זאל זעהען קרי אום יום כפור. דער פינפטער גם דיא רעגענס האבען ניט פארלאשן דם פייער פון דעם האלץ וואס מען הט אנגעגרייט אויף דעם מזבח חאטשע איבער דעם מזבח איז קיין שום דעק ניט געווען נאר אונטערן הימל. דער זעקסטער גם דער ווינט הט ניט צושפרייט דעם רויך פון די קרבנות וואס ער איז ארויסגעגאנגען ווי איין זייל חאטשי עס איז געווען גרויסע ווינטען. דר זיבעטר גם עס הט קיין מאל ניט געטראפען א פסול אין עומר וואס מען הט געבראכט אום פסח אונ אין די צוויי ברויט פון ווייץ וואס מען הט געבראכט אום שבועות אונ וואס מען הט אלע שבת געשטעלט אין בית המקדש די אלע דריי ווען זיי וואלטן פסול ווערען וואלט מען שוין אנדערע ניט געקאנט בעקומען דעם עומר האט מען געמוזט דוקא שניידן ביי נאכט מוצאי יום טוב מען זאל מארגן מקריב זיין די שתי הלחם האט מען געמוזט באקען פאר יום טוב אונ דעם לחם הפנים שבת פר נאכט. דער אכטער גם אלע ישראל וואס זענען געוועזן אין בית המקדש זענען געשטאנען ענג גלייך ווי אויפגעהויבען אין דער לופט מחמת ענגשאפט אונ איטליכער האט זיך געבוקט אונ האט מתפלל געווען גרויםערהייד עס איז גרוים געווארן פיער איילן פון איינם צום אנדערן כדי איינר זאל ניט הערן וואס דער אנדערער איז זיך מתודה. דר ניינטר גם עס האט ניט מזיק געווען קיינעם

הזיק נחש ועקרב בירושלים מעולם. ולא אמר אדם לחברו, צר לי המקום שאלין בירושלים: ו עשרה דברים נבראו בערב שבת בין השמשות. ואלו הן. פי הארץ, פי הבאר, פי האתון, הקשת והמן והמטה והשמיר הכתב והמכתב והלחת. ויש אומרים אף המזיקים וקבורתו של משה ואילו של אברהם אבינו. ויש אומרים אף צבת בצבת עשויה: ז שבעה דברים בגלם ושבעה בחכם,

## נחלת אבות

לשום מלאכה מען וואלט עס שון ניט געקאנט פארריכטען אבער דעם גוטן ווייל ער וועסט אזוי געשווינד ניט צו ברעכן אונ אפילו די וועסט מאכן א פעלער וועט מען נאך קענען פארריכטן וועט דיין שטראף ניט זיין אזוי גרוס נאר עס איז דאך א טייערע זאך איז א שאד אפילו אויף א הארילע א פנם בפרט די קאנסט נאך פארליערן די רעשט מתנות. און דר טייטש בכדי (להפרע מן הרשעים) צו נעמן געצאהלט פון די רשעים מיט אקליינם עונש ווייל דעם פנם וועט דר צדיק קאנן פארריכטן אבר דאך וועלן זיי פארליערן די רעשט מתנות:

## זכות אבות

האט ער אנגעהויט אונ איז ארים פון איהר בשלום. אונ דעם רשע קומט ניט קיין גרוסן שטראף ווייל עס איז באמת שווער צו היטן אזו איין קינצליכע וועלט ניט צו פערדארבן איהר. דאס איז דיא כונה ובעשרה מאמרות כו׳) דארים הט השי״ת ניט בעשאפן די וועלט איינפאך מיט אמאמר זאנדערן מיט צעהן מאמרות. דאמיט די רשעים זאלן ניט האבן איין שרעקליכן עונש אונ זאלן קענין האבן אשטיקעל טענה ביא דעם יום הדין אז עס איז שווער גוועו צו היטן אזו א וועלט וואס איז בעשאפן גוואר׳ן דורך צעהן מאמרות אונ דורך תשובה וועט מען זייא מוחל זיין. (וז״הו שכר טוב לצדיקים. דערפאר וואס דיא צדיקים האבן אנגעהיטן אזו א קינצליכע וועלט מיט אלע איהרע שוועריגקייטן דערפאר קומט זיי מעהר שכר בעוה״ב:

## גבורת אבות

(ויש אומרים אף המזיקין). א טייל זאגן אז אויך די שלעכטע גייסטער זענין בעשאפן גוואר׳ן ערב שבת פר נאכט. וועט מען פרעגן ווס דארף מען די מזיקין אויף דר וועלט. ברענגט דיא גמרא אין מסכת מעילה א מעשה, אז אונטער די פיעל צרות וועלכע יודן האבן גליטן אין די צייט פון מלכות רומי איז איינמאל ארויס א גזירה פון די רעגירונג אז די יודן זאלן ניט היטן שבת נדה אונ זאלן ניט מל זיין זייערע קינדר אונ ווער עס וועט עובר זיין אויף איינם פון די דריי זאכן זאל מען איהם טייטן. אין יענער צייט האט זיך געפונן

## פירוש ע״ט

א שלאנג אדר איין עגדים אין דר הייליגע שטאדט ירושלים חאטשע זיי האבן איינם א ביס געטהון האט גאר ניט געשאט. דער צעהנטר נס עס האט קיינמאל ניט געזאגט איינער צום אנדערן עס איז מיר ענג דס ארט אז איך זאל נעכטיגן אין ירושלים. עשרה דברים צעהן זאכן זענען בעשאפן געווארן פרייטאג פאר נאכט דס זענען זיי. דאס מויל פון דר ערד עס זאל זיך עפענן קרח׳ן איין צו שלינגן דאס מויל פון דעם ברונען פון מרים אין דער מדבר עס זאל געהען וואסר צו די ישראל. דס מויל פון בלעמ׳ס אייזל. דער רעגן בויגן אונ דר מן ווס אין דער מדבר איז געוועזן אונ דער שטעקן פון משה רבינו ער איז געוועזן פון סנפירין אונ דס ווערמיל ווס מען האט דער מיט געשפאלטן די אבנים טובות פון דעם חושן ואפוד. דס כתב פון די לוחות אונ דס ווס איז געווארן געשריבן אז מען זאל קענן פון אלע זייטן ליינען אונ די לוחות אליין. אונ א טייל זאגן אויך דער קבר פון משה רבינו אונ דער ווידער פון אברהם אבינו ווס ער האט מקריב געוועזן ווען ער האט יצחק׳ן געבראכט צו דר עקידה אונ א טייל זאגן די שדים זענן דענטסמאל בעשאפן געווארן. אונ אויך די צוואנג וואס מען גליט אייזען האט מען אויך געמוזט מאכן מיט א אנדערע צוואנג וואראום ווי קאן מען האלטן הייס אייזען אין דר האנד. שבעה דברים בגולם זיבען זאכן איז ביי דעם מענשן וואס איז אזוי ווי א שטיין אדר ליים אדר האלץ אדר אייזען חאטשע מען הט גימאכט איין כלי אונ מען הט ניט אויס גיפארטיגט ווערט גערופן גולם אזו אויך א מענש ווס איז ניט רעכטפארטיג מיט זיין שכל ווערט ער גערופען גולם. אונ זיבען זאכן איז פארהאנדן ביי א חכם. א חכם רעדט ניט פאר דעם ווס איז גרעסר פון איהם מיט חכמה אונ מיט דר צאהל וואראום ער איז עלטר פון איהם.

חָכָם אֵינוֹ מְדַבֵּר לִפְנֵי מִי שֶׁגָּדוֹל מִמֶּנּוּ בְּחָכְמָה וּבְמִנְיָן, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְתוֹךְ דִּבְרֵי חֲבֵרוֹ, וְאֵינוֹ נִבְהָל לְהָשִׁיב, שׁוֹאֵל כָּעִנְיָן, וּמֵשִׁיב כַּהֲלָכָה, וְאוֹמֵר עַל־רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן, וְעַל־אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן, וְעַל מַה־שֶּׁלֹּא שָׁמַע אוֹמֵר לֹא שָׁמַעְתִּי, וּמוֹדֶה־עַל הָאֱמֶת, וְחִלּוּפֵיהֶן בַּגֹּלֶם:

ח שִׁבְעָה מִינֵי פֻרְעָנֻיּוֹת בָּאִים לָעוֹלָם, עַל־שִׁבְעָה גּוּפֵי עֲבֵרָה. מִקְצָתָם מְעַשְּׂרִים וּמִקְצָתָם אֵינָם מְעַשְּׂרִים, רָעָב שֶׁל־בַּצֹּרֶת בָּא.

### גבורת אבות

איין גרויסר ראובן בן איסטרובלי איין גרוסר חכם אונ בעריהמטער רעדנר האט ער זיך פארקליידעט פר איין ראמער אז דס מען הט איהם ניט מעהר ערקענט פר איין יודן אונ הט זיך דאדורך אריין גמאכט צווישן די ראמישע מיניסטארן, אונ אין איין פערזאמלונג האט ער זיי גזאגט מיר ציעלן זיך דאך מיט דיא דריי בייזע גזרות אז יודן זאלן ווערן ארעם. שוואך אונ וויינגר ווערט דאך אויסקומן פונקט פארקערט אז זיי וועלן ניט היטן דעם שבת וועלן זיי דאך ארבייטן אנשטאט זעכס, זיבן טעג אין וואך וועלן זיי מעהר פערדינן אונ רייכר ווערן. אז זיי וועלן ניט מל זיין זייערע קינדר פערליהרן זיי דאך ניט קיין בלוט בלייבן זיי שטארק, אונ אז זיי וועלן ניט היטן נדה, וועלן זיי אפטערס צוזאמן קומן מיט זייערע פרויען אונ וועלן זיך דאדורך מעהרן אלזא איז מיין ראטה אז מען זאל דיא אלע דריי גזרות מבטל זיין, דיא מיניסטארן האבן איהם גרעכט געגעבן אונ אבגערופן דעם בעפעהל. אין איינגע צייט ארום

### ירושת אבות

(ואינו נבהל להשיב). דר טייטש פון דעם מאמר איז דר חכם איילט זיך ניט צו ענטפערן אז מען פרעגט איהם עפיס נאר ער איז זיך פריהער גוט מיישב איידר ער ענטפערט. דר שערי הקדושה שרייבט בחלק א׳ אז א מענש זאל ניט טהון קיין שום זאך סיידן ער בערעכענט זיך פריהער גוט איבר צו ער זאל טהון אדר ניט, דעסטגלייכן זאל א מענש ניט רעדן קיין שום דבור סיידן ער בערעכענט זיך פריהער גוט איבר אין דר מחשבה צו ער זאל רעדן די ווערטר צו נישט, דען וואס מען טהוט אונ אז מען האט דערנאך חרטה קען מען שוין ניט פארעכטן, אבער אז מען בערעכענט זיך גוט מיט ישוב הדעת אונ מען טהוט דערנאך הט די זאך א קיום מיט הצלחה, אונ אפילו עס טרעפט זיך טהייל מאל,

### מעשה אבות

(ומקצתן אינן מעשרין). אין מדרש שטייט איין מעשה עס איז געווען איין רייכר מאן וועלכר האט געהאט פיעל פעלדר אונ וויינגארטנר פיעל פיה אונ שאף דיא פעלדער האבען איהם געבראכט אלע יאהר טויזענד מאל מ״ר ווי פיעל ער הט פערזייעט אונ דער מאן הט פארלעבט זיינע יאהרן בעושר וכבוד. פר זיין שטארבן הט ער געזאגט צו זיין זוהן מיין זוהן איך האלט ביים שטארבן אונ איך לאז דיר איבר מיין גאנץ עשירות פערזאג איך דיר אז דו זאלסט זיך פיהרן אין גאטעס וועג אונ דינען השי״ת מיט׳ן גאנצן הארצן די פעלדער גערטנער זאלסטו היטן צו זייען אונ שניידן אין דר צייט אונ אבשיידן תרומה ומעשר ווי דער דין איז די פעלדער געבן טויזענד מאס תבואה אלע יאהר זאלסטו געבן מעשר הונדערט מאס, דר זוהן הט געהיטן די צואה יאהרן לאנג אונ עס הט איהם מצליח געווען עס האבן זיך אבער געפונען פערדארבענע מענשען וועלכע האבן איהם געזאגט אז ער וועט ניט היטען צו געבען די ריכטיגע מאס מעשר וועלן די פעלדר איך ברענגן דם איהריגע, ער הט זיי געפאלגט אונ הט אנגעפאנגן אב צו שיידן ווייניגר מעשר האבען די פעלדר יעדם יאהר געבראכט ווייניגר וויפיל ער פלעגט אלע יאהר אראפ נעמען פון זיי ביז איין יאהר האבן זייא געבראכט נאר איין צעהנטהייל אונ ער איז געווארען א יורד רחמנא לצלן, אז זיינע קרובים האבן זיך דערוואוסט זענען זיי אלע געקומען צו איהם אנגעטהון יום טוב׳דיג, ווס זיים איהר געקומן צו מיר הט ער ביי זיי געפרעגט פרייען

### פירוש ע"ט

ער געהט ניט אריין אין יענעמס רייד ער ווארט ביז יענר רעדט אויס דס וואס ער וויל זאגן דער נאך ענטפערט ער ערשט אונ ער איילט זיך ניט אז מען פרעגט איהם עפעס ער איז זיך פריער מיישב איידר ער ענטפערט. ער פרעגט דעם רבי אין דעם ענין וואס דר רבי לערענט ענטפערט איהם דער רבי אזוי ווי דער דין איז. אז מען פרעגט איהם צוויי שאלות ענטפערט ער אויף דר ערשטער שאלה צום ערשטן אונ אויף דעם וואס מען פרעגט איהם צום אנדערן ענטפערט ער צום צווייטן אונ אויף דעם וואס ער האט ניט געהערט זאגט ער איך האב דס ניט געהערט. אז ער פארשטעהט אז יענער ווענט איהם אפ איז ער מודה אונ ביי איין גולם איז אלץ פארקעהרט. שבעה מיני פורעניות זיבן ערליי פורעניות פלעגן אין ארץ ישראל קומן אויף זיבן אפגעטיילטע עבירות. אז טייל זענען מעשר זייערע תבואות אונ אטייל זענען ניט מעשר זייערע תבואות קומט א הונגער מחמת דער רעגן ווערט געמינערט עס ווערט טייער

מִקְצָתָם רְעֵבִים וּמִקְצָתָם שְׂבֵעִים . גָּמְרוּ שֶׁלֹּא לְעַשֵּׂר , רָעָב שֶׁל־מְהוּמָה וְשֶׁל־בַּצֹּרֶת בָּא . וְשֶׁלֹּא לִטּוֹל אֶת־הַחַלָּה , רָעָב שֶׁל־כְּלָיָה בָּא : דֶּבֶר בָּא לָעוֹלָם , עַל־מִיתוֹת הָאֲמוּרוֹת בַּתּוֹרָה , שֶׁלֹּא נִמְסְרוּ לְבֵית דִּין , וְעַל־פֵּרוֹת שְׁבִיעִית . חֶרֶב בָּאָה לָעוֹלָם , עַל עִנּוּי הַדִּין , וְעַל־עִוּוּת הַדִּין , וְעַל־הַמּוֹרִים בַּתּוֹרָה שֶׁלֹּא כַהֲלָכָה : ט חַיָּה רָעָה בָּאָה לָעוֹלָם , עַל־שְׁבוּעַת שָׁוְא , וְעַל־חִלּוּל הַשֵּׁם . גָּלוּת בָּאָה לָעוֹלָם , עַל עוֹבְדֵי אֱלִילִים , וְעַל־גִּלּוּי עֲרָיוֹת , וְעַל שְׁפִיכוּת דָּמִים , וְעַל־שְׁמִטַּת הָאָרֶץ : בְּאַרְבָּעָה פְרָקִים הַדֶּבֶר מִתְרַבֶּה , בָּרְבִיעִית ,

### ירושת אבות

אז מען הט זיך נוט בערעכענט אונ געטהון א זאך אונ דר נאך באכט זיך אז מען וואלט אנדערש געטהון וואלט בעסר געוועזן זאל מען ניט האבן קיין עגמת נפש דערפון . דען מען דארף וויסן אז עס איז אלדינג ביי השי"ת אין דער האנט כמילא אז דר מענש הט געטהון וואס ער איז מחויב היינו ער הט זיך פריהער גוט בערעכענט אונ עס איז איהם ניט איין געפאלן אין דר מחשבה דר אנדערר אופן ביז נאך דעם טהון איז א סימן אז עס איז געווען בהשגחה פרטית פון השי"ת ער זאל דוקא אזו טהון פון זיין טובה וועגן , ובזכות פון דר אמונה ובטחון וועט השי"ת העלפען , אז דס עסק וועט זיך אויספיהרען בזה האופן צו אלעם גוטען :

### גבורת אבות

האבן זיך אבערדי מיניסטארן דערוואוסט אז ראובן בן איסטרובלי איז איין יגד , הט זיי דס שטארק פערדראסן אונ האבן ווידער ארום גגעבען דעם זעלבן בעפעהל , עס איז גוואורן ביי יודן חשך ואפלה , האבן זיי בעשלאסן אום צו ריכטן רבי שמעון בן יוחאי קיין רום , ער איז דאך א גרוסר צדיק ומלומד בנסים פיליכט וועט איהם גליגגן מבטל צו זיין די גזרה ווי מרדכי היהודי אין זיין צייט איז גלונגן מבטל צו זיין די גזרה פון המן הרשע , רבי שמעון בן יוחאי האט אנגענומען דעם אופטראג אונ הט זיך פארברייטעט צו דר רייזע נאך רום , אז ער איז שון ארום אומער דר שטאט , איז אים ענטקעגען גקומן איין מזיק מיט דעם נאמן בר תמליון אונ הט גזאגט צוא רבי שמעון אז איך זאל געהן מיט דיר קיין רום וועל איך דארט מאכן אז דיא גזרה זאל בטל ווערן הט רבי שמעון אנגעפאנגן צוא וויינן אונ גזאגט . צו הגר המצרית דיא דיענסט פון אברהם אבינו

### מעשה אבות

זיך אויף מיין אונגליק , ניין נים פרייען זיך אויף דיין אונגליק נאר אויף דיין שמחה האבען מיר זיך יעצט ביי דיר צו נאמן געקליבן דען יעצט איז ביי דיר איין נייעס , ביז יעצט ביזטו געוועזן דר ווירט פון די פעלדר אונ השי"ת ביי דיר דער כהן וואס הט גענומען כמעשר אונ יעצט איז השי"ת דער ווירט אונ דו דר כהן ווייל דו באקומסט מער ניט ווי מעשר פון דעם וואס דו האסט פריהער געהאט דיעזע בעמערקונג הט אויף איהם געמאכט איין שטארקן איינדרוק אונ ער הט ווייטר אנגעפאנגן געבן מעשר ווי מען דארף אונ איז ווידער רייך געווארען , כמ"ש עשר בשביל שתתעשר :

### פירוש ע"ט

די תבואה אטייל זענען הונגעריג אונ אטייל זענען זאט . אז עס איז פארטיג די דעות פון אלע אז מען זאל גאר קיין מעשר ניט געבען קומט א הונגער פון ברומונג אונ פערדארבונג אונ הונגער מחמת ווייניג רעגען קומט אויך . אז עס איז געבליבן ביי דעם עולם אז מען זאל ניט געמען חלה קומט ח"ו איין הונגער פון פערלענדונג . דבר עס קומט ח"ו איין עפוש אויף דער וועלט ווען מען איז עובר אויף אזו איין עבירה וואס מען איז חיב מיתה אונ איבר דעם ווייל מען איז ניט מפקיר די פירות פון שמיטה . חרב באה לעולם איין שווערד פון מלחמות קומט חס ושלום אויף דר וועלט אז מען ווייסט דעם פסק אונ מען פסקנט ניט אינ וואס מען פסקנט בכיון פאר קערט ווי דר דין איז אונ איבר די וואס פסקענן אין דר תורה ניט ווי די הלכה איז אין איסור והתר . חיה רעה איין חיה רעה קומט אויף דר וועלט איבר פאלשע שבועות אונ איבר חילול השם . א גלות קומט ח"ו אויף דר וועלט אויף דעם וואס מען דינט עבודת כוכבים אונ איבער זנות אונ אז איינער דעם אנדערן הרגת אום זיסט אונ וואס מען האלט ניט קיין שמיטה . בארבעה פרקים אין פיר צייטן ווערט ח"ו גימערט דר דבר . אין דעם פערטן יאר פון שמיטה אונ אין שמיטה אונ דם יאר וואס נאך שמיטה אונ נאך סוכות איטליכם יאר . ברביעית אין דעם פערטען יאר פון שמיטה איבר דעם וואס מען הט ניט געגעבן מעשר עני אין דעם

וּבַשְּׁבִיעִית, וּבְמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית, וּבְמוֹצָאֵי הֶחָג, שֶׁבְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה. בָּרְבִיעִית מִפְּנֵי מַעְשַׂר עָנִי שֶׁבַּשְּׁלִישִׁית. בַּשְּׁבִיעִית מִפְּנֵי מַעְשַׂר עָנִי שֶׁבַּשִּׁשִּׁית. בְּמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית מִפְּנֵי פֵּרוֹת שְׁבִיעִית. בְּמוֹצָאֵי הֶחָג שֶׁבְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה, מִפְּנֵי גֶזֶל מַתְּנוֹת עֲנִיִּים: י אַרְבַּע מִדּוֹת בָּאָדָם. הָאוֹמֵר שֶׁלִּי שֶׁלִּי, וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ, זוֹ מִדָּה בֵינוֹנִית, וְיֵשׁ אוֹמְרִים זוֹ מִדַּת סְדוֹם. שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי עַם הָאָרֶץ. שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ וְשֶׁלְּךָ שֶׁלָּךְ חָסִיד. שֶׁלְּךָ שֶׁלִּי וְשֶׁלִּי שֶׁלִּי רָשָׁע: יא אַרְבַּע מִדּוֹת בְּדֵעוֹת. נוֹחַ לִכְעוֹס וְנוֹחַ לִרְצוֹת, יָצָא הֶפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ. קָשֶׁה לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת, יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ. קָשֶׁה לִכְעוֹס וְנוֹחַ

## גבורת אבות

ווען זיא איז אַנטלאָפען אין דר מדבר אונ איז גוועזין אין אַ עת צָרָה האָבען זיך צו איהר גוויזען דריי מלאָכים אונ איצט אַז מיר זענין אין אַ עת צָרָה בעוויזט זיך צו אונז נאָר אַ מזיק. מן הסתם זענין מיר גנוג זינדיג אונ פאַרדיענין אַזוי. האָט איהם בר תמליון גזאָגט אונ דו ווילסט ניט גייה איך אַוועק. זאָגט רבי שמעון בן יוחאי צו איהם זאָל שון זיין אַ נס דורך ווען עס איז, דר מזיק איז אַוועק גלאָפען קיין רום אונ ביז ר׳ שמעון בן יוחאי איז אַהין גקומען איז זיין רוח שון אַריין אין דעם רוימישען קייזערס טאָכטער אונ זיא איז משוגע גוואָרען. מען האָט איהר געקורירט עס איז אָבער אומזיסט גוועזען אַלע מיהע אונ קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען, וויא רבי שמעון בן יוחאי איז גקומען קיין רום האָט דר רוח אין איהר אָנגעפאַנגען צו שרייען רופט רבי שמעון בן יוחאי דעם יודישען גייסטליכען ער וועט מיך היילען, מען האָט איהם אופגעזוכט אונ גבראַכט צו איהר, האָט ער צוויי מאָל גזאָגט גייה אַרויס בר תמליון פון דאַנען, דר רוח איז באַלד אַרויס פון איהר אונ דעם קייזערס טאָכטער איז באַלד גזונד גוואָרען, דר רוימישער קייזער איז אַרויס צו איהם אונ האָט איהם אַריין גפיהרט אין דעם חדר וואו אַלע קאָסטבאַרקייטען ליגען אונ האָט געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי נעם צום אַנדענקען וואָס דיר געפעלט אונ דאָס וועט זיין ביי מיר דיא גרעסטע עהרע, צווישען דיא אַלע זאַכען איז גלעגען אויך דער בעפעהל פון דיא גזרות, האָט ר׳ שמעון בן יוחאי גזאָגט געעהרטער קייזער, איך פערלאַנג קיין זאַך ניט נאָר דאָס פּאַפּיער וואָס ליגט דאָ, אַט דאָס שענק מיר, דער קייזער האָט איהם ערלויבט צו נעמען דאָס פּאַפּיער אונ ר׳ שמעון בן יוחאי האָט איהם גנומען אונ צוריסען, אונ אַזוי איז בטל גוואָרען דיא שרעקליכע גזירה דאָס ווייזט דיא משנה (וְיֵשׁ אוֹמְרִים אַף הַמַּזִּיקִין), אַז זייא דאַרף מען אויך אַמאָל האָבען:

## פירוש ע״ט

דריטען יאָר. אין זיבעטען יאָר פאַר דעם וואָס מען האָט ניט גיגעבען מעשר עני אין זעקסטען יאָר. ובמוצאי אונ אין דעם יאָר וואָס נאָך שמיטה איז ווייל מען האָט ניט מפקיר גיוועזען די פירות פון שמיטה. אונ נאָך סוכות פון אַלע יאָר ווייל מען האָט גיגזלת די עניים לקט שכחה ופאה. ארבע מדות באדם פיר ערליי מדות איז פאַר האַנדען ביי מענטשען דר וואָס זאָגט מיינע איז מיינע אונ דיינע איז דיינע די מדה איז אַמיטעל מעסיגע מדה אונ אַטייל זאָגען דאָס די מדה האָבען די לייט פון סדום גיהאַט. דער וואָס זאָגט מיינע איז דיינע אונ דיינע איז מיינע דער איז אַ עם הארץ. דר וואָס זאָגט מיינע איז דיינע אונ דיינע איז דיינע דר איז אַ חסיד. דר וואָס זאָגט דיינע איז מיינע אונ מיינע איז מיינע דר איז אַ רשע. ארבע מדות בדעות פיר ערליי מדות איז פאַר האַנדען ביי דעות פון מענטשען. ווער עס ווערט גרינג אין כעס אונ איז ווידער גרינג באַוויליגט צו ווערען גייט אַוועק זיין שאָדען דאָס הייסט דאָס שלעכטקייט וואָס ער איז אָפט אין כעס דורך דעם שכר דאָס הייסט דאָס גוטקייט פון דעם וואָס ער ווערט גיך גוט אונ עס איז גרינג אים איבער צו בעטען. ווער עס איז שווער איידער ער ווערט אין כעס אָבער ער איז שווער איידער ער ווערט צוריק גוט ער לאָזט זיך ניט גרינג איבער בעטען גייט אַוועק זיין שכר דאָס הייסט וואָס ער ווערט ניט גיך אין כעס דורך דעם שאָדען וואָס ער לאָזט זיך ניט לייכט איבער בעטען. קשה לכעוס ווער עס איז שווער איידער ער ווערט אין כעס אונ עס איז גרינג אים איבער צו בעטען דר איז אַ חסיד. דר וואָס איז אָבער גרינג אין כעס צו ווערען אונ איז שווער צו לאָזן

לִרְצוֹת חָסִיד. נוֹחַ לִכְעוֹס וְקָשֶׁה לִרְצוֹת רָשָׁע: יב אַרְבַּע מִדּוֹת
בְּתַלְמִידִים. מָהִיר לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד, יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ.
קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וְקָשֶׁה לְאַבֵּד, יָצָא הֶפְסֵדוֹ בִּשְׂכָרוֹ. מָהִיר לִשְׁמוֹעַ
וְקָשֶׁה לְאַבֵּד, זוֹ חֵלֶק טוֹב. קָשֶׁה לִשְׁמוֹעַ וּמָהִיר לְאַבֵּד, זוֹ חֵלֶק
רָע: יג אַרְבַּע מִדּוֹת בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה. הָרוֹצֶה שֶׁיִּתֵּן, וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים,
עֵינוֹ רָעָה בְּשֶׁל־אֲחֵרִים. יִתְּנוּ אֲחֵרִים, וְהוּא לֹא יִתֵּן, עֵינוֹ רָעָה
בְּשֶׁלּוֹ. יִתֵּן וְיִתְּנוּ אֲחֵרִים חָסִיד. לֹא יִתֵּן וְלֹא יִתְּנוּ אֲחֵרִים רָשָׁע:
יד אַרְבַּע מִדּוֹת בְּהוֹלְכֵי בֵית הַמִּדְרָשׁ. הוֹלֵךְ וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה, שְׂכַר
הֲלִיכָה בְּיָדוֹ. עוֹשֶׂה וְאֵינוֹ הוֹלֵךְ, שְׂכַר מַעֲשֶׂה בְּיָדוֹ, הוֹלֵךְ וְעוֹשֶׂה
חָסִיד, לֹא הוֹלֵךְ וְלֹא עוֹשֶׂה רָשָׁע: טו אַרְבַּע מִדּוֹת בְּיוֹשְׁבִים לִפְנֵי
חֲכָמִים. סְפוֹג וּמַשְׁפֵּךְ מְשַׁמֶּרֶת וְנָפָה, סְפוֹג שֶׁהוּא סוֹפֵג אֶת־הַכֹּל,

## צדקת אבות

(אַרְבַּע מִדּוֹת בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה). דֶער מִדְרָשׁ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה, אִין דֶער צַייט פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אִיז גֶעוֶועזֶן אַיין זעהר רַייכֶר מַאן יְהוּדָא הַצַּנְתּוֹתִי וְוע"כר איז גְעווען זֶעהר קַארְג אוּנ הָט קַיין מָאל נִיט גֶעגֶעבֶּן אוֹיף צְדָקָה, רַבִּי מֵאִיר הָט גֶעזֶעהֶן בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ אַז עֶס דארף קוּמֶען אוֹיף יְהוּדָא'ן מִיט זַיין פַאמִילְיֶע אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער אוּנְגְלִיק, יְהוּדָא הָט אָבֶּר גֶעהַאט אִין זִיךְ פִיעל גוּטֶע מִדּוֹת פַאר וֶועלְכֶע רַבִּי מֵאִיר הָאט אִיהם לִיעבּ גֶעהַאט אוּנ הָט אִיהם גֶעוָואלְט פֶערהִיטֶן פוּן אוּנְגְלִיק, הָט זִיךְ רַבִּי מֵאִיר פַארְשְׁטֶעלְט פַר אַיין אָרֶעמַאן אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יְהוּדָא'ן, דִי דִינֶער הָאבֶּן אִיהם אָנְגֶענוּמֶען פַר אַיין גַנָּב אוּנ הָאבֶּן אִיהם אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּן. ר' מֵאִיר הָט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין אַיין שְׁטַאל אוּנ אָבְּגֶעוַוארְט בִּיז דִי צַייט פוּן אָבֶּענְד בְּרָאד אוּנ דַאן אִיז עֶר ווידֶר אַרַיין צוּ אִיהם דִי דִיענֶער הָאבֶּן אִיהם ווידֶר גֶעוָואלְט אַרוֹיס טְרַייבֶּן הָט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג עֶר הָט שׁוֹן

## פירוש ע"ט

זִיךְ אִיבֶּר בֶּעטֶן דֶר אִיז אַ רָשָׁע. אַרְבַּע מִדּוֹת פִיר עֶרְלֵיי מִדּוֹת אִיז פַר הַאנְדֶן בַּיי דִי וָוָאס לֶערְנֶען. ווער עֶס אִיז גְרִינְג מְקַבֵּל צוּ זַיין וָואס עֶר לֶערִינְט אוּנ פַאר גֶעסְט גִיךְ גֵייט אַוֶועק זַיין גוּטֶע מִדָּה וָואס עֶר אִיז גִיךְ מְקַבֵּל מִיט דֶעם שְׁלֶעכְטֶס וָואס עֶר פַר גֶעסְט גִיךְ. ווען עֶר אִיז שְׁווער מְקַבֵּל צוּ זַיין אָבֶּר נִיט גִיךְ פַר גֶעסְט עֶר גֵייט אַוֶועק דֶר שָׁאדֶן וָואס עֶר אִיז שְׁווער מְקַבֵּל צוּ זַיין קֶענֶען דֶעם וָואס עֶר פַר גֶעסְט נִיט גִיךְ וָואס עֶר לֶערִינְט. ווען עֶר אִיז גִיךְ מְקַבֵּל וָואס עֶר לֶערִינְט אוּנ פַר גֶעסְט נִיט גִיךְ דָאס אִיז אַגוּטֶר חֵלֶק. ווער עֶס קָאן נִיט גִיךְ מְקַבֵּל זַיין אוּנ פַר גֶעסְט גִיךְ דָס אִיז אַשְׁלֶעכְטֶר חֵלֶק. אַרְבַּע מִדּוֹת פִיר עֶרְלֵיי דֵעוֹת אִיז פֶערְהַאנְדֶן אִין צְדָקָה גֶעבֶּן. אַז זַיין דֵעָה אִיז עֶר זָאל גֶעבֶּן צְדָקָה אוּנ אַנְדֶערֶע זָאלֶן נִיט גֶעבֶּן וָוארוּם עֶר ווייס אַז פוּן צְדָקָה ווערְט מֶען רַייךְ, פֶערְגִינְט עֶר נִיט אַז יֶענֶער זָאל רַייךְ ווערֶן. אַז עֶר וויל אַנְדֶערֶע זָאלֶן גֶעבֶּן אוּנ עֶר זָאל נִיט גֶעבֶּן אִיז זַיין אוֹיג שְׁלֶעכְט אוֹיף זִיךְ זַיין גֶעלְד אִיז אִיהם אַשָׁאד. עֶר וויל גֶעבֶּן אוּנ אַנְדֶערֶע זָאלֶן אוֹיךְ גֶעבֶּן צְדָקָה אִיז עֶר אַ חָסִיד. אַז עֶר וויל נִיט גֶעבֶּן אוּנ וויל אַז פְרֶעמְדֶע זָאלֶן אוֹיךְ נִיט גֶעבֶּן דֶר אִיז אַ רָשָׁע. אַרְבַּע מִדּוֹת פִיר דֵעוֹת אִיז בַּיי דִיא וָואס גֶעהֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַז עֶר גֶעהט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ לֶערִינְט נִיט הָט עֶר שְׂכַר פַר דֶעם גֵיין. אַז עֶר לֶערֶענְט אִין דֶר הֵיים אוּנ גֶעהט נִיט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט עֶר שְׂכַר פַאר דֶעם לֶערְנֶען, עֶר גֶעהט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ לֶערֶענְט דֶר אִיז אַ חָסִיד. עֶר גֶעהט נִיט אוּנ לֶערֶענְט נִיט אִיז עֶר אַ רָשָׁע. אַרְבַּע מִדּוֹת פִיר טֵייל אִיז אִין דִי וָואס זִיצֶן פַר דִי חֲכָמִים אַ שְׁוַואם נֶעמְט אַיין דֶעם ווַיין מִיט דִי הֵייבֶּען אַזוֹ אִיז פֶערְהַאנְדֶן אַ תַּלְמִיד וָואס נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין וָואס פַאר אַ הֲלָכָה עֶר הֶערְט אוּנ פַארְשְׁטֵייט נִיט. אַ לֵייקֶע גִיסְט מֶען פוּן אַיין זַייט אַרַיין אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶערֶער זַייט גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס אַזוֹ אִיז פֶערְהַאנְדֶן אַ תַּלְמִיד וָואס הֶערְט אוּנ פֶערְגֶעסְט תֵּיכֶף.

וּמְשַׁפֵּךְ שֶׁמַּכְנִיס בָּזוֹ וּמוֹצִיא בָזוֹ. מְשַׁמֶּרֶת שֶׁמּוֹצִיאָה אֶת־הַיַּיִן וְקוֹלֶטֶת אֶת־הַשְּׁמָרִים, וְנָפָה שֶׁמּוֹצִיאָה אֶת־הַקֶּמַח וְקוֹלֶטֶת אֶת־הַסֹּלֶת: טז כָּל־אַהֲבָה שֶׁהִיא־תְלוּיָה בְדָבָר, בָּטֵל דָּבָר בְּטֵלָה אַהֲבָה, וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר, אֵינָהּ בְּטֵלָה לְעוֹלָם. אֵיזוֹ הִיא אַהֲבָה שֶׁהִיא־תְלוּיָה בְדָבָר, זוֹ אַהֲבַת אַמְנוֹן וְתָמָר, וְשֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְדָבָר, זוֹ אַהֲבַת דָּוִד וִיהוֹנָתָן: יז כָּל־מַחֲלוֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם, וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם אֵין סוֹפָהּ לְהִתְקַיֵּם. אֵיזוֹ הִיא מַחֲלוֹקֶת שֶׁהִיא לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹ מַחֲלוֹקֶת הִלֵּל וְשַׁמַּאי. וְשֶׁאֵינָהּ לְשֵׁם שָׁמַיִם. זוֹ מַחֲלוֹקֶת קֹרַח וְכָל־עֲדָתוֹ: יח כָּל־הַמְזַכֶּה אֶת־הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל־יָדוֹ, וְכָל הַמַּחֲטִיא אֶת־הָרַבִּים, אֵין מַסְפִּיקִין בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. מֹשֶׁה זָכָה וְזִכָּה אֶת־הָרַבִּים, זְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר צִדְקַת יְיָ עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו עִם יִשְׂרָאֵל.

## צדקת אבות

א צייט ניט געגעסן אונ אויב מען וועט איהם ניט געבן עסן קאן ער שטארבן פר זייערע אויגן. מען הט איהם געגעבן עסן אונ נאך דעם עסן הט ער גענומן איין גאנץ ברוט פון טיש אונ הט איהם דערלאנגט צו יהודא הענתותי אונ געזאגט צו איהם גיב מיר דעם לאבען ברוט אונ זאג „זאת תהיה לי לצדקה" דעם ברויט גיב איך אויף צדקה. יהודא הענתותי איז געווארן בייז אונ געזאגט צו ר' מאיר ניט גענוג אז מען הט דיר געגעבן עסן וואס קיינעם גיב איך ניט צום אנדרע ווילסטו נאך א גאנץ ברויט, ווי רבי מאיר הט געזעהן אז יהודא איז בייז געווארן אויף איהם הט ער אויסגעלאשן די ליכט אונ זיך שנעל אנטגעקליידעט. אלס די הויזלייט האבען אנגעצונדען די ליכט אונ דערקענט אין דעם געוועזענעם ארעמאן ר' מאירן האבן זיי זיך שרעקליך פארשעמט אונ זענען איהם געפאלען צו די פיס אונ געבעטען אז ער זאל זיי מוחל זיין. וואס וועט אייך העלפן וואס איך וועל אייך מוחל זיין אז השי"ת איז אייך ניט מוחל הט ר' מאיר צו זיי געזאגט. דו זאלסט וויסען ליעבר יהודא אז איך ווייס קלאר אז דו אונ דיין גאנץ הויזגעזונד מוזען שטארבן פר דר צייט ווייל דו ביסט

## פירוש ע"ט

א זייער וואס דער וויין געהט ארויס אונ די הייבן בלייבט אזו איז פערהאנדען א תלמיד וואס ווארפט אוועק די קלארע הלכות אונ דיא ניט קלארע בלייבט איהם. אונ א זיפ וואס מען שטריטעוועט ווייץ פאלט ארויס די פסולת אונ דס מעהל בלייבט אזו איז פערהאנדן א תלמיד וואס די קלארע הלכה בלייבט איהם אונ דיא ניט קלארע ווארפט ער אוועק. כל אהבה א׳׳ א ליבשאפט וואס העננט אן א זאך אז די זאך ווערט בטל איז דאס ליבשאפט אויך בטל א׳׳ אז עם העננט ניט אן א זאך איז דס ליבשאפט ניט בטל אויף אייביג. וועלכע איז די אהבה וואס העננט אן א זאך די אהבה וואס אמנון האט ליב געהאט תמר. אונ וועלכע ליבשאפט העננט ניט אן א זאך דס איז דס ליבשאפט וואס דוד הט ליב געהאט יהונתן. כל מחלוקת דיא קריג וואס איז פון אייבערשטענס כבוד וועגען איז דער סוף אז ביידע האבען א קיום אונ די א מחלוקת וואס איז ניט לשם שמים איז דר סוף זיי האבן קיין קיום ניט. וועלכע מחלוקת איז יוא געוועזן לשם שמים דס איז די מחלוקת פון הלל ושמאי וועלכע מחלוקת איז ניט געוועזן לשם שמים דס איז וואס קרח מיט זיין עדה הט געקריגט, כל המזכה ווער עס מאכט פיל מענשן טהון מצות קומט איהם ניט צו האנדען קיין עבירה אונ ווער עס מאכט זינדיגען פיל לייט העלפט מען איהם פון הימל ניט טהון קיין תשובה. משה האט זוכה געוועזן זיך אונ האט מזכה רבים געוועזן העננט דר זכות פון רבים אויף איהם ווי אין פסוק שטייט די גערעכטיקייט פון גאט הט ער געטהון אונ די משפטים וואס די ישראל האבן געטהון איז גלייך ווי ער הט

יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט חָטָא וְהֶחֱטִיא אֶת־הָרַבִּים, חֵטְא הָרַבִּים תָּלוּי בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר עַל חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר חָטָא וַאֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל: יט כָּל־מִי שֶׁיֶּשׁ־בּוֹ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הַלָּלוּ, הוּא מִתַּלְמִידָיו שֶׁל־אַבְרָהָם אָבִינוּ, וּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים, הוּא מִתַּלְמִידָיו שֶׁל־בִּלְעָם הָרָשָׁע. עַיִן טוֹבָה וְרוּחַ נְמוּכָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל־אַבְרָהָם אָבִינוּ. עַיִן רָעָה וְרוּחַ גְּבוֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל־בִּלְעָם הָרָשָׁע. מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל־אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע, תַּלְמִידָיו שֶׁל־אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְנוֹחֲלִין הָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר, לְהַנְחִיל אֹהֲבַי | יֵשׁ וְאוֹצְרוֹתֵיהֶם אֲמַלֵּא. אֲבָל תַּלְמִידָיו שֶׁל־בִּלְעָם הָרָשָׁע, יוֹרְשִׁין גֵּיהִנֹּם וְיוֹרְדִין לִבְאֵר שַׁחַת, שֶׁנֶּאֱמַר, וְאַתָּה אֱלֹהִים תּוֹרִדֵם לִבְאֵר שַׁחַת, אַנְשֵׁי דָמִים

צדקת אבות

זֶעהר רַייך אונ גִיבְּט נִיט קֵיין צְדָקָה. יְהוּדָא הָעַנְתוֹתִי האט געוואוסט אז די רַייד פון ר' מֵאִיר זֶענֶען הֵיילִיג כְּמשֶׁה מִפִּי הַגְּבוּרָה, הָט עֶר באלד גֶעטְהוּן תְּשׁוּבָה אונ צוטֵיילְט אַ הֶעלְפְט עֲשִׁירוּת פַאר אָרֶעמֶע לַייט, רַבִּי מֵאִיר הָט מִתְפַּלֵּל גֶעוועזן פַר זַייא אונ גִיפְּטִינֶע שְׁלַאנְגֶען וועלְכֶע זֶענִין אין דִיא זֶעלְבֶּע נַאכְט אַרום גְפַאלְן אַרוּם זַיין הויז זֶענִין אַוֶועק אונ עֶר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע זֶענִין נִיצוֹל גֶעוָוארֶן פון טויט, וַוייל השי"ת איז גוזר אונ די צַדִּיקִים זֶענִין מְבַטֵּל דִיא גְזֵרָה, יְהוּדָא הָעַנְתוֹתִי מִיט זַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּן גְלוֹיבְּט צוּא השי"ת וָוס הָט מִיט זַיי גְטְהוּן אַזוֹנֶע נִסִּים בִּזְכוּת רַבִּי מֵאִיר וּבִזְכוּת הַצְּדָקָה, דֶערְפוּן זֶעהט מֶען ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פון צְדָקָה אונ דַארוּם רֶעכִינְט דָא דֶער תַּנָּא (אַרְבַּע מִדּוֹת בְּנוֹתְנֵי צְדָקָה):

(וְרוּחַ נְמוּכָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה), דֶער מְנוֹרַת הַמָּאוֹר בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פון מִדְרָשׁ, דֶער תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא הָט שְׁטֶענְדִיג גְלֶערִינְט מִיט מֶעהְרֶערֶע טוֹיזֶענְד תַּלְמִידִים, אַז זַיין שְׁוֶוער כַּלְבָּא שָׂבוּעַ הָאט אִים אִיבֶּר גֶגֶעבֶּן זַיין גַאנְצֶן פֶערְמֶעגֶן הָאט עֶר צַייטֶען נַויס גְהַאנְדִילְט מִיט דִימֶענְטֶן אונ פֶּערִיל, אֵיינְמָאל איז רַבִּי עֲקִיבָא אַרוּם אִין מַארְק פֶערְקוֹיפְן פֶּערִיל הָט זַיי בַּיי אִיהם אָבְּגְקוֹיפְט אֵיינֶר וָואס איז גְגַאנְגֶן אָרֶעם גְקְלֵיידֶעט אונ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זִיצֶן אין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּייא דִי טָהִיר צְוִוישֶׁן אַלֶע אָרֶעמֶע לַייט, דֶער קוֹיפֶער הָט בַּיי זִיךְ קֵיין גֶעלְד נִיט גְהַאט הָט עֶר גִבֶּעטֶען רַבִּי עֲקִיבָא'ן עֶר זָאל גֵעהְן מִיט אִיהם אַהַיים וועט עֶר אִיהם דָארְט בֶּעצָאהְלֶן, רַבִּי עֲקִיבָא הָט אִיהם גְרֶעכִינְט פַאר אַייְנְאָרֶעמַאן הָט עֶר גְמֵיינְט אַז עֶר לַאכְט פוּן אִיהם, דָאךְ איז עֶר מִיט אִיהם גְגַאנְגֶן, ווִי זַיי זֶענִין גְקוּמֶן צוּם קוֹיפֶער אַהַיים הָאבְּן אִיהם דִיא קְנֶעכְט גְזֶעצְט אוֹיף אֵיין גָאלְדֶענֶעם שְׁטוּהל אונ אַרוּם גְוַואשְׁן דִי פִים, עֶר הָט גְהֵייסְן גְלַייךְ אוֹם צָאהְלֶן רַבִּי עֲקִיבָא'ן דִי בֶּעדוּנְגֶענֶע סוּמָא פַאר דִי פֶּערִיל אונ דִי פֶּערִיל הָט עֶר גְהֵייסְן צוּשְׁטוֹסְן דִין וִויא

פירוש ע"ט

גֶעטְהוּן. יָרָבְעָם הָט גֶעזִינְדִיגְט אונ הָט אוֹיךְ גֶעמַאכְט זִינְדִיגֶן פִיל מֶענְשֶׁן וֶוערְט צוּ גִירֶעכֶענְט זַייעֶר זִינְד צוּ אִיהם ווִי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק דָם איז נָאר אִיבֶּר דִי זִינְד פוּן יָרָבְעָם וַוייל עֶר אַלֵיין הָט גֶעזִינְדִיגְט אונ הָט גֶעמַאכְט זִינְדִיגֶען דִי יִשְׂרָאֵל. כָּל מִי דֶער וָוס בַּיי אִיהם איז דִיא דָאזִיגֶע דְרַיי זַאכֶן איז עֶר פוּן תַּלְמִידֵי אַבְרָהָם אָבִינוּ אונ אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע דְרַיי זַאכֶען איז עֶר פוּן תַּלְמִידֵי בִּלְעָם הָרָשָׁע. דִיא תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאבֶען אַ גוּט אוֹיג אונ אַ נִידְרִיג גְמִיט עֶר הַאלְט זִיךְ נִיט בַּעַל גַּאֲוָה אונ אַ נִידְרִיגֶע גְלוּסְט עֶס גְלוּסְט אִיהם נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטְס. דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע הָאבֶּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג אונ אַ הוֹיךְ גְמִיט אונ אַ בְּרֵייטֶע גְלוּסְט עֶס גְלוּסְט אִיהם צוּ שְׁלֶעכְץ. וָואס איז דֶער חִילוּק צְווִישֶׁן תַּלְמִידֵי אַבְרָהָם אָבִינוּ אונ צְווִישֶׁן תַּלְמִידֵי בִּלְעָם הָרָשָׁע. דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ עֶסֶען דִי פֵּירוֹת פוּן דִיא גוּטֶע מַעֲשִׂים אוֹיף דֶער וֶועלְט אונ זַיי יַרְשֶׁענֶן עוֹלָם הַבָּא ווִי אין פָּסוּק שְׁטֵייט צוּ מַאכֶן אַרְבֶּן מַיינֶע לִיבְּהַאבֶּר פוּל אונ זַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת וֶועל אִיךְ דֶערְפוּלֶן. אָבֶּר דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע זַיי יַרְשֶׁענֶן דָאס גֵיהִנֹּם אונ זַיי נִידֶערֶן צוּם טִיפֶען גְרוּב ווִי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק דוּ גָאט טְהוּסְט זַיי נִידֶערֶן אין טִיפֶן גְרוּב. דִי לַייט פוּן שׁוּלְד בְּלוּט אונ שַׁאלְקְהַאפְטִיגֶע וֶועלֶן נִיט לֶעבֶּן זַייעֶרֶע

וּמִרְמָה, לֹא יֶחֱצוּ יְמֵיהֶם וַאֲנִי אֶבְטַח־בָּךְ: כ יְהוּדָה בֶּן־תֵּימָא
אוֹמֵר, הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר, וְקַל כַּנֶּשֶׁר, רָץ כַּצְּבִי, וְגִבּוֹר כָּאֲרִי, לַעֲשׂוֹת
רְצוֹן אָבִיךָ שֶׁבַּשָּׁמָיִם. הוּא הָיָה אוֹמֵר, עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם וּבוֹשֶׁת
פָּנִים לְגַן־עֵדֶן: יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ,
שֶׁיִּבָּנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְתֵן חֶלְקֵנוּ בְּתוֹרָתֶךָ: כא הוּא
הָיָה אוֹמֵר, בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים לַמִּקְרָא, בֶּן־עֶשֶׂר שָׁנִים לַמִּשְׁנָה, בֶּן־
שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה לַמִּצְוֹת, בֶּן־חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה לַגְּמָרָא, בֶּן־שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה
לַחֻפָּה, בֶּן־עֶשְׂרִים לִרְדּוֹף, בֶּן־שְׁלֹשִׁים לַכֹּחַ, בֶּן־אַרְבָּעִים לַבִּינָה,
בֶּן־חֲמִשִּׁים לָעֵצָה, בֶּן־שִׁשִּׁים לַזִּקְנָה, בֶּן־שִׁבְעִים לַשֵּׂיבָה, בֶּן־
שְׁמוֹנִים לַגְּבוּרָה, בֶּן־תִּשְׁעִים לָשׁוּחַ, בֶּן־מֵאָה כְּאִלּוּ מֵת, וְעָבַר

## צדקת אבות

פאלווער אונ צומישען מיט נאך אנדערע פעריל. אונ אריין שיטן דאס אין פערשיעדענע מעדעציגן וועלכע עס זענין ביי איהם גוועזן אן גגרייט פר ארעמע קראנקע (דען אין דאמאלינע צייט האבען פעריל פארנומען א גרויסן ארט אין די מעדעצין), ער האט גהייסן דיא קעכט דעקין דעם טיש אונ האט גבעטן ר' עקיבא'ן מיט זיינע תלמידים זאלן מיט איהם מיט עסן, נאך דעם מיטאג פרעגט רבי עקיבא ביי איהם וויא באלד איהר זענט אזוי רייך ווארום מאכט איהר זיך אזו ארעם אונ אין בית המדרש זיצט איהר צווישען אלע אביונים, האט ער איהם גיענטפערט איך ווייס אז השי"ת האט פיינט גאוה דען נום איז דעם מענשענם לעבן אונ דעם מענשענם רייכטהום אויף דר וועלט, גאר וויא איין שאטן, היינט איז ער רייך אונ מארגן ווערט ער ארעם, אט לעבט ער אונ אין איין רגע שטארבט ער. דערפאר גיה איך ארעם גקליידעט אונ זיץ צווישן די ארעמע לייט אין בית המדרש, דען פיליכט פערליער איך מיין פארמעגן זאל שון קיין נידריגער ארט וואו זיך צוא זעצען ניט זיין אונ איך וועל בלייבן ביא מיין פריהערדיגען ארט, נאר וואו עס בע"אגט דעם כבוד התורה אדער צדקה דא ווייז איך מיין עשירות אבער אלץ שטילערהייט אז קיין מענש זאל ניט וויסן. וויא רבי עקיבא האט דס געהערט האט ער איהם גבענשט מיט אריכות ימים אונ אז זיין עשירות זאל פון איהם ניט אבגעטהון ווערן כל זמן ער וועט לעבן, אונ אזוי איז טאקי גוועזין, דס זאגט אונז די משנה, דר נום האט אין זיך די מדות (רוח נמוכה ונפש שפלה), דס הייסט ער איז צוא יעדען אונטערטהעניג אונ דינסטפערטיג, ער בעזיצט ניט קיין גאוה אונ שטאלצירט ניט מיט זיין רייכטהום אונ גוטע מעשים, דער ווערט גרעכינט צווישען דיא תלמידים פון אברהם אבינו עליו השלום:

## פירוש ע"ט

האלבע יארען אבער איך פערזיכער מיך אין דיר גאט ב"ה. יהודה בן תימא זאגט זיי שטארק ווי א לעמפערט צו גאטס דינסט אונ גרינג ווי א אדלער פליגק וויא א הירש אונ שטארק וויא א לייב צו טהון גאטס ווילן. הוא היה אומר ער פלעגט זאגן א עזות פנים וועט זיין אין גיהנם אונ אבושת פנים וועט זיין אין גן עדן. עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר גאט אונזער גאט עס זאל געבויט ווערן דר בית המקדש אין גיכען וועט שון ניט זיין קיין עזות אונ גיב אונזער חלק אין דיין תורה. הוא היה אומר ער פלעגט זאגען אז א קינד איז אלט פינף יאהר זאל מען מיט איהם אן הייבן לערנען חומש אונ פסוק. אז ער איז אלט צעהן יאהר זאל מען מיט איהם לערנען משניות. אז ער איז אלט דרייצעהן יאהר איז ער מחויב צו טהון אלע מצות. אז ער ווערט אלט פינפצעהן יאהר זאל ער לערנען גמרא. אז ער ווערט אלט אכצעהן יאר זאל ער נעמען א ווייב. אז ער איז אלט צוואנציג יאהר זאל ער נאך יאגען נאך מצות. אז ער איז אלט דרייסיג יאהר דענסטמאל איז דר רעכטער כח נאך צו יאגען נאך מצות אונ פרנסה. אז ער איז אלט פערציג יאהר קומט ער צום רעכטן פערשטאנד. אז ער איז אלט פינפציג יאהר איז ער ראוי אז מען זאל איהם פרעגן א עצה. אז ער איז אלט זעכציג יאהר ווערט ער גערופן זקן. אז ער איז אלט זיבעציג יאהר הייסט דס שיבה. אז ער איז אלט אכציג יאהר ווערט עס

וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם: כב בֶּן־בַּג בַּג אוֹמֵר, הֲפָךְ בָּהּ, וַהֲפָךְ־בָּהּ, דְּכֹלָּא בָהּ, וּבָהּ תֶּחֱזֵי, וְסִיב וּבְלֵה בָהּ, וּמִנָּהּ לָא תָזוּעַ, שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה הֵימֶנָּה: כג בֶּן־הֵא הֵא אוֹמֵר, לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא: רבי חנניא וכו'

## פרק ששי

כל ישראל וכו'

א שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה, בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם. רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, כָּל־הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ, זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה, וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁכָּל־הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי הוּא לוֹ, נִקְרָא רֵעַ אָהוּב אוֹהֵב אֶת־הַמָּקוֹם, אוֹהֵב אֶת־הַבְּרִיּוֹת, מְשַׂמֵּחַ אֶת הַמָּקוֹם מְשַׂמֵּחַ אֶת־הַבְּרִיּוֹת וּמַלְבַּשְׁתּוֹ עֲנָוָה וְיִרְאָה, וּמַכְשַׁרְתּוֹ לִהְיוֹת צַדִּיק חָסִיד

### תורת אבות

(רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה), אַז דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דֶער תּוֹרָה פוּן גָאטֶס וֶועגֶן וַוייל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט גֶעהֵייסֶען לֶערְנֶען אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ סַךְ זַאכֶען אוּנ מֶען אִיז אִיהם מְגַלֶּה דִיא סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּנ אַלֶע חָכְמוֹת וְהַיְדִיעוֹת, מִיר וֶועלֶען דִי זַאךְ פֶארְשְׁטֶעהֶן עַל פִּי מָשָׁל, אֵיינֶער הָאט גֶעטְרֶעשֶׁענְט אֵיין שֵׁטוּב פוּן זַיין קָרוֹב וָוס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין עוֹשֶׁר מוּפְלָג אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וִויסֶען אַז עֶר אִיז אֵיין עוֹשֶׁר, הָאט עֶר בֶּעהַאלְטֶען דָאס עֲשִׁירוֹת אִין דֶער עֶרְד אִין דִי לֶעבֶּער פוּן שְׁטוּב אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אָהן בִייד אוּנ אָהן אֵיין שׁוּם צַוָּאָה אוּנ קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעוואוּסְט

### חמדת אבות

(שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה), וַוייל דֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּן דֶעם כָּבוֹד פוּן דִי תּוֹרָה, הָט מֶען אִיהם גֶשְׁטֶעלְט נֶעבֶּען דִי פִינְף פְּרָקִים פוּן אָבוֹת צוּא לֶערְנֶען אוּנְז אַז דֶער עִיקָּר פוּן אַלֶע מוּסָר אִיז נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ מֶען רוּפְט אִיהם דֶר זֶעקְסְטֶער פֶּרֶק פוּן אָבוֹת אוּנ דְרִיבֶּער (שָׁנוּ חֲכָמִים בִּלְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה) הָאבֶּען דִי חֲכָמִים גֶלֶערְנְט דֶעם פֶּרֶק אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ אַזוֹי וִוי מִשְׁנָיוֹת אוּנ נִיט אוֹיף תַּרְגּוּם לָשׁוֹן וִויא דִיא גְמָרָא אִיז

### זכות אבות

(רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר כו' זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה), רַבִּי מֵאִיר זָאגְט דֶער מֶענְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּנ נִיט ח"ו צוּלִיעבּ כָּבוֹד אָדֶער אַנְדֶערֶע פְּנִיּוֹת, (זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה), אִיז עֶר זוֹכֶה צוּפִיעל זַאכֶן, פֶערְשְׁטֶעהט מֶען נִיט וָואס מֵיינְט עֶר מִיט דִיא וֶוערְטֶער „פִיעל זַאכֶן", גֶעפִינֶען מִיר דַארוּף אִין מִדְרָשׁ

קֹהֶלֶת אַז אֵיינְמָאל הָאט דִי רֶאמִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אַרַיין גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעפֶעהל צוּ דִיא יוּדֶען אַז זַייא זָאלֶען אִיהר אַרַיין שִׁיקֶן אַ לִיכְט וָואס זִיא שַׁיינְט מֶעהר וִויא אַלֶע לִיכְט, דִיא חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע פֶערְזַאמְלוּנְג אוּנ הָאבֶּען גֶעקְלֶערְט וָואס מֵיינְט דִיא רֶעגִירוּנְג מִיט אַזַא בֶּעפֶעהל, הָאט זִיא דֶען וֶועניג

### פירוש ע"ט

גֶערוּפֶן שְׁטַארְקַייט. אַז עֶר אִיז אַלְט נַיינְצִיג יָאהר גֵייט עֶר אַיין גְבוּיגֶן. אַז עֶר וֶוערְט אַלְט הוּנְדֶערְט יָאהר אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבֶּן אוּנ אִיז אַוֶועק אוּנ בָּטֵל פוּן דֶר וֶועלְט. בֶּן בַּג בַּג זָאגְט קֶעהר אוּם אִין דֶר תּוֹרָה אוּנ נָאךְ אַמָאל קֶעהר אוּם אִין דֶר תּוֹרָה אַלְץ וֶועסְט דוּ גֶעפִינֶען אִין דֶר תּוֹרָה אוּנ אִין דֶער תּוֹרָה זָאלְסְט דוּ אַלְץ קוּקֶן אוּנ עֶלְטֶער זִיךְ אִין אִיהר אוּנ פוּן דֶר תּוֹרָה זָאלְסְט דוּ זִיךְ נִיט אַוֶועק רִירֶן וָוארוּם דוּ הָאסְט נִיט קֵיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶר תּוֹרָה. בֶּן הֵא הֵא זָאגְט נָאךְ דֶעם עֶרֶךְ וָוס אַ מֶענְשׁ אִיז זִיךְ מַטְרִיחַ אוּנ מְצַעֵר אוֹיף תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אַזוֹי פִיל אִיז זַיין גֶעצָאהלְט:

שָׁנוּ חֲכָמִים דִי חֲכָמִים וָואס הָאבֶּן מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי גְמָרָא הָאבֶּען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף לְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ דֶעם פֶּרֶק. גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער מֶענְשׁ וָוס הָט אוֹיס דֶערְוֶוייעלְט אִין דִי חֲכָמִים אוּנ אִין זֵייעֶר לֶערְנֶען. רַבִּי מֵאִיר זָאגְט וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ פוּן דֶר תּוֹרָה וֶועגֶן זַי אִיז חָשׁוּב בַּיי אִיהם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ פִיל זַאכֶען אוּנ נָאךְ דָם נָאר דִי וֶועלְט אִיז גֶענוּג פַאר אִיהם עֶר וֶוערְט גֶערוּפֶן אַ גֶעוֶועלֶן אַ שׁוּתָּף צוּ הַשֵּׁי"ת עֶר אִיז גֶעלִיבְּט עֶר לִיבְּט גָאט עֶר לִיבְּט לַייט עֶר אִיז מְשַׂמֵּחַ הַשֵּׁ"י גָאט הָט שִׂמְחָה פוּן אִיהם אוּנ אִיז מְשַׂמֵּחַ לַייט דִי תּוֹרָה הִילְט אִיהם אַרוּם מִיט עֲנָוָה אוּנ עֶר זָאל מוֹרָא הָאבֶּן פַר גָאט אוּנ דִי תּוֹרָה מַאכְט אִיהם רֶעכְט פַארְטִיג

יָשָׁר וְנֶאֱמָן, וּמְרַחַקְתּוֹ מִן־הַחֵטְא, וּמְקָרַבְתּוֹ לִידֵי זְכוּת. וְנֶהֱנִין מִמֶּנּוּ עֵצָה וְתוּשִׁיָּה, בִּינָה וּגְבוּרָה, שֶׁנֶּאֱמַר, לִי עֵצָה וְתוּשִׁיָּה, אֲנִי בִינָה לִי גְבוּרָה, וְנוֹתֶנֶת לוֹ מַלְכוּת וּמֶמְשָׁלָה וְחִקּוּר דִּין, וּמְגַלִּין לוֹ רָזֵי תוֹרָה, וְנַעֲשֶׂה כְּמַעְיָן הַמִּתְגַּבֵּר וּכְנָהָר שֶׁאֵינוֹ פּוֹסֵק וְהֹוֶה צָנוּעַ וְאֶרֶךְ רוּחַ, וּמוֹחֵל עַל־עֶלְבּוֹנוֹ, וּמְגַדַּלְתּוֹ וּמְרוֹמַמְתּוֹ עַל־כָּל־הַמַּעֲשִׂים: ב אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן־לֵוִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם, בַּת־קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת, אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה:

### חמדת אבות

גֶעלֶערִינְט גֶעהָאט, אוּנ וַוייל תּוֹרָה אִיז דָא צְווייעֶרְלֵיי, אֵיינְס תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב דִי תּוֹרָה וָוס גָאט הָט גֶעגֶעבְּן דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּנ אֵיינְס תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה דִי תּוֹרָה וָואס דִיא חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערִינְט אִיבֶּער דֶעם זָאגְן מִיר (בָּרוּךְ שֶׁבָּחַר בָּהֶם וּבְמִשְׁנָתָם) גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט וָוס עֶר הָט אוֹס דֶערְוֵוײלְט דִי חֲכָמִים מִיט זֵייעֶר לֶערְנוּנְג וָוס זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערִינְט, וָוען נִיט דִיא חֲכָמִים וָואלְטְן אוּנְז גֶעלֶערִינְט דִיא מִשְׁנָיוֹת מִיט דִיא גְּמָרָא וָואלְטְן מִיר נִיט גֶעווּאוּסְט וִוי אַזוֹ מֶען זָאל לֵייגְן תְּפִילִּין וִוי אַזוֹ מֶען זָאל מַאכְן צִיצִית, שַׁבָּת, סוּכָּה. פֶּסַח אוּנ אַלֶע אִיבְּרִיגֶע מִצְוֹת, אוּנ וָוען דִיא חֲכָמִים וָואלְטְן אוּנְז נִיט גֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע מִצְוֹת צוּ דֶערְוֵוייטֶערְן אוּנְז פוּן אֵיין עֲבֵירָה וָואלְטְן מִיר נִיט גֶעקֶענְט הִיטְן דִי תּוֹרָה וָוס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פוּן גָאט:

### תורת אבות

פוּן זַיין עֲשִׁירוּת וִוי עֶס אִיז, אַמָאל אִיז פַארְלָארֶען גֶעוָוארְן דֶעם יוֹרֵשׁ אַ חֵפֶץ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אִין דִיא לֶעכֶער פוּן דֶער עֶרְד, ווִיא עֶר הָאט גֶעזוּכְט הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אֵיין אוֹצָר הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזוּכְט אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעפוּנֶען אֵיין אוֹצָר, דָאס חֵפֶץ אִיז בַּייא אִיהם בֶּעהֶעכֶען זֶעהְר טַייעֶר וַוייל דוּרְךְ דֶעם חֵפֶץ הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַלֶע אוֹצָרוֹת, הַנִּמְשָׁל דִי תּוֹרָה אִיז אַ טַייעֶרֶער אוֹצָר פוּן אַלֶע חָכְמוֹת וְהַיְדִיעוֹת נָאר זֵייא זֶענֶען נִיט אַנְטְפּלֶעקְט נָאר בֶּעהַאלְטֶען אוּנ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט אַרַיין גֶעגֶעבֶּען אִין מִצְוֹתָיו אֵיין טֶבַע פוּן גְלוּסְטִיגְקַייט צוּא וִויסֶען נַייעֶס דֶערִיבֶּער זוּכְט עֶר בְּדִבְרֵי הַתּוֹרָה אוּנ וָואס מֶעהר עֶר לֶערְנְט גֶעפִינְט עֶר מֵיין אוֹצְרוֹת הַחָכְמָה אוּנ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען אוּנ דָס אִיז נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִיט קֵיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ גֶעפִינְט מֶען נִיט דִיא אוֹצְרוֹת אוּנ אַדְרַבָּה וָוס מֶעהר עֶר לֶערְנְט וֶוערְט אִיהם גֶעבּוֹרֶען מֶעהר סְפֵיקוֹת אוּנ מֶעהר קֻשְׁיוֹת אוּנ דִי אוֹצְרוֹת הַחָכְמָה וֶוערֶען פַארְדֶעקְט פוּן אִיהם:

### צדקת אבות

(אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה), בַּיי אוּנְז יוּדֶען אִיז אַייְנְגֶעפִירְט אַז עֶס קוּמְט אִין אַ שְׁטָאדְט אַ אָרֶעמֶער אוֹרֵחַ גֶעבְּן אִיהם דִי גַבָּאֵי צְדָקָה אוֹיף שַׁבָּת אַ פֶּלֶעט צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת אַז עֶר זָאל אִיהם גֶעבְּן עֶסְן דֶעם גַאנְצֶען שַׁבָּת אוּנ דֶר בַּעַל הַבַּיִת גֶעמְט גֶעוֶוענְלִיךְ אָן דֶעם צֶעטִיל אוּנ הַאלְט דֶעם אוֹרֵחַ בַּיים טִישׁ, אוּנ גִיט אִיהם עֶסֶען גְלַייךְ מִיט זַיין גַאנְץ הוֹיז גֶעזִינְד.

### ברכת אבות

(בְּכָל יוֹם וָיוֹם בַּת קוֹל יוֹצֵאת מֵהַר חוֹרֵב וּמַכְרֶזֶת וְאוֹמֶרֶת וכו'), דֶער טַייטְשׁ פוּן דֶעם מַאֲמַר אִיז אַלֶע טָאג גֶעהט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן בַּארְג סִינַי אוּנ רוּפְט אוֹיס אוּנ זָאגְט, וֶועה אִיז צוּ דִי מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען מְבַיֵּשׁ דִי תּוֹרָה

### זכות אבות

לִיכְט וֵוענִיג פַיינֶע בֶּעלַייכְטוּנְגֶען אָהְן דִי יוּדִישֶׁע לִיכְט, עֶס אִיז בַּיי זֵיי גִבְּלִיבְּן אַז דִי רֶעגִירוּנְג מֵיינְט אַז דִיא יוּדֶען זָאלֶען שִׁיקְן אַזַא מֶענְשֶׁן וָואס עֶר שַׁיינְט אַרוֹיס אִין תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען, הָאבֶּן זֵיי גְשִׁיקְט

דֶעם תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר וָועלְכֶער אִיז גֶוֶוען דֶער גָדוֹל הַדּוֹר אַ גְרוֹיסֶר בַּעַל נֵס אוּנ הָט גֶלֶערִינְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, וִוי ר' מֵאִיר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין רוֹם הָט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט דִי דָארְטִיגֶע גְרֶעסְטֶע גֶעלֶעהְרְטֶע אוּנ קְלוּגֶע

### פירוש ע"ט

אוּנ אַ בֶּעגְלַייבְּטֶר אוּנ. זִי עֶרְוֵוייטֶערְט אִיהם פוּן עֲבֵירוֹת אוּנ גִינֶעהנְט אִיהם צוּ זְכוּת מֶען הָט פוּן אִיהם הֲנָאָה רַאט אוּנ גְרוֹיסְקַייט פֶערְשְׁטַאנְד אוּנ שְׁטַארְקַייט וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט צוּ מִיר תּוֹרָה אִיז דִיא רַאט אוּנ אַ גְדוֹלָה פֶערְשְׁטֶענְדִיקַייט אוּנ שְׁטַארְקַייט אוּנ מֶען אִיז אִיהם מְגַלֶּה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה עֶר וֶועט וֶוערֶן וִוי אַ קְוַואל וָוס שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּנ וִוי אֵיין טַייךְ וָוס הֶערְט נִיט אוֹיף אוּנ עֶר זָאל זַיין בֶּעהַאלְטֶען מִיט פְרוּמְקַייט עֶר זָאל אַיין הַאלְטֶען דֶעם כַּעַס אוּנ זָאל מוֹחֵל זַיין אוֹיף זַיין בִּיוּשׁ אוּנ דִיא תּוֹרָה מַאכְט אִיהם גְרוֹיס אוּנ דֶערְהֵייבְּט אִיהם אוֹיף אַלֶע וֶוערְק. אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָט גֶעזָאגְט אַלֶע טָאג גֶעהט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן בַּארְג סִינַי אוּנ רוּפְט אוֹיס אוּנ זָאגְט וֵויי צוּ דִי לַייט וָוס זֶענֶען מְבַיֵּשׁ דִי תּוֹרָה וָוארוּם דֶר וָוס לֶערִינְט נִיט

שֶׁכָּל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה נִקְרָא נָזוּף, שֶׁנֶּאֱמַר, נֶזֶם זָהָב בְּאַף חֲזִיר, אִשָּׁה יָפָה וְסָרַת טָעַם. וְאוֹמֵר, וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה, וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא, חָרוּת עַל־הַלֻּחֹת, אַל־תִּקְרָא חָרוּת אֶלָּא חֵרוּת, שֶׁאֵין לְךָ בֶּן־חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה, וְכָל מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה, הֲרֵי זֶה מִתְעַלֶּה. שֶׁנֶּאֱמַר, וּמִמַּתָּנָה נַחֲלִיאֵל וּמִנַּחֲלִיאֵל בָּמוֹת: ג הַלּוֹמֵד מֵחֲבֵרוֹ פֶּרֶק אֶחָד, אוֹ הֲלָכָה אַחַת, אוֹ פָּסוּק אֶחָד, אוֹ דִבּוּר אֶחָד, אוֹ אֲפִילוּ אוֹת אַחַת, צָרִיךְ לִנְהָג בּוֹ כָּבוֹד, שֶׁכֵּן מָצִינוּ בְּדָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל, שֶׁלֹּא לָמַד מֵאֲחִיתֹפֶל

### ברכת אבות

מיט דעם וואס זיי לערנען ניט די תורה, פרעגט דער בעל שם טוב וואס קומט ארויס אז עס גערהט ארויס אלע טאג א בת קול אז מען הערט עס נישט, פארענטפערט ער אז דאס בת קול איז דיא הרהור תשובה וואס יעדען מענש קומט אריין אין דער מחשבה וועלכע מינוט אין טאג, דיא הרהור תשובה קומט פון דעם בת קול, איבער דעם דער עהרליכער יוד אז עס פאלט איהם אן אין דער מחשבה וואס זיין תכלית וועט זיין, ער זאל עפּיס

### צדקת אבות

אין איין געוויסע שטאט איז געווען א גביר זעהר א קארגער, ער פלעגט קיין מאל גיט נעמען קיין פלעט אויף שבת אונ דער אורח פלעגט קומען צוריק צו דיא גבאים מיט דעם זעלבען צעטיל אונ האבען איהם געגעבן א צעטיל צו איין אנדערן בעל הבית, די גבאי צדקה האבען געוואלט אן טהון שאנדע דעם גביר פאר זיין קארגשאפט האבען זיי אויסגעהאנגען א צעטיל אין שוהל אז דערפאר ווס ער איז אזו קארג אונ נעמט קיין מאל ניט א אורח צו זיך אויף שבת זאל מען איהם אגאנץ יאהר ניט געבן קיין עליה, דעם גביר אליין האט דאס גאר ניט געהארט, נאר זיין זוהן וואס איז אפילו אויך געווען אזו קארג ווי דר פאטער נאר ער איז געשטאנען אין שידוכים הט איהם ניט געפאסט דר צעטיל וועלכען מען הט אויף געהאנגען אין שוהל, האט ער ערקלערט דעם פאטער אז דס קאן איהם שאדן צוא א שידוך, אלזא זאל מען זעהן אז מען זאל דעם צעטיל אראבנעמען, גיב א עצה וואס זאל מען טהון דאצו האט איהם

### זכות אבות

מענשן וועלכע זענין גזעסן אונ גקלערט פערשיעדעני ענינים, יעדער האט געזאגט איין אנדערע מיינונג אונ זייא האבען ניט געקענט איינינ. ווערן ביז רבי מאיר הט זיי אלעס ערקלערט אונ אופגעוויזן מיט ראיות אז זיין מיינונג איז די ריכטיגסטע אונ אלע האבען איהם גערעכט געגעבן, דס זאגט רבי מאיר אז דר ווס איז עוסק אין דר תורה הקדושה לשם שמים איז ער זוכה צו פיעל זאכן ווס איז גאר ניט שייך צו דר תורה, דען די תורה קלערט אויף דעם מוח אז מען קען נאכהער דערגעהן אנדערע חכמות אונ וויסענשאפטן אויך:

### מגדל אבות

(אל תקרא חרות אלא חרות), דר מדרש ברענגט איין מעשה ביי א זעהר אנגעזעהענם מענש אין צפורי איז געבארן געווארן איין זוהן ער הט געמאכט זעהר א פיינעם ברית אונ געלאדענט דיא גרעסטע מענשן פון שטאדט אונטער וועלכע עס איז געווען ר׳ שמעון בן חלפתא, רבי שמעון בן חלפתא אונ אלע געסט האבען צו געוואונשן דעם בעל ברית אז אזו ווי ער הט זוכה געווען צו מאכן דעם ברית זאל ער זוכה זיין דס קינד צו ערציהען לתורה ולמעשים טובים אונ צו פירן איהם צוא דר חופה, נאך דר סעודה שפעט אין דר

### פירוש ע״ט

תורה ווערט אנגערופן אפגעשיידר ווי עס שטייט א גילדענער נאז באנד אויף א נאז פון א חזיר אזו איז א שיינע אשה אונ אפגעקערט פון טעם דס מיינט מען דר ווס קאן לערנן אונ לערענט ניט. ווידער שטעהט אונ די לוחות זענען גאטס ווערק דאס געשריפט איז פון גאט עס איז אויסגעקריצט אויף די לוחות דו זאלסט ניט לייענן חרות נאר חירות פריי דען עס איז ניט דא אזו א פרייער מענש פון עבירות ווי דר ווס איז עוסק אין תורה אונ ווער עס איז עוסק אין תורה ווערט דערהויבט ווייל עס שטעהט אז ער האט דיא תורה במתנה מאכט איהם גאט ירשענען אונ פון דעם ווערט ער דערהויבט. הלומד מחברו ווער עס לערענט פון זיין חבר איין פרק אדר איין הלכה איין פסוק אדר איין ווארט אדר איין אות מוז ער איהם נוהג כבוד זיין ווארום מיר געפינען אזו ביי דוד המלך ווס ער הט מעהר ניט געלערנט פון אחיתופל נאר

אלא שני דברים בלבד, קראו רבו אלופו ומיודעו. שנאמר, ואתה אנוש כערכי אלופי ומיודעי. והלא דברים קל וחמר, ומה דוד מלך ישראל שלא למד מאחיתפל אלא שני דברים בלבד, קראו רבו אלופו ומיודעו, הלומד מחברו פרק אחד, או הלכה אחת, או פסוק אחד, או דבור אחד, או אפילו אות אחת, על אחת כמה וכמה שצריך לנהג בו כבוד, ואין כבוד אלא תורה, שנאמר, כבוד חכמים ינחלו, ותמימים ינחלו טוב. ואין טוב אלא תורה, שנאמר, כי לקח

### צדקת אבות

דר פאטער געפרעגט זאלן מיר דען געבן מענשען עסן אומזיסט, איך וועל דיר געבן אעצה האט איהם דר זוהן געזאגט, אעצה וואס אונז וועט דס קיין געלד ניט קאסטען אונ פר לייטען וועלן מיר זיך ניט האבן וואס צו שעמן, דו זאלסט טאקע אנגעמן די פלעטן וואס מען וועט צו דיר שיקען נאר עסן וועלן מיר זיי געבן נור טרוקען ברוט, דעם פאטער איז דיא עצה זעהר געפעלן אונ הט אנגעזאגט די גבאים אז ער וועט שוין ווייטער געמן פלעטן אויף שבת, נאר ווען איז גוועזין דעם אורח וואס האט בעקומן צו איהם דעם פלעט, אלע האבן געגעסן כל טוב אונ דעם אורח האט מען געגעבן נאר א שטיקעל פערדארט ברויט אונ איז אומגעגאנגן דעם גאנצן שבת א פארהונגערטער, היינט וועלן מיר זעהן ווער איז מעהר שולדיג דער פאטער אדר דר זוהן, באמירליך דר זוהן, דען דר פאטער אז ער פלעגט נאר ניט צונעמן דעם פלעט פלעגט דער אורח דעם צעטיל צוריק ברענגן צוא דיא גבאי צדקה אונ זייא פלעגן איהם געבן אאנדערן צעטיל צוא א אנדערן בעל הבית, איצט אבער אז ער נעמט צו דעם פלעט איז דאך דעם אורח שלעכט דען ער האט ניט געהאט אפצוגעבן דיא גבאים דעם פריערדיגע

### ברכת אבות

טהון תשובה געמט ער באיד וועלכעס מפר צוא לערנען אדער תהלים זאגען אונ תשובה טהון בלייבט בייא איהם א צייכען פון דער מחשבה וואס איז געקומען פון בת קול, אבער דער רשע אז עס קומט איהם וועלכע מינוט אין דער מחשבה אריין א הרהור תשובה שלאגט ער עס אוועק מיט דיא עסקים פון דער וועלט, ובאמת איז א שאד אזא טייערע זאך אוועק צו לאזען, דען דאס איז אין גאנצן דעם מענשענס לעבען, ער זאל זיך בערעכענען וואס זיין

### מגדל אבות

נאכט איז רבי שמעון געגאנגען נאך הויזע האט ער בעגעגענט א מלאך, פרעגט איהם רבי שמעון ווער ביזט דוא, ענטפערט דער מלאך איך בין דער מלאך המות, ווארום ביזט דו אזו אומטהיג הט ער דעם מלאך ווייטער נפרעגט, איך בין אומטהיג דערפאר וואס דוא אונ אלע געסט האבן געוואונשן דעם בעל ברית אז ער זאל זוכה זיין חתונה מאכן דם קינד, הט איהם דר מלאך גיענפערט, איך האב מורא אז אייער ברכה וועט מבטל זיין די גזרה וואס איז נגזר געווארן אויף דעם קינד אז אין איין חודש ארום זאל ער הירך מיר שטארבן, אז דו ביזט דר מלאך המות הט איהם רבי שמעון געזאגט בעשווערע איך דיך אז דו זאלסט מיר זאגן ווען איך וועל שטארבן, אויף אזוגע לייט ווי דוא ביזט וועלכע זענין עוסק אין תורה ומצות אונ גמילות חסדים הט איהם דר מלאך המות גיענטפערט האב איך קיין שליטה ניט דען זייא איז השי"ת אלע מאל מוסיף יאהרן, אזו וויא דו האסט ניט קיין רשות אויף מיר אונ מיינעם גלייכן האט רבי שמעון ווייטער געזאגט אזו זאל השי"ת געבן אז דו זאלסט ניט האבן קיין רשות אויף דם קינד איך אונ זיינע עלטערן זאלן זוכה זיין איהם צו ערציהען לתורה ולחופה ולמעשים טובים, די ברכה פון דעם צדיק איז מקוים געווארן אונ דם קינד האט מאריך ימים געוועזן, דס זאגט די משנה (אל תקרא) זאלסט ניט לעזין (חרות אלא חרות) פרייהייט דען דר וואס איז עוסק אין דר תורה הקדושה איז פריי פון מלאך המות אונ ער הט אויף אים קיין שליטה ניט:

### פירוש ע"ט

צוויי זאכן הט ער איהם גערופן מיין רבי אונ מיין לערנער אונ מיין געוויסיגר ווי עס שטייט דו ביסט א מענש ווי מיין ערך אונ מיין לערנער אונ דו האסט מיך געמאכט וויסן. מהדאך דוד וואס איז געוועזן א מלך איבר יודן וואס הט מעהר ניט געלערנט פון אחיתופל נאר צוויי זאכן הט ער איהם גערופן רבי אונ מיין לערנער מכל שכן ווען א פראסטער מענש לערנט ביי איינם אפילו איין אות פשיטא אז ער געהער איהם כבוד אן טהון ווער הט כבוד דער וואס איז עוסק בתורה ווי עס שטייט די חכמים ירשענן כבוד דורך די תורה די וואס זייער הארץ מיינט ערענסט צו לערנן תורה וועלן זיי ירשענן גוטס מיינט מען דיא תורה ווי עס שטעהט

טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל־תַּעֲזֹבוּ: ד כָּךְ הִיא דַּרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל, וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה, וְעַל הָאָרֶץ תִּישַׁן, וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה, וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל. אִם־אַתָּה עֹשֶׂה כֵּן, אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ, אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא: ה אַל תְּבַקֵּשׁ גְּדֻלָּה לְעַצְמְךָ, וְאַל־תַּחְמוֹד כָּבוֹד, יוֹתֵר מִלִּמּוּדֶךָ עֲשֵׂה, וְאַל תִּתְאַוֶּה לְשֻׁלְחָנָם שֶׁל־מְלָכִים, שֶׁשֻּׁלְחָנְךָ גָּדוֹל מִשֻּׁלְחָנָם, וְכִתְרְךָ גָּדוֹל מִכִּתְרָם, וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ, שֶׁיְּשַׁלֶּם לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ: ו גְּדוֹלָה תוֹרָה, יוֹתֵר מִן־הַכְּהֻנָּה וּמִן־הַמַּלְכוּת, שֶׁהַמַּלְכוּת נִקְנֵית בִּשְׁלֹשִׁים מַעֲלוֹת, וְהַכְּהֻנָּה בְּעֶשְׂרִים וְאַרְבַּע, וְהַתּוֹרָה נִקְנֵית

### ברכת אבות

תכלית וועט זיין, און זאל טהון מצות ומעשים טובים. ער זאל האבען נישט אויף ביידע וועלטען. איבער דעם דארף מען געווארענט צוא זיין אז וועלכע מינוט אין טאג עס פאלט אין דער מחשבה איין הרהור תשובה זאל מען בלייבען שטעהן ביים דעם עסק וואס מען איז דענסטמאל עוסק נאר מען זאל זיך באַרעכענען און האבען חרטה אויף די זינד און נעמען אויף זיך גוט צו זיין פון אצינד אן און היכף לערנען עפיס אדער תהלים זאגען אדער טהון וועלכע מצוה וועט בלייבען ביי איהם א צייכען פון דעם הרהור תשובה און וועט אלע טאג בעסער ווערען און וועט זוכה זיין צו אלדים גוטס:

### צדקת אבות

צעטיל אומצובעטען אויף אן אנדערן און ביי דעם גביר האט ער געליטען הונגר. דר נמשל איז השי"ת האט געזעהן אז מען דארף געבען די תורה אויף דר וועלט ווען ניט וואלט זיא. דם הייסט די וועלט ניט געקאנט עקסיסטירען. הט איהר גאט געוויזן, דם הייסט דיא תורה. פערשיעדענע אומות און זיי האבן איהר ניט געוואלט אננעמען האבן זיך די ישראל אנגעכאפט אז זיי וועלן איהר נעמן און האבן געשריגן נעשה ונשמע, אם ענדע זענען זייא ניט מקיים דיא תורה און זענען איהר מבזה. זענען דאך די יודן שולדיג וס זיי האבן איהר אנגענומן און זיי היטן איהר ניט. אז איינגע אומות האבן איהר ניט געוואלט נעמן וואלט השי"ת געפונגן פון די זיבעציג אומות הקדמונים א אומה וואס וואלט איהר אנגענומען און געהיטן. וויא דר מדרש ברענגט אז נאך מתן תורה האבן זיך די אומות העולם אויף געקליבן און האבן געשריגן ווארום גיט מען זייא ניט די תורה. דם זאגט דיא משנה. (אוי להם לבריות מעלבונה של תורה) ווען וועט זיין די מענשן פר די שאנדע וועלכע זיי מאכן דיא תורה דאמיט וואס זייא האבן איהר אנגענומן און זיי היטן איהר ניט:

### זכות אבות

(כך היא דרכה של תורה). למשל איין רייכר מאן האט אויסגעריכט זיין איידעם אין א גרויסע ישיבה ער זאל זיך דארט אויסבילדען צוא זיין א רב ער האט איהם אויסגעריכט מיט גענוג געלד און פיינע קליידר אז עס זאל איהם קיין זאך ניט פעלען אין וועג איז דער יונגער מאן אריין אין איין איינפאהר הויז האט ער געפונגען ביי א פיין געגרייטען טיש זיצען איינינגע יונגע לייט און האלטען זיך אונטער אין דברי תורה. דר יונגער מאן הט מיט זיי בעקאנטשאפט געשלאסן ער האט אויך געגעבען עטליכע גילדען אויף משקה

### פירוש ע"ט

א נוט קויפן האב איך אייך געגעבן מיין תורה זאלט איהר ניט פערלאזן. כך היא אזוי איז דר וועג פון דער תורה דו זאלסט עסן ברויט מיט זאלץ און וואסר זאלסטו טרינקן מיט א מאס און אויף דער ערד זאלסטו שלאפען כלומר חאטשע דו האסט מעהר ניט און דו לעבסט אין צער און אין דר תורה זאלסטו זיך פארט מיהען חאטשע דו ביסט וועהר ארום אז דו וועסט אזו טהון וועט דיר גוט זיין און וואהל זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. אל תבקש זאלסט דיר ניט זוכן קיין גדולה און זאלסט ניט גלוסטן איבריגן כבוד מער פון דיין לערנען זאלסטו טהון מעשים טובים און זאלסט ניט גלוסטן עס זאל ביי דיין טיש צו געהען אזו וויא ביי די עשירים ווארום דיין טיש ווס דו לערנסט תורה איז גרעסר פון זייער טיש און זאלסט וויסן אז דר ווס הט דיר געהייסן ארבייטן תורה לערנן איז בעגלייבט אז ער וועט דיר בודאי צאהלן שכר פר דיין ארבייט. גדולה תורה די תורה איז גרעסר פון כהונה ווארום די כהונה איז מען קונה מיט פיר און צוואנציג מעלות אבער ביי תורה איז אכט און פערציג מעלות און

בְּאַרְבָּעִים וּשְׁמוֹנָה דְבָרִים. וְאֵלּוּ הֵן, בְּתַלְמוּד, בִּשְׁמִיעַת הָאֹזֶן, בַּעֲרִיכַת שְׂפָתָיִם, בְּבִינַת הַלֵּב, בְּאֵימָה, בְּיִרְאָה, בַּעֲנָוָה, בְּשִׂמְחָה, בְּטָהֳרָה, בְּשִׁמּוּשׁ חֲכָמִים. בְּדִקְדּוּק חֲבֵרִים. בְּפִלְפּוּל הַתַּלְמִידִים. בְּיִשּׁוּב, בְּמִקְרָא, בְּמִשְׁנָה, בְּמִעוּט סְחוֹרָה, בְּמִעוּט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, בְּמִעוּט תַּעֲנוּג, בְּמִעוּט שֵׁנָה, בְּמִעוּט שִׂיחָה, בְּמִעוּט שְׂחוֹק, בְּאֶרֶךְ אַפַּיִם, בְּלֵב־טוֹב, בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, בְּקַבָּלַת הַיִּסּוּרִין, הַמַּכִּיר אֶת־מְקוֹמוֹ, וְהַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ, וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו. וְאֵינוֹ מַחֲזִיק טוֹבָה לְעַצְמוֹ. אָהוּב, אוֹהֵב אֶת־הַמָּקוֹם, אוֹהֵב אֶת־הַבְּרִיּוֹת, אוֹהֵב אֶת־הַצְּדָקוֹת. אוֹהֵב אֶת־הַמֵּישָׁרִים. אוֹהֵב אֶת־הַתּוֹכָחוֹת. וּמִתְרַחֵק מִן הַכָּבוֹד. וְלֹא מֵגִיס לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ. וְאֵינוֹ שָׂמֵחַ בְּהוֹרָאָה, נוֹשֵׂא בְעוֹל עִם חֲבֵרוֹ, וּמַכְרִיעוֹ לְכַף זְכוּת, וּמַעֲמִידוֹ עַל־הָאֱמֶת, וּמַעֲמִידוֹ עַל הַשָּׁלוֹם, וּמִתְיַשֵּׁב לִבּוֹ בְּתַלְמוּדוֹ. שׁוֹאֵל וּמֵשִׁיב. שׁוֹמֵעַ וּמוֹסִיף.

## זכות אבות

אונ האט זיך געזעצט ביים טיש אונ פארבראכט מיט זיי אין דברי תורה אונ האט זיך גלייך מיט זיי לוסטיג געמאכט ווי האבען איהם דערצעהלט אז זיי פארען פון דער גרויסער ישיבה צוא הויזע מיט סמיכה אויף רבנות, דער יונגער מאן האט זייא געזאגט אז ער רייזט נאך יעצט נאך דער ישיבה. אז זי זענען רעכט לוסטיג געוואָרען האט זיך אייגער פון דיא לומדים אבגערופען צום רייכען יונגען מאן מיר זענען פרייליך ווייל מיר פאהרען שוין פון דער ישיבה דאס האט אונז זאגאר געקאכט גענוג געזונד דערפאר האבען מיר אבר סמיכה אויף רבנות אונ מיר מעגען פרייליך

## מעשה אבות

(וְהָעוֹשֶׂה סְיָג לִדְבָרָיו). דער מדרש ברענגט אין פ' צו אזא מעשה. ר' ינאי האט זיך אין וועג געטראפען אין איין אכסניא מיט איין מענשען וועלכער איז געגאנגען זעהר שיין אונ רייך געקליידעט, האט ער איהם אן געקוקט פאר איין תלמיד חכם, אונ האט איהם געבעטען ער זאל מיט איהם מיט עסען, ביים עסען האט רבי ינאי מיט איהם אנגעהויבען צו רעדען דברי תורה, האט איהם דער מענש ניט געוואוסט וואס צוא ענטפערען, נאך דעם עסען האט

## פירוש ע"ט

דם זענען ווי מיט לערנען אונ רעכט צו הערען מיט דעם אויער אונ ארויס רעדען מיט די לעפצען פערשטעהן אונ קלוגן דאס הארץ מיט פארכט פאר דעם רבי מיט ענוה מיט יראה פר גאט מיט פרייד מען זאל טהור זיין צו בעדינען חכמים צו בעהעפטן זיך מיט חברים צוא לערנען מפלפל צו זיין מיט תלמידים אונ ניט זאגן גיך א פירוש אין דר תורה נאר פריער זיך מישב זיין צו לערנען מקרא אונ משניות ווענינ שלאפן ניט פיל האנדלן ניט פיל לאבען מיט ווינציג תענוגים אן טהון זיך מיט ווינציג רעדען מיט לייט מיט לאנגמוטהקייט מיט א גוט הארץ מיט גלויבן וואס די חכמים זאגן אונ מקבל זיין יסורים באהבה ער זאל וויסען זיין ארט וואו צו זיצן נאך זיין מדרגה צו פרייען זיך מיט דעם חלק וואס השי"ת הט איהם געגעבן ווער עם מאכט זיך א צוים צו אלע זאכן ניט צו קומן צום איסור ער האלט זיך ניט פאר א גוטס ווייל ער לערנט אונ טהוט מעשים טובים ער טראכט דס הט השי"ת איהם געהאלפן ער איז געליבט ער הט ליב גאט ער הט ליב לייט ער הט ליב צדקות ער הט ליב שטראף רייד ער הט ליב רעכט פערטיגע ער דערווייטערט זיך פון כבוד ער האלט זיך ניט גרויס מיט זיין לערנען ער פרייט זיך ניט אז ער פסקעט ווייל ער האט מורא טאמר פסקעט ער ניט גוט ער טראגט מיט זיין חבר דעם יאך צו העלפן איהם אונ וועגט דעם חבר צו מאכן איהם גערעכט אונ זעהט צו שטעלן דעם חבר וואס לערענט מיט איהם אוף דעם אמת אונ אוף שלום אונ ער לערענט מיט ישוב הדעת ער פרעגט אונ ענטפערט אלץ מיט שכל ער הערט דברי תורה אונ

הַלּוֹמֵד עַל־מְנָת לְלַמֵּד, וְהַלּוֹמֵד עַל־מְנָת לַעֲשׂוֹת, הַמַּחְכִּים אֶת־רַבּוֹ, וְהַמְכַוֵּן אֶת־שְׁמוּעָתוֹ, וְהָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ, הָא לָמַדְתָּ, כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ, מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר, וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ, בְּשֵׁם מָרְדֳּכָי: ז גְּדוֹלָה תוֹרָה, שֶׁהִיא נוֹתֶנֶת חַיִּים לְעֹשֶׂיהָ, בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁנֶּאֱמַר, כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם, וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא. וְאוֹמֵר רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ, וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ. וְאוֹמֵר, עֵץ־חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ, וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר. וְאוֹמֵר, כִּי לִוְיַת חֵן, הֵם לְרֹאשֶׁךָ, וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶיךָ. וְאוֹמֵר, תִּתֵּן לְרֹאשְׁךָ לִוְיַת־חֵן, עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת תְּמַגְּנֶךָּ. וְאוֹמֵר, כִּי בִי יִרְבּוּ יָמֶיךָ, וְיוֹסִיפוּ לְךָ שְׁנוֹת חַיִּים. וְאוֹמֵר, אֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ, בִּשְׂמֹאלָהּ עֹשֶׁר וְכָבוֹד. וְאוֹמֵר, כִּי אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ: ח רַבִּי שִׁמְעוֹן

## מעשה אבות

איהם רבי ינאי מכבד געווען מיט בענטשען, זאגט ער צוא רבי ינאי בענטשט איהר, דא האט רבי ינאי פארשטאנען וואס פאר איין עם הארץ ער האט פאר זיך ביים טיש. זאגט ער צוא איהם אליין בענטשען קאנסט דוא ניט, קענסט דוא פיליכט נאך זאגען דאס וואס איך וועל זאגען, זאגט דער עם הארץ, דאס קאן איך, זאגט רבי ינאי צו איהם זאג אויף לשון הקודש, עם הארץ אכל פת של ינאי (איין עם הארץ האט געגעסען ינאי'ס ברויט), ווי ער האט דאס נאר געזאגט איז געווארען א געלעכטער ביי די איבריגע אורחים וואס זענען געזעסען ביים טיש, דער עם הארץ איז שטארק בייז געווארען אונ געזאגט צו רבי ינאי, גיט מיר אב מיין ירושה וואס איך האב בייא אייך, פרעגט איהם רבי ינאי וואס פאר איין ירושה האסט דו בייא מיר, זאגט ער איך

## זכות אבות

זיין, אָבער איהר יונגער מאן וואס איז מיט אייך די שמחה אזוי גרויס איהר ווייסט נאך ניט אויב איהר וועט קענען אזוי פיעל ליידען אונ פערטראגען נויט וויא מיר אז דאדורך זאלט איהר קענען קומען צום צוועק, מיר האבען אוועק געלאזען אלע תענוגים מיר האבען געגעסען ברויט מיט וואסער מיר האבען געשלאפען אויף דער ערד אונ פיעל אונאנגענעהמיג־קייטען געהאט יעצט אז מיר זעהען ברוך השם אלעם איבער געקומען אונ ערייכט דעם ציעל מאכען מיר זיך פריילך אבער איהר האלט דאך נאך יעצט אין וועג צוא דער ישיבה איהר דארפט זיך נאך ערשט געוואהנען צו די אלע אונאנגענעהמיגקייטען ערשט אין א פאר יאהר ארום אז איהר וועט אויס האלטען אזוי וויא מיר די אלע נסיונות אונ איהר וועט בעקומען סמיכה אזוי ווי מיר דאן וועט איהר קענען זיך פריילך מאכען, דר נמשל איז די משנה זאגט פת במלח תאכל אז דוא וועסט עסען ברויט מיט זאלץ ומים במשורה תשתה וואסער וועסט דוא טרינקען מיט א מאס

## פירוש ע״ט

מעהרט נאך הערען ווייל עס איז איהם אלץ ווינציג ער לערנט כדי ער זאל מיט אנדערע לערנען לשם שמים ער לערנט כדי ער זאל טהון מצות אונ ער מאכט דעם רבי קליג דורך זיינע פלפולים אונ קלעהרט צו פערשטעהן מיט שכל דיא הלכה וואס ער איז מקבל אונ ער זאגט אלץ פון וועמען ער הט מקבל געווען אונ דורך דעם ברענגט ער א ישועה אויף דר וועלט אזוי ווי מיר געפינען אז אסתר הט געזאגט צו אחשורוש פון מרדכי'ס וועגען. גדולה תורה די תורה איז גרוס אז מען לערנט זי לשמה גיבט זי לעבן אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט ווי עס שטייט די תורה איז א לעבן צו די וואס רעדן זי מיט דעם מול אונ צו גאר זיין לייב איז זי א היילונג. א היילונג וועט זי זיין צו דיין נאפל אונ מארך צו דיינע ביינער. זי איז א בוים פון לעבן צו די וואס האלטן זי אונ איהרע אונטערלעהנער ווערען געלובט. א בעהעפטונג פון חן זענען זיי צו דיין קאפ אונ א האלז באנד צו דיין האלז. די תורה זאגט דורך מיר וועלן געמערט ווערן דיינע טעג אונ לעבעדיגע יאהרן לעולם הבא. די וואס לערנען די תורה לשמה וועלן זיי האבן אריכות ימים אוך אונ דר וואס לערנט שלא לשמה וועט ער נאר האבן עושר אונ כבוד. דען לאנגע טעג אונ לעבענס יאהרן אונ פרידן וועלן דיר די בייד פון די תורה מערן. רבי שמעון בן

בֶּן־יְהוּדָה, מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן־יוֹחָאי אוֹמֵר, הַנּוֹי וְהַכֹּחַ וְהָעשֶׁר וְהַכָּבוֹד וְהַחָכְמָה וְהַזִּקְנָה וְהַשֵּׂיבָה וְהַבָּנִים, נָאֶה לַצַּדִּיקִים וְנָאֶה לָעוֹלָם, שֶׁנֶּאֱמַר, עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת שֵׂיבָה, בְּדֶרֶךְ צְדָקָה תִּמָּצֵא. וְאוֹמֵר, תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים כֹּחָם וַהֲדַר זְקֵנִים שֵׂיבָה. וְאוֹמֵר, עֲטֶרֶת חֲכָמִים עָשְׁרָם. וְאוֹמֵר, עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים, וְתִפְאֶרֶת בָּנִים אֲבוֹתָם. וְאוֹמֵר וְחָפְרָה הַלְּבָנָה וּבוֹשָׁה הַחַמָּה, כִּי־מָלַךְ יְיָ צְבָאוֹת בְּהַר צִיּוֹן וּבִירוּשָׁלַיִם וְנֶגֶד זְקֵנָיו כָּבוֹד: רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן־מְנַסְיָא אוֹמֵר, אֵלּוּ שֶׁבַע מִדּוֹת שֶׁמָּנוּ חֲכָמִים לַצַּדִּיקִים, כֻּלָּם נִתְקַיְּמוּ בְּרַבִּי וּבְבָנָיו: ט אָמַר רַבִּי יוֹסֵי בֶּן־קִסְמָא פַּעַם אַחַת הָיִיתִי מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ, וּפָגַע בִּי אָדָם אֶחָד, וְנָתַן־לִי שָׁלוֹם, וְהֶחֱזַרְתִּי לוֹ שָׁלוֹם. אָמַר לִי, רַבִּי מֵאֵיזֶה

### זכות אבות

נעל הארץ תישן און אויף דער ערד וועסט דו שלאפן אשריך בעולם הזה וועסט דוא גליקליך זיין אויף דער וועלט איז דאך א פראגע וואס פאר איין גליק איז דם צו פיהרען אזא לעבען נאר די הייליגע משנה מיינט אזוי כך היא דרכה של תורה אזוי איז דער וועג צוא די הייליגע תורה דאס הייסט מען קען אנדערש ניט גרינטליך דערגעהן די תורה נאר ווען מען זאגט זיך אפ פון אלע איבערפליסיגע זאכען און אין נויטפאל דארף זיין רעכט צוא פיהרען אפילו דעם ערגסטען לעבען ווי צו עסען נור ברויט מיט זאלץ און שלאפען אויף דער ערד און אז ביי דיר וועט רעכט זיין אזוי צו לעבען דאן קאנסט דו ערגרייכען דיין ציעל און דאס ענדע דערפון וועט זיין אז דו וועסט האבען פיל כבוד אויף דער וועלט און דיין נשמה וועט גוט זיין אויף יענער וועלט:

### מעשה אבות

בין איין מאל געגאנגען פארביי איין תלמוד תורה האב איך געהערט ווי קליינע קינדער האבען געלערנט תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, די תורה וואס משה רבנו האט אונז געלערנט איז איין ירושה פאר אלע יודען וואס זענען די קינדער פון יעקב, איך האב נאר געהערט קהלת יעקב, אונ ניט קהלת ינאי, דאס ווייזט אז איך האב אויך איין חלק אין דער תורה ווי איהר, פאר וואס זשע רופט איהר מיך עם הארץ, זאגט ר׳ ינאי צוא איהם, וואס פאר איין זכות האסט דו אין דער תורה אז איך זאל פאר דיר מאכען פאראד בעטען דיך צום טיש און אבגעבען כבוד, זאגט ער זינד איך לעב האב איך ניט געטריבען קיין רכילות און ווען צוויי מענשען קריגען זיך טרעט איך ניט אב ביז איך מאך שלום צווישען זיי, זאגט רבי ינאי צו איהם ווי באלד דו האסט אין זיך אזעלכע מדות ביסט דו ווערט כבוד און איך בעט דיך ליבער פריינד דו זאלסט מיר פערצייהען וואס איך האב דיך פערשעמט און השי״ת וועט דיך אין אלעם בעגליקען, דערפון זעהט מען וויא ווייט מען דארף זיך היטען פון א שלעכטען ווארט און דאס מיינט דיא משנה דערמיט וואס זיא זאגט והעושה סיג לדבריו, ער בעגרענעצט זיינע רייד:

### פירוש ע״ט

יהודה זאגט פר רבי שמעון בן יוחאי׳ס וועגען שיינקייט און כח און רייכקייט און כבוד און חכמה און אלטקייט און גראהייט און קינדער איז שיין צו צדיקים זיי דינען דערמיט גאט און עס איז שיין צו די לייט פון די וועלט ווי עס שטעהט דם גרייזקייט איז א שענע קרון דר וועס געט אין רעכטפערטיגן וועג געפינט די קרון די שיינהייט פון די אלטע לייט איז אז זיי האבן קינדס קינדר און א שיינהייט פר קינדר איז אז זיי בעריהמן זיך מיט די עלטערן. די שיינהייט פון יונגע לייט איז זייער קראפט און די צירונג פון אלטע לייט איז זייער גראהייט און נאך שטייט זיי וועלן זיך שעמן די וועם דינן צו די לבנה און צו די זון ווען זיי וועלן זעהן אוף דעם בארג ציון און אין ירושלים אז גאט איז איין גאט איבער די גאנצע וועלט און אנטקעגען די זקנים תלמידי חכמים וועט זיין כבוד. רבי שמעון בן מנסיא זאגט די זיבען מדות וואס די חכמים האבן גערעכענט איז אלץ מקוים געווארן ביי רבי און אין זיינע קינדער. אמר רבי יוסי בן קסמא האט געזאגט איין מאל בין איך געגאנגען אונטער וועגנס האט מיך איינער בעגעגענט און האט מיר געגעבן שלום האב איך איהם געענטפערט שלום. האט ער צו מיר געזאגט רבי פון וועלכן ארט ביסטו האב איך איהם געזאגט פון א גרויסע שטאדט פון פיעל חכמים און לומדים בין איך

מָקוֹם אַתָּה. אָמַרְתִּי לוֹ. מֵעִיר גְּדוֹלָה שֶׁל חֲכָמִים וְשֶׁל סוֹפְרִים אָנִי. אָמַר לִי. רַבִּי רְצוֹנְךָ שֶׁתָּדוּר עִמָּנוּ בִּמְקוֹמֵנוּ. וַאֲנִי אֶתֵּן לְךָ אֶלֶף אֲלָפִים דִּנְרֵי זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת. אָמַרְתִּי לוֹ. אִם אַתָּה נוֹתֵן לִי כָּל כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם. אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה. וְכֵן כָּתוּב בְּסֵפֶר תְּהִלִּים עַל יְדֵי דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל. טוֹב לִי תוֹרַת פִּיךָ מֵאַלְפֵי זָהָב וָכָסֶף. וְלֹא עוֹד. אֶלָּא שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם. אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם. לֹא כֶסֶף. וְלֹא זָהָב. וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת. אֶלָּא תוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד. שֶׁנֶּאֱמַר בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ. בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ. וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ. בְּהִתְהַלֶּכְךָ תַּנְחֶה אֹתָךְ. בָּעוֹלָם הַזֶּה. בְּשָׁכְבְּךָ תִּשְׁמוֹר עָלֶיךָ. בַּקֶּבֶר. וַהֲקִיצוֹתָ הִיא תְשִׂיחֶךָ. לָעוֹלָם הַבָּא. וְאוֹמֵר. לִי הַכֶּסֶף

## זכות אבות

(אין מלוין לו לאדם כו' אלא תורה כו') דר מדרש פרקי דרבי אליעזר ברענגט א משל. איין רייכער מאן הט געהאט דריי בעקאנטע צו צווייען פון זיי הט ער געוויזען גרויסע פריינדשאפט און האט זייא געטהאן זעהר פיעל טובות מיט דעם דריטען בעקאנטען הט ער געהאט ווייניג וואס צו טהון. איינמאל האט זיך דעם רייכען געמאכט איין פראצעס זעהר א שווערער און ער הט בעדארפט האבען אז מען זאל מיט איהם מיט געהן צום ריכטער צו ערקלערען איהם ווי ווייט ער איז אונשולדיג. ער האט געבעטען זייגע דריי גוטע בעקאנטע זיי זאלען געהן מיט איהם צום ריכטער הט זיך איינער פון דיא צוויי געהנסטע בעקאנטע גלייך אפגעזאגט און איז גאר ניט געגאנגען דר צווייטער איז מיט איהם געגאנגען נאר וויא ער איז געקומען צום געריכטס הויז איז ער צוריק אוועק. דר דריטער איז מיט איהם אריין געגאנגען אין געריכטס הויז צום ריכטער און הט איהם שטארק פערטהיידיגט און בעוויזען וויא ווייט אונשולדיג ער איז ביז עס איז איהם געלונגען צוא בעווייזען זיין בעקאנטענס אונשולדיגקייט און ער איז ארויס ריין אהן יעדע שטראפע. דער נמשל איז: יעדר מענש הט דריי גוטע פריינד זיין פערמעגן פרוי און קינדר און מעשים טובים. יעדער מענש קלויבט צוזאמן זיין קאפיטאל מיט דר גרעסטע מיהע און היט דאס ווי זיין אויג אין קאפ. צוליעב פרוי און קינדער זעצט ער זיך אויף דעם גרעסטען געפאהר ער זאל זיי קענין ערנעהרן און ערציהען בכבוד. לסוף אז ער שטארבט און מען פיהרט איהם ארויס פון זיין הויז צו די אמת'ע וועלט בלייבט זיין געלד ליגן אויף דעם ארט וואו זיי זענין געלעגען בעת ער איז נאך געזונד געוועזען און ריהרט זיך ניט פון ארט. זיין פרוי און קינדר וואס פר זיי הט ער אויפגעאפפערט זיין גאנצעס לעבען בעגלייטען איהם ניט ווייטער ווי ביז צום קבר. נאר מצות און מעשים טובים וואס זייא זענין דעם מענשענס בעסטע פריינד און גראד זייא שענקט ער ווייניג אויפמערקזאמקייט זייא בעגלייטען איהם פיעל ווייטער וויא ביז דעם קבר זייא בעגלייטען איהם און קומען מיט איהם גלייך אין דר אמת'ן וועלט און זייא זענין זייגע מליצי יושר פאר דעם כסא הכבוד און פיהרען איהם אריין אין גן עדן. דס זאגט דיא משנה (שבשעת פטירתו של אדם) אז דער מענש שטארבט בעגלייטען ניט דעם מענשען (לא כסף ולא זהב) ניט קיין זילבר ניט קיין געלד נאר תורה ומעשים טובים אליין:

## פירוש ע"ט

הט ער צו מיר געזאגט ווילסט דו וואהנען מיט אונז אין אונזער ארט און איך וועל דיר געבען טויזענד מאל טויזענד גאלד גילדען און אבנים טובות און פערעל האב איך איהם געזאגט אפילו דו וועסט מיר געבען גאר דם גאלד און זילבער און אבנים טובות און פערעל פון גאר דר וועלט וועל איך ניט וואהנען נאר אויף דעם ארט פון תורה און אזוי הט דוד המלך געזאגט עס איז מיר בעסר די תורה פון דיין מול מער פון פיל טויזענד גאלד און זילבר און ווידר אז א מענש שטארבט בעגלייט איהם ניט זיין גאלד און זילבר און ניט אבנים טובות און פערעל נאר תורה און גוטע מעשים אליין געהן מיט איהם ווי אין פסוק שטייט אין דיין טהון געהן וועט זי דיך פיהרען אויף דר וועלט און אז דו וועסט ליגן אין קבר וועט זי דיך היטען און אז דו וועסט דיך אויף וועקן צו תחית המתים וועט זי פר דיר רעדן א זכות אויף יענר וועלט. ואומר

ולי הזהב. נאם יי צבאות: חמשה קנינים קנה לו הקדוש ברוך הוא בעולמו. ואלו הן. תורה קנין אחד. שמים וארץ קנין אחד. אברהם קנין אחד. ישראל קנין אחד. בית המקדש קנין אחד. תורה מנין. דכתיב יי קנני ראשית דרכו. קדם מפעליו מאז. שמים וארץ מנין. דכתיב כה אמר יי. השמים כסאי. והארץ הדם רגלי. אי־זה בית. אשר תבנו־לי. ואי־זה מקום מנוחתי. ואומר. מה רבו מעשיך יי. כלם בחכמה עשית. מלאה הארץ קנינך. אברהם מנין. דכתיב. ויברכהו ויאמר ברוך אברם לאל עליון קנה שמים וארץ. ישראל מנין. דכתיב. עד־יעבר עמך יי. עד־יעבר עם־זו קנית. ואומר. לקדושים אשר־בארץ המה. ואדירי כל־חפצי בם. בית המקדש מנין. דכתיב. מכון לשבתך פעלת יי. מקדש אדני כוננו ידיך. ואומר. ויביאם אל־גבול קדשו. הר זה קנתה ימינו: יא כל מה־שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו. לא בראו אלא לכבודו. שנאמר. כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו. יצרתיו אף עשיתיו. ואומר. יי ימלך לעולם ועד: רבי חנניא וכו׳.

## גדולת אבות

(כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו לא בראו אלא לכבודו), דר טייטש איז אלדינג וואס השם יתברך הט בעשאפן אויף דר וועלט הט ער נאר בעשאפן פון זיין כבוד וועגן. איבער דעם דארף מען זיך געוויינען אז מען זאל אלדינג גאר טהון פון אייבערשטענס כבוד וועגן, דהיינו אז מען עסט אונ מען טרינקט זאל מען אין זינען האבען אז מען טהוט דאס כדי מען זאל כח האבן צוא דינען השם יתברך. דעסטגלייכן ווען מען געהט שלאפן, דארף מען אין זינען האבן אז מען טהוט דס כדי מען זאל זיין אויס־געריהט צוא דינען השם יתברך מיט אייבערשטער ן קאפ. דעסטגלייכן ווען מען איז עוסק במשא ומתן אדער אין וועלכע מלאכה אדער מען שמועסט פון עסקים. זאל מען אין זינען האבן אז מען טהוט דס כדי מען זאל האבן פרנסה צו דינן השם יתברך אונ מען זאל קענין מגדל זיין דיא קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים אונ מען זאל קענין געבען צדקה אונ טהון מצות. דער מענטש וואס פיהרט זיך אזוי דיענט ער תמיד השם יתברך אונ וועט זוכה זיין צו אלדעם גוטס ׃

## פירוש ע״ט

צו מיר איז נאר דס זילבר אונ דס גאלד ווען איך וויל גיב איך. חמשה קנינים פינף קנינים הט השי״ת געקופט כלומר עס שטעהט ביי זיי לשון קנין אונ דס זענן זיי תורה אונ הימל אונ ערד אונ אברהם אונ די ישראל אונ דאס בית המקדש ביי די תורה שטעהט גאט הט מיך געקופט צום ערשטן איידר ער הט עפיס געווירקט. ביי הימעל אונ ערד שטעהט אזו הט גאט געזאגט דר הימל איז מיין שטיל אונ די ערד איז מיין פוסבענקל אונ עס שטעהט ביי דער ערד קנין געהט דס אוך אויף דעם הימעל עס איז א גזירה שוה. ביי אברהם שטעהט געלובט איז אברהם צום אובערשטן גאט וואס הט געקופט הימל אונ ערד. ביי ישראל שטעהט אוך קנית דו האסט געקופט ביי דעם ביהמ״ק שטעהט אוך דעם בארג הט געקופט זיין רעכטע האנד. כל אלץ וואס גאט הט בעשאפן אויף דר וועלט הט ער מעהר ניט בעשאפן נאר פון זיין כבוד וועגן אזו ווי אין פסוק שטייט ווער עס ווערט אנגערופן אויף מיין נאמן אונ אויף מיין כבוד האב איך אלץ בעשאפן גאט וועט קיניגן אויף אייביג דענסטמאל וועלן אלע בעשעפניש כבוד אנטהון צו השי״ת ב״ב אמן:

# ויקרא

(אל משה) גאט הט גרופן צו משה דר בחיי שרייבט עס שטייט אין משלי (עקב ענוה יראת יי עושר וכבוד וחיים) שלמה המלך לאזט אונז וויסען אין דעם פסוק דס די בעסטע מדה צווישן אלע מדות איז ענוה דס דר מענש זאל זיך נידריג האלטען אונ ווייל דאס איז דיא בעסטע מדה דרום איז משה אין דר תורה נאר וואָרן גלובט מיט דר מדה פון ענוה אזו ווי אין פסוק שטייט (והאיש משה עניו מאוד) משה האט זיך זייער נידריג געהאלטן אונ מען לובט אים ניט מיט איין אנדרע גוטע מדה חאטשע ער הט פיל גוטע מדות געהאט דאס איז ווייל ענוה איז דיא בעסטע מדה אונ ווייל משה הט זיך נידריג געהאלטן דרום הט ער ניט געוואלט אריין גיין אין אהל מועד ווייל ער איז וואָרען באדעקט מיט איין וואלקין אונ די שכינה איז אין אים געווען חאטשע גאט הט שון לאנג געזאגט צו משה איך וועל מיט דיר ריידען אין אהל מועד תפלה צו טאן אדר נבואה צו בקומען אדער קרבנות צו ברענגען ביז גאט הט אים גערופן ער זאל קומען אין אהל מועד אזו ווי דא אין פסוק שטייט (ויקרא אל משה) גאט הט גערופן צו משה אין אהל מועד אונ הט מיט אים גרייד רבי איסריל שרייבט דיא אל"ף פון ויקרא איז קליין געשריבען אין דער תורה גלייך ווי עס וואלט געשטאנען אן איין אל"ף (ויקר) דאס איז טייטש קאלט כלומר די דעה פון משה איז געקילט אונ געשטילט געווארן פון דעם וואס ער איז פריער צארינדיג געווען ווייל ער איז ניט קיין כהן אבער ווי באלד גאט האט מיט אים גרייד איין ניט לשון (ויקרא) וואס מלאכים ריידן דר מיט אזו ווי אין פסוק שטייט (וקרא זה אל זה) אזו איז די דעה פון משה געקילט געווארן דען ער האט געזאגט חאטשע איך וועל ניט דינען אין ביהמ"ק אוף דר ערד וועל איך דינען אין ביהמ"ק אין הימעל אזו וויא איין מלאך ווייל גאט הט מיט מיר גרייד דאס לשון פון איין מלאך (ויקרא) ניט אזו וויא צו אנדרע רייד ער מיט דעם לשון (ויקר) עס הט זיך געטראפן אמאל צו ריידן אזו וויא מיר געפינען ביי בלעם שטייט (ויקר אלהים אל בלעם) גאט הט זיך געטראפן צו בלעם דר בעל הטורים שרייבט גאט הט געהייסען משה זאל אן שרייבן אין דר תורה ויקרא מיט איין אל"ף אזו ווי מלאכים ריידען הט משה זיך געטראכט אז איך וועל אן שרייבן (ויקרא) מיט

## ליקוטי יקרים

(ויקרא אל משה וידבר ה' אליו) אונ גאט האט גרופען צו משה אונ האט צו אים גערייד פון אהל מועד דער (תרגום יונתן) שרייבט וויא משה הט אוף געשטעלט דאס משכן הט ער אן געהובן אזו צו קלערן אין זיין הארץ אונ הט אזו געזאגט דער בארג סיני איז נור גרום גיווען מער פון אלע בערג אוף אקליינער צייט ביז מען הט אוף אים די תורה געגעבן אונ איז נור געהייליגט געווען אוף דריי טאג האב איך ניט געהאט קיין רשות ארוף צו גיין אוף דעם בארג ביז גאט הט מיך גערופען אונ דאס משכן איז דאך גרום אוף אייביג אונ געהייליגט אוף תמיד דארף איך בוודאי ניט אריין גיין אין דעם משכן ביז גאט וועט מיך רופען איבר דעם שרייבט דער פסוק (ויקרא אל משה) אז גאט הט גערופן צו משה:

## אוהל יעקב

(ויקרא אל משה) גאט הט גרופן צו משה דר מדרש זאגט עס זענין געשטאנען אלע יודן פר דם בארג סיני פון דעסט וועגין הט גאט קיינים ניט גרופן נאר צו משה אונ הט מיט אים גרייד עס איז אמשל אגריסר שר הט געהאט ביי זיך אין שטאט אמענש וואס ער הט דעם מענש זייער ליב געהאט אונ ער איז ביי אים זייער חשוב געווען אונ ער הט גיקענט ריידין מיט דעם שר פיל לשונות אמאל איז געקומן דר שר אין דר שטאט אריין זענין אים אקעגן געגאנגען אלע שטאט לייט אונ צווישן זייא איז געווען דר מענש אויך הט דר שר דר זעהן דעם מענש אונ הט מיט אים גרייד מיט אזו אלשון וואס די שטאט לייט פאר שטיין הט זיך דר מענש זייער פר וואונדרט פר וואס דר שר רייד ניט מיט אים מיט איין אנדר לשון דהיינו פראנצעזיש אדר טערקיש דר שר ווייסט דאך אז ער פר שטייט אנדערי לשונות אויך זאגט דר שר צו אים אצונד האב איך געמאכט ניסן פר אלע מענשן וויא אזו איך האב דיך ליב וואריום

ווען

מיט איין אל"ף וועלן ישראל זאגן איך בין אבעל נאוה דס איך שרייב אויף מיר איין חשוב לשון פון די מלאכים זאל איך שרייבן אן איין אל"ף וועל איך עובר זיין דס געבאט פון גאט וואס ער האט געהייסן מיט איין אל"ף שרייבן דרום האט משה איין קליינע אל"ף אן געשריבן איז גלייך ווי אן איין אל"ף אונ האט גאטס געבאט געהאלטען דען ער האט איין אל"ף געשריבן האטשי ויא איז קליין (מאהל מועד) דאס קול איז געוועזן אין אהל מועד אונ עס איז ניט וואריין געהערט חוץ פון דעם אהל מועד האטשע דאס קול פון גאט איז זייער שטארק פון דעסט וועגין קען גאט מאכען דס אפילו דער מענש וואס שטייט נאהינט בייא דעם קול זאל עס ניט הערין אזו ווי מיר געפינין ביי שמואל הנביא דס ער איז געוועזן איונג ביי עלי הכהן אונ גאט האט גרופן צו שמואל ביי נאכט אין שלאף האט ער געמיינט דס זיין האר עלי רופט אים איז ער געקומן צו אים זאגט עלי איך האב דיך ניט גערופן האט שמואל זיך ווידר געלייגט קומט ווידר איין קול אונ רופט שמואל איז ער ווידר געקומן צו עלי אונ עלי האט אים ווידר געזאגט איך האב דיך ניט גרופן גייא לייג דיך שלאפן דען עלי האט זיך געטראכט דס ערשטי מאל מעג זיין אטעות עס האט זיך אים פון דעם שלאף געדאכט דס מען רופט אים אבער ווען ער איז געקומען דס אנדרי מאל האט עלי פר שטאנען דאס מוז עפיס זיין דס מען רופט אים דרום האט ער צו שמואל געזאגט גייא שלאפן אונ ער איז אויף געשטאנען אין דער פינסטער אונ האט גוואלט הערין ווער עס רופט אים אונ האט זיך געטראכט וועל איך הערין ווער עס רופט אים איז דס גווים אמענש וועל איך ניט הערין איז דס געוויס דס קול פון גאט אונ אז שמואל איז געקומן דס דריטע מאל צו עלי אונ זאגט מען האט אים גערופען האט עלי שון געוואוסט אז דס איז אקול פון גאט אונ אזו ווי מיר געפינין דס גאט קאן מאכן אז דר מענש איז גאנץ נאהינט צום קול אונ הערט עס דאך ניט אזו אויך ביי דעם זעהן קען גאט מאכן דס צווייא מענשן זאלן שטיין ביי אנאנדר זאל איינר זעהן איין מלאך אונ דער אנדערר ניט אזו ווי מיר געפינען ביי דניאל דס ער האט געזעהן מלאכים אונ וואונדר אונ די מענשן וואס זענען ביי אים געשטאנען האבען ניט געזעהן (אדם כי יקריב) רש"י שרייבט דרום שטייט אדם אונ ניט איש צו ווייזען אזו וויא אדם הראשון איז געוועזן אליין אויף דער וועלט אונ אלץ איז געוועזן זיינם ער האט בייא קיינעם ניט גנזילת אזו אויך זאל זיין איין קרבן פון זיינעם ניט פון גזל דען גאט האט פיינד איין קרבן פון גזילה אדער פון ריבית (מן הבהמה) גאט האט געהייסן ברענגן קרבנות פון בהמות וואס זיי זענען שטיל אונ טייטן ניט קיין לייטין אונ ניט קיין אנדערי בהמות אונ מען זאל ניט ברענגן פון די חיות וואס זענין דא אין וואלד ווייל זיי טייטין לייט אונ אנדרע חיות דען גאט האט ליב דיא וואס לאזען זיך נאך יאגען אונ האלטן זיך נידריג אונ האט פיינד די וואס יאגען נאך אנדערע אונ טייטן זיי אונ דרום האט ער קיין עופות ניט געהייסן ברענגן נאר

טובין

### של"ה הקדוש

(אדם כי יקריב מכם) אמענש ווען ער ברענגט פון אייך אקרבן די תורה איז ארמז אז דער מענש וועלכער ער ברענגט אקרבן זאל ער האבן דער ביי די בעטראכטונג אזו ווי ער ברענגט זיך אליין צום קרבן דאס הייסט דאס וואס מען טוט מיט דער בהמה דארף מען דאס מיט אים אליין טואן אונ דאס איז מרומז אין דיא ווערטער (זאת תורת העולה) זאת דאס וואס ווערט געטואן מיט דער בהמה (תורת העולה) איז דאס געזעץ פאר דעם ארויף גיין כלומר דאס זעלבע דארף געטואן ווערן אן דעם מענש פאר די הרהורים רעים וואס

גייען

### אוהל יעקב

ווען איך זאל מיט דיר ריידן פראנצעזיש אונ מיט זיי ניט וואלטן די מענשן ניט געוואוסט דם ליבשאפט וואס איך האב דיך ליב נאר ווייל זיי פר שטיין ניט קיין פראנצעזיש אבר אצוגר אז איך רייד מיט דיר מיט דעם לשון פון דר מדינת וואס זיי פר שטיין אויך פון דעסט וועגן רייד איך ניט מיט קיינים נאר מיט דיר ווייסן שון אלע אז דם וואס איך רייד ניט מיט קיינם נאר מיט דיר איז ווייל איך האב דיך מיין ליב פון אלע דאס זאגט דער מדרש אז אלע יודען זענין געשטאנען פאר דעם בארג סיני פון דעסט וועגן האט גאט קיינם ניט גרופן נאר צו משה אונ האט מיט אים גרייד ניט מיט קיינם האבן שון אלע יודן געוואוסט דם ליבשאפט וואס גאט האט ליב משה׃

טובין אונ טערקיל טויבין וואס זיי ווענין זייער שטיל אונ פון דיא בהמות איז זייער שטיל שאף אונ רינדער דרום האט ער פון זיי געהייסן ברענגן קרבנות אונ איין בהמה חס אמענש איז ביי איר געלעגין אדר מען האט צו איר געדינט אדר זיא האט מענשן געטייט זאל מען זיא ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח דען זיא איז מיאוס (אם עולה קרבנו) אויב איין מענש וועט ברענגן איין קרבן עולה אונ דרום שטייט אקרבן עולה פריער ווייל דס קומט אויף דעם וואס אמענש זינדיגט מיט דר מחשבה וואס זי איז פריער ביא איטליכער עבירה דרום איז אקרבן עולה ביא איין עושר איין אוקס דאס איז ווייל איין עושר האט איין הוכע דעה אונ טוט מער זינדיגן מיט זיין מחשבה אונ איין מיטל מעסיגר מענש וואס הט ניט אזו איין הוכע דעה ברענגט אשאף אונ איין עני וואס האלט זיך נידריג אין דר דעה דר ברענגט איין טערקיל טוב (ושחט) ער זאל שעכטן אונ עס שטייט ניט (ושחטו) דס איז טייטש אהרן מיט זיינע קינדר זאלען שעכטען דס ווייזט דס שעכטן מעג ווער עס וויל אפילו איין לוי אדער איין ישראל אונ אויך אפ שינדין מעג ווער עס וויל (ונתנו בני אהרן אש על המזבח) די קינדר פון אהרן זאלן געבן פייאר אויף דעם מזבח די גמרא זאגט אין יומא דאס נדב ואביהוא זענען דרום געשטארבן ווייל זיי האבן געפסקית אהלכה פר זייער רבי משה זיי האבן גזאגט חאטשי עס קומט אפייאר פון דעם הימל מוז מען דאך ברענגן פייאר פון דר ערד דר רבינו סעדיה שרייבט נדב ואביהוא האבען ניט רעכט פר שטאנען וואס משה האט געזאגט (ונתנו) דען משה האט געמיינט מען זאל ברענגען פייאר פון מענשן אבר דס האלץ וועט אן צינדען דס פייאר פון דעם הימעל אונ זיי האבן גמיינט מען זאל מיט דם פייאר פון מענשן דם האלץ אן צינדין דרום זענען זיי געשטארבן פון דאנן לערנן מיר אפ דם אמענש זאל גווארינט זיין צו הערין רעכט אונ צו פאר שטיין וואס זיין רבי זאגט דען וואלטן נדב ואביהוא גפרעגט צו משה זייער רבי וואס איז טייטש ונתנו וואלטן זיי געבליבן לעבן אונ אמענש זאל זיך ניט הויך האלטן ניט צו פרעגין דעם רבי פון זיין שטאט דר בחיי שרייבט דרום הט גאט געהייסן ברענגן קרבנות ווייל אמענש אן עבירות איז גלייך ווי אמלאך אונ אז ער טוט עבירות הט אים גאט געהייסן ברענגן קרבנות צו האבן איין כפרה ער זאל ווידר גלייך זיין ווי אמלאך דרום זאל ער מתודה זיין אויף דעם קרבן זיינע עבירות וואס ער הט געטאן מיט זיין גוף אונ מיט זיין נשמה אונ מיט דריי ארלייא

טוט

של"ה הקדוש

גייען ארויף אויף זיין געדאנקען אונ דם געמליכע איז דיא כונה פון (זאת תורת החטאת זאת תורת האשם) דער מענש וואס שפירט זיך אז ער איז פריי פון איין עבירה אונ ער איז צו געבונדען צו גאט אונ ער ברענגט אקרבן שלמים דארף ער האבען אין זין דאס ער ברענגט אקרבן וועלכער מאכט שלום צווישען אלימען אונ שטעלט אלימן צו פרידען דאס הייסט ווי אונזערע חכמים זאגען (שלמים שיש בהם שלום למזבח לכהנים ולבעלים) אלע האבען אחלק אונ אים דער מזבח האט זיין טייל די כהנים האבען זייער טייל אונ די בעלים דיא וואס ברענגען דעם קרבן האבען אויך אטייל פון אים אונ אויף דעם אופן איז ער מקיים דעם פסוק (ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש) ווארום דיא בעלים פון דעם קרבן זענען זוכה צו עסען פון אים אזו וויא דיא כהנים דאס איז אלץ געוועזן בשעת דאס בהמ"ק איז געוועזן על מכונו אבער יעצט אז מיר האבען בעונותינו הרבים ניט קיין מזבח אונ ניט קיין כהן האבען דיא חכמים מתקן געוועען צו לערנען אונ עוסק זיין אין דיא פרשיות פון די קרבנות וויא דאס איז אויך מרומז אין די ווערטער (זאת תורת העולה) דאס איז דיא לעהרע דער למוד פון דעם קרבן עולה (זאת תורת החטאת ותורת האשם) אונ אזו ווייטער די פרשיות אבער דארף מען זאגן אונ לערנן מיט אצוברראכען הארץ אונ מיט גרוס עגמת נפש דריבער וואס מיר קענן איצט ניט די קרבנות ברענגען בפועל אונ מיר דארפן זיך מתודה זיין אויף אלע אונזערע זינד אויף וועלכע די קרבנות ווערן געבראכט כדי עס זאל אן אונז מקוים ווערן דער פסוק (זבחי אלהים רוח נשברה) אצוברראכען געמיט איז גלייך וויא אקרבן פאר גאט:

טוט אמענש זינדיגן מיט דער מחשבה אונ
מיט דעם ריידן אונ מיט דר מעשה וואס ער
טוט די עבירה דרום מוז דר מענש אקרבן
ברענגן אונ מוז זיינע הענד אויף דעם קרבן
לייגן איידר מען שעכט אים מכפר צו זיין
אויף דר מעשה וואס ער האט גטאן די עבירה
מיט זיינע הענד אונ דר נאך זאל ער זיינע
עבירות מתודה זיין מיט זיינע רייד צו מכפר
זיין אויף דעם וואס ער האט איין עבירה גטאן
מיט דעם ריידן אונ דר נאך פר ברענט מען
די ניריין וואס ברענגן די מחשבה אונ עצות
צו מכפר זיין אויף דם וואס ער האט גזינדיגט
מיט דר מחשבה אונ דער נאך שפרענגט
מען דם בלוט צו מכפר זיין אויף דם בלוט
פון דעם מענשן וואס מען האט אים גדארפט
פאר גיסין פון וועגן דער עבירה אונ דער
מענש זאל טראכטען ער איז חייב פיר
מיתות סקילה שריפה הרג וחנק אונ דאס
איז אלץ דר קרבן מכפר ווען מען וארפט
דעם קרבן צו שעכטן איז גלייך ווי סקילה
וואס מען האט דעם מענשן וואס מען האט אים
גדארפט פר שטיינגען אראפ געווארפן פון
אהויכען מואר אונ דער נאך האבען כל
ישראל אויף אים געווארפן שטיינער דרום
זאל דר מענש דר ביי שטיין ווי מען ווארפט
דעם קרבן צו דר ערד צו שעכטן אונ זאל
טראכטן דם אזו האט מען געוואלט טאן צו
מיר פון מיין עבירה וועגן אונ דר נאך אז
מען וויל דעם קרבן שעכטן נעמט מען אים
שטארק אן ביי דעם האלז גלייך וויא מען
ווארגט אים דם איז אקעגין דעם וואס דער
מענש איז חייב חנק דם איז טייטש ווארגין
אונ ווען מען שעכט דעם קרבן דאס איז
גלייך ווי הרג וואס מען הרגית מיט אשווערד
אונ ווען מען פר ברענט די גלידר פון דם
קרבן אויף דעם מזבח איז גלייך ווי שריפה
דם אלץ זאל דר מענש טראכטן גלייך ווי
ער איז חייב די פיר מיתות אונ זאל חרטה
האבען אויף זיינע עבירות (מן התורים או
מן בני היונה) גאט האט געהייסען פון טובין
אונ פון טערקיל טובין ברענגן אקרבן ווייל
זייא בהעפטען זיך נאר צו זייער נקבה אזו
נענן ישראל זיי בהעפטען זיך ניט צו קיין

אנדערן נאט נאר צו הקב"ה (והסיר את
מוראתו) מען זאל דם קראפ אוועק ווארפן
פון דיא עופות ביי דעם קרבן ווייל טובין
פליאין אין אלע שייאר אונ עסען פון גזילה
דרום וויל גאט ניט האבן אויף דעם מזבח
וואס מען האט דער מיט גזילת דם איז דער
קראפ אונ עס האט ניט געהאלפן אים אום
צו וואשין נאר מען האט אים געמוזט אין
גאנצן אוועק ווארפן אבר איין בהמה עסט
ביי איר האר אונ גזילת ניט דרום האט מען
פון דר בהמה ניט אוועק גווארפן די אברים
וואס דאס עסען ליגט דרינען פון דאנען זאל
מען אפ לערנען וויא גאט האט פיינד גזילה
אפילו פון איין עוף וואס האט קיין שכל ניט
האט גאט ניט געהייסען ברענגן דעם קראפ
אויף דם מזבח דרום זאל דר מענש גווארינט
זיין מיט גזל אדר ריבית כדי ער זאל אוך
ניט פר שטוסן ווערען פון דעם גן עדן וויא
צדיקים זיצען אונ וועט ניט קענען קומן צו
דעם כסא הכבוד וואס זיין נשמה דארף צו
קומען ווען זיא גייט ארום פון דעם גוף (כי
כל שאור וכל דבש וגו׳) קיין זויאר טייג
אונ קיין האניק זאלט איר ניט ברענגן פר
אקרבן ווייל עס איז געוועזן אמנהג ביי דיא
אומות דם זיי האבן אין אלע זייערי קרבנות
גבראכט זויאר טייג אונ האניק דרום האט עס
גונו די תורה פר באטן (וכל קרבן מנחתך
במלח תמלח) אונ איטליכן קרבן זאלסטו
זאלצן דען עס איז ניט רעכט דם איין עסין
שפייז זאל זיין אן זאלץ אונ דער רמב"ן
שרייבט ווייל די אומות פלעגן ניט נעמן
קיין זאלץ צו אקרבן דרום האט דיא תורה
געהייסן ברענגן זאלץ ביי איטליכען קרבן
אונ דר מדרש שרייבט דרום ברענגט מען
זאלץ ווייל דיא וואסער וואס אויף דער ערד
הייסען (מים בוכים) דען זיי האבן געוויינט
אונ האבען זיך מצער געוועזן אז גאט האט
געטיילט די וואסר האלב אויף דעם הימל
אונ האלב אויף דר ערד האבן זיי געוויינט
ווארום זאלן מיר אונטן זיין ווייט פון אונזר
בשעפר אונ האבען גוואלט מיט אגוואלד
ארויף גיין אונ האבן פיל מוארין צו בראכן
מיט זייער ארום גיין האט גאט אין זיי אן

געשריגן

געשריגן און די האבן גמאכט אויף דר ערד בלייבן הט גאט געזאגט ווייל איר הט דם געטאן פון מיין כבוד וועגן דרום זאלן די אייבערשטע וואסער קיין שירה ניט זאגן ביז זיי וועלן נעמן רשות פון דר אונטרשטער וואסער און מען זאל צו איטליכען קרבן נעמען זאלץ וואס עס קומט ארויס פון דעם וואסר וואס אויף דר ערד, נאך אפשט זאגט דר מדרש דר ים הט גזאגט פר גאט רבונו של עולם די וועלט איז גטיילט אויף דריי חלקים איין חלק איז מדבר און איין חלק איז ערד ווי מענשן וואנין און איין חלק איז ים אין חלק מדבר האסטו געגעבן די תורה און אין חלק ווי לייט וואנין האסטו גבויעט דאס ביהמ"ק וואס מען איז דארטען מקריב קרבנות און מען טוט דארטען תפלה און אין חלק ים האסטו גאר ניט געגעבן ניט קיין תורה און ניט קיין תפלה הט גאט געזאגט מען זאל קיין קרבן ניט מקריב זיין ביז מען וועט אויף אים געבען זאלץ וואס דם איז פון דעם וואסער (ונפש כי תחטא) ווען איין מענש וועט זינדיגען דר בחיי שרייבט דר גוף מיט דר נשמה מיט אנגדר הייסן נפש דען זיי מיט אנגדר טואן זינדיגען די נשמה אן דעם גוף אדר דר גוף אן דר נשמה איז גאר נישט דר בחיי ברענגט איין מדרש עס איז געוועזן אין ירושלים צוויי פאלשי נביאים איינר הט געהייסן אחאב בן קוליה און דר אנגדר הט געהייסן צדקיה בן מעשיה און אז ירושלים איז חרוב געווארען זענען דיא נביאים פר טריבן געווארען קיין בבל און אין בבל האבען זיי פיל מזנה געוועזן אחאב פלעגט גיין צו אחשובן האר און הט גזאגט איך בין איין נביא גאט האט מיך געשיקט צו ריידן מיט דיין ווייב זאגט דר האר גיי צו איר איז ער געגאנגען צו איר און האט גזאגט גאט הט געהייסן צדקיה זאל ביי דיר ליגען וועסטו האבן קינדר נביאים הט זיא געגלייבט און צדקיה איז געקומען און הט מיט איר מזנה געוועזן און צדקיה איז אוך אזו געגאנגען און הט אן גרייד איין חשובע אשה און אחאב הט מיט איר מזנה געוועזן און די צוויי נביאים האבן זיך גמאכט איין

גרויסען שם אין בבל ווען איין אשה האט גטראגן האבען זיי איר גזאגט וואס פר אקינד זיא וועט האבן איין זון אדר איין טאכטער ער הט צו איר געזאגט דו וועסט האבן איין זון און איז גגאנגען צום שכן וואס זיצט נאהינט ביי דר אשה און זאגט די אשה וועט האבן איין טאכטר און ווען די אשה הט געוואונן איין זון הט זיא געזאגט דר נביא הט אמת געזאגט הט זיא געוואונן איין טאכטער איז גקומען דעם שכינס ווייב און זאגט דר נביא הט אונז גזאגט דו וועסט האבן איין טאכטר נאר ער האט דיך ניט געוואלט מצער זיין אזו איז דר נביא אלץ גרעכט גבליבן לסוף איז געקומען צדקיה צום ווייב פון נבוכדנצר און זאגט גאט הט געהייסן דו זאלסט ליגען מיט אחאב וועסטו האבען קינדער נביאים הט זיא גיענטפרט איך וועל פרייער פרעגן דעם מלך נבוכדנצר הט זיא דם אים דער ציילט הט נבוכדנצר באלד געשיקט נאך צדקיה און נאך אחאב זענען זיי געקומן און זאגען צום מלך גאט וויל אויף שטעלען נביאים פון דיין ווייב ענטפערט דער מלך איך ווייס וואל דאס אייער גאט הט פיינד זנות עס זענען פיר און צוואנציג טויזנד גטייט געווארען פון ישראל אין דער מדבר אין איין שעה פון וועגן זנות וואס זמרי האט מזנה געוועזן מיט דר מדינית און איר זאגט מיר דאס אייער גאט וויל האבען זנות איך ווייס ניט אוב איר זענט אמתי נביאים אדר פאלשע נביאים איך האב גפרובט חנניא מישאל ועזריה אין איין קאלך אובן וואס ער איז געהייצט געווארן זיבען טעג און זיי זענען לעבדיג ארויס און איך וועל אייך נאר איין טאג איין קאלך אובין אום הייצען וועט איר לעבדיג ארויס וועל איך טאן דאס וואס איר וועט מיר הייסן האבן זיי גזאגט צו נבוכדנצר זיי זענען געוועזן דריי צדיקים ביי אנגדר דרום זענען זיי לעבדיג ארויס געגאנגען אבר מיר זענען נאר צוויא נביאים דען דורך דרייא טוט גאט געבר איין נס ווי דורך צוויי זאגט נבוכדנצר קלויבט אייך אום נאך איין צדיק וואס איך זאל אים מיט אייך אריין ווארפען האבן זיי אום גקליבען יהושע בן יהוצדק

כהן גדול זיי האבן געמיינט דורך זיין זכות וועלן זיי ניצול ווערען האט מען אלע דריי אין קאלך אובין אריין גווארפן זענען בייד פר ברענט גווארן אונ יהושע איז לעבדיג ארוס גגאנגן (אם הכהן המשיח יחטא) אוב איין כהן גדול וועט זינדיגן זאל ער ברענגן איין קרבן די תורה הט פריער אן גשריבן דם קרבן פון איין כהן גדול וס ער ברענגט אוף זיין עבירה ווייל ער איז דער בעסטר אונ חשובר פון ישראל אונ אז ער ברענגט איין קרבן אוף זיין עבירה געמט נאט אן דם קרבן מכל שכן ער געמט אן דם קרבן פון אונז פראסטע לייט דען ווען דר מענש איז חשובר שטראפט אים גאט מער אפילו אוף איין קליינע עבירה (לאשמת העם) דם איז טייטש אפילו די עבירות וס דר מענש איז געוואנט צו טאן זאל ער זיך אוך ניט שעמין צו טאן תשובה דען גאט וועט אים מוחל זיין אפילו דיא עבירות וואס ער איז גוואנט צו טאן (אשר נשיא יחטא) אז איין נשיא וועט זינדיגן דיא תורה האט ביי איין נשיא אן גשריבן דם ווארט (אשר) אונ ביי דעם כהן גדול שטייט (אם יחטא) אוב ער וועט זינדיגן ווייל ער איז גווארינט אונ טוט ניט באלד זינדיגן ווייל די שכינה רועט אוף אים אונ אוך ביי די סנהדרין שטייט (אם יחטא) אוב זיי וועלן זינדיגן ווייל די שכינה רועט ביי זיי דרום זענען זיי פרום אונ טוגן אוך ניט באלד זינדיגן אונ דר מדרש זאגט אשר נשיא יחטא וואל דעם דור וס דער נשיא אונ דר חשובר מאן טוט תשובה אונ ברענגט אקרבן אוף זיינע עבירות וס ער הט אום גערין גטאן מכל שכן דם ער וועט תשובה טאן אוף זיינע עבירות וס ער הט במזיד גטאן אונזרע חכמים זאגען ווען איין קהל זינדיגט שטראפט גאט דם ראש הקהל ווייל ער הט זיי ניט גווערט (ונפש כי תחטא ונו׳) ווען איין מענש וועט זינדיגן אונ וועט פאלש שווערען דער מדרש זאגט דם גאט הט בשאפען הימל אונ ערד אונ מלאכים אונ מענשן אונ אלץ וס אוף דר ערד איז דם אלץ הט ער בשאפן מיט איין האלבען שם י״ה אונ דרום הט גאט זיי ניט בשאפן מיט דעם גאנצען שם ווייל ער האט ניט גוואלט דר מאגן דעם גאנצן שם פון דאגן לערנן מיר אפ ווי גרוס איז די עבירה פון דעם וס דר מאנט דעם נאמן פון גאט אום זוסט אונזרע חכמים זאגען איין מענש זאל ניט דר מאנין גאטס נאמן צו שווערין אפילו אמת עס איז געווען אמעשה אין לאנד הר המלך עס איז דריגען געווען צווייא טוזינד שטעט אונ זענען חרוב גווארען ווייל זייא
האבן

## אוהל יעקב

(אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם) אז דר כהן וואס ער איז גזאלבט מיט דעם שמן המשחה דאס מיינט מען דר כהן גדול וועט זינדיגען צו שולדיגען דאס פאלק (והקריב על חטאתו וגו׳) זאל ער מקריב זיין פר זיין זינד וס ער הט גזינדיגט (פר בן בקר תמים ליי׳ לחטאת) איין א״קס פר אקרבן חטאת דר טעם איז פאר וואס גאט איז מדקדק מיט די צדיקים אונ שטראפט זיי אגרוסי שטראף אפילו אוף אקליינע עבירה ווארום פון דעם צדיק וועלן זיך אנדערי אפ לערנין אונ וועלן אוך אזו טאן עס איז אדמיין ווי אגנב וס הט אוף גריסן איין פר שלאסני מיר פון אמגעזין מיט תבואה אונ האט אן געפילט זעק מיט תבואה וויא פיל ער הט גיקענט פר נעמן אונ הט איבר גלאזט אפיגע מאגזינען זענען אריין גגאנגן אנדערי מענשן אונ האבן אוך גענומן תבואה אונ בהמות זענען אריין גגאנגן אונ האבן קאלי גמאכט די תבואה אונ נאך דעם אז מען געפינט דעם גנב אפילו ער זאל בצאלן טאפיל וועט ער אוך ניט ממלא זיין דעם שאדין וס דורך אים איז גטאן גווארן ווארום דר שאדין בטרעפט אסאך מיי

## של״ה הקדוש

(אשר נשיא יחטא) אונזערע חכמים זענן מפורש דעם פסוק על פי דרך הדרש אונ ערקלערן דאס ווארט אשר ווי אשרי אונ אזו ווי עס וואלט שטיין אשרי נשיא יחטא דאס הייסט וואול איז דעם דור אז זייער נשיא נעמט זיך צום הארץ צו ברענגען אכפרה אוף זיינע זינד וועלכע ער האט נור גזינדיגט בשגגה אונ פשיטא שון אז ער איז זיך מתודה אונ טוט תשובה אוף די עבירות וועלכע ער הט געטאן בזדון דען ווען דאס דור זעהט אז זייער נשיא טוט אזו נעמען זיי זיך אמוסר אראפ אונ דערמאנען זיך זייערע מעשים צו בעטראכטען אוך קענען מיר דא געפינען ארמז מוסר אין דיא סמיכות פון די פסוקים (חטאת הקהל הוא אשר נשיא יחטא) אן צו מערקען ווען דער גאנצער קהל זינדיגט זינדיגט געוויס דער נשיא אוך מיט זיי ווייל ער הט דאך זיי געקאנט ווערן אונ האט ניט גווערט:

האבן אפט געשווארען אויף אמת כלומר חאטשע זיי האבן אמת געשווארען זענען זיי דאך חרוב געווארן ווייל זיי האבן ביי גאטס נאמן געשווארן אום זוסט און מכל שכן ווען איין מענש שווערט פאלש וועט אים בוודאי גאט שטראפן און גאט וועט שטראפן די וואס שווערן פאלש און די וואס טוען כישוף און דיא וואס זענען מזנה אזו וויא אין פסוק שטייט (וקרבתי אליכם למשפט והייתי עד וגו׳) איך וועל שטראפען דיא וואס טוען כישוף און די וואס זענען מזנה און דיא וואס שווערען פאלש (והוא עד) ווען איין מענש הייסט עדות זאגן דעם חבר און מען רופט אים ער זאל עדות זאגען און ער וויל ניט זאגען האט ער אגרויסע עבירה דער בחיי שרייבט והוא עד גאט איז איין עדות און ווייסט ווער עס הייסט עדות זאגן און וויל ניט זאגען און ער וועט אים שטראפען די תורה הט אן געשריבן דם ווארט (לוא) מיט איין איבריגע וא״ו צו ווייזען ווער עס וויל ניט עדות זאגען לייקינט אין גאט וואס האט בשאפן די וועלט אין זעקס טאג (על חטאתו אשר חטא) אונזערע חכמים לערנען פון דאנען אפ ווען איין מענש הט איין עבירה געטאן אז ער איז געוועזן איין עושר און איז חייב געווארן איין שאף פר איין קרבן און איז ארום געווארן דם ער פר מאגט ניט צו ברענגן איין שאף זאל ער ברענגן אטערקיל

של״ה הקדוש

(ומעלה מעל בה׳) רש״י ברענגט דעם דרש וואס ר׳ עקיבא האט געדרשת אויף דעם פסוק פאר וואס בעטייט דאס וואס עס שטייט דא (ומעלה מעל בה׳) בעטייט עס אן צו מערקען אז ווען אמענש לייגנט אפ אהלוואה אדער אמשא ומתן וועלכע עס ווערען געמאכט נור פון עדים אדער דורך אשטר לייגנט ער אפ דיא עדים און דעם שטר אבער ביי אפקדון וואס איינער גיבט דעם אנדערן צו בעהאלטען בסוד אז קיינער זאל ניט וויסן דער פון נור דער דריטער וואס איז צווישען זיי דאס הייסט גאט וואס איז (צופה כל הנסתרות) אזו איז אז מען לייגנט אפ דעם פקדון לייגנט מען אפ דעם דריטען וואס איז געוועזן דער ביי דאס הייסט אן גאט דריבער שטייט דער בייא

מעל

טוב און אז ער פר מאג קיין טערקיל טויב אויך ניט זאל ער ברענגען אצענטיל מאס זעמיל מעהל וועט אים גאט מוחל זיין זיינע עבירות און אויך ווען ער הט געטאן עבירות אז ער איז געוועזן איין עני און איז חייב געווארן איין צעהנטיל מאס זעמיל מעל און איז געווארען איין עושר זאל ער ברענגען אשאף (נפש כי תמעול מעל וחטאה בשגגה מקדשי יי׳) דר בחיי שרייבט ווען מען הט הנאה פון הקדש האט דיא תורה פריער געשטעלט דם ווארט (מעילה) וואס דם איז טייטש פעלשין במזיד און דער נאך דאס ווארט (חטא) דם איז טייטש איין עבירה בשוגג צו ווייזען דם גאט רעכינט אים גלייך וויא ער הט בשוגג געטאן חאטשע ער הט במזיד געטאן ווען ער גזלת בייא זיין חבר שטייט פריער חטא און דער נאך מעילה צו ווייזען ווען ער גזלת זיין חבר אפילו אום גערין איז אים גערעכינט גלייך ווי ער האט גגזילת במזיד דען גאט שטראפט מער ווען מען גזלת ביי אמענשן ווי מען גזלת ביי גאט (והשיב את הגזילה אשר גזל) ער זאל אום קערין די גזילה וואס ער הט גגזילת דר בחיי שרייבט דרום שטעלט דער פסוק אשר גזל צו ווייזין ער זאל אום קערין דם וואס ער האט גגזילת און ניט ער זאל דער פאר צאלין געלד, די גמרא זאגט אין בבא קמא ווען איין מענטש גזילת איין באלקין און בועט

אים

אוהל יעקב

חיא פיל ער הט גגנבית דרום קען דר גנב אזו פיל שאדין ניט באצאלן דר גמשל איז אז דר צדיק טוט איין עבירה בשוגג לערנין זיך אנדערי מענשן פון אים אפ און טוען דיא עבירה במזיד דאס זאגט דר פסוק (אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם) ווארום אז איחיד טוט איין עבירה און ברענגט אקרבן קען זיין ער זאל מתקן זיין מיט דעם קרבן וואס ער הט פוגם געווען מיט דר זינד אבר דר כהן וואס איז געזאלבט געווארן מיט שמן המשחה דאס מיינט מען דער כהן גדול אז ער וועט זינדיגען איז ער גורם לאשמת העם צו שולדיגען דאס פאלק ווארום מען וועט זעהן פון דעם כהן גדול וועלן אלע טאן די עבירה דרום דארף זיין קרבן זיין איין אוקס וואס איין אוקס איז דער גרעסטער קרבן פון אלע קרבנות פון דעסט וועגען (ולוי לחטאת) בייא גאט הייסט דר קרבן קלענר פון דעם חטא ווארום ער האט גורם גוועען אז אנדערי וועלן זיך פון אים אפ לערנין און וועלן אויך זינדיגן:

אים איין אין זיין הוז איז ער חייב צו צו ווארפן זיין הוז אונ אום קערין דעם באלקין אונ ניט צו צאלין געלד פר אים נאר הלל האט געמאכט איין תקנה מען זאל געלד צאלין פר דעם באלקין כדי מען זאל קענין גרינג תשובה טאן דען ער וועט זאגין איך וואלט גערין תשובה געטאן נאר עס איז מיר שווער צו צו ווארפן דם הוז דרום זאל מען געמן פון אים געלד עס איז געוואוכט דם עס איז פר האנדין צוויי ערליי עבירות איינם ווס אמענטש זינדיגט צו גאט דם טוט ער זיך אליין צו זיין שמה דאס אנדרי איז ווען אמענטש זינדיגט צו זיין חבר דאס ער איז אים מבייש אדר ער שלאגט אים אבר דר ווס גזילת זיין חבר דר זינדיגט אקעגין גאט אוך דרום איז די עבירה הארבער אונ דר מבול איז נאר געקומן פון גזילה וועגן אונ אז יחזקאל האט געשטראפט ישראל רעכינט ער פיל עבירות אונ צום אונטרשטן רעכינט ער גזילה אונ זאגט דרום וועל איך אייך שלאגן איז משמע פון גזילה וועגין וועט גאט זיי שלאגן (ואת אשמו יביא לי״י) דר מענש חאטשע ער האט אום גיקערט די גזילה זאל ער דאך איין קרבן ברענגן ווייל די עבירה איז זייער גרוס אונ דם האט איוב געשטראפט זיינע חברים (אם און בידך הרחיקהו) ווען דו האסט איין גזילה אין דיין האנד אופין באר זאלסטו באלד זיא אפ געבן (ואל תשכן באהליך עולה) אונ ווען דו האסט איין גזילה פאר בארגן אין דיין הוז זאלסטו זיא ניט לאזן רואן ביי דיר נאר זאלסט זי אוך באלד אפ געבן (כי אז תשא פניך) דען דענסמאל וועסטו קענין אוף הייבן דיין פנים פר לייטן ווען דו וועסט איטליכן אפ געבן זיין גזילה אונ דם האט דוד געזאגט (לך לבדך חטאתי) צו דיר גאט אליין האב איך געזינדיגט אונ ניט צו קיין מענשן דען איך האב ביי קיינם ניט גיגזלת דרום האט ער זוכה גיוועזן צו עולם הבא אזו זאלן מיר אוך זוכה זיין אמן:

של״ה הקדוש

(מעל בה׳) אפאלשקייט קעגן גאט, פון די ווערטער דארף זיך יעדער מענש אמוסר אראפ נעמען צו בעטראכטען ווי גרוס די עבירה איז געלד אפ צו לייגנען אב גלייך עס דאכט זיך עס איז איין געלד נאך ניין דער וואס לייגנעט אפ געלד לייגנעט אן השם יתברך:

## הפטרת ויקרא

(עם זו יצרתי לי) זאגט גאט דאס פאלק ישראל האב איך בעשאפען צו מיין דינסט זיי זאלען דערציילן מיין לוב אונ דו יעקב האסט מיך ניט גערופען דען דו האסט דיך געקערט צו ע״ז אונ ביסט גיך מיד געווארען אין מיין דינסט די גמרא זאגט אין יומא ר׳ אליעזר בן חסמא זאגט ווען אמענש זאגט קריאת שמע אדר תפלה אונ ווינקט מיט זיינע אוגן אדר ער ווייזט מיט זיינע פינגער אדער ער פאר קרימט מיט זיין מול צו שאפען עפעס ווייל מען טאר ניט ריידען זאגט גאט דוא טוסט מיך ניט רופן כלומר אייער תפלה איז ניט געאכט פון דאנען זאל מען אפ לערנען צו זיין געווארנט ניט צו ריידען אין דער תפלה אפילו לשון הקודש דער מדרש זאגט אין איכה רבתי גאט זאגט ישראל דינען ע״ז וואלטען זייא לכל הפחות מיך אוך געדינט וואלט רעכט געוועזן אונ זייא טוען ניט אזו זייא האלטען מיך אפילו ניט וויא איין צו גאב וואס מען גיבט ביי דער סעודה אונ האבען מיך פארגעסן אונ רופען מיך גאר ניט עס איז אמשל אהער מאכט אגרויסע סעודה אונ רופט אלע הערן אוף דער סעודה אונ דעם אבר הער רופט ער ניט זאגט דער אבער הער וואלט ער מיך לכל הפחות אזו ערליך געהאלטען וויא איין אנדערן הער אונ וואלט מיך אוך גערופען אוף דער סעודה אזו איך זאגט גאט (לא הבאת לי שה עולותיך) דוא האסט מיר ניט געבראכט דאס שעפעלע פון דיינע עולות נור צו דער ע״ז האסטו עס געבראכט אונ מיט דיינע זבחים האסטו מיך ניט ערליך געהאלטען איך האב דיך ניט איבר געארבייט מיט מיין מנחה כלומר איך האב דיך ניט געהייסן ברענגען אגרויסע מנחה נור אנייפל מעהל אונ אפילו דאס האב איך אוך ניט געזאגט בתורת חיוב נור אוב דו ווילסט זאלסטו ברענגן אונ איך האב דיך ניט מיד געמאכט מיט ווארוך דען איך האב ניט געהייסען ברענגען פיל ווארוך (לא קנית לי בכסף קנה) דו האסט ניט געדארפט קופען פאר געלד קיין צימרינג צו קטורת ווארום עס איז פיל אין זייער לאנד דאס אפילו ציגן עסין

עס

עס און מיט דעם חלב פון דיינע זבחים האסטו מיך ניט אן גיזעט. נור דוא האסט מיך געמאכט דינען דורך דיינע זינד צו די אומות אזו ווי יחזקאל האט געזעהן בנבואה דאס דיא מרכבה פון דער שכינה קומט אן פון בבל וואס זי איז אהין געגאנגן איין צו נעמן די גאנצע וועלט אונטער נבוכדנצר דער מלך פון בבל כדי צו דערהייבן זייא מען זאל ניט זאגן אין די הענד פון איין אומה שפלה האט גאט איבער גיענפערט זיינע קינדער און דו האסט מיך מיר געמאכט מיט דיינע זינד (אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך) איך גאט וואס איך האב לאנג אפ גימעקט דיינע זינד וועל איך היינט אויך אפ מעקען דיינע זינד פון מיינעט וועגען און ניט פון דיין זכות וועגען און ניט פון וועגן דעם זכות פון דיינע עלטערן און וועל ניט גידענקען דיינע זינד (הזכירני) דערמאן מיך ישראל וואס פאר איין גמול דארף איך דיר צו טאן און צו דיינע עלטערן לאמיר זיך באווערן מיט אנאנדער דערצייל דוא פריער דיינע טענות כדי דו זאלסט גערעכט בלייבען דען דער סדר איז ווען איינר דערציילט זיינע טענות פריער מיינט מען ער איז גערעכט אבער וואס קענסטו טענען גערעכט צו בלייבען (אביך הראשון חטא) דיין ערשטער פאטער אברהם האט אקעגען מיר געזינדיגט מיט דעם וואס ער הט געזאגט (במה אדע) מיט וואס וועל איך וויסן דאס איך וועל ירשינן ארץ ישראל און האט ניט געגלובט אין מיר און אלע דיינע מליצים וואס דוא ביסט דיך סומך אויף זיי איז ניט דא איינער אן זינד דען יצחק הט אויך געזינדיגט וואס ער הט ליב געהאט עשו מיין פיינד און וויא קאנט איר בלייבן אקעגן מיר גערעכט (ואחלל שרי קודש) איך וועל פאר שוועכן די היילינגע הערן פון וועגן אייערע זינד און וועל געבן יעקב צו וויסטונג און ארץ ישראל צו אביוש דאס דער פיינד וועט זייא מביש זיין (ועתה שמע יעקב) און היינט הער צו מיין קנעכט יעקב צו אום קערן זיך צו מיין תורה און ישראל וואס איך האב אין אים אום דערוויילט זאל דאס הערן (כה אמר יי) אזו הט גאט געזאגט וואס ער הט דיך בעשאפן און זינט דו ביסט ארום געגאנגן פון דיין מוטערס בויך טוט ער דיר העלפן דער גאט הט געזאגט דו זאלסט קיין מורא ניט האבן מיין קנעכט יעקב און ישראל וואס איך האב אום דערוויילט אין אים (כי אצוק מים על צמא) אזו ווי איך גאט גיס וואסר אויף אדארשטיג לאנד און רינדיגע וואסר אויף דער טרוקעניש אזו וועל איך גיסן מיין רוח הקודש אויף דיינע קינדער און מיין ברכה אויף דיינע קינדס קינדער (וצמחו בבין חציר) און דיינע קינדער וועלן שפראצען צווישען גראז דאס מיינט מען עמלק וואס אויף אים איז געזאגט געווארן דאס אין זיין וואונונג וועט וואקסן גראז דארטן וועלן זיי שפראצען אזו ווי ביימער ביי דיא טייכען וואסער כלומר עס וועט זיך צו זייא באהעפטן פיל פרעמדע (זה יאמר ליי אני) דער וועט זאגן איך בין צו גאט דאס זענן די צדיקים און דער וועט זיך אן רופען מיט דעם נאמען פון יעקב דאס זענן די קליינע קינדער פון די רשעים און דער וועט אן שרייבן זיין נאמן צו גאט דאס זענן די בעלי תשובה און דער וועט זיך אן רופן מיט דעם נאמן ישראל דאס זענען דיא פרעמדע (כה אמר ה') אזו הט גאט געזאגט דער מלך פון ישראל און זיין אויסלייזער גאט דער הער איבער אלע חיילות איך בין דער ערשטער און דער אונטערשטער און חוץ מיר איז ניט דא קיין גאט (ומי כמוני) און ווער איז אזו איין גאט ווי איך דס איך קען זאגען וואס וועט זיין דען דאס ביהמ"ק איז נאך ניט חרוב געווארען און איר זענט נאך ניט פאר טריבען געווארן און כורש איז נאך ניט געבורען געווארען און איך בין אייך מבשר אז דאס ביהמ"ק וועט דורך כורש ווידער געבואט ווערן (אל תפחדו) איר ישראל זאלט קיין מורא האבן צו מאכן וויסן מיין נאמן צווישן די אומות דען פון דענסט מאל וואס דו ביסט געשטאנען אויף דעם בארג סיני האב איך דיך געמאכט הערן איך האב געזאגט דאס עס איז ניט פארהאנדען קיין גאט חוץ מיר איר ישראל זענט מיינע עדות אוב עס איז פאר האנדען איין גאט חוץ מיר און איך האב אייך געוויזען דאס עס איז ניט דא קיין גאט חוץ מיר און עס איז ניט דא קיין שטארקר דאס איך זאל ניט וויסן און זאל אים געבן דאס שטארקייט (זכור וגו') גידענק דאס יעקב דאס דו זאלסט ניט ווערן איבער גערייד צו דער ע"ז דען דו ביסט מיין קנעכט איך האב דיך דרוף בשאפן דו זאלסט זיין מיין קנעכט דרום זאלסטו ניט פארגעסען מיין מורא (מחיתי כעב פשעיך) איך גאט האב לאנג אפ געמעקט ווי אוואלקען דיינע זינד דרום היינט אויך קער דיך אום צו מיר וועל איך דיך אום לייזן (רנו שמים) זינגט איר הימלען דען גאט האט געטואן איין אום לייזונג צו זיין פאלק ישראל און טוט שאלען איר אונטערשטע ערדין עפענט איר בערג אגזאנג דער וואלד און אלע ביימער זאלן עפנען אגזאנג דען גאט האט אום געלייזט דיא קינדער פון יעקב און ער טוט זיך בערימן מיט ישראל אין דיא טעג פון משיח און גאט וועט גרוס כבוד האבען פון די אלע אומות זייא וועלען זאגען גאט האט געטואן ניסים מיט ישראל אמן:

(צו את אהרן) שלמה המלך זאגט אין משלי (הוקר רגלך מבית רעך פן ישבעך ושנאך) דער פסוק לערנט אונז חאטשע אמענש דארף האבן גוטע פריינד דאך זאל ער ניט אפט גיין צו זייא אין הויז נאר צו צייטען כדי ער זאל זייא ניט נמאס ווערען אונ עס איז געווים דר וואס וויל זיך באהעפטן צו גוטע פריינד דר מוז האבן אין זיך צוויי גוטע מדות איינס איז ער זאל ניט זיין אבעל גאוה דען אבעל גאוה האבין אלע מענשען פיינד אונ שיידען זיך פון אים אפ. דאס אנדרע איז ער זאל פר קיין מענש קיין מורא האבן אונ זאל זיי ניט חנפינען אונ עס איז גוט צו האבן פיל גוטע חברים דאך זאל מען ניט אפט גיין אין זייער הויז מען זאל זייא ניט נמאס ווערען דען אזוי וויא האניק איז זייער זיס אבער ווען מען עסט צו פיעל איז עס אומגעזונד דען אלע זאכען אין דער וועלט איז צו פיל ניט גוט אפילו רעגין וואס ער איז דאס לעבין פון דר וועלט דען די גאנצע וועלט הענגט אן רעגין דאך אז ער גייט צו פיל איז ניט גוט אונ ער טוט פיל שאדען אונ דער פסוק זאגט מבית רעך אפילו אין דאס הויז פון דיין בעסטען חבר זאלסטו ניט אפט קומען מכל שכן אין דאס הויז פון דיין מיטעל מעסיגן חבר זאלסטו ניט אפט גיין דען עס איז עטליכע שעה אין טאג וואס מען זאל ניט גיין אין זיין חברים הויז ווען ער עסט אונ טרינקט אדר שלאפט אדר ער ארבייט אדער האנדעלט. דער מדרש זאגט הוקר רגלך מיינט מען גייא ניט פיל אין בהמ"ק אריין חאטשע עס שטייט אין פסוק (אבא ביתך בעולות) איך וועל אפט קומען אין בהמ"ק צו ברענגן עולות דאס איז ווייל איין עולה קומט אויף דר מחשבה וואס אמענש האט במחשבה געזינדיגט וואס פון דעם קען מען זיך ניט אפהיטען דרום איז גוט צו ברענגן אפט עולות אונ דאס וואס שטייט מען זאל ניט אפט קומען אין בהמ"ק מיינט מען מען זאל ניט טאן קיין עבירה במעשה אונ צו ברענגן אקרבן חטאת דען גאט וויל ניט דו זאלסט טאן איין עבירה אונ זאלסט ברענגן דארויף אקרבן חטאת אונ עס איז געוואוסט דאס דר עיקר מחשבה איז ביי נאכט דרום האט די תורה געזאגט (צו את אהרן ואת בניו לאמר היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה) כלומר מען זאל דעם קרבן אויף ברענגן אגאנצע נאכט ווייל זיא קומט אויף דר מחשבה וואס אמענש זינדיגט ביא נאכט אונ עס איז געוואוסט דאס איין עולה איז חשובער פון אלע קרבנות דרום האט מען דעם כהן גאר ניט געגעבן פון איר אזו

וויא

### של"ה הקדוש

(היא העולה על מוקדה) אונזרע חכמים ז"ל זאגן דער מענש וואס ער איז זיך מתגאה ווערט געשטראפט מיט פייער זייערע ווערטער ליגען ברמז אין דעם פסוק (היא העולה) הוא העולה דער וואס האט אין זיך די מדה פון ארוף שטייגען אין דער הויך דאס הייסט ער איז אבעל גאוה על מוקדה קומט אויף דעם פייער ביי דער מנחה וואס מען ברענגט אויף אחטא שטייט (לא ישים עליה שמן ולא יתן עליה לבונה) מען זאל קיין אייל דרויף טאן אונ קיין ווארוך דרויף געבען דרויף זאגט ר' שמעון אין גמרא ברכות אייגענטלך דארף די מנחה פון דעם ארימאן וועלכער זינדיגט אויך אייל אונ ווארוך כדי דער חוטא זאל ניט פערדינען גור דיא תורה האט פארזאגט דאס אלס ניט צו ברענגען כדי דער קרבן פון אחוטא זאל ניט בעשיינט זיין אונ דער גאון האט צו געגעבען דער צו אונ האט געזאגט ער האט בכונה ארויס גענומען די שיינקייט

אונ

### ליקוטי יקרים

(ואש המזבח תוקד בו) אונ דאס פייער וואס האט געברענט אויף דעם מזבח אונ האט פארברענט דאס קרבן וואס ער האט געברענגט אויף זיינע זינד ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען דאס פייער ברענגט אים אליין אין גיהנם איבר דעם זאגט דער פסוק איך וועל דיר איין עצה געבען ווי אזוי דו זאלסט באשערמט ווערן פון דעם גיהנם (ולבש הכהן מדו בד) איז די עצה אז דוא זאלסט דיך אן קליידען מיט גוטע מדות קעגען די שלעכטע למשל אז ער האט אין זיך אמדה פון כעס זאל ער אנטלויפן פון דער מדה אונ זאל זיך געוויינן רחמנות צו האבן אויף איטליכען אז ער האט אין זיך אמדה פון האפערדיקייט זאל ער זיך געוויינען צו זיין שפל אונ קלענער פון איטליכן אונ אז דער מענש וועט פאר רעכטען אלע זיינע מדות אונ וועט זיך אזוי פירן אלע זיינע יארן וועט אים זיין וואל אויף דער וועלט אונ עס וועט אים גוט זיין אויף יענר וועלט:

ולבש

ווי מֶען הָט אים גֶעגֶעבֶּן פוּן אַנְדֶערֶע קָרְבָּנוֹת נָאר מֶען הָט זיא גָאר פַר בְּרֶענְט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ דָם אִיז ווייל איין עוֹלָה קוּמְט אִיבֶּר אַיין עֲבֵירָה ווָס מֶען הָט גֶעזִינְדִיגְט בְּמַחֲשָׁבָה אָן דֶם גוּף דְרוּם זָאל קֵיין גוּף קֵיין הֲנָאָה הָאבֶּן פוּן דֶעם קָרְבָּן דֶר מֶענְש גִיהֶער זִיךְ נִידְרִיג הַאלְטֶען צוּ דִינֶען גָאט מִיט תְּפִלָּה אָדֶר מִיט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת אוּן זָאל זַיין כָּבוֹד אַוֶועק לֵייגֶען פוּן וֶועגִין דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט אַזוֹ ווִי דֶר כֹּהֵן הָט אָן גֶעטָאן דִי גוּטֶע קְלֵיידֶר צוּ אַחְשׁוּבֶר עֲבוֹדָה הָט עֶר זֵיי אוֹיךְ אָן גֶעטָאן צוּ אַרָאפּ נֶעמֶען דָם אַשׁ פוּן דֶם מִזְבֵּחַ דָם לֶערִינְט אוּנְז ווֶען אַמֶענְשׁ טוּט תְּפִלָּה אָדֶר מִצְוֹת זָאל עֶר זִיךְ אִין שֵׁיינֶע קְלֵיידֶר אָנְטָאן אוּן זָאל זִיךְ רֵיין הַאלְטֶען. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען ווֶער עֶם טוּט כָּבוֹד צוּ גָאט דֶר ווֶעט פִיל כָּבוֹד הָאבֶּן אָבֶּר דֶר ווָס מַאכְט קְלֵיין גָאטְס כָּבוֹד דֶר ווֶערְט גֶעשְׁטְרָאפְט אַזוֹ ווִי עֶם אִיז גֶעוֶוען אַמַעֲשֶׂה מִיט יִשָּׂשׂכָר בֶּן בְּרוֹקָא אַכֹּהֵן גָּדוֹל ווָס הָט זַיין כָּבוֹד זֵייעֶר אָפּ גֶעהִיט אוּן הָאט דִיא עֲבוֹדָה גֶעטָאן אִין נֵיידִינֶע הֶענְדְשְׁקִים אוֹיף זַיינֶע הֶענְד אוּן מֶען טָאר אַזוֹ אוֹיךְ נִיט דֶען דִיא עֲבוֹדָה דַארְף מֶען טָאן מִיט בְּלוֹזֶע הֶענְד אַזוֹ הָט אִים גָאט גֶעשְׁטְרָאפְט דֶם אֵיין מָאל הָט זִיךְ גֶעקְרִיגְט דֶר מֶלֶךְ מִיט דֶר מַלְכָּה דֶר מֶלֶךְ הָט גֶעזָאגְט אַצִיקֶעלֶע אִיז בֶּעסֶר צוּ עֶסֶען אוּן דִי מַלְכָּה הָאט גֶעזָאגְט אַשָׁאף אִיז בֶּעסֶער צוּ עֶסֶען הָאבֶּן זֵיי גֶעזָאגְט ווֶער ווֶעט אוּנְז אִיבֶּר ווַייזֶן ווֶעלֶעכְם בֶּעסֶער אִיז דָאם קֶען ווַייזֶען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל ווָם עֶר עֶסְט פִיל קָרְבָּנוֹת הָאבֶּן זֵייא גֶעשִׁיקְט נָאךְ יִשָּׂשׂכָר אוּן הָאבֶּען אִים גֶעפְּרֶעגְט ווֶעלֶעכְם בֶּעסֶר אִיז הָט עֶר אוֹיף גֶעהוֹבֶּען דִיא הֶענְד אוּן זָאגְט ווֶען אַצִיקֶעלִי אִיז בֶּעסֶר ווָארוּם בְּרֶענְגְט מֶען עֶם נִיט פַר אַקָרְבַּן תָּמִיד אִין דֶער פְרִיא אוּן פַר נַאכְט נָאר מֶען בְּרֶענְגְט אַשָׁאף אַלֶע טָאג אִין דֶר פְרִיא אוּן פַר נַאכְט זָאגְט דֶר מֶלֶךְ דוּ בִּיסְט גִירֶעכְט נָאר ווייל דוּ הָאסְט אוֹיף גֶעהוֹבֶּען דִיא הֶענְד קֶעגִין מִיר אוּן הָאסְט מִיךְ פַאר נִישְׁט גֶעהַאלְטֶען אוּן פַר אַמֶלֶךְ אָדֶער פַר שָׂרִים מוּז מֶען שְׁטֵיין מִיט מוֹרָא דְרוּם הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעהֵייסֶן מֶען זָאל אִים אָפּ הַאקֶען דִי רֶעכְטֶע הַאנְד הָט עֶר גֶעגֶעבֶּן שׁוֹחַד הָט מען

### של"ה הקדוש

אוּן דֶען גוּטֶן רֵיחַ פוּן דֶעם קָרְבָּן ווָאם דֶער חוֹטֵא בְּרֶענְגְט אִים כְּדֵי אִים אוֹיף צוּ מוּנְטֶערֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּאֶן דָאם אִיז גְלֵייךְ ווִי מֶען גִיבְּט אִים אָן צוּ מֶערְקֶן זֶעה דֵיינֶע מַעֲשִׂים הָאבֶּן דֶערְצוּ גֶעבְּרַאכְט אַז דֵיין קָרְבָּן ווֶערְט גֶעבְּרַאכְט אַהוֹלֶער אַנַאקֶעטֶר אוּן דֶער אֱמֶת אִיז ווִי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (לֹא נָאוֶה לִכְסִיל כָּבוֹד) דֶעם נַארְן דָאם הֵייסְט דֶעם חוֹטֵא פַּאסְט נִיט קֵיין כָּבוֹד אוּן ווַייל בּוֹמְאֵייל שְׁטֵייגְט אַרוֹיף אוֹן. אַלֶע מַשְׁקָאוֹת דֶערִיבֶּער פַּאסְט נִיט אַז דֶער אָרִימַאן ווָאם אִיז שׁוֹן גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארֶען מִיט אָרִימְקֵייט זִינְדִיגְט זָאל בְּרֶענְגֶען בּוֹימְאֵייל אוֹיף זַיין מִנְחָה אוּם עֶם זָאל קֵיין רֶמֶז דַארִין נִיט זַיין אוֹיף זַיין אַרוֹיף שְׁטַייגֶען ווַייל עֶר דַארְף נִיט אַרוֹיף שְׁטַייגֶען נוּר אַרָאפּ נִידֶערֶען אוּן דַארִיבֶּער זָאגְט דֶער פָּסוּק (לֹא יָשִׂים עָלֶיהָ) מֶען זָאל נִיט טוּאֶן אוֹיף אִיר אוּן נִיט (לֹא יָשִׂים בָּהּ) אוּן זָאל נִיט אַרַיין טוּאֶן אִין אִיהְר ווִי דֶער דִין אִיז אַז אֲפִילוּ אִין אִיהְר טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט אַרַיין גִיסֶען צוּ ווַייזֶען אַז בַּיי דֶער מִנְחָה פוּן חוֹטֵא דַארְף קֵיין שׁוּם רֶמֶז הָאבֶּן פוּן קֵיין אַרוֹיף קוּמֶען נִיט קֵיין בּוֹמְאֵייל אוּן נִיט קֵיין ווַארוּךְ:

### ליקוטי יקרים

(וְלָבַשׁ הַכֹּהֵן מִדּוֹ בַד) אוּן דֶער כֹּהֵן זָאל זִיךְ אָן קְלֵיידֶן אַהֶעמְדֶל פוּן לַאן אוּן אַבְּרָאךְ נַארְטֶל דָאם מֵיינְט טֶען הוֹזֶן פוּן לַאן אוּן זָאל אַרָאפּ נֶעמֶן דָאם אַשׁ פוּן דֶער עוֹלָה ווָאם אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּן זָאל דָאם אַשׁ שִׁיטֶען אוֹיף אַיין אָרְט לֶעבֶּן מִזְבֵּחַ דֶער (בְּאֵר מַיִם חַיִּים) שְׁרַייבְּט דָאם דֶער פָּסוּק לֶערְנְט דֶעם מֶענְשׁ ווָאם דִינְט צוּ גָאט ב"ה מִיט דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה עֶר ווֶערְט אָן גֶערוּפֶען (כֹּהֵן) דָאם אִיז טַייטְשׁ דִינֶער עֶר זָאל זִיךְ אָן קְלֵיידֶען אַהֶעמְדֶעל נָאךְ זַיין מָאם כְּלוֹמַר עֶר זָאל זִיךְ בַּארֶעכְנֶען אַז עֶר אִיז אֵיין פַאר שְׁטִינְקֶענֶר טְרָאפֶּן ווֶערְם בַּיי זַיין לֶעבֶּן ווֶערְם נָאךְ זַיין טוֹט נַארֶשׁ אוּן ווִיסְט אוּן נָאךְ אַנְדֶרֶע זַאכֶען ווָאם דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרַייבֶּען צוּ ווָאם דֶער זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ אִיז גֶעגְלֵייכְט אוּן מִיט ווָאם הָט זִיךְ בֶּאֱמֶת דֶער מֶענְשׁ גְרוֹם צוּ הַאלְטֶען אַז זַיינֶע יָארֶן זֶענֶן אַזוֹ פִיל גִילְטִיג ווִיפִיל אַטְרוּקֶן גְרֶעזֶעל דוֹעֶרְט אוֹיךְ זָאל עֶר זִיךְ בַּאדֶענְקֶן אַז אֲפִילוּ דָאם בִּיסֶעל לֶערְנֶן אוּן דַאווִינֶען ווָאם עֶר טוּט יוֹא פוּן גָאטְס ווֶעגֶן אִיז אוֹיךְ נִיט מִיט זַיין כֹּחַ נִיט מִיט זַיין חָכְמָה נוּר מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן מִיט וָועם לֶעבֶּן ווָם גאט

מען אים אפ געהאקט דיא ליגקע האנד איז דר מלך געוואר געווארען אונ הט געהייסן מען זאל אים דיא רעכטע האנד אויך אפ האקען האט רב יוסף געזאגט געלובט איז גאט וואס ער הט געשטראפט ישכר אויף דער וועלט אונ ניט לעולם הבא פון דאנען זאל מען אפ לערנען מען זאל געווארינט זיין ערליך צו האלטען גאט ווען מען טוט אמצוה פון גאט, דאס דריטע לערנען מיר אפ פון דעם קרבן עולה אגרויסען נס דען דם מזבח איז געוועזן פון האלץ אונ איז נאר געוועזן באדעקט מיט קופער דין ווי אגאלד גלדען אונ דאס פייער איז אייביג דארויף געוועזן אונ עס הט ניט פר ברענט דם האלץ פון דם מזבח דרום זאגט דער פסוק צוויי מאל לא תכבה צו ווייזען אויף דם נס דם פייער הט תמיד געברענט אונ עס איז ניט וואָרען פר לאשען אונ עס הט ניט פרברענט דם מזבח. דם פערדי לערנען מיר אפ פון דם קרבן עולה דאס גאט וועט שטראפען די רשעים אין גיהנם דרום זאגט דר פסוק (אש תמיד תוקד על המזבח) דם איז טייטש אפייער וועט תמיד ברענען דיא רשעים אין גהינם ווייל זייא האבען ניט געוואלט ברענגען קרבנות צו האבען אכפרה דורך דם מזבח (היא העולה) דר וואס האלט זיך הויך אונ איז אבעל גאוה דער ווערט פאר ברענט אין פייער אזו ווי דאס דור המבול האבען זיך הויך געהאלטען זענען זיי פרלורען געווארען אונ דיא לייט פון סדום האבען זיך אויך הויך געהאלטען זענען זיי פאר ברענט געווארען אין פייער (צו את אהרן ואת בניו) דרום האט דיא תורה אן געשריבען פריר אהרן אונ דר נאך די קינדר אונ אין ויקרא שטייט פריר דיא קינדר אונ דר נאך אהרן אונ פיל מאל אין ויקרא איז אהרן גאר ניט געבראכט דם איז ווייל אהרן הט געמאכט דם עגל האט משה רבינו געזאגט צו גאט רבונו של עולם דיא קינדער האסטו ליב אונ דער פאטער זאל ניט געליבט זיין פר דיר דרום הט גאט דא פריר געזאגט אהרן פר דיא קינדער (זאת תורת העולה) דאס מיינט מען דו נשמה פון דעם מענש קומט גאנץ הויך אין הימל ווען ער לערינט תורה (על מוקדה) דם מיינט מען די נשמה קומט העכר פון אלע גלגלים אונ מלאכים דרום האבען די חכמים געזאגט די צדיקים זענען העכר פון די מלאכים דען דורך דר תורה קומן זיי העכר פון די מלאכים (וכל מנחת כהן) אונ אמנחה פון אכהן זאל מען נאר פר ברענען. די חכמים זאגן דאס איז נאר ווען אמאן אכהן ברענגט אמנחה אבר ניט ווען איין אשה אטאכטר פון כהנים ברענגט אמנחה אזו ווי דיא חכמים זאגען בני אהרן די זיהן פון אהרן אבר ניט די טעכטר פון אהרן דען עס איז אגרויסר חילוק צווישען אמאנזביל אדער איין אשה פון דיא כהנים ווייל די ווייבר האבען געבראכט די מיתה אויף דער וועלט דרום טארען דיא ווייבר פון כהנים פון קרבנות ניט עסען אויך אכהן טאר ניט נעמען אגרושה אונ איין אשה פון כהנים מעג נעמען אמאן וואס ער האט גט געגעבען זיין ווייב (במקום אשר תשחט העולה תשחט החטאת) דר פסוק לערינט אונז מען זאל קיינעם ניט מבייש זיין דען איין עולה קומט אויף עבירות וואס אמענש טוט מיט דער מחשבה וואס עס איז ניט מעגליך זיך אפ צו היטען דער פון אזו איז די חרפה ניט גרוס אונ אחטאת קומט אויף די עבירות וואס מען טוט במעשה וואס מען קאן זיך אפ היטען דער פון אזו איז דאס אגרוסע חרפה דרום הט גאט געהייסן מען זאל

זאל

### של"ה הקדוש

(אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה) איין בעשטענדיג פייער זאל ברענען אויף דעם מזבח אונ זאל ניט פארלאשן ווערן דער טעם פון דער מצוה איז אז דיא יעניגע וואס ווילען הנאה האבען פון דעם קרבן אונ צו רוה לאזן דעם חוטא זאלן אלע מאל געפינען וואס זיי ווילן כדי זיי זאלן

ניט

### ליקוטי יקרים

גאט ב"ה גיט אים אזו וויא די חכמים זאגען אין דער גמרא אז ווען גאט זאל דעם מענש ניט צו העלפען אקעגן יצר הרע וואלט דער מענש קיין מאל ניט בייא געקומן דעם יצר הרע נמצא מיט וואס הט זיך דער מענש גרום צו האלטען אונ מיט וואס הט ער זיך צו בארימען;

זאל שעכטען דם קרבן חטאת אין דם ארט ווי מען שעכט דיא עולה כדי מען זאל ניט וויסען צו מען שעכט איין עולה וואס עס קומט אוף דער מחשבה צו מען שעכט אחטאת וואס קומט אוף דר מעשה אזו וועט דר מענש ניט מבויש ווערען (הכהן המחטא) דר כהן וואס איז ריין דער וועט עסען דעם חטאת אונ ניט דר וואס איז טמא (ואשר יזה מדמה) ווען עס וועט שפריצען דם בלוט פון דם חטאת אוף אקלייד זאל מען דאס קלייד אוס וואשען אין דם הויף פון בהמ"ק אונ ווען מען האט דם חטאת געקאכט אין איין ערדעני כלי האט מען זיא צו בראכען אין הויף פון דם מקדש אונ עס איז געוועזן אנים דם דיא ערד הט איין געשלונגען אלע שארבען עס זאל ניט זיין צו פיל שארבען אין הויף אונ ווען מען הט דם חטאת געקאכט אין אקופערני כלי האט מען זיא אוסגעריבן אונ געכשרת אין הייסן וואסר (ביום צוותו את בני ישראל להקריב את קרבניהם) אין דם טאג וואס גאט הט געבאטען דיא קינדר ישראל זיי זאלען ברענגען זייערע קרבנות דר בחיי פרעגט אין דם פסוק שטייט דם גאט הט געהייסען מקריב זיין קרבנות אונ ווארום הט דר נביא געזאגט דם גאט זאגט איך האב ניט געבאטען אייערע עלטערין צו ברענגען קרבנות דער תירוץ איז גאט הט יוא געבאטען צו ברענגען קרבנות דען עס איז ניט דא איין מענש וואס זאל ניט טאן עבירות אפילו דער גרעסטער צדיק דרום הט גאט אחסד געטאן דם ער איז מוחל די עבירות דורך אקרבן כדי דער מענש זאל ניט פארלוירען ווערען דורך זיינע עבירות אונ דם וואס דר נביא הט געזאגט גאט הט ניט געבאטען צו ברענגען קרבנות דם מיינט מען ער זאל ברענגן קרבנות אונ מען זאל ניט צו הערין גאטס רייד דאס באגערט גאט ניט דאס האט דוד המלך געזאגט אין תהלים (זבח ומנחה לא חפצת) גאט וויל ניט קיין קרבנות ווען מען הערט ניט צו זיינע רייד רעדן צו הערין אין גאטס רייד איז בעסער פון אקרבן (ותקהל העדה אל פתח אהל מועד) עס איז געוועזן אגרוסער נס דאס כל ישראל וואס זענען געוועזן זעקס הונדערט טויזנד זענען אלע געשטאנען פר דר טיר פון דעם משכן וואס דיא טיר איז גאר ניט גרוס געוועזן דרום האט זיך משה פרוואונדערט אונ זאגט צו גאט ווי איז עס מעגליך דם כל ישראל זאלען קענען שטיין פאר איין טיר וואס זיי זענען זעכציג מאל צעהן טויזנד אונ דיא וואס זענען נאך ניט אלט קיין צוואנציג יאר וואס מען האט זיי

נאך

## של"ה הקדוש

ניט מקטרג זיין אונ איצט בשעת אז דאס ביהמ"ק איז חרוב דארף זיין דר טיש אוף וועלכען דר מענש עסט אנשטאט דאס מזבח אונ אנשטאט דאס פייער פון די קרבנות וואס הט געברענט אוף דעם מזבח זאל אפן טיש ברענגן דאס פייער פון תורה אונ דער פסוק איז אונז מרמז (אש תמיד תוקד על המזבח) שטענדיג פייער זאל ברענן אוף דעם מזבח דאס הייסט ביי דעם עסען זאל מען זאגען דבר תורה אונ ווען מען איז דאס ניט מקיים מען זאגט אוף דעם טיש ניט קיין דברי תורה (לא תכבה) וועט דאס פייער פון גיהנם ניט פארלאשן ווערן אונ נאך ארמז איז דא אין דעם פסוק (אש תמיד תוקד על המזבח) דאס פייער פון דער תורה וואס איז געוועזן אוף דעם ארט פון דיא קרבנות וועט אייביג ברענגען אונ קיין שטראם פון אלע שלעכטע וואסערן וועלן דאס פייער ניט קענען פאר לעשען:

## אוהל יעקב

(אם על תודה יקריבנו) זאגט דער מדרש דאס האט דוד המלך געזאגט אין תהלים (זובח תודה יכבדנני) גאט זאגט דר וואס קוליט איין קרבן תודה טוט ער מיך ערליך האלטען לאמער פר שטיין פר וואס ביי אקרבן חטאת אונ איין קרבן אשם שטייט ניט אזו ווארום איין קרבן אשם ברענגט מען ווייל מען זינדיגט אבר אקרבן תודה ברענגט מען ניט אוף קיין זינד נאר דר מענש ברענגט דעם קרבן צו גאט מיט זיין גוטן ווילן חאטשי ער הט גאר ניט גזינדיגט דרום הייסט ער קרבן תודה ווארום תודה איז טייטש לוב דרום זאגט גאט דר וואס קוליט אקרבן תודה טוט ער מיך ערליך האלטען, למשל צווייא מענשען זענען שולדיג איין סוחר געלד פאר סחורה איינער קומט צו דעם סוחר אונ בצאלט אים אין גאנצען דם געלד וואס עס קומט אים פר דר סחורה אונ דער אנדערר קומט צו דעם סוחר אונ דער צוילט אים אז זיין הויז מיט דעם גאנצן פה מעגין איז פר ברענט געווארן אונ איז געבליבן ארום גאר ער וויל ניט שולדיג בלייבען הט ער געבראכט דעם סוחר די מלבושים מיט דיא כלים וואס ער הט מציל געווען פון דר שריפה ער זאל ביי אים געמן פר זיין חוב אונ הט געוויינט פאר דעם

סוחר

נאך ניט געציילט ווען אוך ווייער פיל הט גאט אים גיענפערט עס איז בייא מיר קיין וואונדר ניט איך האב דם גאנצען הימל פון איין פאדים דין אום געצוגן אוך אויף דעם בארג סיני זענען געווען פיל טויזנד פון ישראל אונ ווי האבען זיי זיך גיקענט אויף שטעלן אויף דעם בארג. נאר גאט הט אנס געטאן אונ הט דם בארג ווייט אום געצוגן אזו אוך ביי דער טיר פון משכן הט גאט געזאגט טוא דיך דר ווייטערין אונ זיי מקבל כל ישראל אונ אוך אז משיח וועט קומען אונ אלע מתים וועלען לעבעדיג ווערין וואס זענען געשטארבען פון אדם הראשון אן אונ אלע וועלען גיין קיין ירושלים אזו וועט גאט מאכען אדער ווייטערונג אונ וועט דיא שטאט ברייט מאכען דאס זיא זאל קענין אלע מקבל זיין (ועל בהן ידו הימנית) מען הט געשפרענגט דאס בלוט פון קרבן אויף דם גראבען פינגער פון דר רעכטער האנד דען דער מענש איז גלייך צו דריי עולמות צום ערשטין איז דער קאפ וואס דרינען איז שכל אונ חכמה דם איז אקעגין דם עולם וואס מלאכים זענען דרינן וואס זיי זענען לוטר שכל דרום הט מען דם בלוט געשפרענגט אויף דם לעפיל פון אויער אונ דם אנדערע איז דם הארץ דם איז אקעגען עולם הגלגלים וואס גייאן אלע צייט אונ רואן ניט אזו אוך דאס הארץ פון דעם מענש רואט ניט אונ

קלאפט אלע צייט דען עס זאל אויף הערין צו קלאפן וואלט דר מענש באלד געשטארבן אזו אוך ווען דיא מזלות זאלען אויף הערין צו גיין וואלט די וועלט באלד חרוב געווארן דרום הט מען געשפרענגט דם בלוט אויף דעם גראבען פינגער פון דר האנד וואס דיא איז אקעגין דם הארצן דם דריטע זענען די פים וואס זענען נידריג אין גוף דם איז אקעגען דר וועלט וואס זיא איז נידריג דרום האט מען דם בלוט געשפרענגט אויף דם גראבן פינגר פון דעם רעכטען פום דם לעריגט אונז דם דער מענש זאל זיך היטען פון עבירות ער זאל זעהן וויא ער איז חשוב ער איז וואָרען באשאפען אקעגען דריי עולמות דם אלץ הט מען אים ביי דעם קרבן געוויזען (ופתח אהל מועד תשבו יומם ולילה שבעת ימים) דיא זיבען טאג וואס איר וועט דיא עבודה טאן זאלט איר געווארינט זיין ניט ארום צו גיין בשעת עבודה אבער מען זאל ניט מיינען דם גאט הט געהייסען זיי זאלען אלע זיבען טעג גאר ניט ארום גיין דאס איז ניט מעגליך דען אמענש מוז עסען אונ צורך טאן. דר מדרש שרייבט די זיבען טעג הט גאט געהייסן אבילות האלטען אויף דם וואס נדב ואביהוא וועלין שטארבען אזו ווי ער האט געטאן אין דור המבול דאס ער האט געהייסן פריר אבילות טאן אונ ער הט דם מבול געבראכט ווייל די גאנצע וועלט וועט פרלורן

### אוהל יעקב

סוחר אונ הט אים געבעטן עס זאל ביי אים חשוב זיין וויא ער בצאלט אים מיט געלד דעם חוב אז דר סוחר הט דם דר הערט הט ער זיך דר בארימט איבר דעם מענשן אונ זאגט אים זאלסט וויסן אז דיין געצאלץ איז ביי מיר חשוב אזו ווי דם געצאלץ פון דעם ערשטען וואס ער האט מיר געגעבען מזומן געלד מילא אצונד לאמר פר שטיין אמת טאקי דם געצאלץ פון דעם מענשען איז חשוב ביי דעם סוחר גאר עס איז אגרויסער חילוק פון דעם געצאלץ פון דעם מענשן צו דעם ערשטען מענשן אז דער סוחר וועט האבען נאך סחורות וועגען דיא קליינע סוחרים איז דער חילוק דער וואס הט בצאלט דעם סוחר מיט מזומן געלד וועט אים דר סוחר נאך אמאל געבען סחורות אויף בארג ווייל דר סוחר ווייסט אז ער וועט אים בצאלען אזו ווי ער הט אים אצונד בצאלט אבר דר אנדרר תאמיטשי דר סוחר הט ביי אים גענומען די מלבושים מיט די כלים פר דעם חוב פון דעסט וועגען מחמת נוט וואס הט זיך דעם מענשן

געטראפן וואס ער איז אפ געברענגט געווארן הט דר סוחר געמוזט גענומען די מלבושים פר דעם חוב ווארום ער הט קיין אנדרי ברירה ניט געהאט אבר ווייטר וועט דר סוחר מיט אים ניט וועלען האנדלען ער זאל אים צאלען מיט מלבושים דעם חוב דאס געמליכע איז דר חילוק צווישן דיא קרבנות וואס מענשן זענען מקריב דר וואס טוט מצות אונ מעשים טובים אז"ג פון דעסט וועגען ברענגט ער אקרבן תודה פון זיין גוטן ווילן ער טראכט זיך טאמר הט ער גזינדיגט איז דר קרבן חשוב ביי גאט אונ וויל מיט דם מענשען ווייטער אוך האנדלען אבר דר וואס ברענגט אקרבן חטאת אדר איין קרבן אשם אויף די זינד וואס ער הט פריר געזינדיגט אונ טראכט זיך ער איז ניצול געווארן פון דיא זינד קען זיין ער זאל נאך דעם ווייטער זינדיגן איז דאך דר קרבן אן גנומן ביי גאט נאר מחמת נוט דורך די זינד דרום וויל גאט מיט דעם מענשן ווייטער ניט האנדלען ער זאל ווייטר זינדיגן אונ ברענגן קרבנות :

פרלורן ווערין. דר בחיי פרענט ווי געשיקט זיך אבילות צו האלטען איי דר מענש איז געשטארבען דר תירוץ איז אמענש ווייסט ניט ווען אמת וועט זיין דרום מוז ער ווארטן ביז אמת איז דא. אבר גאט ווייסט ווען אמת וועט זיין דרום האט ער געהייסן אבילות האלטן איי נדב ואביהוא זענען געשטארבן און די פרשה איז ווארען געזאגט דריי און צוואנציג טאג אין אדר ווס מען הט דאס משכן אויף געשטעלט און זיבען טאג הט משה די עבודה געטאן און דם אכטען טאג איז געוועזן ראש חודש ניסן איז געקומן די שכינה און הט גערואט אויף דם משכן און מען הט געבראכט אקרבן חטאת צו פר געבין אויף דעם מזבח און צו הייליגען אים און דר נאך הט מען געבראכט אקרבן עולה צו באווילינן אויף די כהנים זיי זאלן קענען די עבודה טאן און מען הט אויף געבראכט שלמים צו לובען גאט:

## הפטרת צו.

(כה אמר ה') אזו זאגט גאט דער האר איבר אלע חיילות איך באגער ניט איר זאלט מיר ברענגען קרבנות און עולות מערט בעסער אויף אייערע שלמים און עסט פלייש דען איין עולה פארברענט מען און שלמים עסט מען דרום ווארום זאלט איר היזיק האבען צו ברענגען עולות און איך וויל זיי ניט בעסר ברענגט שלמים וועט איר עסן פלייש דען איך האב אייערע עלטערן ניט געבאטן זיי זאלן ברענגען קרבנות נור זייא זאלן צו הערן אויף מיין קול כדי עס זאל זיי גוט זיין (ולא שמעו) און זייא האבען ניט צו געהערט און האבען ניט גענייגט זייערע אורען צו מיינע רייד און זיי זענען געגאנגען אין זייערע עצות און אין קיקונג פון זייער שלעכטע הארץ און זייא זענען געגאנגען אין מיין דינסט אונטער זיך און ניט פאר זיך כלומר זייא האבען אום געקערט דעם אקען צו מיר פון דעם טאג וואס איך האב אום געצויגן אייערע עלטערן פון מצרים ביז אין היינטיגען טאג האב איך אלם געשיקט צו אייך מיינע קנעכט דיא נביאים אלע טאג האב איך געפעדערט און געשיקט און זייא האבען ניט צו געהערט צו מיר און האבען ניט גענייגט זייערע אורען צו הערען מיינע רייד זייא האבן געהארט זייער אקען און האבן שלעכטס געטאן מער פון זייערע עלטערן זאגט גאט צו ירמיהו איך ווייס (ודברת אליהם) דאס דו וועסט ריידן צו זיי די דאזיגע רייד און זיי וועלן דיך ניט צו הערען דו וועסט זיי רופן און זיי וועלן דיר ניט ענפערן אזו זאלסטו זאגען צו זייא דאס איז דאס פאלק וואס זיי האבען ניט צו געהערט אין דעם קול פון גאט זיין גאט און האבן זיך ניט גענומן קיין שטראף די אמונה איז ווארן פארלארען פון זיי און איז ווארן פארשניטען פון זייער מול דאס זיי ריידן ניט קיין אמת נור שקר (גזי נזרך) דרום ביים אום דיינע האר אדער דיין קרון און ווארף אוועק און הייב אויף אקלאג אויף די הוכע בערג ווארום גאט הט ממאס געוועזן און הט פארלאזט דעם דור וואס האט עובר געוועזן אויף זיינע רייד דען די בני יהודה האבן געטואן וואס בייז איז אין מיינע אויגן אזו זאגט גאט זיי האבן געטואן אום ווירדיקייט אין דעם הויז וואס מיין נאמען ווערט גערופן דרויף כדי זיי זאלען אים מטמא זיין (ובנו במות התופת) און זיי האבען געבויאט במות פון דער אפ גאט וואס הייסט תופת דאס איז די אפ גאט מולך וואס זיא איז געשטאנען אין טאל בן הנום צו פארברענגן זייערע זין און זייערע טעכטער אין פייער דען די אפ גאט מולך איז ווארן געמאכט פון קופר און הט געהאלטן אום געשטרעקט די הענד און ווען איינער הט געוואלט זיין זון מקריב זיין הט מען אום געהייצט אונטער דם אפ גאט און מען האט דם קינד געגעבין אויף אירע הענד איז עס תיכף פר ברענט געווארין און פלעגט בשעת מעשה זייער שרייען פלעגט מען פוקין דר פאטער זאל ניט הערין דם קול און וועט זיך דר בארימן איבר אים דרום הייסט די אפ גאט תופת דם איז טייטש פוקין און דר טאל הייסט (בן הנום) דם איז טייטש דר זון ברומט (אשר לא צויתי) ווס איך האב דם ניט געבאטין זיי זאלין זייער קינד מקריב זיין צו מיר און עס איז ניט געוועזן מיין ווילען דען חאטשע איך האב געבאטין אברהם ער זאל איין אפפער ברענגין זיין זון יצחק פר מיר דם האב איך נאר געבאטין צו ווייזין זיין צדקות (לכן) דרום וועלין קומען טעג זאגט גאט וואס עס וועט שון ניט גערופין ווערין דם ארט תופת און גיי בן הנום נאר מען וועט רופן דר טאל ווס לייט זענין דריגן געהרגית געווארין און מען וועט זייא באגראבין ביי דר אפ גאט תופת ווייל עס וועט ניט זיין קיין אנדער ארט צו באגראבין זיי ווייל זיי וועלין פיל זיין און דיא טוטע גופים פון פאלק וועט זיין צו עסען

עסען צו די פייגל וואס זענין אונטער דם הימל אונ צו בהמות כלומר צו דיא חיות וואס זענין אויף דר ערד אונ עס וועט ניט זיין קיין מענש וואס זאל די פייגל דר שרעקין אונ אוועק טרייבין פון דיא טויטע גופים (והשבתי) אונ איך וועל פר שטערין פון די שטעט פון שבט יהודה אונ פון די מארקין פון ירושלים אקול פון פרייד אונ אקול פון אחתן מיט אכלה דען צו פר וויסטונג וועט זיין דם לאנד (בעת ההיא) אין דר דאזיגר צייט זאגט גאט וועלין די כשדים אויסציהען די ביינר פון די מלכי יהודה אונ זייערע הארען אונ דיא ביינר פון דיא כהנים מיט זייערע פאלשע נביאים אונ פון די זיצער פון ירושלים וועלין זיי אלץ אויסציהן פון זייערע קברים וואס זיי זענין דארטין באגראבין אונ דיא כשדים וועלין אליין זיצען אין דיא קברים צו בעלאגערין ירושלים דען זייערע קברים זענין אזו שיין גיוועזן ווי פאליצען אונ מען וועט די ביינר פרשפרייטן קעגין דר זון אונ קעגין דר לבנה אונ קעגין אלע היילות פון הימל וואס זיי האבין געדינט צו זיי די ביינר וועלין ווערין איינגעזאמלט אונ וועלין ניט ווערין באגראבין נאר זיי וועלין זיין צו מיסט אויף דער ערד אונ חאטשע דיא מתים וועלין ליגען בבזיון פון דעסט וועגין (ונבחר מות מחיים) וועלין זיי אום וויילין דם טוט מער ווי דם לעבין דיא ישראל וואס וועלין ווערין פר שטוסין אין אלע לענדער אזו שלעכט וועט זיי זיין אזו זאגט גאט (כה אמר יי) אזו זאגט גאט עס זאל זיך ניט באריםען אחכם מיט זיין חכמה אונ אגבור מיט זיין גבורה אונ איין עושר מיט זיין עשירות נאר מיט דם זאל ער זיך לויבין דר וואס איז קלוג אונ ווייסט מיך דען איך בין דר גאט וואס טוא חסד אונ משפט אונ צדקה אויף דער ערד (כי באלה חפצתי) דען אין די דריי זאכען באגער איך כלומר איך געבית ווער עס זאל זיין אחכם אדער אגבור אדער איין עושר אזו ווי דר פסוק זאגט (לי הכסף ולי הזהב נאום יי) צו מיר גאט איז דם זילבר אונ גאלד אונ איך גיב וועמין איך וויל:

# פרשת שמיני

(ויהי ביום השמיני) שלמה המלך זאגט אין משלי (חכמות נשים בנתה ביתה) דם לערינט אונז דם די תורה איז גיגלעכינט צו אקלוגע אשה אונ דרום רופט זיא דער פסוק חכמות ווייל אין דר תורה זענען פיל חכמות אונ זיא איז גיגלעכינט צו אקלוגע אשה וואס בועט איר הויז אויף גוטע ייסודן אונ פאר היט איר הויז גאנץ גוט דם זיא ברענגט אלץ אריין אין הויז אונ קאכט גוטע שפייז אונ מאכט גוטע גיטרענקע אונ גרייט אליין אן דם טיש אונ טוט רופן איר גוטע חברותה אזו אויך איז דיא תורה זיא איז אן געבריית מיט פיל חכמות אזו ווי אטיש איז געגרייט מיט גוטע שפייז אונ זיא טוט רופן צו לייטן אונ זאגט ווער עס איז אנער אונ הט קיין שכל ניט דר זאל קומן צו מיר וועל איך אים לערנן שכל אזו ווי דר פסוק זאגט (לכו לחמו בלחמי ושתו יין מסכתי) דיא תורה זאגט צו לייט גייט עסען מיין ברויט אונ טרינקט מיין ווין אונ ווארפט אוועק אייער וועג אונ נעמט אייך חכמות וועט איר לאנג לעבין אונ די היידן גלייכט

ער

ליקוטי יקרים

(ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו) דעם אכטין טאג ווי משה הט באנייאט דם משכן כלומר זיבן טאג הט ער אליין געמאכט די דינסט פון אכהן אין משכן אונ דם אכטין טאג הט ער גערופן צו אהרן אונ צו דיא אלטע פון ישראל, דער אור פני משה שרייבט ווייל משה האט ניט געוואלט גיין אין שליחות פון גאט ווען ער האט זיך צו אים באוויזין אויף דם דארן אונ האט אים געשיקט צו פרעה דער מלך פון מצרים ער זאל ארוס שיקען די יודען אונ משה הט זיך געשפארט אקעגין גאט זיבן טאג אונ הט ניט געוואלט גיין אין דעם שליחות ערשט דעם אכטין טאג איז ער געגאנגין אזו ווי די חכמים שרייבין אין דר גמרא אונ אין מדרש איבער דם איז משה געוועז אכהן דיא ערשטע זיבן טאג ווי ער הט אויף גישטעלט דם משכן אונ גאט ברוך הוא הט אים געוויזען ווען דו זאלסט דיך ניט געוועזן איין שפארין אין דעם שליחות וואלסטו געוועזן אכהן אויף אייביג, אצונד אז דו האסט דיך אבער געשפארט אונ האסט ניט געוואלט גיין אין דם שליחות זיבן טאג ערשט דם אכטין טאג ביסטו געגאנגען איבר דם איז דיר גענוג דיא כהונה אויף זיבן טאג אונ דם אכטין טאג הט משה גערופן צו אהרן אונ צו זיינע קינדר אונ הט זיי איבר געגעבין דיא כהונה פר דיא אלטע פון ישראל:

עֶר צוּ אַגְרוֹיסֶע אִשָּׁה וָוס מַאכְט זִינְדִיגֶן לַייט מִיט אִיר שְׁלֶעכְץ אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (אֵשֶׁת כְּסִילוּת הוֹמִיָּה פְּתַיּוּת בַּל יָדְעָה מָּה וְיָשְׁבָה לְפֶתַח בֵּיתָהּ׃) דִי נַארִישֶׁע אִשָּׁה אִיז אַבֶּערִימֶרִין זִיא טוּט אַלְץ רֵיידֶען אוּנ וֵוייסְט נִיט וָוס זִיא רֵייד אוּנ זִיא זִיצְט אַלֵיין אוֹיף דֶר טִיר פוּן אִיר הוֹיז אוֹיף דֶר גַאס אוּנ גֵרֵייט גָאר נִיט אָן אִין הוֹז אוּנ לְסוֹף טוּט זִיא נִיט גֶעפִינֶען וָוס צוּ עֶסֶען אַזוֹ אִיז אוֹיךְ דִי הֵיידֶן זֵיי גֵייאֶן אַרוּם פוּן דֶעם שָׁאטֶען פוּן גָאט. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶם פָּסוּק (חָצְבָה עַמּוּדֶיהָ שִׁבְעָה׃) דִי חָכְמוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן זִיבֶּן הִימְלֶען אִיז דֶר מֶענְשׁ זוֹכֶה וֶועט עֶר יַרְשֶׁנֶען דִי וֶועלְט וָוס זִיא אִיז אוֹיךְ זִיבֶּן חֲלָקִים דָם אִיז זִיבֶּן ווִינְקְלִין וָואס זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט אוּנ דַוְקָא אוֹיף זִיבֶּען ווֵילֶען שְׁטֵייט דִיא תּוֹרָה דֶר חֶשְׁבּוֹן זִיבֶּען וֵוייזְט אוֹיף זִיבֶּען הִימְלֶען אוּנ בַּיי פִיל מִצְוֹת אִיז דֶר חֶשְׁבּוֹן זִיבֶּען אַזוֹ וִוי שַׁבָּת אִיז נָאךְ זִיבֶּען טֶעג אוּנ שְׁמִיטָּה אִיז נָאךְ זִיבֶּען יָאר אוּנ יוֹבֵל אִיז נָאךְ זִיבֶּען שְׁמִיטּוֹת אוּנ פֶּסַח אִיז זִיבֶּן טָאג אוּנ סוּכּוֹת אִיז אוֹיךְ זִיבֶּן טֶעג אוּנ בַּיי דֶם אֶתְרוֹג אִיז דָא זִיבֶּן זַאכֶען דֶער אֶתְרוֹג אִיז אֵיינְס דֶער לוּלָב אִיז צְוֵויי אוּנ דְרַייא צְוַויינֶען הֲדַס אִיז פִינְף אוּנ צְוֵוייא צְוַויינֶען עֲרָבוֹת אִיז זִיבֶּען אוּנ אֲבֵילוּת אִיז זִיבֶּען טֶעג אוּנ שִׂמְחָה פוּן אַחָתָן אִיז אוֹיךְ זִיבֶּען טֶעג אוּנ דָם אִיז אָן גֶעוַויזֶן דָא אִין דֶר פַּרְשָׁה דֶען זִיבֶּען טֶעג הָאט מֹשֶׁה מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת אוּנ הָאט מִיט זֵיי בַּאנַייאַט דֶם מִזְבֵּחַ אוּנ אִין אַכְטֶען טָאג דָם אִיז גֶעוֶוען אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן הָט אַהֲרֹן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת אוּנ צֶעהֶן עֶרְלֵייא כָּבוֹד אִיז וָוארֶען גֶעטָאן צוּ יִשְׂרָאֵל אִין דֶם טָאג. דֶער מִדְרָשׁ שְׁרַייבְּט אִין תְּהִלִּים (אָמַרְתִּי לַהוֹלְלִים אַל תָּהוֹלּוּ׃) אִיךְ טוּא זָאגֶן צוּ דִיא וָוס פְרֵייעֶן זִיךְ דֶם זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט דֶר פְרֵייעֶן דֶען זֵיי וֵוייסֶען נִיט וָוס דֶר נָאךְ קֶען קוּמֶן, וֶועה בַּיי מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (יִשְׂמַח יְיָ בְּמַעֲשָׂיו) גָאט הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט זַיינֶע בַּאשֶׁעפִינֶעשׁ אוּנ דֶר נָאךְ שְׁטֵייט (וַיִּתְעַצֵּב אֶל לִבּוֹ) גָאט הָט גֶעטְרוֹיעֶט אוּנ הָט חֲרָטָה גֶעהַאט וואס

עֶר הָט דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפֶן ווַייל דִי מֶענְשֶׁן זֶענֶען שְׁלֶעכְט אוּנ וֶוען גָאט הָט נִיט לַאנְג שִׂמְחָה גֶעהַאט מִכָּל שֶׁכֵּן אַמֶענְשׁ ווֵייסְט בְּוַדַּאי נִיט וִוי לַאנְג זַיין שִׂמְחָה וֶועט דוֹרֶען אוֹיךְ אַבְרָהָם הָט גֶעהַאט שִׂמְחָה ווַייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּנ הָט גוֹבֵר גֶעוֶוען זַיינֶע פַיינְד אוּנ גָאט הָט אִים גִינֶעבִּין אַזוּן צוּ הוּנְדֶערְט יָאר אוּנ דֶער נָאךְ הָט זִיךְ זַיין שִׂמְחָה בַּאלְד אוּם גֶעלָאזְט דֶען גָאט הָט אִים גֶעהֵייסֶן שֶׁעכְטִין זַיין זוּן אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים הָט עֶר גֶעפוּנֶען דָם זַיין ווַייבּ שָׂרָה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ הָט נִיט גֶעהַאט קֵיין אָרְט צוּ בַּאגְרָאבֶען זִיא בִּיז עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט פַר פִיר הוּנְדֶערְט שְׁקָלִים אַפֶּעלְד צוּ בַּאגְרָאבֶן זִיא, אוֹיךְ יִצְחָק הָט גְרוֹס שִׂמְחָה גֶעהַאט דָם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַיין עוֹשֶׁר אוּנ דֶער מֶלֶךְ מִיט דִיא שָׂרִים הָאבִּין צוּ אִים גֶעזָאגְט מִיר הָאבִּין גֶעזֶעהְן פִיל ווָאוּנְדֶער בַּיי דַיין פָאטֶער אוּנ בַּייא דִיר אוּנ הָאבִּין אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטֶען אוּנ עֶר אִיז נִיצוֹל גֶעוָוארִין פוּן דִיא לַייט פוּן גְרָר וָוס הָאבִּין מִיט אִים גֶעקְרִיגְט אוּנ צוּם סוֹף אִיז עֶר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער בְּלִינְד גֶעוָוארֶען אוּנ הָט דֶער פוּן גֶעהַאט גְרוֹס צַעַר אוּנ וֶוען צוּ אַזוֹ אַפְרוּמֶען יִצְחָק אִיז אַזוֹ גֶעשֶׁעהֶן וָוס קָאן נָאךְ צוּ אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעהֶן, אוֹיךְ יַעֲקֹב הָט גֶעהַאט גְרוֹס שִׂמְחָה דָאס גָאט הָאט אִים גֶעוויזֶען אַלֵייטֶער שְׁטֵייט בַּיי דִיא פִים אוּנ גְרֵייכְט בִּיז אִין הִימֶעל אוּנ דִיא מַלְאָכִים פוּן גָאט גֵייאֶן אַרוֹיף אוֹיף דֶם הִימֶל דוּרְךְ דֶר לַייטֶער אוּנ גָאט הָאט אִים גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל מִיט דִיר זַיין אוּנ צוּם סוֹף הָאט עֶר פִיל צָרוֹת גֶעהַאט פוּן עֵשָׂו אוּנ לָבָן אוּנ דִינָה אוּנ יוֹסֵף אִיז וָוארֶען פוּן אִים פַרְלוֹרִין פִיל יָאר אוּנ וֶוען דָם אִיז צוּ יַעֲקֹב גֶעשֶׁעהְן וָוס קָאן אֵיין אַנְדֶערִין גֶעשֶׁעהְן נָאךְ זַיין שִׂמְחָה אוּנ אוֹיךְ יְהוֹשֻׁעַ הָט גֶעהַאט גְרוֹס שִׂמְחָה דָם עֶר הָט גֶעמַאכְט אַרְבִּין דָאס לַאנְד צוּ יִשְׂרָאֵל פוּן דִי כְּנַעֲנִים אִיבֶּר דֶם הָאבִּין אִים כָּל יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטֶן אוּנ הָאבִּין אִים גֶעזָאגְט וֶוער עֶם וֶועט רֵיידְן אַוָוארְט אַקֶעגְן יְהוֹשֻׁעַ דֶער זָאל וֶוערִין גֶעטֵייט אוּנ צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אָן קִינְדֶער וָואס דָאס אִיז

אצער אפילו צו אפראסטין מענשען מכל
שכן צו אזו אחשובין מענשען דרום זאל
מען שמחה פר נישט האלטין, אונ אז עלי
הכהן הט געהאט גרוס שמחה דם ער איז
געוועזן אמלך אונ אכהן גדול אונ איין אב
בית דין אונ צום סוף אז די פלשתים האבן
אוועק גענומען דם ארון איז ער דר שראקן
געווארען אונ איז אראפ געפאלען פון דער
שטול אונטר זיך אונ האט זיך צו בראכען
זיין האלז אונ זיינע צוויי קינדר זענין ווארען
געטייט אין דער מלחמה אונ ווען צו עלי
איז אזו געשעהן וואס קען נאך איין אנדערין
מענש געשעהן נאך זיין שמחה אונ אויך דם
ווייב פון אהרן אלישבע דיא טאכטער פון
עמינדב הט געהאט גרוס שמחה דם איר
מאן איז געוועזן אכהן גדול אונ איר שוואגר
משה איז געוועזן אמלך אונ אנביא אונ אירע
צוויא זיהן נדב ואביהוא זענען געוועזן דיא
העכסטע כהנים נאך אהרן אונ איר ברודר
נחשון בן עמינדב איז געוועזן דר העכסטער
נשיא צווישען ישראל אונ צום סוף האט
זיך איר שמחה אום געלאזט דאס אירע
צוויי זיהן זענען פאר ברענט געווארען אין
משכן בייא דיא קרבנות דרום זאל זיך
אימליכער מענש דר מאנין אין זיין שמחה
צו טאן גוטס דהיינו ווען ער איז רייך זאל
ער געבין צדקה איי דר עני מיהט אים אן
(קרא משה לאהרן ולבניו) משה הט געזאגט
צו אהרן גינעהן צום מזבח נאט וויל דיך
פאר אכהן גדול האט אהרן גיענטפערט דו
האסט דיך לאנג בעמיהט מיט דם משכן
בוען אונ איך זאל זיין אכהן גדול אונ דו ניט
הט משה גיענטפערט ווען דו ביסט אכהן
גדול האב איך שמחה גלייך ווי איך וואלט
געוועזן אכהן גדול אזו וויא דענקסט מאל אז
נאט האט מיך געוואלט שיקען צו פרעה
האב איך געזאגט אהרן איז עלטער לאז
ער גיין אין שליחות הט נאט מיר גיענטפערט
אהרן ווערט אשמחה האבין דער פון וואס דו
וועסט אזו אכבוד האבין אונ אזו וויא דו
האסט דיך געפרייד מיט מיין כבוד אזו
פרייא איך מיך מיט דיין כבוד וואס דו ביסט
אכהן גדול אונ נאט האט געזאגט צו משה
דו זאלסט ניט מיינען ווייל דו האסט זיבען
טעג מקריב געוועזן קרבנות וועסטו זיין אכהן
גדול נייערט דו זאלסט רופן צו אהרן ער
ווערט זיין אכהן גדול אונ זאלסט רופן דיא
זקנים זיי זאלען עדות זאגען דאס איך האב
געמאכט אהרן אונ ניט אהרן הט זיך אליין
געמאכט פאר אכהן גדול אונ אהרן זאל
ברענגין אקאלב פאר אקרבן דם נאט זאל
אים מוחל זיין דיא עבירה פון דם עגל. דר
מדרש זאגט דיא ישראל האבין דרום
געבראכט אציגעלי פר אקרבן צו מכפר
זיין אויף דר עבירה וואס זיי האבין געקילט
אציגעלי אונ האבין איינגעטונקין דם העמד
פון יוסף אין בלוט אונ האבין זייער פאטר
יעקב דר מיט צער אן געטאן אונ ווייל זיי
האבין געדינט צום עגל זאלען זיי אקאלב
אויך ברענגען אונ ווייל אהרן האט נאר
געזינדיגט במעשה אז ער הט געמאכט דם
עגל אבער זיין מחשבה איז ניט געוועזן דר
בייא נאר צו נאט דרום האט ער אקאלב
געבראכט פאר אחטאת וואס דם קומט ווען
מען זינדיגט במעשה אבער די ישראל האבן
געזינדיגט במחשבה דם זיי האבן אשלעכטע
מחשבה געהאט צו דינען דאס עגל דרום
האבין זיי דם קאלב געבראכט פר אקרבן
עולה וואס דם קומט אז מען זינדיגט במחשבה
(קרב אל המזבח) דר מדרש זאגט עם הט
זיך

### אוהל יעקב

(ויאמר משה אל אהרן) משה הט געזאגט צו אהרן (הוא
אשר דבר ה') דם הט נאט געזאגט (לאמר) אזו צו
זאגען (בקרובי אקדש) דורך מיינע נאהענטי וועל איך
ווערען געהייליגט (ועל כל פני העם אכבד) אונ פר דעם
גאנצען פאלק וועל איך ווערן געערליכט דר מדרש זאגט
משה הט אזו געזאגט צו אהרן אויף דעם בארג סיני איז
מיר געזאגט געווארן אז איך בין אן געבייט צו הייליגען דם
משכן אונ דורך אגרויסען מענשען וועל איך הייליגען דם
משכן האב איך געמיינט אז דורך דיר וועט דאס משכן
געהייליגט ווערין אצונד אז איך זעה אז דיינע צוויי קינדר
זענען געשטארבן אין משכן זענען זיי גרעסר פון מיר אונ
פון דיר אצונד לאז מיר פר שטיין וואס הט נאט גדארפט
בנייען דם משכן מיט דיא קינדער פון אהרן וואס זיי זענען
געשטארבן אין משכן וועלן מיר די זאך געבן צו פר שטיין
מיט אמשל צוויי ברידר האבן געוואונט אונ אשטאט איינער
איז געוועזן איין עושר אונ הט געהאט גרויסע נחלאות אונ
הט

זיך צו אהרן אום געווזען אנגעשטאלט פון איין אוקס דרום הט ער זיך געפארכטען צו גיין האט משה צו אים געזאגט פארכט דיך ניט גייא צו צום מזבח. דער רמב"ן שרייבט מען זאל ניט מיינען דם דר מזבח הט זיך צו אהרן אום געווזען אנגעשטאלט פון איין אוקס נייערט עס איז געמיינט אהרן איז אגרויסער צדיק אונ הט אלע צייט אין דר מחשבה געהאט די עבירה פון עגל הט משה אים געזאגט גייא צו צום מזבח אונ פארכט דיך ניט דען גאט האט דיר מוחל גיוועזן די עבירה פון דם עגל (וכפר בעדך ובעד העם) דו זאלסט פריער מכפר זיין אויף דיינע עבירות אונ דער נאך אויף דיא עבירות פון דעם פאלק אונ אזו אויך זאל איטליכר מענש זיך פריער גירעכט מאכן דר נאך זאל ער שטראפין דם פאלק. דריי ערליי זאכין הט מען מקריב גיוועזן פון דם קרבן דם ערשטע דם חלב ווייל דר חלב פון מענשען אז דר מענש איז פעט מאכט דם ער הט גאוה אונ טוט עבירות דר נאך הט מען מקריב גיוועזן דיא נירען ווייל דער מענש טוט דיא עבירה מיט דר עצה וואס קומט פון דיא נירען אונ דר נאך האט מען מקריב גיוועזן דם רוט פלייש וום דעריגען איז דם בלוט פון מענש וואס דם ברענגט דעם מענש צו עבירות (וישא אהרן את ידיו וגו') אהרן הט אויף געהובן זיינע הענד אקעגין דם פאלק אונ הט זיי גיבענשט מיט ברכת כהנים (ויבא משה ואהרן וגו') אונ משה מיט אהרן זענין אריין געגאנגען אין אהל מועד צו לערנין אהרן ווי צו ברענגין קטורת אונ אטייל זאגין אהרן האט שוין פריער געבראכט קטורת נאר ווייל דאם פייער פון דעם הימל איז נאך ניט געקומען הט אהרן געזאגט צו משה דם איז פון מיין עבירה וועגין וואס איך האב געמאכט דאם עגל אונ דו משה האסט מיך געבראכט צו אחרפה אזו באלד איז משה מיט אהרן געגאנגען אין אהל מועד אונ האבין תפלה געטאן האט זיך דיא שכינה באוויזען צו ישראל אונ משה מיט אהרן זענין ארוס געגאנגן פון אהל מועד אונ האבן געזאגט אז גאט וועט מאכן רואן זיין שכינה אויף יודען

אבר

## אוהל יעקב

הט זיך פון זיי מפרנס געוועזן בריות אונ דער אנדערער איז געווען איין ארומאן אונ הט געהאט אקליין שטיבל אונ הט זיך מפרנס געוועזן בדוחק ויהי היום איז דעם ארום מאנס שטיבל אפ געברענט געווארן אונ ווער עס איז דורך געפארן דורך דעם ארומאן האט זיך געוואונדערט אויף דעם ארום מאנס אומגליק אונ זאגט מיט וואס קען זיך אצונד דער ארומאן מפרנס זיין אונ זיי האבן זיך דר בארימט אויף זיין גרוס ארומקייט אונ ווער עס איז דורך געפארן הט דעם ארומאן גגעבן אגרויסע נדבה אונ דר ארומאן האט פון דיא נדבות איין גזאמילט אסך געלד אמאל זאגט צו אים דר ברודר דר עושר מאך דיר אזו אהוז וויא מיינס אונ זיי דיך מפרנס בריות אזו ווי איך זאגט דר ארום מאן חלילה איך זאל מיר קאלי מאכען דם רחמנות וום גאט הט מיר געגעבען ביי די מענשן וום פארן דורך אונ זעהן דם אפ געברענטי שטיבל אונ האבען אויף מיר רחמנות אונ געבן מיר נדבות וואס פון דעם בין איך מיין מרויח איידר דוא ביסט מרויח פון דיין גרוס הויז. דאס געמליבע האט משה געזאגט צו אהרן אצונד אז עס הט זיך געטראפן דיינע צוויי קינדר אז זיי זענען געשטארבן אין משכן דורך אקליינע זינד ווי גרוס זיי זענען אז זיי האבן געווארפן אפחד אויף יודען צו זינדיגען איז דר זכות פון דיינע קינדר זייער גרוס וום זיי זענען מכפה די יודען זיי זאלן ניט זינדיגן דורך דר מורא וום הט זיך געטראפן די קינדר וום זיי זענען געשטארבן פונקט ווי דער ארום מאן הט גיענפערט דעם ברודער אז דורך דם ארומקייט זאמילט ער איין פיל געלד אזו אהרנס קינדר מיט זייער שטארבן איז זייער זכות גרוס דר מדרש זאגט אהרן הט זיך געפרייט אז ער הט געזעהן זיינע קינדר זענען געשטארבן דורך אקליינע זינד עס איז אדמיון איינגל איז אהיים געקומען פון דעם חדר אונ הט זייער געוויינט פאר דעם פאטער פרעגט אים דר פאטער וום וויינסטו זאגט דם יינגל דר רבי הט אים געשלאגן אומזיסט פרעגט אים דר פאטער וום איז אזעלכים געוועזן זאגט ער דער רבי הט אונז געפרעגט אקשיא האבן מיר אים ניט געוואוסט צו ענפרין הט דער רבי קיין אנדר יינגעל ניט געשלאגן נאר מיך הט דר פאטער זייער גלכט אונ דם יינגל הט זיך פר וואונדרט פרעגט ער דעם פאטער וואס פרייסטו דיך אויף מיין ווייטאג וום דר רבי הט מיך געשלאגען ענפערט דר פאטער פון דעם וום דר רבי הט דיך געשלאגן אונ קיין אנדרן ניט פאר שטייא איך אז דיין שכל איז נבעסר פון דיא אנדערי קינדר דרום הט ער קיין אנדערין ניט געשלאגען נאר דיך דר נמשל איז נדב ואביהוא האבן געטאן אקליינע זינד וום זיי האבען מקטיר גיוועזן קטורת וועלכי גאט האט ניט אן געזאגט אונ זיי זענין געשטארבן האט זיך אהרן געפרייט אונ הט גאר ניט געוויינט ווארום פון דעם דאזיגן הט ער פר שטאנען אז זיי זענין גרויסי צדיקים דרום הט גאט מיט זיי מדקדק גיוועזן אפילו אויף אקליינע זינד:

אבר דיא גאנצע זיבן טאג וואס משה האט מקריב גיוועזן קרבנות הט דיא שכינה זיך ניט בוויזן צו די ישראל האבן זיך די ישראל גישעמט אונ האבן געזאגט צו משה מיר האבן זיך זייער גמיט דס דיא שכינה זאל זיך צו אונז בווייזן כדי מיר זאלן וויסן דס גאט הט אונז מוחל גיוועזן די עבירה פון דם עגל אונ היינט בווייזט זיא זיך ניט הט משה זיא גיענטפערט מיין ברודר אהרן איז ראוי דס דיא שכינה וועט זיך דורך אים בווייזן דר מיט וועט איר וויסן דאס גאט הט אים אום דר וויילט פר איין כהן גדול אזו הט זיך די שכינה בוויזן אונ עס איז געקומן איין פייער פון דעם הימל אונ האט פר ברענט דיא קרבנות האבן דיא ישראל גיזעהן אונ האבן גילובט גאט אונ זענין געפאלן אויף זייער פנים פר גרוס מורא דר בחיי שרייבט דס פייער וואס איז געקומן פון דם הימל צו פר ברענגין דיא קרבנות איז געבליבן אויף דם מזבח אונ איז ניט ווארן פר לאשן דיא גאנצע צייט ביז דר בית המקדש פון שלמה איז געשטאנן אונ מיר געפינן דאס צוועלף מאל איז געקומן אפייער פון דם הימל זעקס מאל צו גוטן צו פר ברענגין די קרבנות אונ זעקס מאל צו בייזן צו שטראפן די לייט. דס ערשטע פייער איז געוועזן ביי דם משכן; דס אנדרי פייער איז געקומן אין דיא טעג פון גדעון דס ער הט בגערט איין צייכן פון גאט אונ האט געשאכטן איין ציקלי איז געקומן איין פייער פון אשטיין אונ הט פר ברענט דם ציקלי, דם דריטע מאל אין די טעג פון מנוח וואס דר מלאך איז געקומן צו זאגן אים דאס ער וועט האבן איין זון האט מנוח געשאכטן איין ציקלי איז געקומן איין פייער פון איין שטיין ביז אין הימעל, דאס פערדי מאל איז גיוועזן אין די טעג פון דוד דם עס איז געקומן איין דבר אויף די ישראל הט דוד געקופט איין שייער אונ הט דארטן מקריב גיוועזן קרבנות איז געקומן איין פייער פון דם הימל אונ הט פר ברענט די קרבנות דם פיפטע מאל איז געקומן איין פייער אין די טעג פון שלמה אז ער הט אום גיבואט דאס בית המקדש אונ האט פיל קרבנות דריגן מקריב גיוועזן אונ דר קופרנר מזבח פון משה וואס דם פייער איז אויף אים גיוועזן הט ניט גיקענט פר נעמן אלע קרבנות אויף זיך דרום הט שלמה גמוזט היילגן דעם הויף צו מקריב זיין אין אים קרבנות אונ פרעמד פייער הט מען אויך ניט געטארט נעמין דרום איז געקומען אפייער פון הימל אונ הט פר ברענט די קרבנות, דם זעקסטע פייער איז געקומן פון הימל אין די טעג פון אליהו דם ער הט געוויזן צו דיא פאלשע נביאים ווי ער הט פיל וואסר געגאסין אויף דם מזבח מיט די קרבנות אונ הט גיבעטין גאט איז געקומן אפייער פון הימל אונ הט פר ברענט די קרבנות מיט דם וואסר. אונ די זעקס ערליי פייער וואס עס איז געקומען צו בייזן דם ערשטע פייער איז געוועזן עס הט פר ברענט נדב ואביהוא דם אנדערע פייער איז געוועזן אז ישראל האבין געקריגט אויף משה אונ אהרן אין דער מדבר איז געקומן אפייער פון גאט אונ הט פר ברענט די חשובע לייט דם דריטע פייער איז געוועזן ביי קרח וואס ער האט געקריגט מיט משה איז געקומען אפייער פון הימל אונ הט פר ברענט צוויי הונדערט אונ פופציג מאן דם פערדע פייער איז געקומען אין די טעג פון איוב אונ הט פר ברענט זיינע היזער דם פיפטע אונ דם זעקסטע פייער איז געקומן דורך אליהו אונ הט פר ברענט זיינע פייגד (ויתנו בהן אש) די עבירה פון נדב ואביהוא איז גיוועזן דם זיי האבין געבראכט פרעמד פייער ניט פון מזבח אונ האבין געוואלט מקטיר זיין קטורת דען זיי האבין געמיינט דם פייער פון מזבח דארף מען האבין צו דיא קרבנות אונ דם האבין זיי ניט רעכט גיטאן דען זיי וואלטין נידארפט טראכטין אוב מען וועט דארפין פייער אויף דעם מזבח קאן גאט געבין נאך פייער אונ דער מדרש זאגט זיי האבין זיך אן געטרונקן מיט וויין אונ האבין געוואלט דיא עבודה טאן דרום זענין זייא געשטארבען אונ דרום איז באלד נאך זייער מיתה ווארען פר באטין מען זאל קיין וויין טרינקען ווען מען וויל דיא עבודה טאן. גאט הט געזאגט צו נדב

נָאֲבִיהוּא אִיךְ וֶועל אַייךְ מֶער מְכַבֵּד זַיין ווִיא אִיר הָט מִיךְ מְכַבֵּד גִיוֶועזְן דֶען אִיר הָט פַר מִיר גֶעבְּרַאכְט אוּם הֵיילִיג פַייֶער אוּנ אִיךְ וֶועל אוֹיף אַייךְ בְּרֶענְגֶן הֵיילִיג פַייֶער פוּן דֶם הִימֶל אַזוֹ בַּאלְד הָט גָאט אוֹיף זֵיי גִיבְּרַאכְט צְווַייא פַייֶערִיגֶע פֶעדִים פוּן דֶעם הִימֶל אוּנ אִיטְלִיכֶער פֶאדִים הָאט זִיךְ גֶעטֵיילְט, צְווַיי פֶעדִים זֶענִין אַרַיין אִין דִי נָאז לֶעכֶר פוּן נָדָב אוּנ צְווַיי פֶעדִים זֶענִין אַרַיין אִין דִי נָאז לֶעכֶר פוּן אֲבִיהוּא אוּנ זֶענִין גֶעשְׁטָארְבֶּן דֶען זֵייעֶר נְשָׁמָה הָאט זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן זֵייעֶר גוּף אוּנ ווַייל זֵיי הָאבֶּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט פַייֶער דְרוּם זֶענִין זֵייא וָוארֶן גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט פַייֶער אוּנְזֶרִי חֲכָמִים זָאגִין מֹשֶׁה הָט גֶעזָאגְט צוּ אַהֲרֹן אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דָם עֶס וֶועט עֶפִּים בֵּייז גִישֶׁעהֶן מִיר אָדֶר דִיר דָם הוֹיז זָאל דוּרְךְ אוּנְז גֶעהֵיילִיגְט וֶוערִין הַיינְט זֶעה אִיךְ דָם זֵייא זֶענִין בֶּעסֶר פוּן מִיר אוּנ פוּן דִיר דָם דוּרְךְ זֵיי אִיז דָם הוֹיז גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוארֶן דֶען גָאט הָאט גֶעזָאגְט דוּרְךְ מַיינֶע חֲשׁוּבִי לַייט וֶועל אִיךְ גֶעהֵיילִיגְט וֶוערֶן דָם כָּל יִשְׂרָאֵל וֶועלֶן זִיךְ פַארְכְטֶן פַר מִיר וֶוען אִיךְ טוּא אֵיין מִשְׁפָּט אִין דִיא חֲשׁוּבִי לַייט מִכָּל שֶׁכֵּן דָאם אִיךְ וֶועל אֵיין מִשְׁפָּט טָאן אִין דִיא פְּרָאסְטִי לַייט אוּנ ווַייל זֵייא זֶענִין חָשׁוּב גִיוֶועזְן דְרוּם דֶר מַאגֶן מִיר זֵייעֶר מִיתָה אוּם יוֹם כִּפּוּר ווַייל דִי מִיתָה פוּן צַדִיקִים אִיז מְכַפֵּר אוֹיף דִיא יִשְׂרָאֵל (אוּנ זֵייעֶר גוּף אִיז נִיט וָוארֶן פַר בְּרֶענְט דֶען עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאם מֶען הָט נָדָב וַאֲבִיהוּא נָאךְ זֵייעֶר טוֹט אַרוֹם גֶעטְרָאגֶן פוּן דֶעם מִשְׁכָּן אִין זֵייעֶרִי הֶעמְדֶר אַזוֹ אִיז זֵייעֶר גוּף פְּשִׁיטָא נִיט פַאר בְּרֶענְט גֶעוָוארֶן, פוּן דַאנִין הָאבֶּן אוּנְזֶרִי חֲכָמִים אָפּ גִילֶערְנְט וֶוען אֵיין מֶענְשׁ אִיז חַיָּיב מֶען זָאל אִים פַר בְּרֶענֶן טוֹט. מֶען אִים אוֹךְ אַזוֹ דָם דֶער גוּף זָאל בְּלַייבֶּן אוּנ מֶען צוּ שְׁמֶעלְצְט בְּלַייא אוּנ מֶען גִיסְט אִים אִין הַאלְז אַרַיין וֶוערְט זַיין קָנֶה אוּנ ווֵיישֶׁט פַר בְּרֶענְט אוּנ עֶר וֶוערְט גֶעטֵייט אוּנ דֶר גוּף בְּלַייבְּט גַאנְץ אוּנ מִיט דֶער מִיתָה אִיז אוֹךְ גֶעטֵייט גֶעוָוארֶן דָם פָאלְק פוּן סַנְחֵרִיב וָום הָאבֶּן בַּלֶעגֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם הָט גָאט גֶעשִׁיקְט אֵיין מַלְאַךְ אוּנ הָאט אִיטְלִיכֶען אַפַּייעֶרִיגֶען פָאדִים אִין נָאז אַרַיין גֶעבְּלָאזֶן זֶענִין זֵיי וָוארֶן גֶעטֵייט אוּנ דְרוּם הָט דָאם פָאלְק פוּן סַנְחֵרִיב זוֹכֶה גִיוֶועזְן דָם זֵייעֶר גוּף אוּנ קְלֵיידֶר זֶענִין גַאנְץ גֶעבְּלִיבֶּן ווַייל זֵייא זֶענִין גִיוֶועזְן דִי קִינְדֶר פוּן יֶפֶת דֶר זוּן פוּן נֹחַ אוּנ אַז נֹחַ אִיז גֶעלֶעגִין שִׁיכּוֹר אִין זַיין גִיצֶעלְט אוֹיף נִידֶעקְט הָאבֶּן אִים שֵׁם מִיט יֶפֶת זַיינֶע קִינְדֶר צוּ גִידֶעקְט דְרוּם הָאבֶּן דִיא קִינְדֶר פוּן יֶפֶת זוֹכֶה גִיוֶועזְן דָם זֵיי זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּן צוּ גִידֶעקְט נָאךְ זֵייעֶר טוֹט מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶר אוּנ זֶענִין נִיט וָוארֶן פַאר בְּרֶענְט אוּנ מִיר יִשְׂרָאֵל זֶענִין דִי קִינְדֶר פוּן שֵׁם הָאבֶּן מִיר זוֹכֶה גִיוֶועזְן צוּ בַּדֶעקִין אוּנְזֶר גוּף מִיט אֵיין קְלֵייד מִיט צִיצִית ווַייל שֵׁם הָט צוּ גִידֶעקְט זַיין פָאטֶר (וַיִדוֹם אַהֲרֹן) אוּנ אַהֲרֹן הָאט גֶעשְׁווִיגֶן אוּנ הָט נִיט גֶעווֵיינְט חָאטְשֶׁע זַיינֶע צְווַיי זִין זֶענִין גֶעלֶעגֶן טוֹט פַר אִים אִין מִשְׁכָּן אוּנ דְרוּם הָט עֶר זוֹכֶה גִיוֶועזְן דָם דִי פָּרָשָׁה פוּן ווַיין טְרִינְקֶן אִיז וָוארֶן גֶעזָאגְט צוּ אִים אַלֵיין אוּנ נִיט צוּ מֹשֶׁה דֶער בְּהַיי שְׁרַייבְּט אֵיין אָבֵל אִיז חַיָּיב אִין פִינְף זַאכֶן עֶר טָאר זִיךְ

של"ה הקדוש

(וַיִדוֹם אַהֲרֹן) אוּנ אַהֲרֹן הָט גֶעשְׁווִיגֶען אוּנְזֶערִי חֲכָמִים זָאגִין אַז אַהֲרֹן הָט מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן גָאט אַגְרוֹסֶע בַּאלוֹינוּנְג דֶער פַר וָום עֶר הָט גֶעשְׁווִיגֶען אוּנ הָט נִיט מִתְרַעֵם גֶעוֶועזְן אוֹיף גָאט פַר דֶם גְרוֹסֶען אוּנְגְלִיק וָום עֶס הָט אִים גֶעטְרָאפֶן דֶר פוּן קָאן זִיךְ יֶעדֶער מֶענְשׁ אַמוּסָר אַרָאפּ נֶעמִין אוּנ צוּפְרִידֶן זַיין מִיט דֶם וָום גָאט שְׁטְרָאפְט אִים אוּנ אַלֶע לֵיידִין מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה צוּ זַיין:

(וּבִגְדֵיכֶם לֹא תִפְרוֹמוּ) אַייעֶרֶע קְלֵיידֶר זָאלְט אִיר נִיט צֶערַייסֶען, אַרֶמֶז מוּסָר קָאנֶען מִיר גֶעפִינֶען אִין דֶר מִצְוָה וָום גָאט הָט גֶעבָּאטֶען צוּ אַהֲרֹן אוּנ צוּ זַיינֶע צְווַיי זִין וֶועלְכֶע זֶענִין גֶעבְּלִיבֶּן לֶעבִּין זֵיי זָאלִין זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶר נִיט צֶערַייסֶען אַז דֶר כָּבוֹד פוּן מֶענְשֶׁען אִיז צוּ גֵיין אִין גַאנְצֶע קְלֵיידֶר אוּנ יֶעדֶער מֶענְשׁ מוּז פָאר זִיכְטִיג זַיין נִיט צוּ גֵיין אִין צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶר וּמִכָּל שֶׁכֵּן זֵיי נִיט בְּכַוָונָה צֶערַייסֶן אוּנ דֶרִינֶען אִיז ווִידֶר אַרֶמֶז אַז יֶעדֶער מֶענְשׁ זָאל זֶעהֶן אַז דֶר מַלְבּוּשׁ פוּן דֶר נְשָׁמָה וֶועלְכֶע עֶם וֶוערְט גֶעמַאכְט פוּן דִי מִצְוֹת וָום מִיר זֶענִין מְקַיֵּים זָאל גַאנְץ זַיין אוּנ זָאל חָלִילָה נִיט

זיך ניט וואשן אונ שמירן אונ עס איז אסור תשמיש המטה אונ טאר ניט האנדלן קיין סחורה אונ טאר ניט לערנן ווייל דורך לערנן הט מען שמחה אונ משה הט גערופן צו מישאל ואלצפן דיא קינדר פון עוזיאל דר פעטר פון אהרן אונ הט געזאגט צו זיי טראגט ארוס נדב ואביהוא פון דעם משכן אונ מען זאל זייא בגראבן חוץ דער מחנה ישראל אונ משה הט געבאטן צו אהרן אונ צו אלעזר אונ איתמר זיינע קינדר זיי זאלן זייערע האר ניט לאזן וואקסן אזו וויא איין אבל אונ זאלן קיין קריעה ניט רייסן אין זייערע קליידר אונ כל ישראל זאלן בוויינן נדב ואביהוא ווייל זיי זענין געוועזן די חשובי נאך משה אונ אהרן דר אמרי נועם פרעגט ווארום לערנט די גמרא אפ מען זאל קריעה רייסן איבר אמת פון איין פסוק אין נביאים אונ לערנט ניט אפ פון דעם פסוק וואס דא שטייט אין דר תורה דס גאט הט אן געזאגט דם אהרן מיט זיינע קינדר זאלן ניט קריעה רייסן אזו מוז זיין דאס מען דארף קריעה רייסן איבר איין מת דר תירוץ איז די גמרא וויל נאך דינים פון קריעה אפ לערנן דאס מען דארף אוף שטיין צו קריעה רייסן אונ מען דארף רייסן אפוויסט לאנג אונ דם אלץ איז ניט געוויזן אין דר תורה אונ אין נביאים איז דם יוא געוויזן דרום לערנט די גמרא שון דם גאנצן דין פון קריעה אוך אפ פון נביאים, דר בעל הטורים שרייבט (ותאכל אותם) דם ווארט אותם שטייט מיט איין איבריגע (וא״ו) צו ווייזן דאס זעקס עבירות האבן נדב ואביהוא עובר גיוועזן, דם ערשטע זייא האבן פרעמד פייער געבראכט, דאס אנדרע זיי האבן דינים געפסקית פר זייער רבי משה, דאס דריטע זיי זענין גיוועזן פר טרונקן אונ האבן געוואלט די עבודה טאן, דם פערדי זיי האבן קיין ווייבר ניט גענומן ווייל זיי האבן זיך חשוב געהאלטן אונ דורך דם האבן זיי קיין קינדר ניט געהאט, דאס פיפטע זיי האבן געוואלט מקטיר קטורת זיין כדי זיי זאלן רייך ווערן דען דר וואס איז מקטיר קטורת ווערט רייך אבר מען טאר דרויף קיין כוונה ניט האבן בשעת קטורת, דם זעקסטע זיי האבן ביי קיינם קיין רשות ניט גענומן, נאך שרייבט דר בעל הטורים מען האט זיי מיט אלאנגר שפיז פון קדשי הקדשים ארוס געצוגן דען מישאל ואלצפן האבן ניט געטארט אריין גיין אהין (יין ושכר אל תשת) איר זאלט ניט טרינקן קיין וויין אונ ניט אנדער געטראנק וואס מאכן שיכור אוך אמענש וואס וויל פסקנין זאל ניט פר טרונקן זיין, דר בחיי שרייבט דר וויין הט אין זיך דרייא זאכן ער מאכט שלאפן אונ מאכט גאוה אונ איז מבלבל דם שכל אזוי די אלע זענין געוויזן אין די פרשה דען ער זאגט איר זאלט קיין וויין ניט טרינקן (בבואכם אל אהל מועד) ווייל איר דארפט קומן אין אהל מועד אונ מען טאר דארטן ניט שלאפן ווייל עס איז אהייליג ארט אזו ווי יעקב האט געזאגט איך זאל געוועזן וויסן אז דאס איז אהייליג ארט וואלט איך דא ניט געשלאפן אוך זאלט איר קיין וויין ניט טרינקן ווייל איר דארפט (להבדיל בין הקודש ובין החול) צו אפ שיידן צווישן קודש אונ חול אונ צווישן טמא אונ טהור אונ ווער עס טרינקט וויין האט גאוה אונ אבעל גאוה איז ביי אים אלץ גלייך הייליג אונ ניט הייליג טהור אונ טמא אוך זאלט איר ניט טרינקן קיין וויין ווייל איר דארפט (להורות את בני ישראל) צו פסקנין דינים צו דיא ישראל אונ דער וואס פסקנט דינים דארף האבן אלוטרן שכל אונ וויין איז מבלבל

של״ה הקדוש

ניט צעריסן זיין אונ מען דארף זיך בארעכינן אונ טראכטען ווען הש״י איז מקפיד אז דם קלייד פון גוף זאל גאנץ זיין ווייל דם איז אכבוד פר דם גוף אפשיטא שון ווי דארף דם קלייד פר דיא נשמה גאנץ זיין זיא זאל חלילה ניט מבויש ווערין אין צעריסענע קליידר דם הייסט מען באדארף זיך מיהע געבין מען זאל ניט פר שלאפען קיין מצוה אונ ניט פר געסען צו טאן מעשים טובים אזו ווי דר פסוק זאגט (וקרעים תלביש נומה) דורך צו פיל שלאפען וואס מען שלאפט גייט דאך דר מענש אפגעריסן ווייזט אז דר מענש איז פר שלאפין אונ נאכלעסיג אונ ער שטייט ניט אום זיין כבוד:

מכלבל דם שכל, שלמה המלך האט אויך פיל ביין גרייד אויף דם טרינקר אזו וויא אין משלי שטייט (אל תרא יין כי יתאדם) דר עיין זאל דיך ניט אן רייצן ווייל ער איז זייער רוט (כי יתן בכוס עינו) דען דר ווס גיט אין כוס זיין אונ דער וועט ניט האבן אין זיין בייטל אויף צירונג (יתהלך במשרים) ער וועט קענין גלייך גיין אונ וועט ניט פאלן דען זיין הויז וועט זיין ליידיג. ער וועט אלץ פאר קופן פון זיין הויז (זאת החיה אשר תאכלו) דיא תורה האט אן געשריבן דיא דינים מיט גרוס חכמה אונ מיט סדר צום ערשטן זאגט די תורה מען זאל ניט עסין קיין בהמה וואס איז ניט כשר מיט אירע סימנים אונ דיא בהמה איז ווארן בשאפן פון דער ערד פיר ערליי בשעפעניש ווענין איינס איז פון דר ערד דם אנדרע איז פון וואסר דם דריטע איז פון אויר דם פערדע איז פון פייער דרום זאגט ער צום ערשטן די בהמה ווס זיא איז ווארן בשאפן פון דר ערד וועלכע מען זאל עסען אונ דער נאך זאגט ער אין דר אנדרר פרשה די סימנים פון די פיש ווס זענען ווארן בשאפן פון דם וואסר וועלכע מען מעג עסען אונ אין דער דריטר פרשה זאגט ער די סימנים פון די פייגל ווס זענען ווארן בשאפן פון דם אויר וועלכע מען מעג עסען אונ אין דר פערדע פרשה זאגט ער סימנים פון דם בשעפניש ווס קומט פון פייער דאס זאגט דער פסוק (והצב למינהו) דם איז טייטש דיא שילד קרוט דען עס זענען צווייא ערליי שילד קרוטן איינע הייסט ערוד דם איז סלמנדריא וואס ווערט בשאפן ווען מען הייצט איין קאלך אובן זיבן יאר טאג אונ נאכט נאך אננדר קומט ארוס פון דם פייער איין חיה ווס זיא הייסט סלמנדריא אונ ווען זיא איז איין רגע אן פייער ווערט זי געטייט גלייך וויא איין פיש אן וואסר ווערט געטייט אונ ווען רבי עקיבא איז געקומן צו דעם פסוק האט ער געזאגט (מה רבו מעשיך יי כולם בחכמה עשית) דיין חכמה איז זייער גרוס מיט דיינע בשעפעניש (סנפיר וקשקשת) וועלכע פיש זייא האבן שופן אונ פלוס פעדרין דיא זענען כשר צו עסען ווייל זייא קענען שווימן אין דר הייך אין וואסר מיט זייערע שופן אבר דיא ווס האבן קיין שופן ניט די מיזן אונטן אין וואסר ליגן, ביי דער ערד אונ זענען ניט געזונד דרום האט גאט זיי פר באטן צו עסען (מבשרם לא תאכלו ואת נבלתם תשקצו) דיא תורה זאגט מען טאר קיין טמאים ניט עסען אונ מען טאר מיט זיי ניט האנדלן, אכט זאכן זענען ווס מען טאר מיט זיי ניט האנדלן מיט פיר פון זיי טאר מען ניט האנדלן ווייל זיי זענען הייליג איינס איז צדקה געלד דען גאט זאגט דו דארפסט קיין רוח ניט מאכען אין צדקה איך:

ליקוטי יקרים

(זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה) די דאזיגע חיה מעגט איר עסין פון דיא בהמות ווס זענין אויף דר ערד דיא בהמה ווס הט קלאן אויף דיא פים אונ דיא קלאן זענין געשפאלטין אונ זיא ברענגט אויף איר סלינגע צוריק אין איר מויל אריין אונ קאייט חאטשע זיא עסט ניט די בהמות מעגט איר עסין אונ דיא בהמות ווס זייערע קלאן זענין ניט געשפאלטין אונ זיי ברענגין ניט אויף דיא סלינגע אין זייער מויל אריין טארט איר פון זיי ניט עסין. דר אור החיים הקדוש שרייבט דר טעם ווס דר פסוק רופט די בהמות מיט דם נאמין חיה אזו ווי עס שטייט (זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה) די חיה מעגט איר עסין פון די בהמות ווארום דם ווארט חיה איז טייטש לעבין אונ די בהמה ווס זיא איז טהור אונ די ישראל מעגין עסין זייער פלייש הייסען זיי לעבידיגע בהמות אבער די בהמות ווס זענין טמא אונ דיא ישראל זענין פר באטין פון זייער פלייש צו עסין ווארין די בהמות האבין אין זיך ניט קיין שום קדושה אונ קיין שום אנהאנג זאל ווערין אן גערופין חיה איבר דם ביי דיא בהמות ווס דיא תורה הט מתיר געווען צו עסין שטייט געשריבן דם ווארט חיה אבר ביי די בהמות ווס מען טאר פון זייער פלייש ניט עסין שטייט ניט דם ווארט חיה (אל תשקצו את נפשותיכם בכל השרץ וגו') אונ איר זאלט ניט פר אומווערדיגן אייער לייב מיט דם ווידמונג ווס ווידמעט זיך כלומר איר זאלט ניט עסין פון דיא טמא זאכין אונ איר זאלט אייך מיט זיי ניט מטמא זיין ווארין איך בין אייער גאט איבר דם זאלט איר אייך היילגן אונ איר זאלט זיין הייליג ווארום איך

איך האב געגוג געלד נאר דאס גאלד אונ זילבר איז מיין אונ אוך דרום טאר מען דר מיט ניט האנדלן דען טאמר וועט מען דם געלד נייטיג דארפן פר עניים אונ עס וועט זיין אין סחורה אדר פר ליען אוף ריוח אונ די עניים וועלן דער ווייל שטארבן ח"ו אונ דם אנדרי איז מען טאר ניט האנדלן מיט הקדש געלד פון דם משכן אדר בית המקדש דם דריטע איז מען טאר ניט האנדלן מיט איין בכור וואס מען האט אים געקויפט ווייל ער האט געקריגן איין מום טאר מען אים ניט פר קופן אוף דם מארק אוף דר וואג דם פערדע איז מען טאר ניט האנדלן מיט די פירות פון דם זיבטן יאר דם איז שמיטה אונ פיר ערליי זענען וואס מען טאר מיט זיי ניט האנדלן ווייל זיי זענען טמא דרום איז ניט רעכט צו האנדלן מיט זיי אונ דם זענען זיא מיט פלייש פון איין נבילה אדר איין טריפה אדר שקצים רמשים אבר ווען אין זיין הוז ווערט איין נבילה אדר איין טריפה מעג ער זיא פאר קופן נאר ער טאר קיין נבילות אונ טריפות ניט קופן פר איין סחורה צו פר קופן עס (ואת אלה תשקצו מן העוף) דר פסוק לערינט אונז דם עופות טהורות זענען מער פון טמאים דרום רעכנט ער די טמאים ווייל זיי זענען ווייניג אונ איך וועל וויסן די וואס ער רעכנט ניט די זענען אלע טהור אונ די בהמות זענען מער טמאים פון טהורות דרום רעכנט ער די טהורים אונ איך וועל וויסן די וואס ער רעכנט ניט די זענען אלע טמא דען דיא תורה רייד אין קורצן דרום שטעלט זיא דם וואס ווייניג איז דר בחיי שרייבט גאט הט פר באטן צו די ישראל צו עסן דיא חיות אונ עופות וואס זענען ביין צו רייסן מיט זייער כעס אנדרע בהמות אונ חיות דען דם הט גאט ניט ליב אונ ער האט אוך פר באטן צו ברענגן פון זיי איין קרבן. אוך שרייבט דר בחיי דרום רעכנט די תורה אכט שרצים וואס זענען מטמא דם וואס רירט אן אין זיי נאך זייער טוט אונ רעכנט ניט קיין שלאנג צו ווייזן דאס איין שלאנג איז ניט מטמא אונ דרום הט די תורה ניט טמא געמאכט דם שלאנג כדי דר מענש זאל קיין מורא ניט האבן צו אן רירן איין שלאנג (צו דער שלאגן אים אוך איין ענדיש הט איין גיפט דרום האט די תורה נאר פר באטן מען זאל אים ניט עסן אונ הט אים ניט טמא געמאכט כדי דר מענש זאל אים מעגן אן רירן צו דער שלאגן אים (והתקדשתם והייתם קדושים) איר זאלט זיין הייליג דען עס איז געוואוסט דם דר מענש איז וואָרן געבארן מיט דעם יצר הרע אונ גליסט צו אלע תענוגים אין דר וועלט אבר דר יצר טוב קומט ערשט צום מענשן נאך דרייצן יאר אונ ער האט ניט קיינם ער זאל אים העלפן ווייל דר גוף

איז

ליקוטי יקרים

אייער גאט בין הייליג וויל איך אז איר זאלט אוך זיין הייליג אונ איר זאלט ניט פר אומריינגן אייערע לייבר מיט דם ווידמונג וואס ווידמעט זיך אוף דר ערד. דער כלי יקר שרייבט ווייל אונזערי חכמים האבין געזאגט דר וואס קומט זיך ריינגן פר גאט העלפט מען אים צו פון אובין אונ דר וואס וויל זיך פר אומרייניגען עפינט מען אים דם וועג וואס ער וויל גיין אין אים אבער העלפין העלפט מען אים ניט איבער דם זאגט דא דר פסוק (והתקדשתם והייתם קדושים) כלומר דיא תורה גיט אייך צו וויסין אז איר וועט אייך אן הייבען צו הייליגען פון אונטען וועט איר בוודאי זיין הייליג ווארום איך בין אייער הייליגר גאט וועל איך אייך העלפין אונ וועל אייך הייליגען כדי איר זאלט אזו הייליג זיין ווי איך אונ ביי דעם אומרייניגען שטייט אין

פסוק (ולא תטמאו בהם ונטמתם בם) דם איז טייטש איר זאלט אייך ניט פר אומריינגן מיט זיי אבער דר פסוק זאגט ניט איר וועט זיין אומריין ווארום דם איז ניט אזו אזאך וואס עס מוז אזו בלייבען ווארום מען העלפט אים ניט פון אובין דער צו נאר די טיר איז פר אים אפין אונ איבר דם שטייט דם ווארט (ונטמתם) אן איין אלף דם קומט צו ווייזען אז דר איינציגר גאט פון דר וועלט טוט זיך אפ פון מענש וואס ער פר אומריינגט זיך אונ גאט הט ניט קיין חלק אין זיין טומאה (כי אני יי וגו') ווארום איך בין אייער גאט וואס איך האב אייך אוף געבראכט פון לאנד מצרים אוף דעם אופין איך זאל זיין אייער גאט אונ איר זאלט זיין הייליג ווארום איך בין הייליג:

איז שון געווייניט מיט תענוגים איז שון זייער שווער מיט זיין שכל עפיס גוטס טאן דרום האט דיא תורה געמוזט געביטן מצות אונ תפלה אונ תענית אונ צדקה אונ גמילות חסדים כדי צו פייניגן דם גוף דם ער זאל קענין דם יצר הרע בצווינגן צו טאן גוטס ווארום ווען דער מענש וויל פיל עסן אונ טרינקן אונ וויל נאך גיין דעם יצר הרע ווערט זיין גוף פר לארן דרום מוז זיך דר מענש געוויינן צו אפ טאן תענוגים פון זיך אונ ניבול פה צו ריידן איז אגרויסע עבירה ער קומט אין גיהנם פון וועגן דם פייז ריידן פון זיין מול אבר ווער עס היט דאס מול קומט אין גן עדן:

## הפטרת שמיני.

(ויסף עוד דוד את כל בחור בישראל שלשים אלף) אונ דוד הט נאך איין מאל איין געזאמילט אלע אום דר ווייל טע פון ישראל דרייסיג טויזנד מאן דען ער הט שון איין געזאמילט ישראל ווען מען הט אים פר אמלך געמאכט אונ דא הט ער זיי דם אנדערע מאל איין געזאמילט אויף צו ברענגין דם ארון פון גאט פון בעלי יהודה קיין ציון דיא שטאט פון דוד אונ זיי האבין געשטעלט דם ארון פון גאט אויף אנייאים וואגין אונ זיי האבין אים געטראגין פון דם הויז אבינדב וואס אין גבעה אונ עוזה אונ אחיו דיא קינדר פון אבינדב האבין געפירט דם נייאים וואגין אונ דם הט דוד זיך טועה געוועזן דען עס שטייט דם דם ארון זאל מען טראגען אויף דיא אקסלין ניט אויף קיין וואגין אונ עוזה איז געגאנגין נעבין דם וואגין אונ אחיו איז געגאנגין פר דם ארון (ודוד וכל בית ישראל) אונ דוד מיט כל ישראל האבין געזונגען מיט אלערליי כלי זמר אונ זיי זענין געקומן ביז אין שייאר נכון הט עוזה געשטרעקט זיין האנד צום ארון פון גאט אונ הט אים אנגענומן ווייל די רינדר האבין זיך אום געגליטשט הט זיך דר ארון אשאקיל געטאן הט עוזה געמיינט דר ארון וויל אראפ פאלען דרום הט ער אים מיט דר האנד אן געהאפט אזו הט גאט צארין געגרימט אויף עוזה אונ הט אים געטייט איבר זיין שוגג וואס ער הט זיך טועה געוועזן דען ער הט געזאלט ווייסען ווען דר ארון הט ביי דם ירדן געטראגין זיינע טרעגער ווערט ער זיך אליין געווים קענין טראגין אונ ווערט ניט אראפ פאלין אונ עוזה איז געשטארבן ביי דעם ארון פון גאט (ויחר לדוד) הט דאס דוד זייער באנק געטאן פאר וואס עוזה איז אזו באלד געשטארבן אונ זייער שמחה איז ווארען פר מישט אונ דוד הט מורא געהאט צו ברענגין דעם ארון אין דר שטאט ציון אונ הט אים אום גיקערט צום הויז פון עובד אדום פון דר שטאט גת דען ער איז געוועזן צלי אונ דר ארון איז געוועזן אין הויז פון עובד אדום דרייא חדשים אונ גאט הט געבענשט דם הויז פון עובד אדום מיט גאר זיין הויז געזינד רש"י שרייבט דם זיין ווייב אונ זייגע אכט שניר הט איטליכע געהאט זעקס קינדר אין איין מאל (ויוגד למלך) אונ עס איז ווארען געזאגט צום מלך דם גאט האט געבענשט דם הויז פון עובד אדום פון וועגין דם ארון פון גאט איז דוד געגאנגען אונ האט אויף געבראכט דם ארון פון גאט פון הויז פון עובד אדום אין דר שטאט פון דוד מיט פרייד (ויהי כי צעדו נושאי ארון ברית יי') אונ אז דיא וואס האבין דם ארון געטראגין זענין געגאנגין זעקס טריט האט דוד געקוליט איין אוקס אונ איין געשטאפטין אוקס אונ האבין זיך געפרייט ווייל זיי זענין אין דיא זעקס טריט ניט ניזוק געווארין דען עוזה איז געשטארבין באלד נאך דם אז ער איז געגאנגען זעקס טריט דרום אלע זעקס טריט וואס דוד איז איבר געגאנגען הט ער מקריב געוועזן קרבנות (ודוד מכרכר בכל עוז) אונ דוד הט געטאנצט מיט גאר זיין כח פר דם ארון פון גאט אונ דוד איז געגאנגען אין אהעמדיל פון ליינין אונ דוד אונ כל ישראל האבין אויף געבראכט דם ארון פון גאט מיט שאלין אונ מיט אקול שופר (והיה ארון יי' וגו') אונ אז דר ארון פון גאט איז געקומן אין דר שטאט פון דוד אונ מיכל דיא טאכטער פון שאול דם ווייב פון דוד הט געקוקט דורך דם פענצטר אונ הט געזעהן דם מלך דוד דם ער טוט שפרינגען אונ טאנצין פר גאט הט זיא אים מבזה געוועזן אין איר הארץ ווארום זיא הט געטראכט דם שטייט ניט אן צו אמלך אונ זיי האבין געברכט דם ארון פון גאט אונ האבין אים געשטעלט אויף זיין ארט אין דם גיצעלט וואס דוד הט פר שפרייט צו אים אונ דוד הט געבראכט עולות אונ שלמים פר גאט אונ אז ער הט אויף גיהערט צו ברענגין עולות אונ שלמים הט ער גיבענשט דם פאלק ישראל מיט דם נאמין פון גאט אונ ער הט געטיילט צו גאר דם פאלק פון אמאן ביז איין אשה צו איטליכן

איטליכן אקוכען ברויט אונ אזעקסט חלק פליישׁ פון איין אוקס אונ אבעכר ויין אונ דם פאלק איז געגאנגין איטליכער צו זיין הוז (ויָשָׁב דוד לְבָרֵךְ אֶת בֵּיתוֹ) דער נאך הט דוד זיך אום גיקערט צו בענטשען זיין הוז געזינד איז מיכל דיא טאכטר פון שׁאול אים אקעגין געגאנגן אונ הט געזאגט וואס פר איין גיערליכקייט דער מלך ישׂראל איז היינט געוואָרען וואס ער הט זיך היינט אנטפלעקט פר דיא אוגען פון דיא דינסטן פון זיינע קנעכט אזו ווי עס טוט זיך אנפלעקין אפראסטר מענש (ויאמר דוד אל מיכל) הט דוד געזאגט צו מיכל דס האב איך געטאן פר גאט וואס ער הט אין מיר אוס דר ווײלט מער ווי אין דיין פאטרס הוזגעזינד צו שׁאפען מיך איך זאל זיין אהאר איבר ישׂראל דרום האב איך מיך געפרייד פר גאט אונ ווען איך זאל מיך נאך גרינגער האלטין ווי היינט אונ זאל זיין נידריג אין מיינע אוגען פון דעסט וועגין וועלין מיך די דינסטין ניט מבזה זיין אונ וועל נאך מער חשוב זיין אין זייערע אוגען דען זיי ווייסען וואל דס איך טוא דס פון גאטס וועגין (ולמיכל בת שׁאול וגו׳) אונ צו מיכל דיא טאכטר פון שׁאול איז ניט געווען קיין קינד פון דעם טאג אן אונ ווייטר ביז אין איר טוט אבער פר דר מעשׂה הט זיא געהאט אזון ער הט געהייסן יתרעם (ויהי כי ישׁב המלך בביתו) אונ אז דר מלך איז געזעסין בשׁלום אין זיין הוז אונ גאט הט אים געמאכט רואן פון אלע זיינע פיינד הט דר מלך געזאגט צו

נתן הנביא זעה איך זיטץ אין אהוז פון טענין בײמר אונ דר ארון פון גאט רואט אין אגיצעלט האט נתן געזאגט צום מלך וואס אין דיין הארצין איז גייא טוא ווארום גאט איז מיט דיר אונ עס איז געווען אין דר נאכט הט גאט געזאגט צו נתן דר מדרשׁ שׁרייבט גאט הט געזאגט צו נתן דוד איז אגיכער מענש טאמר וועט ער דר וויל פועלים דינגען צו ארבייטען וועט ער צו אשאדין קומען דרום גייא גיך אונ זאג אים פון מיינט וועגין דס ער זאל ניט בוען דם ביהמ״ק נאך אפשׁט איז גאט הט געזאגט טאמער וועט דוד אנדר טאן ער זאל ניט עסען אונ טרינקען ביז ער וועט דם ביהמ״ק בוען דרום גייא אונ זאג אים דם ער זאל ניט בוען פון דאנין לערנין אונזערי חכמים אפ דם אנביא ווייסט ניט נאר וואס גאט זאגט אים דען נתן הט געזאגט צו דוד ער זאל בוען דם בהמ״ק אונ גאט הט געווערט ער זאל ניט בוען אוך שׁמואל דם ער איז געווען אגרוסר נביא אונ אז גאט הט אים געזאגט ער זאל גיין זאלבין דם זון פון ישׁי פר אמלך הט ער ניט געוואוסט וועלכין זון ער זאל זאלבין אונ גאט הט געזאגט צו נתן גייא איר אונ זאג צו מיין קנעכט דוד דו ווילסט בוען אהוז דם איך זאל לאזין רואן דארטין מיין שׁכינה (כי לא ישׁבתי בבית) דען איך האב מיין שׁכינה ניט געלאזט רואן אין קיין הוז פון דם טאג אן וואס איך האב דיא בני ישׂראל אוף געבראכט פון מצרים ביז אין היינטיגען טאג אונ איך האב מיין שׁכינה געלאזט

## משלי יהודה

(האתה תבנה לי הבית וגו׳ והקימותי את זרעך וגו׳) דיא גמרא זאגט בשׁעת הקב״ה הט געזאגט צו דוד דוא וועסט ניט בוען דעם בית זענין די שׂונאי דוד געגאנגען אונטר דוד׳ס פענסטר אונ האבן געשׁריגען דוד ווען וועט גבוועט ווערן דם ביהמ״ק ווען וועלען מיר גיין אין גאטס הוז האט דוד געטפרט תאצבי זייא מיינען מיך מצער צו זיין פון דעסט וועגען האב איך שׂמחה פון זייערי רייד (שׂמחתי באומרים לי בית יי נלך) ווייל הקב״ה הט געזאגט צו דוד דיין (צדקה ומשׁפט) וואס דוא טוסט איז זיא ליבער וויא קרבנות ע״פ משׁל אשׁר הט געהאט אקוהארשׁ הט ער גיקענט מאכן אלערליי מאכלים אוף דר עלטר הט דר שׂר געשׁריבען צו אגרויסן דאקטר אז דר קוהארשׁ זיינר וועט שׁטארבן זאל ער קומען צו אים וואגען ער וועט אים גוט בפרידיגן האבן דיא קנעכט געהאפט אז דר קוהארשׁ זאל שׁטארבן כדי דר דאקטר זאל קומען איז דר שׂר געווארן אוף זייא אין כעס אונ זאגט שׁוטים איר מיינט איך האב גוזר געווען דר רופא זאל ניט קומן כל זמן דר קוהארשׁ לעבט צו קען איך דען ניט האלטן ביידע אין שׁטוב נאר ווייל כל זמן דר קוהארשׁ לעבט ער קען מאכן מאכלים אז מיר זאל ניט שׁאדין זיין עסין וועט ביי מיר אין שׁטוב ניט זיין קיין שׁלאפקייט דריבר דארף מען ניט קיין דאקטר נאר אז דר קוהארשׁ וועט שׁטארבן זארג איך דריבר גרייט איך מיר אן אדאקטער דריבער בעט ניט אוף זיין טוט פר מיר איז גלייכער ער זאל לעבין לאנג כדי איך זאל ניט דארפן זיין קראנק אונ אן קומן צו אדאקטר נאר מען דארף פאלגן ארופא איידיר מען דארף צו אים כדי מען זאל אים ניט דארפען אזו אוך די פריצי הדור האבן גמיינט אז דם את אפנם פר דוד וואס מען הייסט אים ניט בוען בימיו דאס בהמ״ק אבר ע״פ אמת דארף מען ניט קיין בהמ״ק ווארום דוד האט איין גפירט בייא יעדען (משׁפט וצדקה) אונ עס שׁטייט (עושׂה משׁפט וצדקה נבחר ליי מזבח) אז מען טוט (משׁפט וצדקה) איז ביי השׁי״ת בעסר ווי קרבנות גאט הט געזאגט צו דוד (כי טוב יום בחצריך מאלף) איין טאג וואס דוא לערינסט תורה איז ביי מיר בעסר ווי טויזינד עולות וואס דיין זון שׁלמה וועט מקריב זיין דריבר הט גאט געזאגט צו דוד (האתה תבנה לי הבית וגו׳) גיין דו דארפסט ניט קיין (בית המקדשׁ) אבר די פריצי הדור האבן געמיינט אז גאט הט געזאגט בדרך גזירה דריבר האבן זיי דוד מצער גיוועזן הט דוד געטפרט אדרבה איך האב גרוס שׂמחה דר פון (ושׂמחתי וכו׳):

געלאזט רואן אין גיצעלטין דען דס משכן שילה איז ניט געוועזן באדעקט מיט באלקין נאר מיט אום הענגין (ועתה כה תאמר לעבדי לדוד) אונ אצונד זאלסטו אזו זאגען צו מיין קנעכט צו דוד איך האב דיך גענומען פון דר שטאל פון אונטר דיא שאף דו זאלסט זיין אהאר איבר מיין פאלק ישראל אונ איך בין מיט דיר געוועזן אין אלע ערטר ווי דו ביסט געגאנגן אונ האב פר שניטען דיינע פיינד פר דיר אונ האב דיר געמאכט אגרוסן נאמין ווי אלע גרוסע הארן דם מען זאגט מגן דוד אונ וויל איך האב פרשניטען דיינע פיינד דרום איז אוף געגאנגן אוף דיין דעה צו בוען דם בהמ"ק אזו ווי אין דער תורה שטייט ווען גאט ווערט דיך מאכען רואן פון דיינע פיינד זאלסטו בוען אבהמ"ק אבער דו דוד האסט ניט רעכט פר שטאנען דען איך וויל דיא ישראל זאלען נאך מער רואן פון זייערע פיינד אונ דם ווערט זיין אין דיא טעג פון דיין זון שלמה אונ איך וועל טאן אגוט ארט צו מיין פאלק ישראל אונ וועל אים פלאנצין דם ער זאל אקיום האבין אונ ער ווערט רואן אוף זיין ארט אונ ווערט ניט פר װאגילט ווערין פון זיין ארט אונ דיא היידן ווערין ניט מערין צו פייניגען אים אזו ווי צום ערשטין איי דיא שופטים פון ישראל זענין געוועזן (ולמן היום וגו') אונ אוך אזו ווי די היידן פלעגין טאן פון דם טאג וום איך האב געבאטין שופטים איבער מיין פאלק ישראל אונ איך וועל דיך מאכין רואן פון אלע דיינע פיינד (והגיד לך יי) אונ גאט זאגט דיר דורך מיר דם ער ווערט דיר בואן אהוז כלומר דיין זון ווערט זיין מלך נאך דיר אונ עם ווערט אקיום האבן צו דיר דם בית המלכות אז דיינע טעג ווערין דר פילט ווערין אונ דו ווערסט ליגען מיט דיינע עלטערין נאך דיין טוט דענקסט מאל וועל איך אוף ריכטען דיין זון נאך דיר אונ וועל אן בריטן זיין מלוכה דם מיינט מען שלמה המלך (הוא יבנה בית לשמי) ער ווערט בואן אהוז פון מיינט וועגין איך וועל זיין צו אים צו אפאטר אונ ער ווערט צו מיר זיין צו אזון אונ ווען ער ווערט פר קרומן אונ ווערט זינדיגן וועל איך אים שטראפן מיט דר רוט פון מענשן דם מיינט מען מיט הדד אונ מיט רזון בן אלידע אונ מיט דער פלאג פון דיא קינדר פון אדם הראשון דם מיינט מען דעם אשמדאי וום ער הט שלמה פר ווארפין ווייט פון זיין מלוכה אין אפרעמד לאנד (ונאמן ביתך) אונ עם ווערט אקיום האבין דיין הוז אונ דיין מלוכה ביז אייביג אזו ווי זיא איז היינט פר דיר אזו ווערט דיין שטול זיין אן געבריט ביז אייביג אזו ווי דיא רייד אונ אזו ווי די נבואה אזו הט נתן גערייד צו דוד דער ירושלמי זאגט אין פרק חלק זיינציג טוזינד זקנים הט דוד געציילט אין איין טאג אונ הט אחיתופל ניט גירעכינט צווישן זיי אונ אז דער ארון איז געוועזן אוף דעם וועג מיט די רינדר הט דר ארון אוף געהובן די כהנים אין דר הייך אונ הט זיי געווארפען צו דר ערד הט דוד געשיקט צו אחיתופל ער זאל אים זאגען וום דם באטייט הט אחיתופל גיענפערט שיק צו די זיינציג טוזינד זקנים זיי ווערין דיר זאגין הט דוד געזאגט ווער עם ווייסט אונ וויל ניט זאגין דר זאל ווערין דערווארגין הט אחיתופל צו אים געזאגט וום קינדר לערנן ביי זייער רבי ווייסטו אוך ניט עם שטייט דאך כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו צו די בני קהת הט ער ניט געגעבין קיין וועגין ווייל דיא היילגע זאכין דארף מען טראגין אוף דם אקסיל אונ ווייל מען טראגט דם ארון אוף אוואגין דרום ווארפט עם דיא כהנים, אוך אז דוד המלך הט געגראבען דם גרונד פון בית המקדש צו גרייכן דם תהום הט ער פיפצען הונדערט איילען טיף געגראבין אונ הט ניט געפונגן דם תהום אונ הט געפונגן אשטיק האלץ הט ער זיא געוואלט ארום נעמין פון דער ערד הט דם שטיק האלץ צו אים געזאגט נעם מיך ניט דען איך ליג אוף דם תהום ער זאל ניט פר פלייצען דיא וועלט זאגט דוד ווי לאנג ליגסטו דא הט דם שטיק האלץ געזאגט פון דם מאל וום גאט הט געזאגט (אנכי יי אלהיך) הט די גאנצע ערד געציטערט אונ הט געוואלט איין געזונקען ווערין בין איך ווארין געגעבין אוף דם ארט דר תהום זאל ניט פר טרונקען די וועלט אונ דוד הט ניט גיהערט אונ הט דם האלץ ארום גענומן הט דער תהום אן געהובין ארוף צו גיין צו פר טרינקען דיא וועלט הט אחיתופל געזאגט היינט ווערט דוד דר טרונקען ווערין אונ איך וועל מלך ווערין, הט דוד געזאגט ווער עם ווייסט אויב מען מעג אן שרייבין אשם אונ אריין ווארפין אין וואסר זיא זאל געשטילט ווערין אונ וויל ניט זאגין זאל ער ווערין דערווארגין הט אחיתופל געזאגט ווען ביי אסוטה הט גאט געהייסן זיין שם אן שרייבין אונ אפ מעקין אין וואסער צו געבין איר טרינקען כדי צו מאכין שלום צווישן מאן אונ ווייב מכל שכן צו מאכין שלום אוף דר גאנצער וועלט זיא זאל ניט פר טרינקען ווערין מעג מען פשיטא אשם אריין ווארפין הט דוד אן געשריבן אשם אונ הט אין וואסר אריין געווארפין איז דר תהום געבליבען שטיל דארוף הט דוד געזאגט פיפצעהן שיר המעלות אונ פון דעסט וועגין חאטשע אחיתופל הט צו דוד געזאגט וום ער הט

אִים גִיפְֿרֶעגְט אִיז עֶר דָאךְ דֶר וָוארְגִין גֶעוָוארִין דֶעְן אַקְלָלָה פוּן אַחָכָם אֲפִילוּ אוּף אַתְּנַאי מוּז מְקוּיָם וֶוערִין. דִי גְמָרָא זָאגְט אִין בְּרָכוֹת ר׳ אֱלִיעֶזֶר דֶר זוּן פוּן ר׳ יוֹסִי הַגְּלִילִי זָאגְט זֶעה וִוי אַגְרוֹסֶען שְׂכַר גָאט גִיט דֶם מֶענְשֶׁן וָוס אִיז מְכַבֵּד אַתַּלְמִיד חָכָם אִין זַיין הוֹז מִיט עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען דֶען מִיר זֶעהְן דָם גָאט הָט גֶעבֶּענְטְשְׁט דָם הוֹז פוּן עוֹבֵד אֱדוֹם וַוייל דֶר אָרוֹן אִיז בַּיי אִים גֶעשְׁטַאנֶען חָאטְשֶׁע עֶר הָט אִים קֵיין עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען נִיט גֶעגֶעבֶּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַמֶענְשׁ אִיז מְקַבֵּל אַתַּלְמִיד חָכָם מִיט עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען דֶם בֶּענְטְשְׁט גֶעוִויס גָאט דֶר יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט אִין פֶּרֶק הַחוֹלֵץ דֶר שְׂכַר פוּן עוֹבֵד אֱדוֹם אִיז גֶעוֶוען דָם זַיינֶע אַכְט שְׂנִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְוַויי קִינְדֶר אִין אֵיין חוֹדֶשׁ דֶען זִיבֶּען טָאג אִיז זִיא טָמֵא גֶעוֶוען אוּנ זִיבֶּן טָאג אִיז זִיא טָהוֹר גֶעוֶוען אוּנ אִיז מְעוּבֶּרֶת גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט אִין פֶערְצֶעהְן טָאג גֶעהַאט אַקִינְד אוּנ אוֹךְ דִי אַנְדֶערִי פֶערְצֶעהְן טָאג הָאט זִיא גֶעהַאט אַקִינְד אוּנ דֶער אָרוֹן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דְרַיי חֳדָשִׁים אִין זַיין הוֹז הָט אִיטְלִיכֶע שְׂנוּר גֶעהַאט זֶעקְס קִינְדֶר אִיז צוּ אַכְט שְׂנִיר אַכְט אוּנ פֶערְצִיג קִינְדֶר אוּנ זַיין וַוייבּ הָאט אוֹךְ גֶעהַאט זֶעקְס קִינְדֶר אִיז גֶעוֶוען פִיר אוּנ פִיפְצִיג אוּנ דִי מַאגֶען פוּן דִי שְׂנִיר זֶענִין גֶעוֶוען אַכְט אִיז אַלֶע מִיט אַנַאנְדֶר צְוַויי אוּנ זֶעכְצִיג נְפָשׁוֹת׃

# פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ.

(אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (שִׂמְחָה לָאִישׁ וגו׳) עֶס אִיז בֶּעוואוּסְט וֶוען אַמֶענְשׁ רֵייד חָכְמָה מִיט זַיין מוֹיל הָט עֶר שִׂמְחָה דֶען דֶער דִיבּוּר קוּמְט פוּן גָאט אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (לְאָדָם מַעַרְבֵי לֵב וּמֵיְיָ מַעֲנֵה לָשׁוֹן) דֶער מֶענְשׁ רֵייד מִיט חָכְמוֹת אוּנ דָאס רֵיידֶען אִיז פוּן גָאט דְרוּם וֶוען דֶער מֶענְשׁ רֵייד מִיט חָכְמָה אִיז דָאס דוּרְךְ דֶער הִילְף פוּן גָאט דְרוּם הָט עֶר שִׂמְחָה (וְדָבָר בְּעִתּוֹ מַה טּוֹב) אוּנ חָאטְשֶׁע דֶער מֶענְשׁ אַז עֶר רֵייד מִיט חָכְמָה אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט אָבֶּער וֶוען דֶער דִבּוּר אִיז אִין זַיין צַייט אִיז עֶס נָאךְ בֶּעסֶער דֶען וֶוען אַמֶענְשׁ וִויל זִינְגֶען בַּיי אֵיין אָבֵל אָדֶער עֶר וִויל טְרוֹיְרִיג זַיין אוֹיף אַחֲתוּנָה אִיז עֶס אוֹךְ נִיט רֶעכְט דָאס הֵייסְט אַדִבּוּר נִיט אִין זַיין צַייט אוֹךְ וֶוען עֶר דַרְשׁ׳ת אוּם סוּכּוֹת וָואס עֶס גֶעהֶער צוּ פֶּסַח אָדֶער אוּם פֶּסַח וָוס עֶס גֶעהֶער צוּ סוּכּוֹת אִיז דָם נִיט רֶעכְט וַוייל עֶס אִיז נִיט אִין זַיין צַייט אוּנ דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (שִׂמְחָה לָאִישׁ וגו׳) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַשִׂמְחָה צוּ גָאט וָואס עֶר וֶוערְט גֶערוּפֶן אִישׁ מִלְחָמָה מִיט דֶעם רֵיידֶן פוּן זַיין מוֹיל וָוס עֶר הָט דֶר מִיט דִי וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶן אוּנ הָט זִיךְ מִיט זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ גֶעפְרֵייט אוּנ וָואס עֶר הָט בֶּעשַׁאפֶן הָט עֶר אִיטְלִיכֶם אִין זַיין צַייט בֶּעשַׁאפֶן אוּנ חָאטְשֶׁע דֶער מֶענְשׁ אִיז גֶעוָוארֶען בֶּעשַׁאפֶען צוּם אוּנְטֶערְשְׁטֶען אִיז דָאס אוֹךְ גֶעוֶוען אִין זַיין צַייט וַוייל דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאס חָשׁוּבֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אוּנ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נוּר וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶן פוּן דֶעם מֶענְשׁ וֶועגֶען וָואס עֶר קוּמְט אוּנ דֶערְקֶענְט גָאט מִיט זַיין שֵׂכֶל אוּנ אוֹךְ שַׁבָּת וָוס עֶר אִיז חָשׁוּבֶר פוּן אַלֶע טֶעג קוּמְט עֶר נָאךְ אַלֶע וָועקְס טֶעג אוּנ אוֹךְ עוֹלָם הַבָּא וָואס אִיז חָשׁוּבֶר פוּן דֶער וֶועלְט וָואס מִיר זֶענֶען דְרִינֶען קוּמְט זִיא נָאךְ דֶער וֶועלְט. דִיא חֲכָמִים זָאגֶען תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה סוֹף הַמַּעֲשֶׂה דָאס עֶרְשְׁטֶע פוּן דֶר מַחֲשָׁבָה דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן דֶער מַעֲשֶׂה עֶס אִיז אַמָשָׁל וֶוען אַמֶענְשׁ הָאט אִין דֶער מַחֲשָׁבָה תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אוּנ הָאט קֵיין הוֹז נִיט צוּ לֶערְנֶען דְרִינֶען מוּז עֶר פְרִיעֶר בּוֹיאֶן אַהוֹז אוּנ דֶר נָאךְ טוּט עֶר לֶערְנֶען דָאס וָואס עֶר הָט פְרִיעֶר אִין דֶער מַחֲשָׁבָה גֶעהַאט טוּט עֶר צוּם אוּנְטֶערְשְׁטֶען אוּנ דָאס אִיז דָאס חָשׁוּבֶע וָואס דָאס הוֹז הָאט עֶר פוּן דֶעם וֶועגִין גֶעבּוֹיאֶט פוּן דַאנֶען קֶען מֶען אָפּ לֶערְנֶען דָאס דֶער מֶענְשׁ וָוס עֶר אִיז וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶן צוּם אוּנְטֶערְשְׁטֶען אִיז עֶר פְרִיעֶר אִין דֶער מַחֲשָׁבָה גֶעוֶוען אוּנ דִיא אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁן זֶענֶען וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶען פוּן זַיינֶעט וֶועגֶען אַזוֹ אוֹךְ אִין יֶענֶער סֵדְרָה הָאט דִיא תּוֹרָה אָן גֶעשְׁרִיבֶּן וִוי אַזוֹ מֶען זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין מִיט בְּהֵמוֹת אוּנ חַיּוֹת וֶועלְכֶע זֶענֶען כָּשֵׁר אָדֶער טְרֵיפָה וָואס זֵיי זֶענֶען וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶען פוּן דֶער עֶרְד אוּנ דֶר נָאךְ זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וֶועלְכֶע פִישׁ אִין וַואסֶר זֶענֶען כָּשֵׁר אוּנ דֶער נָאךְ זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי דִינִים פוּן דֶעם

מֶענְשׁ דָאס עֶר זָאל הַאלְטֶען דִי תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת דֶען עֶר אִיז נִיט מֶער וָוארֶן בֶּעשַׁאפֶן נוּר צוּ הַאלְטֶען דִי תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת (אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ) דִי חֲכָמִים לֶערְנֶען פוּן דַאנֶען אַפִּ אֲפִילוּ וָוען אַיין אִשָּׁה הָאט דָאס קִינְד נִיט גַאנְץ נוּר עֶס אִיז צוּ גַאנְגֶען אִיז זִי דָאךְ טְמֵאָה גְלַייךְ וִוי זִיא הָט אַלֶעבֶּעדִיג. קִינְד גֶעהַאט דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט מַעֲשֵׂה נִסִּים טוּט גָאט מִיט דֶעם קִינְד דֶען וָוען אַמֶענְשׁ אִיז אִין דֶער תְּפִיסָה אַטָאג וָואלְט עֶר גֶערֶען אַרוֹם אוּנ דָאס קִינְד אִיז פַאר בּוּנְדֶען נַיין חֳדָשִׁים אִין זַיין מוּטֶערְם לַייבּ אוּנ ווִיל נִיט אַרוֹם גַיין אוּנ גָאט טוּט עֶס הִיטֶען ר' מֵאִיר זָאגְט נִסִּים טוּט גָאט מִיט דֶעם קִינְד דֶען אֵיי דָם קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען אִיז דִי אִשָּׁה פוּל מִיט בְּלוּט אוּנ ווִי בַּאלְד דָאס קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירֶען גֵייט דָאס בְּלוּט אִין דִי בְּרוּסְט פוּן דֶער מוּטֶער אוּנ עֶס וֶוערְט דֶער פוּן מִילֶעךְ אוּנ דָאס קִינְד זַייגְט דֶער פוּן דֶער בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט עֶס זֶענֶען דְרַיי עוֹלָמוֹת בַּיי דֶעם מֶענְשֶׁען דֶער עֶרְשְׁטֶער עוֹלָם אִיז אִין זַיין מוּטֶערְם לַייבּ דָם עֶר זֶעהְט גְרוֹסֶע ווְאוּנְדֶער פוּן גָאט אַלִיכְט לַייכְט אִיבֶּער זַיין קָאפּ אוּנ עֶר קָאן דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּנ מֶען וַוייזְט אִים דָאס גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע זַיינֶע חֲדָרִים אוּנ דָאס גֵיהִנָּם מִיט אַלֶע זַיינֶע חֲדָרִים אוּנ מֶען זָאגְט אִים זַיי פְרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס דוּ וֶוערְסְט גֶעבָּארֶען וֶועסְטוּ קוּמֶען אִין ג"ע צְווִישֶׁען אַלֶע צַדִּיקִים אוּנ וֶועסְט כָּבוֹד הָאבֶּן אַזוֹ ווִי זַייא אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁלֶעכְט וֶועסְטוּ קוּמֶען אִין גֵיהִנָּם אַזוֹ ווִיא אַנְדֶערֶע רְשָׁעִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּנ דָאס קִינְד ווִיל נִיט אַרוֹם גַיין פוּן זַיין מוּטֶערְם לַייבּ אוּנ זַיין עֶסֶין אִיז דָאס וָואס דִיא מוּטֶער עֶסְט אוּנ וָוען עֶס דַארְף גֶעבָּארֶען וֶוערֶען טוּט עֶס ווַיינֶען עֶס גֵייט מִיט נוֹט אַרוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט ווַייל אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז גְרוֹס צַעַר אוּנ אַז עֶר קוּמְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ קְרִיגְט שֵׂכֶל אוּנ דֶערְקֶענְט דִיא תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אוּנ דִיא ווְאוּנְדֶער פוּן גָאט וָואס עֶר טוּט מִיט מֶענְשֶׁען אִיז זַיין שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹס אוּנ וָוען עֶר דַארְף זִיךְ אָפּ שַׁיידֶען פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ דַארְף שְׁטַארְבֶּן טוּט עֶר מְרוּיֶרֶען דֶען עֶר שְׁטַארְבְּט מִיט

נוֹט עֶס טוּט אִים בַּאנְג דִי וֶועלְט אַוֶועק צוּ וַוארְפֶן אוּנ דִי צְווַיי עוֹלָמוֹת הָאבֶּן אַגִיזֶעצְטֶע צַייט דֶען אִין דֶער מוּטֶערְם לַייבּ אִיז אַצַייט נַיין חֳדָשִׁים אוּנ נִיט מַיין פוּן צְווֶעלְף חֳדָשִׁים אוּנ דִיא וֶועלְט הָט אוֹיךְ אַצַייט זִיבְּצִיג יָאר אָבֶּער דֶער עוֹלָם וָואס דֶער מֶענְשׁ קוּמְט אַהִין דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא דִי הָאט נִיט קַיין גִיזֶעצְטֶע צַייט נוּר זִי דוֶערְט בִּיז אֵייבִּיג דָא זֶעהְט מֶען דָאס אַמֶענְשׁ גֵייט פוּן אַיין עוֹלָם אִין דֶעם אַנְדֶערֶן עוֹלָם צוּ גוּטֶען אוּנ דֶער אִמְרֵי נֹעַם פְרֶעגְט וָוען יוֹא דִי תּוֹרָה ווִיל דִי מִצְוֹת פוּן דֶעם מֶענְשׁ שְׁטֶעלֶן נָאךְ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואלְט דָאךְ דִי תּוֹרָה גֶעדַארְפְט פְרִיעֶר שְׁטֶעלֶן דִי מִצְוֹת פוּן אַמַאן אוּנ דֶר נָאךְ פוּן אַיין אִשָּׁה ווַייל זִיא אִיז גֶעוָוארֶען בֶּעשַׁאפֶן נָאךְ דֶעם מַאן דֶר תִּירוּץ אִיז אַיין אִשָּׁה זָאל גֶעווִינֶען אַקִינְד אִיז גֶעוֶועהְנְלִיךְ אַלֶע טָאג אָבֶּער דִי מִצְוֹת פוּן אַמֶענְשׁ וָואס עֶר וֶוערְט מְצוֹרָע ווִי אַזוֹ עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין דָאס אִיז נִיט גֶעוֶועהְנְלִיךְ דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה דֶער נָאךְ אָן גֶעשְׁרִיבֶּען דִי דִינִים פוּן מְצוֹרָע דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה הָט פְרִיעֶר אָן גֶעשְׁרִיבֶּן (וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וגו') אִיר זָאלְט הֵיילִיג זַיין אוּנ נָאהֶנְט דֶער בַּייא הָט דִי תּוֹרָה גֶעשְׁרִיבֶּן (אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ) צוּ ווַייזֶען דָאס אַמֶענְשׁ דַארְף זִיךְ מְקַדֵּשׁ זַיין בְּשַׁעַת תַּשְׁמִישׁ אוּנ וָוען עֶר אִיז גֶעוֶועְן אִין בֵּית הַכִּסֵּא טָאר עֶר נִיט בַּאלְד מְשַׁמֵּשׁ זַיין אוּנ דַארְף וַוארְטֶען אַקְלַיינֶע ווַיילֶע אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָכָר הָאט אִין דֶער צָאל ווִי בְּרָכָה צוּ ווַייזֶן וָוען מֶען הָט אַזוּן אִיז אַבְּרָכָה פוּן גָאט (וְטָמְאָה וגו') דִי תּוֹרָה הָט גֶעבָּאטֶן זִיבֶּען טָאג זָאל דִי אִשָּׁה זַיין טְמֵאָה נָאךְ אִיר גֶעווִינֶען אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אַז דֶער מֶענְשׁ שְׁטַארְבְּט דַארְף מֶען נָאךְ אִים קְלָאגֶען זִיבֶּען טָאג דֶען אַלֶם אִיז צוּ זִיבֶּען (דְּוֹתָהּ תִּטְמָא) דֶער פָּסוּק לֶערֶענְט אוּנְז דָאס אַיין אִשָּׁה זֶעהְט אַנְדֶערְשׁ נִיט קַיין דַם נִדּוֹת סַיידֶן עֶס טוּט אִיר ווַיי דֶער קָאפּ אוּנ אִירֶע אֵבָרִים זֶענֶען שְׁוֶוער אוֹיף אִיר אוּנ זִי הֵייסְט דְרוּם נִדָּה ווַייל מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אִיר אָפְּשֵׁיידֶן דָאס מֶען טָאר נִיט זִיצֶען אִין אִירֶע פִּיר אֵיילֶען נוּר זִיא זָאל זִיצֶען אַלֵיי

אונ אזו איז געוועזן פאר צייטען דער מנהג אפילו ביי די היידן דאס זיי האבן זיך ווייער אפ געשייד פון אגדה אפילו אירע טריט אויף דער ערד שאדען דעם מענש ווען ער טרעט אויף זיי אונ אויך איר ריידען טוט שאטן דעם מענש וואס רייד מיט איר אזו ויא מיר געפינען ביי לבן ווען ער האט געזוכט דיא בילדער בייא זיין טאכטער רחל אונ זי איז געזעסען אויף זיי אונ האט געזאגט איך האב סדר נשים איך קאן ניט אויף שטיין אונ ער האט געשוויגען אונ הט איר גאר ניט געענטפערט אונ דרום האט זיא ניט געקישט דעם פאטער אין זיינע הענד וייל דר ריח פון נדה טוט שאדן אונ עס איז גוויס דאס אויף וועמן איין אשה נדה קוקט טוט עס אים שאדן, די חכמים זאגן איין אשה בייא איר אן הייב נדה ווען זיא זעהט אין איין געגלאנצטער שווערד אדער אין איין שפיגל ווערט דרויף איין פלעק דר פון זעהט מען דם אפילו איר זעהן טוט אויך שאדן (וביום השמיני ימול בשר ערלתו) אונ אין דם אכטן טאג זאל מען דאס קינד מל זיין אפילו ווען עס געפאלט אום שבת, טורנוסרופוס הרשע הט געפרעגט צו רבי עקיבא וועלכע מעשים זענען בעסר דיא מעשים פון גאט אדר פון מענשן האט רבי עקיבא געזאגט פון מענש איז בעסר זאגט טורנוסרופוס קען דען איין מענש מאכן איין הימל אונ גאט הט געמאכט זאגט רבי עקיבא פרעג מיך ניט וס אובן איז מענשן קענין עס ניט דר גרייכן פרעג וס אויף דר ערד איז זאגט טורנוסרופוס וארום טוט איר אייך בשניידען וואלט דען גאט ניט געקענט מאכן מען זאל געבארן ווערן בשניטן ענפרט רבי עקיבא וארום אקינד ווערט געבארן הענגט זיין נאפל אין דער מוטרס לייב אונ מען מוז אים אפ שניידען וואלט דען גאט ניט גיקענט מאכן דאס איין קינד זאל ווערן געבארן אונ זיין נאפעל זאל ניט הענגן אין זיין מוטרס לייב נאר גאט האט געלאזט איין זאך דם דר מענש אליין זאל פאר ריכטן אזו אויך דיא ערלה האט גאט געלאזט דר מענש אליין זאל זיך פר ריכטן אונ אויך גאט וויל די לייט פרובן אוב זייא וועלן האלטן זיינע מצות דרום האט ער געבאטן מצות מילה, די אשה מוז זיין טמא ביי איין זכר פערציג טעג אונ ביי איין נקבה אכציג טעג וייל איין נקבה איז קאלט אונ נאס אונ אירע ליחות זענען פיל דרום מוז דיא אשה לאנג ריינגן זיך נאך איין נקבה מער ויא נאך איין זכר (וכפר עליה) דיא אשה דארף ברענגן איין קרבן ווען זי שטייט אויף פון איר קינד בעט אונ דעם קרבן ברענגט זיא אויף חוה וס זיא הט איין עבירה געטאן אונ הט גורם געווען די וייבר זאלן שווער קינדר האבן דען ווען חוה זאל ניט געווען די עבירה טאן מיט דעם עץ הדעת וואלטן וייבר גרינג קינדר געהאט אזו ויי איין בום מאכט גרינג וואקסען זיינע פירות אונ אויך דרום זענען די וייבר ווארן געבאטן אויף דרייא מצות חלה אונ נדה אונ ליכט צינדן אום ערב שבת פר נאכט די חכמים זאגן דרום ברענגט איין אשה איין קרבן וייל בשעת אז זי גייט צו קינד שווערט זי זיא זאל שון מער ניט קומן צו איר מאן אונ וייל זיא איז אין צער דרום איז איר שבועה נישט אויך וייל זיא איז מחויב צו טאן דם מאנס ווילן קען זי דרויף ניט שווערן נאר וייל איר מחשבה איז געווען צו שווערן דרום זאל זיא ברענגן איין קרבן אונ דרום היינט אויך וס קיין קרבן איז ניט דא קופט דער מאן מצות אונ איז עולה תורה ווען דם וייב גייט אין שול ארייין נאך איר קינד האבן (אדם כי יהיה בעור בשרו) ווען אמענש

וועט

## ליקוטי יקרים

(והצרוע אשר בו הנגע) אונ דער קרעציגר וואס ער הט די נגע זאלען זיינע קליידער זיין צעריסן אונ זאל זיך די גאנצע צייט זיינע האר פון דעם קאפ ניט אפשערן אונ זאל זיין ארום געהילט אזו וי איינער וואס טרוערט אויף א מת

אונ

## אוהל יעקב

(והיה בעור בשרו לנגע צרעת) עס וועט זיין אין דר הוט פון זיין לייב איין נגע פון צרעת (והובא אל אהרן הכהן) זאל דר מענש ווערין געבראכט צו אהרן הכהן, דר כהן זאל זעהן אוב די נגע איז טמא אדר טהור זאגט דר מדרש אויף דר וועלט זעהט דר כהן די נגעים אבר לעתיד

זאגט

ווערט האבן איין נגע צרעת אין זיין לייב זאל ער ווערן געבראכט צום כהן, דער בחיי שרייבט דרום הט דא די תורה ביי צרעת ניט געשריבן (וידבר יי אל משה לאמר דבר אל בני ישראל) ווייל גאט וויל ניט דער מאנן זיין נאמן ביי בייזן דען גאט וויל ניט בייז טאן דעם מענשן אזו ווי אין פסוק שטייט (החפץ אחפוץ מות רשע) וויל איך דען דער רשע זאל שטארבן נאר גאט באגערט דער מענש זאל לערנן תורה אזו וויא אין פסוק שטייט (יי חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר) גאט וויל מען זאל תורה לערנען אונ אזו אוך אז גאט האט בשאפן דיא ליכט אונ דאס פינסטערניש שטייט (ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה) שטייט דר נאמן פון גאט ביי דר ליכט אונ ניט ביי דעם פינסטערניש ווייל דס פינסטערניש איז שלעכט אונ אוך אז גאט האט געבענשט אדם אונ חוה דער מאנט ער זיין נאמן אזו ווי אין פסוק שטייט (ויברך אלהים אותם) גאט הט זיי געבענשט אונ אז ער הט זיי געשאלטן שטייט ניט דר מאנט גאטס נאמן, דיא חכמים זאגן ביא דריי זאכן שטייט דער מאנט גאטס נאמן ביי בייזן איינס איז ביי דם שלאנג ווס ער הט גערייד בייז אוף גאט הט גאט דר מאנט זיין נאמן אזו ווי אין פסוק שטייט (ויאמר יי אלהים אל הנחש) דס אנדערע איז ווען איין יהודי איז עובר אוף די רייד פון דיא חכמים אזו ווי אין פסוק שטייט (כה אמר יי אלהי ישראל ארור האיש אשר לא ישמע את דברי הברית הזאת) אזו זאגט גאט פר שאלטן זאל זיין דער יהודי וואס ווט ניט הערין די רייד פון דם דאזיגן ברית אונ דס איז געווען די רייד פון די חכמים דם דריטע איז ווען אמענש הט בטחון אוף איין מענשן אזו ווי אין פסוק שטייט (כה אמר יי ארור הגבר אשר יבטח באדם) אזו זאגט גאט פר שאלטן זאל זיין דר מענש ווס הט איין בטחון אוף איין מענשן אונ צרעת קומט אוף איין מענשן פון וועגן זנות אונ פון וועגן גאוה, דר בחיי שרייבט די פרשה פון צרעת

איז

### ליקוטי יקרים

אונ זאל שרייען אז ער איז טמא דיא אלע טעג וואס דיא נגע איז אין אים זאל ער זיין טמא אונ קיינער איז אים ניט שולדיג אין דעם אזו ווי דער אור החיים הקדוש שרייבט די גאנצע צייט וואס ער האט יסורים פון דער נגע איז ער נאך טמא אוך אזו ווי דער פסוק זאגט (טמא הוא) ער איז זיך אליין שולדיג אין דעם וואס ער איז טמא ווארום ער הט זיך אזו פארדינט ביי גאט (והבגד כי יהיה בו נגע צרעת) אונ אז עס ווערט זיין א נגע פון צרעת אין אקלייד פון וואל אדר פון פלאקס אדר פון לעדער אונ די נגע ווערט זיין גרין אדער רויט זאל די נגע ווערן געוויזן צום כהן דער נועם אלימלך שרייבט דאס איז ארמז ווער עס האט פארפלעקט זיינע קליידר וואס ער הט זיך געמאכט פון די מצות וואס ער הט געטואן ווס דס הייסט (חלוקא דרבנן) איז דאס זייער אביטער געשעפט ווארום אז ער האט שון זוכה געווען צו מאכען זיך אקלייד פון די מצות הט ער געדארפט שכל האבען אונ געווארנט זיין ער זאל זיין קלייד ניט פאר פלעקען נור דיא תורה גיבט אים איין עצה (והראה את הכהן) ער זאל זעהן אלם אן צווענדן ער זאל ארום נעמען דיא פריריגע פלעקען ביז ער ווערט קומען אוף דעם אמת:

### אוהל יעקב

זאגט גאט וועל איך אייך מטהר זיין, עס איז אדמיון איינער איז געזעסין אין אדארף וואס קיין מענשן פארען ניט דורך אין אוויסט ארט אונ דארט איז דר מענש קראנק געווארן אונ עס איז ניט געווען קיינער זאל אים היילען ויהי היום הט זיך געטראפן אז איין סוחר איז אריין גפארן אין דעם דארף צו קופין עסין פון די פערד וועגין אונ איז געקומען צו דעם קראנקן מענשן אין שטוב אריין הט דער קראנקר אן געהובן זייער צו וויינען אונ בעטן דעם סוחר אונ זאגט איך בין איין קראנקער אונ איין ארימער זאגט דר סוחר צו אים איך קען דיר קיין אנדערע טובה ניט טאן נאר איך זאל דיך נעמען אין שטאט אריין וועט איטליכער זעהן דיין קראנקייט וועלן זיי בוודאי טוען מיט אלע מעגליכקייט מען זאל דיך היילן דר נמשל איז דר פון דר מענש ווערט בשאפען אוף דר וועלט פון דער מוטערס בוך מיט תאות עולם הזה אונ גאט הט געגעבן דעם מענשן די תורה זיא זאל אים היילן דעם גוף פון תאות עולם הזה אונ אז דר מענש קערט זיך פון דער תורה בלייבט ער ביא דער קראנקייט תאות עולם הזה וואס ער איז מיט דעם געבוירין געווארען אונ קיינער זעהט ניט זיין קרענק נאר גאט הט אוף אים רחמנות זיין נפש זאל חס ושלום ניט פר פאלן זיין אין דר קראנקייט שיקט גאט אוף דעם מענשן נגעים אוף אזו איין ארט ווס איטליכר זאל זעהן די נגעים ווערט ער וויסען זיין קראנקייט אונ אנדערי מענשען וועלן אוך זעהן וועלן זיי אים שטראפן ער זאל תשובה טאן פונקט ווי דער סוחר הט געענפערט דעם דארפס מענש ער ווערט

אים

אִיז נָאהִינְט גֶעגֶבְּן דֶער פַּרְשָׁה פוּן נִדָּה צוּ וַוייזְן דִי וָוס הַאלְטְן נִיט רֶעכְט נִדָּה אִיז דָם קִינְד מְצוֹרָע וָוס פוּן זַיי קוּמְט אוּנ אַזוֹ הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט וֶוען אֵיינֶר לִיגְט מִיט אֵיין נִדָּה אִין אִיר עֶרְשְׁטְן טָאג אִיז דָאס קִינְד מְצוֹרָע צֶעהְן יָאר אוּנ אוֹבּ עֶר לִיגְט בַּיי אִיר אִין דֶם אַנְדֶערְן טָאג פוּן אִיר נִדָּה אִיז דָם קִינְד מְצוֹרָע צְוַואנְצִיג יָאר אַזוֹ בִּיז זִיבְּן טֶעג אִיז דָם קִינְד מְצוֹרָע זִיבְּצִיג יָאר דָם צָרַעַת קוּמְט פוּן וֶועגְן דִיא עֲבֵירוֹת פוּן דִי מֶענְשְׁן אֵיין מָשָׁל אַשְׁלֶעכְטֶר קְנֶעכְט וֶוערְט פַאר קוֹיפְט אִין מַארְק אוּנ דֶער הַאר וָוס קוֹיפְט אִים וַוייסְט דָאס עֶר אִיז שְׁלֶעכְט אוּנ זָאגְט אִיךְ וֶועל אִים גוּט מַאכְן אוּנ בְּרֶענְגְט קֵייטְן אוּנ שְׁטֶעקְן צוּ שְׁטְרָאפְן אִים אוֹבּ עֶר וֶועט שְׁלֶעכְט זַיין אַזוֹ אוֹיךְ גָאט וַוייסְט פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פוּן דֶעם מֶענְשׁ דָאס עֶר וֶועט עֲבֵירוֹת טוּאֶן דְרוּם הָאט עֶר אָן גֶעגְרֵייט נְגָעִים אוּנ אַנְדֶערֶע קְרַאנְקְהֵייט צוּ שְׁטְרָאפֶען אִים אוֹבּ עֶר וֶועט טוּאֶן עֲבֵירוֹת אוּנ אַזוֹ הָט גָאט גֶעבְּרַאכְט נְגָעִים אוּנ צָרַעַת צוּם עֶרְשְׁטֶען בְּרֶענְגְט עֶר נְגָעִים אוֹיף דִיא שְׁטֵיינֶר פוּן הוֹז וֶוען דֶער מֶענְשׁ טוּט דוּרְךְ דֶעם תְּשׁוּבָה אִיז גוּט אִיז אִים גָאט מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶוען עֶר טוּט אָבֶּר קֵיין תְּשׁוּבָה בְּרֶענְגְט גָאט נְגָעִים אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶר טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז גוּט אִיז אִים גָאט מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶוען עֶר טוּט אָבֶּער קֵיין תְּשׁוּבָה בְּרֶענְגְט גָאט נְגָעִים אוֹיף זַיין גוּף אוּנ דִיא נְגָעִים וָוס עֶר שִׁיקְט אִין זַיין גוּף שִׁיקְט עֶר אוֹיךְ מִיט רַחֲמָנוּת צוּם עֶרְשְׁטֶען שִׁיקְט עֶר אַקְלֵיינֶע נֶגַע אוֹיף זַיין קָאפּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז גוּט אוּנ אוֹבּ נִיט שִׁיקְט עֶר אוֹיף אִים אַשְׁחִין טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז גוּט אוּנ אַז נִיט שִׁיקְט עֶר אִים צָרַעַת אוֹיף זַיין גַאנְץ לַייבּ אוּנ אַזוֹ זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ גָאט אִיז אֵיין דֶר בַּארְמִיגֶער עֶר שְׁטְרָאפְט מִיט רַחֲמָנוּת אַזוֹ וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אִיוֹבּ דָם גָאט הָט אִים גֶעשְׁטְרָאפְט אִין זַיין גוּטְס דֶר נָאךְ אִין זַיין הוֹז אוּנ דֶר נָאךְ אִין זַיינֶע קִינְדֶער דֶר נָאךְ אִין זַיין גוּף אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אִין מִצְרַיִם הָאט גָאט פְרִיעֶר גֶעשְׁלָאגֶן זַיירֶע בְּהֵמוֹת דֶר נָאךְ אִין דֶעם גוּף פוּן זַייעֶרֶע בְּכוֹרִים אוּנ דִיא נְגָעִים קוּמֶען בְּהַשְׁגָּחָה פוּן גָאט אוֹיף דֶעם מֶענְשׁ עֶר זָאל וִויסֶן דָאס עֶר הָאט עֲבֵירוֹת גֶעטוּאֶן אוּנ זָאל תְּשׁוּבָה טוּאֶן אוּנ דִי נְגָעִים פוּן דִי הַייזֶר זֶענֶען נוּר גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ נִיט אִין יְרוּשָׁלַיִם וַוייל זִיא אִיז זַייעֶר הֵיילִיג גֶעוֶוען דָאס דִי שְׁכִינָה הָאט דָארְטְן גֶערוּאָט:

אוהל יעקב

אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין אִיטְלִיכֶר זָאל זֶעהְן זַיין קְרַאנְקְקֵייט דָם זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעהְט דֶער כֹּהֵן דִי נְגָעִים וַוייל דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין וַוייסְט נִיט דִי קְרַאנְקְקֵייט פוּן דֶעם נֶפֶשׁ אוּנ קֵיין אַנְדֶרֶע וַוייסֶען אוֹיךְ נִיט זַיי זָאלֶען אִים שְׁטְרָאפֶען דְרוּם שִׁיקְט גָאט אוֹיף אִים נְגָעִים כְּדֵי עֶר זָאל מִיזֶען קוּמֶען צוּ דֶעם כֹּהֵן אָבֶּר לֶעָתִיד וֶועלֶן דִי יוּדֶען הִיטֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִיא מִצְוֹת וֶועלֶען מִיר זַיין טָהוֹר וֶועט אוּנְז גָאט אַלֵיין מְטַהֵר זַיין:

# הפטרת תזריע.

(וְאִישׁ בָּא מִבַּעַל שָׁלִישָׁה) אוּנ אַמֶענְשׁ אִיז גֶעקוּמֶן פוּן דֶער שְׁטָאט בַּעַל שָׁלִישָׁה אוּנ הָאט גֶעבְּרַאכְט צוּ אֱלִישָׁע דֶעם נָבִיא בְּרוֹט פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען צַייטִיגֶען גֶערְשְׁטֶען וָואס מֶען הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן אָפּ גֶעשְׁנִיטְן דֶען עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער צַייט וָואס מֶען שְׁנַייט גֶערְשְׁטֶען הָאט דֶער נָבִיא גֶעזָאגְט צוּ זַיין קְנֶעכְט גֵחֲזִי גִיבּ דֶעם בְּרוֹט צוּ דֶעם פָאלְק אוּנ לָאזֶען זַייא עֶסֶען אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ עֶר הָאט זַיי גֶעשְׁפַּייזְט הָאט דֶער קְנֶעכְט גֶעזָאגְט וָואס וֶועט דָאס גֶענוּג זַיין פַאר הוּנְדֶערְט מַאן הָאט דֶער נָבִיא גֶעזָאגְט אַז הָט גָאט גֶעזָאגְט עֶס וֶועט גֶענוּג זַיין אוּנ עֶס וֶועט נָאךְ אִיבֶּער בְּלַייבֶּען הָאט דֶער קְנֶעכְט זַייא גֶעגֶעבֶּן אוּנ זַיי הָאבֶּען זִיךְ אָן גֶעזֶעט אוּנ הָאבֶּען אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַזוֹ וִויא גָאט הָאט גֶעזָאגְט דֶער יַלְקוּט פְרֶעגְט וָוארוּם רוּפְט עֶר אָן דָאס בְּרוֹט בִּכּוּרִים אִיז דֶען אֱלִישָׁע אַכֹּהֵן גֶעוֶוען מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען בִּכּוּרִים דֶער תֵּירוּץ אִיז דָאס וַוייזְט אוּנְז וֶוען אֵיינֶער גִיבְּט אַמַתָּנָה צוּ אַתַּלְמִיד חָכָם אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר בְּרֶענְגְט בִּכּוּרִים צוּם כֹּהֵן אוּנ דְרוּם רוּפְט עֶר אָן בִּכּוּרִים אוּנ נִיט קֵיין תְּרוּמָה וָוס מֶען גִיט אוֹיךְ צוּם כֹּהֵן צוּ וַוייזֶן אַזוֹ וִוי בִּכּוּרִים הָט קֵיין שִׁיעוּר נִיט וָואס דֶער מֶענְשׁ הָט גֶעוָואלְט הָט עֶר גֶעבְּרַאכְט דֶען מַעֲשֵׂר הָט אַשִׁיעוּר אֵיינְס

פון

פון צעהן אונ תרומה איז צוויי פון הונדערט אבר בכורים הט קיין שיעור ניט וואס דער מענש הט געבראכט הט אלס דער כהן אן גענומן פאר גוט אזו אוך וואס מען ברענגט אמתנה צו אתלמיד חכם זאל ער עס אן נעמין פר גוט (ונעמן שר צבא מלך ארם) אונ נעמן דר הובט מאן פון מלך ארם איז מצורע געווארען אונ דם פאלק פון מלך ארם האבין מלחמה געהאלטין מיט ישראל אונ האבין געפאנגין אקליינע בתולה אונ זיא איז געוועזן אדינסט ביא דם ווייב פון נעמן הט זיא געזאגט צו איר הארינטע לאז דר האר נעמן גיין צום נביא אלישע וואס איז אין שומרון וועט אים דר נביא היילין פון צרעת איז נעמן געקומן צום מלך אונ זאגט אים דם דיא בתולה הט אים איין עצה גיגעבין ער זאל גיין צום נביא וועט ער אים היילין זאגט דר מלך גיי אונ איך וועל דיר גוטע בריף געבין צום מלך ישראל איז נעמן געגאנגין אונ הט מיט זיך גענומן צעהן צענטין זילבר אונ זעקס טויזנד גולדען אונ צעהן פאר קליידר אונ אז דר מלך ישראל הט דיא בריף געליינט מען זאל נעמן היילין פון צרעת הט ער צעריסן זיינע קל דר אונ הט געזאגט זעהט דם ער טראכט בלבולים אוף ישראל בין איך דען אגאט וואס ער שרייבט מיר איך זאל היילין נעמן פון צרעת (ויהי כשמוע אלישע איש האלהים) אונ אז דר נביא הט גיהערט דם דר מלך הט צעריסן זיינע קליידר הט ער געשיקט צום מלך ישראל זאגען ווארום האסטו דיינע קליידר צעריסען לאז נעמן קומען צו מיר אונ לאז וויסען דם עס איז דא אנביא צווישן ישראל (ויבא נעמן) איז נעמן געקומן אונ הט זיך געשטעלט אוף דר טיר פון נביא מיט אלע זיינע פערד אונ רייטר (וישלח אליו אלישע) הט אלישע ארום געשיקט צו אים זאגין ער זאל זיך זיבען מאל וואשען אונ טובל זיין אין ירדן וועט ער געהיילט ווערין פון צרעת איז נעמן ברוגז געווארען אונ הט געזאגט איך האב געמיינט דר נביא וועט פר מיר תפלה טאן צו גאט איך זאל געהיילט ווערין אונ ער זאגט מיר איך זאל מיך וואשין אין ירדן פר וואר אמנה אונ פרפר די טייכין אין אונזר לאנד זענין בעסר ווי דר ירדן אונ איך האב מיך געבאדין אונ בין ניט געהיילט געווארן אונ איז אוועק געגאנגען מיט כעס האבין זיינע קנעכט צו אים געזאגט ווען דער נביא זאל דיר אשווערע רפואה זאגען וואלסטו אוך בעדארפט פאלגען ובפרט ער הט דיר אגרינגע רפואה געזאגט וואס וועט דיך הארין ווען דו וועסט דיך באדין אין ירדן (וירד ויטבול בירדן שבע פעמים) הט זיך נעמן געטובילת אין ירדן זיבען מאל אונ איז ווארין געהיילט פון זיין צרעת אונ זיין לייב איז ווארין אזו ווי אלייב פון איונג קינד איז נעמן מיט גאר זיין פאלק געקומען צו אלישע אונ הט געזאגט היינט וויים איך וואל דם עס איז ניט דא קיין גאט אוף דר וועלט נאר דר גאט פון ישראל אונ איך בעט דיך נעם פון מיר אמתנה (ויאמר חי יי אשר עמדתי

## משלי יהודה

(ונעמן שר צבא מלך ארם) דער פסוק דער ציילט פון וועם איז געקומען זיין צרעת ווייל ער איז געוועזן אבעל גאוה (וגם רוח) אונ דיא גמרא זאגט אז נגעים קומט (על גסות הרוח) די נערה וואס הט דער ציילט פר איר גברתה אז עס איז פר האנדען איין נביא בישראל ער קען היילן צרעת אונ ער היילט ניט נאר אז מען בעט אים מיט תחנונים (אחלי אדני לפני הנביא) אונ אז ניט היילט ער ניט די נערה הט ניט געוואוסט די סיבה דר פון ווייל אבעל גאוה ווערט אים דאס בלוט פאר דארבען אונ כל זמן ער וועט זיך האלטען ביא זיין גאות קען ער קיין רפואה ניט האבען נאר אז מען ווערט אנכנע אונ איז משפיל זיין גאות דורך דעם וואס ער בעט ביי דעם נביא מיט תחנונים מיט גרוסי הפצרות אז ער טרייבט אפ די סיבה טרעט אפ דער מסובב ווי נעמן הט דער ציילט די רייד פון די נערה (כזאת וכזאת דברה הנערה) האט דער מלך מיט נעמן געמיינט אז דער נביא איז אשלעכטער דריבער וויל ער ניט נאר מיט גרוסי הפצרות דריבער הט ער געשריבען צו דעם מלך ישראל בגזירה אז דער מלך ישראל זאל גוזר זיין אוף דעם נביא אז ער מוז היילען ווי דער מלך ישראל ליינט איבער דיא בריף האט ער צעריסען דיא קליידער (האלהים אני להמית ולהחיות) צו בין איך דען גאט צו טאן ניסים אז ער קומט מיט גאוה אונ ווערט ניט נכנע איז בדרך הטבע ניט מעגליך צו היילען נאר בדרך נס ווי אלישע הט דער הערט האט ער געשיקט צו דעם מלך אז נעמן זאל קומען צו אים ממילא וועט ער שון ווערען איין נכנע לפי ערך דם גרוסקייט פון נעמן אז ער בדארף קומען צו מיר אונ ניט איך צו אים (וידע כי יש נביא בישראל) ווי נעמן איז געקומען מיט זיינע פערד אונ רייט וועגען אונ הט זיך געשטעלט מיט גרוס גאוה פר די טיר פון אלישע אונ הט געמיינט אז אלישע וועט ארוס קומען צו אים אזו וויא עס פאסט פר זיין כבוד דער נביא האט אבער געוואלט אים מכניע זיין האט ער געשיקט צו אים אשליח ער זאל זיך וואשין זיבען מאל אין ירדן נעמן חאצבי ער איז געוועזן אין כעס וואס אלישע איז ניט ארוס געגאנגען צו אים סוף כל סוף הט ער געמוזט זיין אנכנע אונ פאלגען דעם נביא אונ איז געווארען געהיילט דער נאך האט ער זיך שון מכניע געוועזן אין גאנצען אונ ער מיט זיין מחנה האבען אפ געגעבען כבוד דעם נביא אונ ער איז שון אביין געקומן אין שטוב אונ איז געשטאנען פר אלישע (ויעמוד לפניו וגו') :

עמדתי לפניו) האט אלישע צו אים געזאגט איך שווער ביי גאט וואס איך שטייא פר אים דאס איך וועל ביי דיר גאר ניט נעמין אונ נעמן האט אים זייער גיבעטין אונ ער האט ניט געוואלט נעמין (ויאמר נעמן ולא יתן נא לעבדך משא צמד פרדים אדמה) האט נעמן גיבעטין מען זאל אים געבין פון ארץ ישראל ערד וואס צווייא מויל אייזלין קענין דער טראגין אונ ער וועט מאכין דר פון אמזבח אין זיין לאנד דען ער וועט שון מער ניט מקריב זיין קיין קרבנות צו דער ע"ז נאר צו גאט אונ חאטשע קיינער האט אים ניט גיווערט צו נעמין ערד האט ער דאך גיבעטין אלישע ער זאל אים רשות געבין כדי ער זאל ניט נעמין פון ארץ ישראל קיין ערד מיט גזילה (הדבר הזה יסלח יי לעבדך) נעמן האט געזאגט צו אלישע איך וויל גלייבין אין איין גאט אונ ניט מער דינען ע"ז נאר איך מוז גיין מיט דם מלך ארם אין דם הוז פון ע"ז אונ זיין האנד איז אן גילעהנט אוף מיר אונ ווען ער בוקט זיך מוז איך מיך אוך בוקען נאר מיין מחשבה וועט ניט זיין צו דר ע"ז דרום בעט איך אצונדרט דם גאט זאל מיר מוחל זיין דיא עבירה האט אלישע צו אים געזאגט גייא לשלום איז נעמן אהיים געגאנגין:

# פרשת מצורע.

(וידבר יי אל משה לאמר זאת תהיה תורת המצורע ביום טהרתו) שלמה המלך זאגט אין משלי (מפרי פי איש תשבע בטנו תבואת שפתיו ישבע) דאס לערינט אונז דם עס איז זייער גוט צום צונג ווען ער טוט רייד[ע]ן תורה אונ מצות אונ שטראפט לייטן צו גוטן אונ זיין שכר איז זייער גרוס פון גאט אבער ווען ער רייד לשון הרע רכילות איז אים גענוג שטראף אן גענרייט צו האבען דם זאגט דער פסוק (מפרי פי איש תשבע בטנו) פון וועגן זיין לשון הרע ריידן וועט ער זיך אן זעטין מיט צרות (תבואת שפתיו ישבע) ווען אבר ער טוט ריידן גוטס וועט ער זיך אן זעטן מיט גוטען שכר אונ דם זאגט דער פסוק (מות וחיים ביד הלשון) דר טוט אונ דאס לעבן הענגט אן אין דר צונג (ואוהביה יאכל פריה) אונ דר וואס האט ליב די צונג אונ רייד מיט איר תורה אונ מצות דער וועט האבן איין גוטן שכר דר פר אבר דר מענש וואס רייד לשון הרע ברענגט אוף זיך פיל צרות אונ צרעת אונ דרום רופט אים די תורה אהן מצורע דאס איז צוויי ווערטער מוציא רע דאס צרעת קומט אוף אים ווייל ער רייד ביין



(זאת תהיה תורת המצורע) אונזערע חכמים זאגין אז די מכה פון צרעת קומט אוף דם מענש פר דם חטא פון לשון הרע אונ שטעלין דם איין בדרך רמז אונ דיא ווערטער (זאת תהיה תורת המצורע) דם איז דיא תורה אונ דער משפט פר דם וואס איז מוציא רע דאהער זאל ניט טראכטען דער מענש וואס איז געוואנט צו ריידען לשון הרע אז

ליקוטי יקרים

(וידבר יי אל משה לאמר) גאט האט גערייד צו משה אונ האט צו אים אזו געזאגט דם דאזיגע זאל זיין דם לערנען פון דעם וואס איז מצורע אין דם טאג וואס ער וועט ריין ווערען פון זיין צרעת זאל ער גיברענגט ווערען צום כהן (ויצא הכהן) אונ דר כהן זאל צו אים ארום גיין דארט ווי ער זיצט אויסינווייניג פון דר מחנה ווארום ער איז טמא מאר

אוהל יעקב

(זאת תהיה תורת המצורע) דיא גמרא דרשית אזו דאס ווארט מצורע מוציא רע אז איינר איז מוציא שם רע אוף זיין חבר ווערט ער מצורע איז דר דין פון מצורע ער זאל זיצן ארום פון דר מחנה דארטן איז זיין זיצונג ביז ער ווערט גיהיילט ווערן פון דעם צרעת, עס איז אמשל אקינד איז גיזעסן צווישן מענשן אונ דאס קינד האט גיט גיקענט ליידן וואס דיא מענשן זיצן האט ער גיווייגט פר דם פאטר אונ האט אים גיזאגט לאזן די מענשן אוועק פון דאנן אונ איך וועל דא אליין זיצן ווארום איך האב די מענשן פיינד צו זיצן מיט זיי האט אים דר פאטר גיענפרט בעסר זאלסטו אוועק גיין פון דאנן אונ זאלסט זיצן דארט ווי עס איז קיין מענש ניט דא איי אלע זאלן אוועק גיין דורך דיר דאס געמליכי זאגט די תורה ביי איין מצורע ער זאל אליין זיצן ווארום זיין זיצן איז ארום פון דר מחנה ווייל ער האט פיינד מענשן אונ קען ניט זעהן זייער טובה אונ איז זיך מקנא אין אנדרי מענשן ווס עס איז זיי גוט אונ האט פון דם צער אונ עס איז אים שלעכט אונ רייד אוף זיין חבר שלעכט דרום דארף ער ווערן מצורע דם מיינט דיא גמרא מוציא רע ער ציהט אוף זיך אליין שלעכטס:

בייז אונ ווען ער ווערט געהיילט מוז ער ברענגען איין קרבן אויף זיין לשון הרע וואס ער האט גערייד אונ ער קאן אנדרש ניט גריינגט ווערן נאר דורך דעם כהן אונ דר כהן מוז ארויס גיין צו דעם מצורע וואס ער זיצט אליין חוץ למחנה אונ לשון הרע איז איין גרויסי עבירה דען דער וואס רייד לשון הרע טוט בייז דרייא מענשן זיך דאס ער ווערט געשטראפט ווייל ער רייד לשון הרע אונ דעם וואס ער האט אויף אים גרייד לשון הרע אונ דעם וואס האט אן גענומען דם לשון הרע אויך וועה וועליכם איז ערגר איין פייל אדר איין שווערד איין פייל איז גווים ערגר דען איין שווערד קען נאר טייטן לעבן זיך אבר ניט פון דר ווייטן אונ איין פייל טייט פון ווייטן אונ דרום רופט דר פסוק אן דם לשון הרע חץ שחוט איין אום געצונגי פייל ווייל עס הרגית פון ווייטן אזו ווי איין פייל אונ לשון הרע איז איין גרעסרי עבירה פון זנות אונ ע"א אונ רציחה אונ אפילו מרים וואס זיא האט נאר גרייד אויף איר ברודער משה דם ער זאל זיך פון זיין ווייב ניט אפ שיידן איז זיא דאך געשטראפט געווארן אונ איז גווארן מצורע זיבען טעג אונ אהרן איז אויך מצורע גווארן נאר גאט האט אים באלד געהיילט פון דאנען לערנין מיר אפ ווי גרויס דיא עבירה איז פון לשון הרע דאס מען שענקט ניט דיא עבירה אפילו איין גאנץ חשובען מענשען אונ דער מצורע וואס איז געהיילט גווארן האט גדארפט ברענגן צווייא פייגעל טהורים דען גאט זאגט ער זאל ברענגען פייגל וואס זינגין אונ פיפצען מיט זייער מול עס זאל מכפר זיין אויף אים וואס ער האט גרייד בייז מיט זיין מול אונ ער זאל נעמען האלץ פון איין טענן בוים וואס ער וואקסט הוך צו מכפר זיין אויף אים וואס ער האט זיך בגאוה געהאלטן אונ דורך דעם האט ער לשון הרע גרייד אונ ער האט גנומן איין בינטל אזוב וואס וואקסט נידריג אונ איין רויטין פאדים וואס איז גווען גפארבט מיט אווארים צו ווייזען דער מענש וואס האט אין זיך צרעת ווייל ער האט זיך בגאוה געהאלטן זאל ער זיך נידריג האלטן ווי איין אזוב אונ וויא אווארים וועט ער געהיילט ווערן (ובא אשר לו הבית) די גמרא זאגט צרעת קומט אויף הייזער ווען דר מענש וויל קיין כלים ניט לייען פון זיין הויז דרום זאגט דר פסוק (אשר לו הבית) וואס דם הויז איז זיין אונ ער וויל קיינעם ניט לייען דער פון (וצוה הכהן וגו') אונ דר כהן זאל הייסן אום רוימן דם הויז דען די תורה וויל ניט האבן דם ישראל זאלן שאדן האבן אפילו דיא ערדיני כלים דם זיי זאלן טמא ווערען אין הויז וואס דאס צרעת איז דרום זאל דער כהן הייסען אום רוימן נאר די כלים פון דעם הויז דער כהן זאל ניט טמא מאכען דם הויז ביז עס וועט זיין אום גערוימט אלע כלים זיי זאלען ניט טמא ווערען, דר צרור המור שרייבט אזו
ווי

### של"ה הקדוש

אז ער איז געזונד אונ האט אויף זיך קיין צרעת ניט אז דיא ווערטר פון אונזערע חכמים זענין חלילה ניט אמת, ניין ער דארף וויסען אז דם וואס ער האט קיין צרעת ניט אויף זיין קערפער איז אים נאך ערגער ווארום געוויס האט ער די קראנקהייט אויף זיין נפש אונ זיין נפש איז מצורע אזו ווי דר זוהר לערינט דם אפ פון דם פסוק (שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו) אונ דרשית דם ווארט מצרות אזו ווי מצורעת דם הייסט דר וואס היט אפ זיין מויל אונ זיין צונג פון צו ריידן לשון הרע דר היט אפ זיין נשמה פון צרעת זיא זאל חלילה ניט מצורע זיין דען צרעת אויף דר נשמה איז נאך ערגר ווי צרעת אויף דם גוף, על כן דארף זיך יעדער מענש אפ היטען פון לשון הרע וויא ווייט מעגליך איז:

### ליקוטי יקרים

טאר ער ניט זיצן צווישן דר מחנה אזו ווי דר זוהר הקדוש שרייבט אלע עבירות וואס דר מענש טוט חלילה פר גיט אים גאט אז ער טוט תשובה נאר אז דר מענש רייד לשון הרע אונ רייד שלעכטס אויף זיין חבר אונ רופט אים איין צו נאמן דם ניט אונ אזו איז דר פשט פון דם פסוק דאס איז דאס לערנין פון דם מענש וואס ציהט אום שלעכטע ווערטר אום זיין מול רבי חייא זאגט דר וואס רייד לשון הרע איז ער זיך מטמא אלע זיינע איברים אונ איז ראוי מען זאל אים פר שליסן ער זאל זיין אפ געזונדערט פון מענשן ווארום דיא שלעכטע ווערטער וואס גייען ארום פון זיין מול גייען ארויף אונ עס ווערט אויף אים דרוועקט איין אומריינקייט אונ ווערט פר אומרייניגט אונ דר של"ה הקדוש

וויא דער נוף פון דעם מענשן האט אין זיך קראנקהייט אזו האט דיא נשמה אין זיך קראנקהייט אזו ווי אין פסוק שטייט (רפאה נפשי וגו') הייל מיין נשמה וואס האט געזינדיגט צו דיר און ווען ער זאגט הייל מיין נשמה מוז זיין דם זיא האט אין זיך קראנקהייט און אזו וואל דם אין דעם נוף איז פאר האנדען קראנקהייט וואס זענען מסוכן חאטשי זייא זענען גרינג נאר ווייל זיי האבן קיין רפואה ניט אזו ווי צו ווייטאג אזו אויך איז לשון הרע דער מענש מיינט דאס ער טוט קיין עבירה ניט ווייל ער טוט ניט קיין מעשה נאר ער רייד מיט דעם מויל אזו טוט ער בארויף קיין תשובה ניט צו זוכען זיך איין רפואה דם זיין נשמה זאל געהיילט ווערען און אזו ווי עס זענען פאר האנדן קראנקהייט דם זיי האבן יוא ארפואה נאר זיא איז זייער מיאוס און ביטער ער וויל בעסער שטארבן איידער ער זאל דיא רפואה טאן אזו אויך לשון הרע איז זייער ביטר די רפואה דען ער מוז גיין צו דעם וואס ער האט אויף אים לשון הרע גערייד און זאל אים זאגען איך האב אויף דיר לשון הרע גערייד זייא מיר מוחל און דאס איז אים זייער ביטער ער וואלט בעסר געשטארבן איידר ער זאל דם אים זאגען און אזו ווי עס זענען פאר האנדען קראנקייט דם זייער רפואה איז זייער ווייט דאס ער קאן פריער שטארבן איידער ער וועט די רפואה בקומען אזו אויך דר מענש וואס רייד לשון הרע איז צו צייטען גערין תשובה צו טאן נאר דר מענש וואס ער האט אויף אים גרייד איז זייער ווייט ער קאן צו אים ניט קומען דם ער זאל פון אים מחילה בעטין און אויך קען ער אמאל ניט די לייט וואס ער האט אויף זיי בייז גרייד און צו צייטן איז דיא רפואה נאהנט און איז ניט מיאוס נאר עס איז אלאנגע קראנקהייט אין נוף וואס די רפואה קען ניט העלפן אזו אויך איז דא אמענש וואס ער האט זיך געוויינט פיל ריידען און דורך דעם קומט ער צו לשון הרע און עס איז אים שון זייער שווער זיך אפ צו געוויינען ער מוז שון ריידען חאטשי ער וויל ניט דרום זאל זיך דער מענש ניט געוויינען פיל ריידען וועט ער ניט קומען צו לשון הרע (וגלח את כל שערו) דר מצורע זאל אפ גאלין זיינע האר פון זיין נוף דען די האר זענן דם צירונג פון דם מענשן און דאס איז כדי ער זאל מער קיין עזות ניט האבן צו ריידן לשון הרע און דרום זאגט ווייטר די פרשה (וכפר הכהן וגו') דם ער מוז זיינע עבירות פר לאזען און דער מיט ווערט ער טהור (ונתתי נגע צרעת וגו') איך וועל געבן אנגע אין די הייזר וואס איר וועט ירשנין אין ארץ ישראל רש"י שרייבט דם עס איז געוועזן אטובה צו ישראל דען דיא אמוריים האבן געוואוסט דם די ישראל וועלן ביי זיי אפ נעמען ארץ ישראל און וועלען אוועק נעמן זייערי אוצרות און זייער געלד דרום האבן זיי פר מויערט זייער געלד אין דיא מויערן כדי דיא ישראל זאלין עס ניט געפינען דרום האט גאט געשיקט אנגע אויף די הייזר וואס איין אוצר איז אין זיי געוועזן האט מען די הייזר געמוזט צו ווארפען איבר דר נגע און מען האט געפונן דעם אוצר. דר בחיי שרייבט דרום שרייבט דיא תורה (לאיש אשר ישכב וגו') לעבין דער מיתה פון די קינדער פון אהרן צו ווייזען דאס זיי זענען געשטארבן ווייל זיי זענען טמא געוועזן און האבן ניט געוואשין זייערי הענד און פים און זענען אריין געגאנגען אין ביהמ"ק דען דארויף

איז

ליקוטי יקרים

שרייבט אויך אזו אז צרעת קומט אויף דם מענש נאר ווייל ער רייד לשון הרע און דר מענש וואס ער ווייסט אז ער האט גערייד לשון הרע און איז ניט געווארען מצורע זאל ער זיך ניט איין ריידין אז דיא רייד פון דיא חכמים זענין חלילה ניט אמת זאל ער אזו ניט קלערין ווארום אז ער איז ניט מצורע איז פאר אים נאך ערגער ווארום אז ער איז ניט מצורע אויף דר וועלט איז זיין נשמה מצורע אויף יענער וועלט אזו ווי מיר לערנין אין זוהר הקדוש דר וואס היט אפ זיין מויל און זיין צונג דר היט אפ זיין נשמה פון צרעת איבר דם דארף איטליכר מענש זיך צו היטען פון לשון הרע און זאל דר פון אנטלויפין אזו ווי מען אנטלויפט פר אפייער:

איז מען חייב מיתה געוועזין, ועקם דעות ווען ווארום די קינדר פון אהרן זענען געשטארבן איין דעה איז ווס מיר האבן דא געזאגט די אנדרע דעה איז ווייל זיי האבען געבראכט פרעמד פייער אין משכן דיא דריטע דעה זאגט ווייל זיי זענען געוועזן פר טרונקען אונ האבן די עבודה געוואלט טאן אונ די פערדי דעה זאגט ווייל זיי האבן גפסקית איין הלכה פר זייער רבי משה אונ די פיפטי דעה זאגט ווייל זיי האבען קיין ווייבר ניט גנומען דען זיי האבן זיך זייער חשוב געהאלטן אונ האבן געזאגט דאס קיין אשה איז צו זיי ניט ראוי אונ פיל חשובי בתולות זענען פאר זעסין ווייל זיי האבען געווארט אויף זיי דס זאגט דער פסוק אין תהלים (בחוריו אכלה אש ובתולותיו לא הוללו) דיא בחורים נדב נאביהוא האט פר ברענט איין פייער ווייל די בתולות האבן מיט זיי ניט חתונה געהאט דען הוללו איז טייטש חתונה דיא ועקסטי דעה זאגט נדב נאביהוא האבען אויף דעם בארג סיני צו פיל געזעהן אין דר שכינה אונ זענען חייב מיתה געווארען נאר גאט האט זיי דענסט מאל ניט געוואלט טייטן ער האט ניט געוואלט פר שטערין דיא שמחה פון דער תורה דרום הט ער זיי דא געטייט (והדוה בנדתה) די תורה הט געגליכן דיא טומאה פון ישראל צו איין נדה דען אזו וויא איין נדה ווערט ריין מיט טבילה אזו אוך ישראל חאטשי זייא זענען טמא פון וועגן זייערע עבירות וועט גאט זיי לעתיד לבא אז משיח וועט קומען וועט ער זיי ריינגין אזו ווי אין פסוק שטייט (וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם) גאט זאגט איך וועל אויף אייך שפרענגן רייני וואסר אונ איר וועט ווערין ריין פון אלע אייערי עבירות:

## הפטרת מצורע.

(וארבעה אנשים היו מצורעים פתח השער) פיר מענשען זענין גיוועזן מצורע אונ זענין גיזעסין אין טויער פון שומרון דיא פיר זענין גחזי דר קנעכט פון אלישע מיט זיינע דריי זיהן דען אז אלישע הט גאר ניט געוואלט געמין ביי נעמן דר פר ווס ער הט אים געהיילט פון צרעת אונ גחזי הט גיזעהן דס נעמן פירט אלץ צוריק ווס ער הט געבראכט איז ער נאך געלאפין נאך נעמן אונ הט געזאגט מיין האר אלישע הט מיך צו דיר געשיקט עס זענין צו אים געקומן צוויי יונגע נביאים דרום הט ער דיך גיבעטין דו זאלסט אים שיקען אצענטין זילבר אונ צוויי פאר קליידר פון דיא יונגע נביאים יועגין, הט אים נעמן געגעבין איז ער געגאנגען אונ הט דס באהאלטין אונ הט זיך ווידר גישטעלט פר אלישע הט אים אלישע גיפרעגט היא ביסטו געוועזן זאגט גחזי איך בין אין ערגיץ ניט געוועזן זאגט אלישע איך וויים דו האסט גענומן זילבר אונ קליידר ביי נעמן דרום זאל דס צרעת פון נעמן ווערין באהעפט אין דיר אונ אין דיינע קינדר אונ זיי זענין מצורע געווארן אונ זענין געזעסין ביי דם טויער פון שומרון ווי מצורעים זיצען חוץ דר שטאט האבין זיי גיזאגט איינער צום אנדערין ווען מיר וועלין דא זיצען וועלין מיר שטארבין פר הונגר אונ ווען מיר וועלין קומען אין שטאט איז אין שטאט אגרוסר הונגר וועלין מיר דארטין שטארבין דרום איז די בעסטע עצה מיר זאלין אריין פאלין צום פאלק פון ארם ווען זיי וועלין אונז לאזין לעבין איז גוט אונ ווען זיי וועלין אונז טייטען איז אוך גאר נישט דען מיר וועלין ממילא שטארבען פר הונגר (ויקומו בנשף) אונ זיי זענין אויף געשטאנען פר נאכט צו קומן אין דר מחנה ארם אונ אז זיי זענין געקומן אין זייער גיצעלט האבין זיי קיין מענשין ניט געפונען (ואדני השמיע) אונ גאט הט געמאכט הערין צו דר מחנה פון ארם גלייך ווי אקול פון רייט וועגין אונ אקול פון פערד אונ אקול פון אגרום חיל האבין זיי געזאגט איינר צום אנדערין דער מלך ישראל הט געווים אויף אונז געדונגען די מלכים פון חתים אונ פון מצרים צו קומן אויף אונז אונ דרום זענען זיי אויף געשטאנין אונ זענען אנטלאפן ביי נאכט אונ האבען געלאזט זייערע גיצעלטין אונ פערד אונ איילן די גאנצע מחנה אזו ווי זיא איז געוועזן האבין אלעם איבר געלאזט אונ זענען אנטלאפען געווארען צו מציל זיין זייער נפש זענין געקומן דיא מצורעים ביז אין עק מחנה אונ זענין געגאנגן אין איין גיצעלט אונ האבין גיגעסין אונ געטרונקען אונ האבין גענומן זילבער אונ גאלד אונ קליידער אונ זענין געגאנגען אונ האבין באהאלטען אונ זענין ווידער געגאנגען אין איין אנדער גיצעלט אונ האבין גענומן גאלד אונ

באהלטן

בַּאהַאלְטְן דֶר נָאךְ הָאבִּין זַיי גֶעזָאגְט אֵיינֶר צוּם
אַנְדֶערִין מִיר טָאן נִיט רֶעכְט עֶס אִיז הַיינְט אַטָאג
אַגוּטֶע בְּשׂוֹרָה צוּ זָאגִין צוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ מִיר שְׁוַויינֶן
אוּנ אַז מִיר וֶועלִין וַוארְטִין בִּיז אִין דֶר פְרִיה וֶועלִין
מִיר זִינְדִיגֶען קֶעגִין דֶם מֶלֶךְ וַוייל מִיר הָאבִּין אִים
דִיא בְּשׂוֹרָה נִיט גֶעזָאגְט דְרוּם לָאמִיר גֵיין אוּנ
זָאגֶען אִין הוֹיז פוּן מֶלֶךְ, זֶענִין זַיי גֶעקוּמֶן אוּנ הָאבֶּן
גֶערוּפֶען צוּ דִיא טוֹעֶר הִיטֶער פוּן דֶר שְׁטָאט אוּנ
הָאבִּין צוּ זַיי גֶעזָאגְט מִיר זֶענִין גֶעקוּמֶן צוּ דֶער
מַחֲנֶה פוּן אֲרָם אוּנ עֶס אִיז דָארְטִין נִיט דָא קֵיין
מֶענְשׁ נָאר דִי פֶערְד אוּנ דִיא אֵייזְלֶן וָואס זֶענֶען
אָנְגֶעבּוּנְדֶען אִין דִיא גִיצֶעלְטִין זֶענֶען פִיל אַזוֹ וִוי
זַיי זֶענֶען פְרִיר גֶעוֶועֶן דֶען זַיי הָאבִּין גָאר נִיט מִיט
גֶענוּמֶן (וַיִּקְרְאוּ) הָאבִּין דִיא טוֹעֶר הִיטֶער גֶערוּפֶן
אוּנ הָאבִּין דֶם גֶעזָאגְט אִין הוֹיז פוּן מֶלֶךְ אִיז אוּף
גֶעשְׁטַאנֶען דֶר מֶלֶךְ בַּיי נַאכְט אוּנ זָאגְט צוּ זַיינֶע
קְנֶעכְט אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגִין וָוס דָם פָאלְק פוּן
מֶלֶךְ אֲרָם הָט גֶעטָאן צוּ אוּנְז זַיי וַוייסֶען מִיר זֶענֶען
הוּנְגֶערִיג אוּנ גְלִיסְטֶען אַרוּס צוּ גֵיין נֶעמִין עֶסֶען
דְרוּם זֶענֶען זַיי אַרוּס גֶעגַאנְגִין פוּן דֶער מַחֲנֶה צוּ
צוּ בַּאהַאלְטִין זִיךְ אִין פֶעלְד כְּדֵי אַז מִיר וֶועלִין
אַרוּס גֵיין פוּן דֶער שְׁטָאט וֶועלִין זַיי אוּנְז חַאפֶּען
לֶעבִּידִיג אוּנ וֶועלִין קוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרֵיין (וַיַּעַן)
הָט אֵיינֶער פוּן זַיינֶע קְנֶעכְט גִיעֶנְפֶערְט לָאז מֶען
נֶעמִין פִינְף פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע פֶערְד וָוס זֶענִין אִיבֶּר
גֶעבְּלִיבֶּן אִין שְׁטָאט אוּנ זֶענִין נִיט וָוארֶען גֶעטֵייט
אִין הוּנְגֶער דֶען דִיא רֵייטֶר אוּנ פֶערְד זֶענֶען אִין
אַסַכָּנָה צוּ שְׁטַארְבִּין אִין הוּנְגֶר אַזוֹ וִוי דָם פָאלְק
יִשְׂרָאֵל וָוס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אִין שְׁטָאט אוּנ וֶוען
דָם פָאלְק פוּן אֲרָם וֶועט זַיי הַארְגִינֶן וֶועלִין זַיי זַיין
גְלַייךְ וִוי כָּל יִשְׂרָאֵל וָוס זֶענִין גֶעשְׁטָארְבִּין אִין
הוּנְגֶר אוּנ לָאמִיר שִׁיקֶען זֶעהֶן, הָאבִּין זַיי גֶענוּמֶן
צְווַיי רַייטֶר אוּף פֶערְד אוּנ דֶר מֶלֶךְ הָט זַיי גֶעשִׁיקְט
צוּ דֶר מַחֲנֶה אֲרָם אוּנ הָט זַיי גֶעזָאגְט גֵייט זֶעהְט
זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶן נָאךְ זַיי בִּיז אִין יַרְדֵן אוּנ דֶר
גַאנְצֶר וֶועג אִיז גֶעוֶועֶן פוּל מִיט קְלֵיידֶר אוּנ מִיט
כֵּלִים וָוס אֲרָם הָט אַוֶועק גֶעוָוארְפֶן אִין זֵייעֶר אַיילִין
צוּ אַנְטְלוֹפִין הָאבִּין דִיא שְׁלוּחִים זִיךְ אוּם גִיקֶערְט
אוּנ הָאבִּין דָם גֶעזָאגְט דֶם מֶלֶךְ (וַיֵּצֵא) אִיז דָם
פָאלְק אַרוּס גֶעגַאנְגֶן אוּנ הָאבִּין גֶערוּבְט דִי מַחֲנֶה
פוּן אֲרָם אִיז גֶעוֶועֶן אַסְאָה זֶעמִיל מֶעל פַר אַשֶׁקֶל
אוּנ צְוֵויי סְאָה גֶערְשְׁטֶן מֶעל פַר אַשֶׁקֶל אַזוֹ וִוי דִי רֵייד
פוּן גָאט אוּנ דֶר מֶלֶךְ הָט גֶעמַאכְט אַמְמוּנָה אִיבֶּר
דֶם טוֹעֶר דֶם שַׂר וָוס עֶר הָט זִיךְ אָן גִילֶעהְנְט אוּף
זַיין הַאנְד הָאט אִים דָם פָאלְק צוּטְרֶעטִין אִין טוֹעֶר
אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבִּין אַזוֹ וִוי דֶר נָבִיא פוּן גָאט הָט
גֶעזָאגְט דֶען אַז דֶר מֶלֶךְ אִיז גֶעקוּמֶן צוּם נָבִיא
הָט עֶר גֶעזָאגְט מָארְגֶן אִין דֶר צַייט וֶועט זַיין צְוֵויי
סְאָה גֶערְשְׁטִין מֶעל פַר אַשֶׁקֶל אוּנ אַסְאָה זֶעמִיל
מֶעל פַר אַשֶׁקֶל אִין שְׁטָאט שׁוֹמְרוֹן הָט דֶר שַׂר
גִיעֶנְפֶערְט וֶוען אֲפִילוּ גָאט וֶועט מַאכִין פֶענְסְטֶער
אִין הִימֶל אוּנ וֶועט אַרָאפּ וַוארְפִין תְּבוּאָה וֶועט
דֶען דָם קֶענִין זַיין, הָט דֶר נָבִיא צוּ אִים גֶעזָאגְט
דוּ וֶועסְט דָם זֶעהְן מִיט דַיינֶע אוֹגֶען אוּנ וֶועסְט
דֶר פוּן נִיט עֶסֶען אוּנ עֶס אִיז אַזוֹ גֶעוֶועֶן דָם פָאלְק
הָט אִים צוּטְרֶעטִין אִין טוֹעֶר אוּנ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּן
דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶועֶן עֶרֶב פֶּסַח בַּיי נַאכְט דְרוּם
וֶוען עֶס אִיז אֵיין עִיבּוּר יָאר לֵיינְט מֶען מְצוֹרָע
שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוּנ מֶען זָאגְט דִי הַפְטוֹרָה:

# פרשת אחרי.

(אַחֲרֵי מוֹת) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי
(כִּי תֵשֵׁב לִלְחוֹם אֶת מוֹשֵׁל בִּין תָּבִין
אֶת אֲשֶׁר לְפָנֶיךָ) וֶוען דוּ וִוילְסְט זִיךְ זֶעצְן
עֶסֶען מִיט אֵיין גֶעוֶועלְטִיגֶר זָאלְסְטוּ פְרֶעגֶן
דִיא לַייט וָואס הָאבֶּן מִיט אִים פַאר דִיר
גֶעגֶעסֶן וִויא זִיךְ נוֹהֵג צוּ זַיין אוּךְ לֶערִינְט
אוּנְז דֶר פָּסוּק דָם דֶר מֶענְשׁ זָאל נִיט פִיל
טְרַאכְטֶן וָוס אִיבֶּר דִי הִימְלֶן אִיז אוּנ וָואס
גָאט אִיז דְרוּם זָאגְט דֶער פָּסוּק (בִּין תָּבִין
אֶת אֲשֶׁר לְפָנֶיךָ) וֶוען דוּ וִוילְסְט וִויסֶן וָוס
גָאט אִיז זָאלְסְטוּ זֶעהֶן דָאם וָואס גָאט טוּט
אַלֶע צַייט דֶר מִיט וֶועסְטוּ קֶענֶען גָאט אוּנ
דְרוּם וַוייל דִי קִינְדֶר פוּן אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא
הָאבֶּן צוּ פִיל גֶעזֶעהְן אִין דֶר שְׁכִינָה בַּיי דֶם
בארג

ליקוטי יקרים

(וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן) הָט
נָאט גֶערֵייד צוּ מֹשֶׁה נָאךְ דֶם וִוי דִי צְוֵויי
קִינְדֶר פוּן אַהֲרֹן זֶענִין גֶעשְׁטָארְבִּין וַוייל זַיי הָאבֶּן
גִינֶעהְנְט פְרֶעמְד פַייעֶר פַאר גָאט דוּרְךְ דֶם זֶענֶען
זַיי גֶעשְׁטָארְבֶּן. דֶר זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט וַוייל זַיי
הָאבֶּן גֶעוָואלְט גִינֶעהְנִין דִי צַייט אוּנ הָאבֶּן גֶעוָואלְט
דוּרְךְ שְׁטוּפֶּען דִיא צַייט אוּנ הָאבֶּן נִיט גֶעוָואלְט
וַוארְטֶן מִיט זֵייעֶר כְּהוּנָּה בִּיז נָאךְ זֵייעֶר פָאטֶערְס
טוֹט אִיבֶּר דֶם זֶענֶען זַיי גֶעשְׁטָארְבֶּן:

בארג סיני זענען זיי געשטארבן אזו ווי אין פסוק שטייט (אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני יי וימותו) כלומר זיי זענען דרום געשטארבן וויל זיא האבן צו פיל גענעהנט פר גאט אונ האבן פיל געזעהן אין דער שכינה רבי אפרים שרייבט אין כלי יקר (בקרבתם) איז טייטש וויל זיי זענען געווען דיא נאהינסטי אונ חשובים צו גאט דרום זענען זיי געשטארבן אזו ווי אין פסוק שטייט גאט האט גזאגט (בקרובי אקדש) דורך דיא נאהינסטי לייט וועל איך ווערין געהייליגט דען גאט שטראפט דעם צדיק אפילו אויף איין קליינע עבירה אונ דער פראסטער עולם האבן דורך דעם מורא פר גאט אויך איז (בקרבתם) טייטש וויל זייא האבען גענעהנט צו מקריב זיין קרבנות אונ האבען געבראכט פרעמד פייער אונ דרום האט גאט געווארינט צו אהרן דורך משה דס ער זאל ניט קומן אלע צייט אין קדשי קדשים נאר אום יום כפור מיט קטורת דר מדרש זאגט די פיר קינדער פון אהרן זענען חייב מיתה געווען פון וועגן דר עבירה וואס אהרן הט געמאכט דס עגל נאר משה הט תפלה געטאן זענען נאר צוויי געשטארבן דאס זאגט דער פסוק (מקרה אחד לצדיק ולרשע לטוב ולטהור) איין טרעפונג קומט צום צדיק גלייך וויא צום רשע צום גוטען אונ צום בייזן דען שלמה הט געזעהן בנבואה ווי די דורות וועלן זיך פירן אונ הט געזעהן דס דעם רשע טוט צו צייטן גלייך גיין מיט דעם צדיק דען אברהם איז געווען אצדיק אונ הט אן גרייד לייטן זיי זאלן דינען גאט אונ נמרוד איז געווען ארשע אונ האט אפ גרייד די לייט פון גאט אונ זיי זענען ביידע גלייך געשטארבן אויך דוד הט געהייסן טהור נבוכדנצר הט געהייסן טמא אונ דוד המלך הט געבויעט דם ביהמ"ק אונ איז פערציג יאר מלך געווען אונ נבוכדנצר הט חרוב געמאכט דם ביהמ"ק אונ איז פערציג יאר מלך געווען משה הט געהייסן טוב אונ די מרגלים האבן געהייסן חטאים פון דעסט וועגן איז משה געשטארבן אין דר מדבר אונ איז ניט געקומן קיין ארץ ישראל גלייך ווי די מרגלים נאך אפשט איז די קינדר פון אהרן האבן געהייסן טוב אונ די עדה פון קרח האבען געהייסן חטאים אונ דיא קינדר פון אהרן זענען אזו פר ברענט געווארן אזו ווי די עדה פון קרח צוויי הונדרט אונ פיפציג מאן, שלמה המלך האט געזאגט (לשחוק אמרתי מהולל) צו שמחה האב איך געזאגט אז דם איז צו מישט מיט געויין דען שלמה המלך איז זייער רייך געווען אונ הט פיל גאלד אונ זילבר געהאט וואס דיא תורה האט פר באטען דם אמלך ישראל זאל ניט האבן קיין פיל גאלד אונ זילבער אונ ער הט געהאט זיבען הונדערט רעכטע ווייבר אונ דרייא הונדערט קייפס ווייבער אונ האט געהאט פערציג טויזנד שטאלין מיט פערד אלץ וואס גאט הט עס פר באטן צו אמלך ישראל דס ער זאל עס ניט פיל האבן אונ לסוף הט דר אשמדאי פר ווארפען שלמה גאנץ וייט אונ הט זיך געזעצט אויף זיין שטול דען ער האט איין פנים געהאט אזו ווי שלמה אונ שלמה המלך איז ארום געגאנגען אין אלע שולין אונ אין אלע בתי מדרשים אונ הט געזאגט איך בין שלמה אונ מען הט אים געשלאגן אונ מען הט אים געגעבן עסין ארבים אונ קרויט אין דר צייט הט ער געזאגט דס איז מיין חלק וואס איך האב געוואונן פון מלכות אונ עושר צו עסין ארבים אונ קרויט אונ דעסט גלייכן אלישבע דאס ווייב פון אהרן האט געהאט גרוס יחוס אונ כבוד דס איר מאן איז געווען איין כהן גדול אונ איר שוואגער משה איז געווען אמלך איבר ישראל אונ אירע צוויי זיהן נדב ואביהוא זענען געוועזן די העכסטי כהנים נאך אהרן אונ איר ברודר איז געווען דר העכסטר נשיא צווישן ישראל אונ אז אירע צוויי זין זענען ווארען פר ברענט אין משכן איז איר שמחה אום געווארען דרום גיהער זיך איין מענש ניט זייער משמח זיין חאטשי ער איז איין עושר אדער אמיוחס (דבר אל אהרן וגו') זאג צו אהרן ער זאל ניט קומן אלע צייט אין קדשי קדשים עס איז אמשל ארופא גייט צו איין קראנקן אונ זאגט אים עס ניט קיין קאלטס אונ ליג ניט אויף דר קעלט קומט דר אנדרר רופא אונ

זאגט אויך עס ניט קיין קאלטס אונ ליג ניט אויף דר קעלט כדי דו זאלסט ניט שטארבן אזו ווי יענער איז געשטארבן דער ווארינט אים מער צו היטן זיך ווי דר ערשטר אזו אויך האט דיא תורה אן געשריבן אהרן זאל ניט קומן אלע צייט אין קדשי קדשים ביי דעם טוט פון זיינע קינדר צו זאגן דס ער זאל ניט שטארבן אזו ווי זיינע קינדר זענען געשטארבן נאר אום יום כפור זאל ער קומן אין קדשי קדשים אונ אויך מיט קטורת דס עס זאל זיך פר טראגן איין ריח פון גוטע בשמים אויף פייער כדי דר רויך זאל זיין פר זיינע אויגן ער זאל ניט קענען זעהן די שכינה וואס אויף דר כפורת איז (בזאת יבא אהרן) דסווארט בזאת לערינט אונז דאס אזו פיל ווי בזאת האט אין דר צאל אזו פיל איז דער ערשטר בהמ״ק געשטאנן דס איז פיר הונדערט אונ צעהן יאר אויך ווייזט בזאת דס מיט פיל זכיות איז אהרן גקומן אין קדשי קדשים מיט דעם זכות פון דער תורה וואס עס שטייט ביי איר וזאת התורה אונ מיט דם זכות פון מילה וואס עס שטייט דר ביי וזאת בריתי אונ מיט דעם זכות פון שבת וואס עס שטייט ביי אים (אשרי אנוש יעשה זאת) אונ נאך פיל מצות וואס עס שטייט ביי זיי זאת מיט די אלע זכיות איז אהרן געקומען אין קדשי קדשים אונ איז בשלום ארוס געגאנגען (כתונת בד קודש ילבש) דיא תורה האט אן געשריבן דר כהן גדול זאל אין קדשי קדשים אריין גיין אין קליידר פון ליינן אונ ניט אין די פון גאלד וואס ער טוט אין זיי אגאנץ יאר דיא עבודה אין ביהמ״ק דען ווייל דיא ישראל האבען גמאכט דם עגל פון גאלד דרום האט ער ניט גטארט אריין ברענגן אין קדשי קדשים קיין גאלד ער זאל ניט דר מאנן דעם עון פון דם עגל אונ דרום איז גוועז פיר קליידר אקעגין דיא פיר מחנות פון מלאכים וואס זענען ארום כסא הכבוד אונ דרום זענען די קליידר גוועזן פון ליינן כדי דער כהן גדול זאל זיך נידריג האלטען דען ליינן וואקסט פון דר ערד ער זאל זיך דר מאנען דס ער איז גקומן פון דר ערד אונ וועט ווידר קומן אין דער ערד אבר זאל איז פון שאף וואס לעבין אויך האט דר כהן מיט זיינע קליידר גוויזען אויף די דריי עולמות וואס דר מענש איז צו זיי גגלעכין צום ערשטן האט ער אן גטאן די מכנסים אין דעם אונטרשטן חלק וואס אין גוף דס איז אקעגען דר וועלט וואס זיא איז נידריג אונ אלץ וואס אין איר איז ווערט אלץ פר לארען אזו אויך דער חלק גוף פר דארבט אלץ וואס דער מענש עסט אונ דר נאך האט ער אן גטאן דעם גארטיל אקעגן הארץ דס איז אקעגן דם מיטעלסטן עולם וואס דיא גלגלים גייען תמיד אזו אויך גייט דס הארץ אין דעם מענשן תמיד אונ דר נאך האט ער אן גטאן איין הוב אויף זיין קאפ וואס אין אים איז דער שכל דאס איז אקעגן דעם עולם המלאכים וואס זענן לוטר שכל (שעיר אחד ליהוה וגו׳) מען האט גנומען צווייא ציקליך אום יום כפור פר איין קרבן איינס צו גאט אונ דאס אנדרע האט מען גשיקט לעבדיג אין דר מדבר דר מדרש זאגט מען האט דרום איינס אין דער מדבר גשיקט צו געבן שוחד צום שטן ער זאל קיין בייז ניט ריידען אויף ישראל אונ אז דר שטן זעהט דס ישראל טוען תשובה אום יום כפור אונ האבן חרטה אויף זייערי עבירות זאגט ער צו גאט דוא האסט איין פאלק אויף דער ערד וואס זענען גלייך ווי מלאכים אזו וויא מלאכים גייען בארוויס אזו גייען זיי אום יום כפור בארוויס אן שיך אונ אזו ווי מלאכים עסען ניט אונ טרינקען ניט אזו אויך זענען ישראל אום יום כפור אונ אזו וויא מלאכים האבען קיין גליד ניט אין די קניען אונ שטייען אויף זייערע פיס אזו אויך שטייען ישראל אום יום כפור אגאנצען טאג אויף זייערע פיס אונ אזו ווי מלאכים האבן שלום צווישן זיך אזו האבן ישראל שלום אום יום כפור אונ אזו וויא מלאכים האבן קיין עבירות ניט אזו האבן ישראל קיין עבירות ניט אום יום כפור אונ אז גאט הערט דיא רייד פון דעם שטן וואס ער רייד גוטס אויף ישראל איז ער זיי מוחל דיא עבירות אונ דרום הייסט ער סמא״ל ווייל ער איז איין סם המות צו לייטן

עֶר טֵייט זַיי אוּן מִיט דֶעם שׁוֹחַד טוּט מֶען אִים דִי אוֹגִין בְּלִינְד מַאכֶן אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (כִּי הַשּׁוֹחַד יְעַוֵּר פִּקְחִים) דֶר שׁוֹחַד מַאכְט בְּלִינְד דִי קְלוּגֵי אוּן דִי צְוַויי צִיקְלִיךְ הָט אַהֲרֹן גֶעשְׁטֶעלְט גֶעבִּין זִיךְ אֵיינְס אוֹיף דֶר רֶעכְטֶר זַייט אוּן אֵיינְס אוֹיף דֶר לִינְקֶר זַייט אוּן הָט צְוַוייא קְוִויטְלֶיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אֵיינְס אִיז גֶוֶועזְן אָן גֶשְׁרִיבֶּן לְשֵׁם יְיָ אוּן אוֹיף אֵיינְס אִיז גֶוֶועזְן אָן גֶשְׁרִיבֶּן לַעֲזָאזֵל אוּן הָט דִי קְוִויטְלֶיךְ אִין אַכֵּלִי אַרַיין גֶלֵייגְט אוּן הָט זַיי צוּ מִישְׁט אוּן הָאט אַרוֹס גֶענוּמֶען אֵיינְס מִיט דֶר רֶעכְטֶר הַאנְד אוּן הָט עֶס גֶלֵייגְט אוֹיף דֶעם צִיקֶלִי פוּן דֶער רֶעכְטֶר זַייט אוּן הָט אַרוֹס גֶנוּמֶן אֵיין קְוִויטֶל מִיט דֶר לִינְקֶר הַאנְד אוּן הָט עֶס גֶלֵייגְט אוֹיף דֶעם צִיקֶלִי וָוס אִיז גֶעשְׁטַאנֶן אוֹיף דֶר לִינְקֶר זַייט אוּן אוֹיף דֶעם צִיקֶלִי וָוס אִיז גֶעוֶוען דָם קְוִויטֶל לְשֵׁם יְיָ אִיז דָם גֶבְּלִיבֶּן לַיְיָ אוּן מֶען הָט עֶס גֶעלָאזְט אֵיין קָרְבָּן צוּ גָאט אוּן אוֹיף דֶעם צִיקֶלִי וָוס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען לַעֲזָאזֵל אִיז דָאס צִיקֶלִי גֶבְּלִיבֶּן לַעֲזָאזֵל אוּן חָאטְשׁי מֶען הָט גֶשִׁיקְט אֵיין צִיקֶלִי לַעֲזָאזֵל אִיז דָאךְ אוּנְזֶר כַּוָונָה גֶוֶועזְן צוּ גָאט אוּן עֶס אִיז גְלַייךְ וִוי דִי מַתָּנָה קוּמְט פוּן גָאט אַלֵיין וַוייל עֶר הָאט דָם גֶעבָּאטֶען מֶען זָאל גֶעבֶּען אֵיין צִיקֶעלִי לַעֲזָאזֵל אוּן וֶוען אֲפִילוּ דֶר גוֹרָל אִיז גֶפַאלֶן אוֹיף דֶעם צִיקֶעלִי וָוס אִיז אִין דֶר רֶעכְטֶר זַייט לַעֲזָאזֵל הָאט מֶען נִיט פַאר בִּיטֶען צוּ מַקְרִיב זַיין דָם צוּ גָאט צוּ וַוייזֶען דָם גָאט אִיז מוֹחֵל זַיין כָּבוֹד אוּן הָט גֶבָּאטֶן צוּ גֶעבֶּן אֵיין צִיקֶעלִי לַעֲזָאזֵל (וְכָל אָדָם לֹא יִהְיֶה בְּאֹהֶל מוֹעֵד) דִי גְמָרָא זָאגְט אִין יוֹמָא דָם אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים וָוס זֶענֶען גֶוֶועזְן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים זֶענֶן אַרוֹס גֶגַאנְגֶן פוּן וֶועגֶן דֶם כֹּהֵן גָדוֹל עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין כֹּהֵן גָדוֹל וָוס הָט דָם קְטוֹרֶת גֶעגֶעבֶּן אוֹיף דֶעם פַייעֶר אוֹסֶען וֵויינֶג אוּן אִיז אַרַיין גֶגַאנְגֶן אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אַרַיין אוּן דָאס טָאר מֶען נִיט טָאן דֶען דָם גַאנְצֶע גֶעשְׁמַאק פוּן קְטוֹרֶת אִיז נָאר צוּם עֶרְשְׁטֶען וֶוען מֶען גִיט עֶס אוֹיף דֶעם פַייעֶר אוּן עֶר הָט דָם גֶעשְׁמַאקְייט גֶעלָאזְט אַרוֹס גֵיין אוֹסֶן וֵוייגֶג אִיז גֶעקוּמֶען אֵיין מַלְאָךְ אוּן הָט אִים גֶטֵייט אִין דֶר עֲזָרָה (כִּי נֶפֶשׁ כָּל בָּשָׂר בְּדָמוֹ הוּא) דֶר רמב״ן שְׁרַייבְּט דְרוּם אִיז דָאס אָסוּר וַוייל מֶען בְּרֶענְגְט עֶס אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ נָאךְ אַפְּשַׁט דְרוּם אִיז עֶס אָסוּר וַוייל דָאס אִיז דִיא נְשָׁמָה פוּן מֶענְשֶׁען אוּן בְּהֵמוֹת אוּן גָאט הָאט נִיט גֶעהֵייסֶן עֶסֶען דִי נְשָׁמָה פוּן דֶער בְּהֵמָה נָאר דֶעם גוּף נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז דָם דַם פוּן דֶער בְּהֵמָה דָם אִיז אִיר נְשָׁמָה דְרוּם זָאלֶען מִיר נִיט מִישֶׁען דִי נְשָׁמָה פוּן אֵיין בְּהֵמָה אִין אוּנְזֶער גוּף דֶען מִיר דַארְפֶען הָאבֶּען אֵיין לוֹטֶערֶן שֵׂכֶל צוּ לֶערְנֶן תּוֹרָה דֶען דָם עֶסֶען וָוס דֶער מֶענְשׁ עֶסְט וֶוערְט צוּ בְּלוּט אִין זַיין גוּף אוּן דֶער שֵׂכֶל קוּמְט דֶר פוּן דֶר רמב״ן זָאגְט דְרוּם אִיז פַר בָּאטֶן גֶעוָוארֶן בְּלוּט צוּ עֶסֶען וַוייל דֶר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִיא מִצְרַיִם דָם זַיי הָאבֶּן גֶעגְרָאבֶּן אֵיין גְרוּב אוּן הָאבֶּן זִיא אָן גֶגָאסֶן מִיט בְּלוּט אוּן דִי שֵׁדִים פְלֶעגֶען זִיךְ אֵיין זַאמְלֶן אַרוּם דֶעם גְרוּב אוּן דֶר מֶענְשׁ וָוס הָט גֶטְרוּנְקֶן פוּן דֶם בְּלוּט הָט גֶוואוּסְט

ווס

ליקוטי יקרים

(וְאִישׁ אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל) אוּן אִיטְלִיכֶר מַאן פוּן יִשְׂרָאֵל וָוס וֶועט פַאנְגִין אַחַיָּה אָדֶר אֵיין עוֹף וָוס מֶען מֶעג עֶסֶען פוּן זַייעֶר פְלֵייש אוּן וֶועט פוּן דֶם שֶׁעכְטִין זָאל עֶר דָם בְּלוּט צוּ דֶעקִין מִיט עֶרְד אוּן דֶם טַעַם וָוס מֶען דַארְף דָם בְּלוּט צוּ דֶעקִין שְׁרַייבְּט דֶר בַּעַל הַטּוּרִים וַוייל פוּן דִי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת אִיז מֶען נִיט מַקְרִיב אוֹיף דֶם מִזְבֵּחַ וֶועט דֶער מִדַּת הַדִּין קְרִיגֶן וִוי אַזוֹ דֶר מֶענְשׁ וָוס אִיז בְּלוּט עֶסְט חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת פוּן בְּלוּט אִיבֶּר דֶם הָט דִי תּוֹרָה דָם בְּלוּט גֶעהֵייסִין צוּ דֶעקִין אוּן דֶר נַחַל קְדוּמִים שְׁרַייבְּט וַוייל אַז קַיִן הָט גֶעהַרְגִית זַיין בְּרוּדֶר הֶבֶל אוֹיף דֶעם פֶעלְד אוּן הָט אִים אַזוֹ גֶעלָאזְט לִיגֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶן דִי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת אוּן הָאבִּין אִין דֶר עֶרְד אוּם גֶעגְרָאבִּין אַגְרוּב אוּן הָאבִּין דָארְט בַּאגְרָאבִּין הֶבֶל אִיבֶּר דֶעם הָאבִּין זַיי זוֹכֶה גֶעוֶועזְן דָם מֶען זָאל זַייעֶר בְּלוּט צוּ דֶעקִין אוּן דֶער מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא שְׁרַייבְּט וֶוען קַיִן הָאט גֶעהַרְגִית זַיין בְּרוּדֶר הֶבֶל הָט עֶר נִיט גֶעוואוּסְט וִוי עֶר זָאל אִים אַהִין טָאן זֶענִין גֶעקוּמֶען צְוַוייא פֵייגִיל אוּן אֵיינֶר הָט דֶעם אַנְדֶערִין גֶעהַרְגִית אוּן הָט אוּם גֶעגְרָאבִּין אַגְרוּב אוּן הָט דֶם גֶעהַרְגִיתֶן פוֹגִיל בַּאגְרָאבִּין הָט קַיִן אוֹיךְ אַזוֹ גֶעטָאן׃

וואס עס וועט זיין דרום האט דיא תורה פר באטען צו עסען בלוט כדי מען זאל קיין כישוף ניט טאן (וחי בהם) דר בחיי שרייבט די תורה לערינט אונז דם גאט האט געבאטען מצות דאס דר מענש זאל לעבען דורך זיי אונ ניט ער זאל שטארבן דורך זיי דען ווען מען וויל אים הרגנין אוב ער וועט ניט עובר זיין אוף איין מצוה זאל ער עובר זיין אונ מען זאל אים ניט הרגנין די חכמים האבן גזאגט אוף דריי מצות זאל ער זיך בעסר לאזען הרגנין אונ זאל ניט עובר זיין דם איז ע"א אונ זנות אונ רציחה אוב מען גייט אים צו ע"א דינען אדר צו מזנה זיין אדער ער זאל אמענש הארגנין אונ אוב ניט וועט מען אים הרגנין זאל ער זיך בעסר לאזן הרגנין אונ זאל ניט עובר זיין דרוף עס איז גוואוסט דם פיר ערליי כוונות איז פר האנדען אין תורה אונ אין מצות טאן עס איז פר האנדן מענשן וואס האלטן תורה אונ מצות עס זאל אים וואל גיין ער זאל זיין איין עושר אונ זאל זיין גזונד אונ זאל לאנג לעבן דאס איז ניט רעכט אונ עס זענן מענשן וואס האלטען תורה אונ מצות ער זאל האבן גוטן שכר אוף יענער וועלט דער איז זוכה צו עולם הבא אונ עס זענן מענשן וואס האלטן תורה אונ מצות פון וועגן ליבשאפט פון גאט ניט פון שכר וועגן אונ האנדלן דר ביי אוך אונ בגערט ניט די גאב פון לייט דער האט דיא וועלט אונ יעני וועלט אונ עס זענען מענשן וואס האלטן גאר תורה אונ מצות אונ דינען גאט טאג אונ נאכט אונ האנדילט ניט דר איז זוכה דם עס קומט די נשמה מיט דעם גוף אין גן עדן אזוי ווי חנוך אונ אליהו (איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו) אמענש זאל ניט נעמן זיין קרובה דען עס קומט דר פון קיין רעכט קינד ניט אונ עס בלייבט ניט לעבען דער בחיי שרייבט דם ליגען ביי זיין ווייב איז געטיילט אוף פינף חלקים איינס איז ער איז מחויב צו ליגען ביי זיין ווייב כדי ער זאל קינדר האבן דם אנדרי איז צו האלטן די צייט מיט זיין ווייב וואס די תורה האט אים געבאטן ביי זיין ווייב צו ליגען דם דריטע איז פון ארפואה וועגען ער זאל דעם גוף ריינגן דם פערדי איז ער זאל זיין יצר הרע פר טרייבן ער זאל קיין בייזע מחשבות ניט האבן דאס פיפטע איז פון זיין הנאה וועגען אזו ווי די בהמות דם איז אסור, שרייבט דר בחיי שלמה המלך

הט

## אוהל יעקב

(אל תטמאו בכל אלה) גאט האט גזאגט צו משה ער זאל זאגן די יודן אז איך וועל אייך ברענגן קיין ארץ ישראל זאלט איר זיך ניט מטמא זיין מיט די אלע אום ווערדיגע זאכן ווארום דיא פעלקר וואס איך שיק זיי אוועק פון פר אייך פון ארץ ישראל זענין זיי טמא געווארן אין דיא אום ווערדיגע זאכן אונ זיי האבן מטמא געוועזן דאס לאנד האט דם לאנד אום געשפיגן אירע זיצערס אז איר וועט טואן די אום ווערדיגע זאכן וועט אייך אויך דם לאנד אום שפייאן דרום זאלט איר היטן וואס איך זאג אייך אצונד וועלן מיר געבן צו פר שטיין דם גאנצן ענין מיט א משל איין עושר האט חתונה געמאכט זיין טאכטר אין עטליכע יאר נאך דער חתונה האט ער געזעהן אז דער איידם איז שלעכט ער איז איין זולל וסובא אונ שפילט אין קארטן אונ זיצט אין דיא שענקן אונ שיכרות איז דם עושר זייער ביטר געוועזן אונ דער טאכטר איז אויך זייער ביטר געוועזן האבן זיי אים פר טריבן פון דר שטוב אונ דר סוף איז געוועזן ער האט זיא געמוזט געטן אונ דר פאטר האט די טאכטר החתונה געמאכט מיט איין אנדרן דער אנדרר איידעם האט ניט געהאט קיין מעלות נאר קיין חסרונות האט ער אויך ניט געהאט ער איז געוועזן איין ערליכר אונ זי האט אים זייער ליב געהאט פלעגט זיין איר מנהג אז ער איז געגאנגען אין שול אריין אדר ערגיץ אנדרש האט זיא אים געזאגט וואס דיך ניט זאלסט היבף אהיים קומן ווארום זי פלעגט תמיד טראכטן טאמר גייט ער אויף ערטר וואס דר ערשטר מאן איז געגאנגען אונ אזוי פלעגט זיא אים תמיד פארשטן אונ פרעגן ווי ביסטו געוועזן ווי הין ביסטו געגאנגען אונ דר מאן האט זיך זייער מצער געוועזן אויף דם וואס דם ווייב פארשט אים ווי ער איז געוועזן אונ ווי ער איז געגאנגען אונ דר שווער האט געוואלט דם איידם איבר בעטן ער זאל קיין יסורים ניט האבן זאגט ער צו דם איידם גליב מיר אז מיין טאכטר האט דיך אזוי ליב אונ אוף דם וואס זי פארשט דיך זאלסטו דיך ניט פר ווינדערן ווארום די געדאנקן שרעקן זיא אז זיא דר מאנט זיך אין די מעשים פון דעם ערשטן מאן האט זיא מורא פר דיר אויף דעם געמליכען האט דר איידם אזיפץ געטאן אונ זאגט אוי וויי וואס איך האב געטאן וואס איך האב גענומן איין ווייב וואס זיא האט געהאט פריער איין שלעכטן מאן בעסר וואלט איך גענומן איין בתולה וואלט זיא מיך ניט חושד געוועזן אונ וואלט אוף מיר ניט איבר געטראכט קיין שלעכץ זאגט דר שווער צו אים דו פר שטייסט נאר ניט עס איז פונקט פאר קערט אז דו זאלסט געוועזן נעמן איין בתולה וואלט זי דיך ניט ליב געהאט וועגן דעם וואס דו ביסט ניט קיין שלעכטר ווארום זיא האט קיין מאל ניט

גיהערט

הט געזאגט (היחתה איש אש בחיקו ובגדיו לא תשרפנה) קען דען איין מענש שארין פייער אין זיין שוס אונ זיינע קליידר זאלן ניט ווערן פר ברענט אזו אוך דר וואס רירט אן אין איין פרעמדר אשה דעם ווערט דר גוף געשטראפט דען דר גוף איז גגליכן צו איין קלייד ווייל ער איז איין קלייד צו דר נשמה אונ דר נאך זאגט שלמה המלך (אם יהלך איש על הגחלים ורגליו לא תכוינה) קען דען איין מענש גיין אוף הייסע קולען אונ זיינע פים זאלן ניט אפ געבריט ווערען אזו אוך דער וואס ליגט ביי איין אשת איש ווערט זיין נשמה פר ברענט אין גיהנם פון דאנן זאל מען אפ לערנן מען זאל געווארינט זיין ניט טאנצען מיט פרעמדע ווייבר וואס האבען מאנען ובפרט בחורים זאלען ניט טאנצן מיט פרעמדע ווייבר דען די עבירה איז זייער גרוס ווייל זיי האבן בייזע מחשבות (ומזרעך לא תתן להעביר למולך) פון דיינע קינדער זאלסט ניט געבען צו איבער פירען צו דר אפ גאט וואס הייסט מולך עס איז געווען איין אפ גאט דם מען פלעגט לייגן אין פייער אוף צוויי זייטן אונ דער פאטר הט זיין קינד גלאזט דורך דעם פייער דורך פירען ביז עס איז פר ברענט געווארן אונ הט דם געהאלטען פר אקרבן דורך דעם וועלן זיינע איבריגעקינדר אלע לעבן בלייבן אונ ער וועט מזל האבן אין אלע זאכען אונ די תורה הט נאהינט אן געשריבן ע"א ביי עריות צו ווייזען ווען די ישראל דינגען ע"א איז גלייך וויא איין אשה איז מזנה מיט פרעמדע מאנן (ונכרתו הנפשות העושות) עס וועלן ווערען פר שניטען די נפשות וואס וועלן טאן די עבירות אונ עס איז דא דריי ערליי כריתות איין כרת איז דאס דר גוף אליין ווערט פר שניטן דם אנדרע איז דיא נשמה אליין ווערט פר שניטען דם דריטע איז דם צו צייטן ווערט די נשמה מיט דם גוף פר שניטן דם וואס דר גוף אליין ווערט פר שניטן דם איז ווען ער איז איין גרוסר צדיק אונ טוט איין עבירה וואס מען איז דרוף חייב כרת אזו ווי אתלמיד חכם איז גלעגן מיט זיין ווייב אין איין בעט נאך איר נדה אין אירע ריינע טעג איידר זיא הט זיך געטובלת איז ער גילעגן אין זיינע קליידער אונ ויא אין אירע קליידר איז ער געשטארבן אין זיינע האלבע יארן צו פינף אונ דרייסיג יאר אונ עס איז דא כרת פון טעג דהיינו

ווען

אוהל יעקב

גיהערט לובן דם מענש וואס ער איז גיט קיין שיכור אדר אגזלן אדר איין גנב נאר מען לובט דם מענשן וואס ער האט מעלות היינו ער קען גוט לערנען אדר שרייבן אדר אגוטר בעל מלאכה דם מענשן לובט מען אבר דו האסט ניט קיין שום מעלה קענסט ניט לערנן אונ ניט שרייבן היינט זעה ווי גליקליך דו ביסט אז איך האב דיר געגעבן מיין טאכטר פר איין ווייב וואס איר ערשטר מאן איז געוועזן איין גנב איין שיכור אונ נאך אנדערע חסרונות דרום הט זיא דיך ליב אונ פרייט זיך מיט דיר נאר דער פר וואס דו האסט ניט די חסרונות אזו ווי דר ערשטר מאן :

דער נמשל איז אזו, וואורן אין מדרש שטייט גאט האט געזאגט צו די יודן איך האב געקאנט פון אייערט וועגן בשאפן אניי לאנד מילא וואלטן זיך די יודן גיקענט זאגן נאך וואס הט אונז גאט געגעבן אזו איין לאנד וואס רשעים זענין דארט געזעסן אונ האבן דם לאנד מטמא געוועזן ביז דם לאנד הט זייא אום געשפיגן בעסר וואלט אונז גאט געגעבן אניי לאנד וואלט גאט אוף אונז ניט געוועזן אזו פיל מקפיד געוועזן אצונד אז גאט הט אונז געגעבן דאס לאנד פון די כנענים וואס זיי האבן פר אום ווערדיגט דאס לאנד מוז אונז שון גאט אן זאגן מיר זאלן אוך ניט טאן אזו ווי די כנענים בעסר וואלט ער אונז געגעבן אניי לאנד דרום פר ענפרן דיא פסוקים אז די זאך איז ניט אזו (ולא תלכו בחוקות הגוי אשר אני משלח מפניכם) אונ איר זאלט ניט גיין אונ די געזעץ פון די פעלקר וואס איך טרייב זיי ארום פון דם לאנד פר אייך אזו וויא דם משל דר מאן זאל ניט טאן דם אייגענע וואס דער ערשטר אונ טאמר וועסטו זאגן נאך וואס האב איך גענומן איין גרושה דאס הייסט טאמר וועלן דיא יודן זאגן נאך וואס הט אונז גאט געגעבן אזו איין לאנד מורא צו האבן פר אונז בעסר וואלט אונז גאט נגעבן אנייא לאנד זאגט גאט צו דיא יודן דיא זאך איז פאר קערט עס איז פאר אייך אגוטר שידוך דאס לאנד איז גוט פאר אייך וואורן איך זאל אייך געבן אניי לאנד וועט ווייסט וואס דם לאנד וואלט פר לאנגט פון אייך גרוסע מעלות איר זאלט זיין צדיקים אבר אצונד אז איר ירשית דם לאנד וואס פריער זענען געזעסן שיכורים גנבים אונ האבן געטאן אלע אום ווערדיגע זאכן וואס גאט הט פיינד אונ אז איר וועט קומן אין דם לאנד וועט זיך דאס לאנד מיט אייך פרייאן חאטשע איר וועט גיט זיין קיין גרוסע צדיקים וועט זיא זיך אוך פרייאן מיט אייך ווארום די פרידיגע מענשן זענען פיל ערגר געוועזן פונקט ווי דער שווער האט געגעבן צו פר שטיין דעם איידם אז עס איז בעסר פר אים וואס ער הט גענומן אגרושה איידר אבתולה:

וֶוען אַ זָכָר הָט גֶטָאן אַיין עֲבֵירָה וָוס מֶען אִיז דרוֹף חַיָיב כָּרֵת אוּנ עֶר אִיז שׁוֹן אַלְט מֶען קָאן אִים נִיט פַר שְׁנַיידֶן זַיינֶע יָארֶן וָוארוּם עֶר הָאט שׁוֹן אוּם גֶלֶעבְּט מֶער פוּן הַאלְבּ יָארֶן אוּנ כָּרֵת פוּן יָארֶן אִיז נָאר פַר הַאלְבּ יָארֶען אַזוֹ טוּט גָאט פַר שְׁנַיידֶען זַיינֶע טֶעג וָוס אִיז וָוארֶען אָן גֶחַתְמֶת אַזוֹ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט אִין מוֹעֵד קָטָן רַב יוֹסֵף אַז עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארֶן זִיבְּצִיג יָאר הָט עֶר גֶעמַאכְט אַיין יוֹם טוֹב וַוייל עֶר אִיז אַרוֹם פוּן כָּרֵת הָט רַבָּה צוּ אִים גֶזָאגְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַרוּם פוּן כָּרֵת פוּן יָארֶן דוּ וַוייסְט אָבֶּר נִיט אוֹבּ דוּא בִּיסְט אַרוּם פוּן כָּרֵת פוּן טֶעג טָאמֶר וֶועסְטוּ נִיט אוּם לֶעבֶּן דַיינֶע טֶעג וָואס אִיז דִיר וָוארֶן אָן גֶחַתְמִית הָט רַב יוֹסֵף גֶיעֶנְפֶרְט דָאךְ בִּין אִיךְ מֶער פוּן הַאלְבּ אַרוּם גֶגַאנְגֶן אוּנ וַוייל דֶעם כָּרֵת פוּן טֶעג קֶען מֶען נִיט דֶר קֶענֶען דֶען פוּן יָארֶן קֶען מֶען דֶר קֶענֶען וֶוען עֶר שְׁטַארְבְּט פַאר פִינְף אוּנ דְרַייסִיג יָאר דָם אִיז כָּרֵת יָארֶן אָבֶּר כָּרֵת פוּן טֶעג דָם עֶר לֶעבְּט נִיט אוּם זַיינֶע טֶעג קֶען מֶען נִיט דֶר קֶענֶן דֶען קַיינֶר וַוייסְט נִיט אוֹבּ עֶר הָט אוּם גֶעלֶעבְּט זַיינֶע טֶעג אוֹבּ נַיין דְרוּם טוּט גָאט דָם וַוייזֶען צוּ לַייטֶן אַזוֹ וִוי אוּנְזֶרֵי חֲכָמִים זָאגֶען וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ זָכָר אוּנ אִיז חַיָיב כָּרֵת פוּן טֶעג טוּט עֶר שְׁטַארְבֶּן דְרַיי טָאג נָאךְ זַיין קְרַאנְקַייט דֶר יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט וֶוען אַ זָכָר עֶסְט חֵלֶב אָדֶער עֶר אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת אוּנ שְׁטַארְבְּט וִוי וֶוערְט מֶען גֶעוָואר דָאס עֶר אִיז מִיט כָּרֵת גֶעשְׁטָארְבֶּן טָאמֶר אִיז עֶר גֶשְׁטָארְבֶּן וַוייל עֶר הָט זַיינֶע יָארֶען אוּם גֶלֶעבְּט דֶר תִּירוּץ אִיז וֶוען עֶר שְׁטַארְבְּט אִין אַ טָאג נָאךְ זַיין קְרַאנְקַייט אִיז עֶס אַמִיתָה פוּן כַּעַס וָואס גָאט צֶערִינְט אוֹיף אִים שְׁטַארְבְּט עֶר צוּ צְוַוייא טֶעג אִיז עֶס אַיין אַיילִינְדִיגֶע מִיתָה שְׁטַארְבְּט עֶר צוּ דְרַייא טֶעג אִיז עֶס אַיין מִיתָה פוּן כָּרֵת אוּנ דָאס אִיז אַלְץ כָּרֵת פוּן דֶעם גוּף דָאס דֶער גוּף וֶוערְט פַר שְׁנִיטֶען דרוֹף זָאגְט דֶער פָּסוּק (וְנִכְרַת הָאִישׁ הַהוּא מִקֶרֶב עַמּוֹ) כְּלוֹמֶר זַייעֶר גוּף וֶוערְט פַר שְׁנִיטֶען פוּן זַיין פָאלְק אוֹיף דֶר וֶועלְט אָבֶּר דִי נְשָׁמָה קוּמְט בַּאלְד לְעוֹלָם הַבָּא אוּנ עֶר וֶועט אוֹיף שְׁטֵיין צוּ

תְּחִיַית הַמֵתִים דָם אַנְדֶרֶע אִיז כָּרֵת צוּ דֶר נְשָׁמָה דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶר עֶסְט חָמֵץ אוּם פֶּסַח אָדֶר עֶר עֶסְט אוּם יוֹם כִּפּוּר אָדֶר עֶר לִיגְט בַּייא אֵיין אֵשֶׁת אִישׁ אָן עֲרוּת אוּנ אָן הַתְרָאָה דֶעם וֶועט זַיין נְשָׁמָה נִיט קוּמֶען לְעוֹלָם הַבָּא וִוי אַנְדֶרֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶן דַרוֹף זָאגְט דֶר פָּסוּק (וְנִכְרְתָה הַנֶפֶשׁ הַהִיא מֵעַמֶיו) דִי נְשָׁמָה וֶועט וֶוערֶען פַר שְׁנִיטֶן אָבֶּר דֶר גוּף וֶועט נִיט וֶוערֶן פַר שְׁנִיטֶן פוּן דֶר וֶועלְט עֶר לֶעבְּט אָפְּט לַאנְג מִיט עֲשִׁירוּת אוּנ שָׁלוֹם נָאר זַיין נְשָׁמָה וֶוערְט פַאר לָארֶען לְעוֹלָם הַבָּא דָאס דְרִיטֶע אִיז וָוס דֶער גוּף מִיט דֶר נְשָׁמָה וֶוערֶן פַר שְׁנִיטֶן דָם אִיז וֶוען אֵיינֶר דִינְט ע"א אָדֶר עֶר שֶׁענְט הַשֵׁם וְשָׁלוֹם גָאט אוֹיף אִים שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (הִכָּרֵת תִּכָּרֵת) צְוַויי מָאל כָּרֵת דָאס זַיין גוּף אוּנ דִיא נְשָׁמָה וֶוערֶען בֵּיידֶע פַר לָארֶן דֶר גוּף פוּן דֶר וֶועלְט אוּנ דִי נְשָׁמָה פוּן יֶענֶר וֶועלְט אוּנ נִיט דָאס זַיין נְשָׁמָה וֶוערְט פַר לָארֶען נָאר מֶען פַּיינִיגְט זִיא לַאנְג אִין גֵיהִנָם אָבֶּר דֶר נָאךְ וֶועט זִיא אוֹיךְ הָאבֶּן רוּא אוּנ וֶועט הֲנָאָה הָאבֶּן פוּן דִי אוֹצְרוֹת צְדָקָה וָוס אִין גַן עֵדֶן זֶענֶען נָאר זִיא קֶען אֵייבִּיג נִיט קוּמֶען אוֹיף אִיר רֶעכְט אָרְט וִוי אַלֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶן דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דִיא נְשָׁמָה הָט אַלוּטֶרֵי לִיכְט דֶען אֲפִילוּ נָאךְ אִין מוּטֶערְס לַייבּ לַייכְט אַלִיכְט צוּם מֶענְשֶׁן אוֹיף זַיין קָאפּ אַזוֹ וִוי דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין נִדָה דֶעם קִינְד אִיז אַיין לִיכְט אִיבֶּר זַיין קָאפּ אִין זַיין מוּטֶערְס לַייבּ אוּנ עֶר זֶעהְט פוּן אַיין עֶק וֶועלְט צוּ דֶר אַנְדֶר אוּנ אִין דֶר פְרִיא פִירְט אַמַלְאַךְ דָאס קִינְד אִין גַן עֵדֶן אוּנ וַוייזְט אִים וִויא צַדִיקִים זִיצֶען מִיט זֵייעֶרִי קְרוֹנִין אוּנ דֶער מַלְאַךְ זָאגְט צוּם קִינְד דִיא וָוס זִיצֶען זֶענֶען וָוארֶן גֶבָּאטֶן אוֹיף דֶר וֶועלְט וָוס דוּ וֶועסְט אַהִין גֵיין אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶלֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ הָאבֶּן גֶעהַאלְטֶן דִיא מִצְוֹת פוּן גָאט דְרוּם הָאבֶּן זֵיי זוֹכֶה גֶוֶועזֶן צוּ אַזוֹ אַכָּבוֹד דְרוּם אַז דוּ וֶועסְט גֶבָּארֶן וֶוערֶן זָאלְסְטוּ אוֹיךְ הַאלְטֶן תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּא אַזוֹ אַכָּבוֹד אוּנ פַר נַאכְט פִירְט דֶר מַלְאַךְ דָאס קִינְד אִין גֵיהִנָם אוּנ וַוייזְט אִים וִוי מֶען שְׁטְרָאפְט דִי רְשָׁעִים אִין גֵיהִנָם אוּנ זֵיי זֶענֶן

מתודה אונ שרייען זייא וויי אונ דר מלאך זאגט אים דו זאלסט וויסען דם דיא דאזיגע האבן ניט געהאלטן די תורה אונ מצות דרום זענען זייא געקומן אין גיהנם דרום זאלסטו זעהן צו האלטן תורה אונ מצות כדי דוא זאלסט ניט קומן אין גיהנם אונ ער לערנט דעם קינד די גאנצע תורה אונ אז עס קומט די צייט דם דם קינד זאל ארוס גיין אויף דר וועלט שלאגט אים דר מלאך אויף זיין מול אזו טוט ער ארץ פר געסען אונ דרום טוט דאס קינד ווייגען ווי באלד עס ווערט געבארן אונ אזו אויך שרייבט דר מדרש דר בחיי שרייבט דם לערנט אונז דאס אפילו אין דער מוטרס לייב קען אויך דער מענש מקבל זיין חכמה אונ שכל נאר דר מלאך מאכט אים פר געסן:

## הפטרת אחרי.

(הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל נאום יי) איר ישראל זענט אזו ווי דיא כושיים וואס זענין שווארץ אונ קענין ניט וויים ווערין אזו זענט איר ישראל איר קענט ניט בעסר ווערין ווארום זאל איך אייך נעמין פאר אפאלק אונ אויך ניט וויל איך האב אייך אוס געצוגן פון מצרים איך האב דאך דיא פלשתים אוס געצוגן פון כפתור אונ ארם וועל איך אוס ציהען פון לאנד קיר אונ איך האב זיי דאך ניט גענומן פר אפאלק. דער אבן עזרא שרייבט דיא ווייבר פון די כושיים זענין הפקר צו זנות דר קענט קיינר ניט זיין פאטר אונ אויך דיא פלשתים אונ ארם זענין אום געמישט אבר איר ישראל דר קענט יוא אייער פאטר איר זענט קינדר פון איין פאטר (הנה עיני יי אלהים בממלכה החטאה) גאט זאגט מיינע אויגין וועל איך געבין אין דם בייזען מלכות יהוא אונ וועל זיא פר טיליגן פון דר ערד אבר ישראל וואס זענין דם הויז געזינד פון יעקב חאטשע איך וועל זייא שטראפן אבר איך וועל זיי ניט פר טיליגן (כי הנה אנכי מצוה) דען איך גאט וועל געביטען צו פר טרייבין ישראל אונ צו פר וואגלין זיי צווישן דיא אומות דען אזו ווי אמענש שאקילט מיט דר זיפ ווען ער זיפט מעל אונ דיא דינגע קלייען זענין ארום געפאלן אונ די גראבע קלייען זענין געבליבן שאקילט ער מיט כח דם די גראבע קלייען זאלן אויך ארום פאלען אזו שטארק וועט מען פר וואגלן דיא ישראל (בחרב ימותו) מיט אשווערד וועלין ווערין געטייט אלע זינדיגע פון מיין פאלק וואס זאגין עס וועט אויף אונז ניט קומן קיין בייז פון וועגין אונזערי עבירות אונ אפילו אז עס וועט קומן בייז איז דם ניט פון וועגין אונזערי עבירות נאר אטרעפונג פון דיא מזלות דען זייא האבין געלייקינט

## משלי יהודה

(הלא כבני כושיים אתם לי וגו' הלוא את ישראל העליתי מארץ מצרים ופלשתים מכפתור וארם מקיר וגו') על פי משל צווייא מענשן האבן זיך געקריגט אין מארק אונ איינר הט דם אנדרן גיט געשלאגן. איז דורך געגאנגן דר שופט אונ הט אים מציל געווען אונ הט דם ר"צח מעניש געווען. פון דר צייט אן הט ער דעם שופט געדאנקט ווען ער הט אים דר זעהן, אין אצייט ארום הט זיך דר רוצח ווייטר געשלאגן מיט איינם אין גאס אונ יענר הט דם רוצח גיט געשלאגן. אונ דר שופט איז דורך געגאנגן אונ הט ניציל געווען דם רוצח אונ הט דם אנדרן מענש מעניש געווען. פון דענסמאל אן הט שון דר ערשטר ניט געדאנקט דם שופט, הט אים דר שופט גיפרעגט פר וואס ער דאנקט אים שון ניט, ענפרט ער פריער האב איך גימיינט אז איך האב נושא חן גיוועזן ביי דיר אצונד אז דו האסט מיין רוצח אויך מציל גיוועזן פאר שטייא איך אז דאס איז נאר מחמת יושר המשפט וואס איז מוטל אויף דם שופט אונ אויף יעדרן מענש מציל צו זיין דם גרובען פון די רובר דארף איך דיר דר פר ניט צו דאנקן, זאגט דר שופט אמת וואס איך האב דיך מציל גיוועזן מצד יושר המשפט פון דעסט וועגן זייא ווייסן אז חאטשי איך האב מעניש גיוועזן דם רוצח פון דעסט וועגין איז אויף דיר אויך איין עולה וואס דו האסט זיך געקריגט מיט יענם מען וואלט דיך אויך געדארפט שטראפן נאר מצד נשיאות חן האב איך דיר געשוויגן אבר יענים חאטשי איך הגב אים מציל גיוועזן פון דעסט וועגין וועל איך אים מעניש זיין א"ך אויף זיין עולה, אזו בשעת השי"ת הט אונז געלייזט די יודן פון מצרים האבן זייא געזאגט שירה אונ האבן געדאנקט השי"ת, אין אצייט ארום האבן די יודן פר געסן די אלע טובות וואס השי"ת הט מיט זיי געטאן ווייל זיי האבן גיזעהן אז השי"ת טוט מיט דיא כושיים אויך טובות אי- איין גימן אז עס איז נאר מצד היושר וואס דם איז מוטל אויף אב"ד מכל שכן אשופט כל הארץ, דם זאגט דר פסוק (הלא כבני כושים וגו') איר מיינט אז איך האב אייך (בית ישראל) גיט מציל גיוועזן נאר מצד היושר אזו ווי צו דיא בני כושיים, ווי איך האב ארום גענומן די יודן פון מצרים אזו האב איך אר"ם גענומן די פלשתים מכפתור אונ ארם מקיר ווייל אזו איז דר גימוס השופט, גיין איר זאלט וויסן אז נאר מצד מציאות החן והראיה אז איך שטראף מענשן אויף עונות גיב איך אכטונג א"ף דיא זינדיגע כושיים איך זאל זיי פר טיליגן אונ שטראפן מיט איין עונש קשה, אבר מיט אייך האטשי איר הט אויך עונות (לא אשמיד את בית יעקב) ווייל איר זענט ביי מיר נושא חן:

גֶעלַייכִינְט דָם גָאט פִירְט דִיא וֶועלְט אוּנ הָאבֶּען גֶעזָאגְט דִיא וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט אָן אַמַנְהִיג אוּנ אַז עֶס וֶועט שׁוֹן אוּף זַיי קוּמֶען אַלְץ וָוס דָא שְׁטֵייט דֶער נָאךְ וֶועט קוּמֶען דִיא גְאוּלָה (בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סוּכַּת דָּוִד הַנּוֹפֶלֶת) אִין דֶם טָאג פוּן דֶר גְאוּלָה וֶועל אִיךְ אוּף שְׁטֶעלִין דִיא סוּכָּה פוּן דָוִד כְּלוֹמַר דָם מַלְכוּת פוּן דָוִד וָוס בַּאשִׁיצְט אוּף יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וִוי אַסוּכָּה אָבֶּר דָם מַלְכוּת אֶפְרַיִם וֶועל אִיךְ פַר לִירֶען אוּנ מַלְכוּת בֵּית דָוִד וֶועל אִיךְ אוּף בּוֹיעֶן אַזוֹ וִוי דִיא עֶרְשְׁטֶע טֶעג זָענִין גֶעוֶועזֶען (לְמַעַן יִרְשׁוּ) כְּדֵי דִיא יִשְׂרָאֵל זָאלִין יַרְשִׁינֶען דָם אִיבֶּר בְּלַייבִּינְג פוּן אֱדוֹם וַוייל מַיין נָאמִין וֶוערְט גֶערוּפֶען אוּף זַיי (הִנֵּה יָמִים בָּאִים) זָאגְט גָאט עֶס וֶועלִין קוּמֶען טֶעג דָם עֶס וֶועט זַייעֶר פִיל תְּבוּאָה זַיין דָם מֶען וֶועט אַזוֹ לַאנְג שְׁנַיידִין בִּיז מֶען וֶועט ווִידֶער דַארְפִין אַקֶערִין אוּנ מֶען וֶועט אַזוֹ לַאנְג טְרֶעטִין דָם וַויין בִּיז מֶען וֶועט בַּאנֶגעגֶן דֶם וָוס טְרָאגְט תְּבוּאָה צוּ זַייעֶן אוּנ אַלֶע בֶּערְג וֶועלִין טְרִיפֶען זִיסֶען וַויין אוּנ אַלֶע הוֹךְ וֶועלִין גֶעאַקֶערְט זַיין אוּנ וֶועלִין וֶוערִין וַוייךְ פוּן וֶועגִין רֶעגִין (וְשַׁבְתִּי אֶת שְׁבוּת עַמִּי יִשְׂרָאֵל) אוּנ אִיךְ וֶועל אוּם קֶערִין דָאס אוּם קֶערוּנְג פוּן מַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל אוּנ זַיי וֶועלִין בּוֹיעֶן דִיא וִויסְטֶע שְׁטֶעט אוּנ וֶועלִין אִין זַיי זִיצֶן אוּנ וֶועלִין פְלַאנְצִין וַויין גֶערְטְנֶער אוּנ וֶועלִין טְרִינְקֶן זַייעֶר וַויין אוּנ וֶועלִין מַאכֶען גֶערְטְנֶער אוּנ וֶועלִין עֶסֶען זַייעֶרע פֵּירוֹת (וּנְטַעְתִּים עַל אַדְמָתָם) אוּנ אִיךְ וֶועל זַיי פְלַאנְצִין אוּף זַייעֶר עֶרְד דָם זַיי וֶועלִין אַקִיוּם הָאבִּין אוּף אִיר אוּנ זַיי וֶועלִין שׁוֹן מֶער נִיט פַאר וָואגִילְט וֶוערִין פוּן זַייעֶר עֶרְד אַזוֹ זָאגְט גָאט דַיין גָאט. דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין פֶּרֶק חֵלֶק ר׳ יוֹחָנָן זָאגְט אִין דֶר צַייט וָוס מָשִׁיחַ וֶועט דַארְפִין קוּמֶען וֶועלִין זִיךְ מִינֶערִין דִיא תַּלְמִידִים אוּנ דָם פָאלְק וֶועט גְרוֹסֶע צָרוֹת הָאבִּין אֵיין צָרָה וֶועט אַוֶועק גֵיין וֶועט דִיא אַנְדֶערֶע צָרָה קוּמֶען דִיא חֲכָמִים זָאגֶען אִין דֶר צַייט וָואס מָשִׁיחַ וֶועט דַארְפִין קוּמֶען וֶועט אַיוּנְגֶער מְבַזֶּה זַיין אֵיין אַלְטִין אוּנ דִיא זְקֵנִים וֶועלִין מִיזֶען אוּף שְׁטֵיין פַר דִיא יוּנְגֶע דִיא טָאכְטֶר וֶועט זִיךְ קְרִיגֶן מִיט דֶר מוּטֶער אוּנ דִיא שְׁנוּר וֶועט זִיךְ קְרִיגֶען מִיט אִיר שְׁוִוינֶער אוּנ אַזוּן וֶועט זִיךְ נִיט שֶׁעמִין פַר זַיין פָאטֶר אוּנ עֶס וֶועט זַיין וֶוייניג חֲכָמִים אוּף דֶר וֶועלְט אוּנ עֶס וֶועט נִיט בְּלַייבִּין קֵיין גֶעלְד אִין בַּייטִיל אוּנ מָשִׁיחַ וֶועט אַנְדֶערְשׁ נִיט קוּמֶען נָאר אַז יוּדֶען וֶועלִין זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן אִים. ר׳ זֵירָא זָאגְט עֶר הָט גֶעפוּנֶן דִי רַבָּנִים הָאבִּין גֶערֵייד פוּן מָשִׁיחַ הָט עֶר גֶעזָאגְט אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט אִים נִיט דֶר וַוייטֶערִין מִיט דֶעם וָואס אִיר רֵייד פוּן אִים דֶען מִיר הָאבִּין גֶעלֶערִינְט דְרַייא זַאכֶען קוּמֶען אוּם גֶערֶעכְט מָשִׁיחַ אוּנ אַמְצִיאָה אוּנ אֵיין עַקְרָב וָוס בַּייסְט מֶענְשֶׁען מִיר זָאלִין זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ אָן יִסוּרִים אָמֵן׃

# פרשת קדושים.

(קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ) אִיר זָאלְט זַיין הֵיילִיג שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (תַּאֲוָה נִהְיָה תֶּעֱרַב לְנָפֶשׁ וְתוֹעֲבַת כְּסִילִים סוּר מֵרָע) דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט נָאךְ גֵיין דָאס גְלִיסְטֶעפוּן זַיין הַארְץ דֶען דֶר וָואס טוּט פוּן זִיךְ אָפּ דָאס גְלִיסְטֶען פוּן זַיין הַארְץ אִיז גְלַייךְ צוּא אַמַלְאָךְ אוּנ דֶער וָואס גֵייט נָאךְ דָאס גְלִיסְטֶען פוּן זַיין הַארְץ אִיז גְלַייךְ צוּ אַבְּהֵמָה דֶען מִיר גֶעפִינֶן דָאס גָאט הָט דִי וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶן פַר דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג אוּנ דֶער מֶענְשׁ אִיז וָוארֶען בֶּעשַׁאפֶען אִין דֶעם זֶעקְסְטֶען טָאג אוּנ נָאר אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אִיז וָוארֶען בֶּעשַׁאפֶן אִין פִינְף טָאג אוּנ עֶס אִיז גֶעטֵיילְט אוּף צְוֵויי חֲלָקִים אֵיין חֵלֶק אִיז לוֹטֶר שֵׂכֶל אוּנ חָכְמָה אַזוֹ וִויא דִיא מַלְאָכִים אִין הִימֶעל אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע חֵלֶק אִיז פוּן דֶער עֶרְד אוּנ הָאבֶען גָאר קֵיין שֵׂכֶל נִיט אַזוֹ וִוי דִיא בְּהֵימֶער אוּנ

## אוהל יעקב קרייטר

(קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה׳ אֱלֹהֵיכֶם) גָאט זָאגְט צוּ דִי יוּדֶן אִיר זָאלְט זַיין הֵיילִיג וָוארוּם אִיךְ גָאט בִּין הֵיילִיג דֶר יַלְקוּט זָאגְט גָאט הָט אַזוֹ גֶעזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶן וַוייל אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהֵיילִיגְט צוּ מִיר נָאךְ אֵיידֶר אִיךְ הָאבּ בַּשַׁאפֶן דִי וֶועלְט דְרוּם זָאלְט אִיר זַיין הֵיילִיג אַזוֹ וִוי אִיךְ בִּין הֵיילִיג אַצוּנְד לָאמִר פַר שְׁטֵיין דִי רֵייד פוּן גָאט וָואס אִיז דֶר חִילוּק אַז עֶר הָט אוּנְז נָאךְ דֶעם גֶעהֵיילִיגְט וֶועלֶן מִיר גֶעבֶּן צוּ פַאר שְׁטֵיין מִיט אֵיין מָשָׁל אֵיינֶר פוּן אַקְלֵיין שְׁטֶעטִיל הָט גֶעהַאט אַבַּת יְחִידָה אִיז עֶר גֶעפָארֶן אוּף דֶר וֶועלְט זוּכֶן פוּן אִירֶעט וֶועגֶן אַפַּייגֶם חָתָן אִיז עֶר גֶעקוּמֶן גַאנְץ וַוייט אִינ אַגְרוֹסֶר יְשִׁיבָה אוּנ זָאגְט צוּ דֶם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וִוי פִיל גֶעלְד דוּ וֶועסְט וֶועלֶן הָעל אִיךְ גֶעבֶּן נָאר זָאלְסְט מִיר אוּם קְלוֹיבֶּן פוּן דֶר יְשִׁיבָה אֵיין פַּייגֶם חָתָן אַזוֹ וִוי אִיךְ וִויל זָאגְט דֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבֶּן אַזוֹ פִיל גֶעלְד גִיבּ אִיךְ דִיר דֶעם חָתָן עֶר אִיז דֶר בֶּעסְטֶער פוּן אַלֶע יְשִׁיבָה קִינְדֶר עֶר אִיז זַייעֶר קְלוּג אוּנ אִיז אַתְּמִיד צוּם לֶערְנֶן עֶר זִיצְט דוּרְךְ דִי נֶעכְט אוּנ לֶערְנְט הָט דֶר עוֹשֶׁר אִים גֶעגֶעבֶּן דָם גֶעלְד אוּנ הָט אִים אַהֵיים גֶענוּמֶן אוּנ הָט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט דֶר בַּת יְחִידָה נָאךְ דֶם הָט דֶר עוֹשֶׁר גֶעזֶעהֶן אַז דֶר אֵיידָם בַּגֶערְט נִיט צוּ לֶערְנֶן עֶר

לערינט

קרייטער און בהמות און חיות און עופות און די צווייא ערליי באשעפעניש טואן זייערע מעשים געגייט ניט מיט זייער גוטען ווילען נור זיי זענען גענייט אין דער טבע צו טואן וואס זייא זענען דערצו בעשאפען געווארען דען איין מלאך מוז מיט זיין שכל טואן וואס ער איז דרוף געזעצט מיט נוט ניט מיט זיין ווילען און אזו אויך דאס אנדערע חלק טרייבט זיי די טבע זיי זאלן טואן וואס זענען דערצו וואָרן בעשאפען און קיינער רייד זיי ניט אפּ פון צו טואן זייערע מעשים דער נאך האט גאט געמאכט אדריט באשעפעניש א מענש וואס ער הט שכל אזו ווי א מלאך און הט איין גוף אזו וויא איין בהמה און האט אים געגעבן רשות צו טאן קלוגע זאכן אזו וויא די מלאכים און אויך נארישע זאכן אזו ווי בהמות דרום איז וואל דם מענשן וואס טוט שטארקן זיין שכל איבר דם גוף און גייט ניט נאך דעם גליסטן פון הארצן אזו איז ער גלייך ווי איין מלאך אבר ווען ער גייט נאך נאך דם גליסטן פון זיין הארץ איז ער גלייך ווי איין בהמה און אזו אויך אדם הראשון איידר ער האט געזינדיגט הט ער געוואלט זיין גלייך וויא איין מלאך ער זאל אייביג לעבן און דר נאך אז ער הט געזינדיגט איז אויף אים נגזר געווארן מיתה און אויף דער גאנצער וועלט גלייך ווי א בהמה דרום זאל איטליכר מענש געווארנט זיין ער זאל

ניט נאך גיין גליסטיקייט דאס זאגט שלמה המלך (תאוה נהיה תערב לנפש) דיא צו בראכענע תאוה איז זיס צום גוף אבר דר קלוגר מענש טוט זיך אפּ פון איר (ותועבת כסילים סור מרע) דיא רשעים איז מיאוס און שווער צו אפּ קערין זיך פון זייער בייז דען זיי ווילן אלץ זייער גליסטן נאך גיין און עס איז געוואוסט דר וואס גייט נאך נאך זיין תאוה דר לייקענט אין גאט און דער וואס גייט נאך זיין תאוה איז געטיילט אויף פיר חלקים דם ערשטע איז ער הט זיין מחשבה טאג און נאכט אויף בייזע גליסטונג דר הט איין עבירה גלייך וויא ער האט דאס בייז במעשה געטאן ווייל ער איז מטמא זיין מחשבה און זיין שכל דאס אנדערע איז ער האט תאוה צו ריידן לשון הרע און ניבול פה און דער מיט פר פירט אים דער יצר הרע דען ווען דר מענש הט אלוסט צו איין אשה אז ער זעהט זי איז דם יצר הרע ניט גענוג ביז ער טרייבט דעם מענשן ער זאל זיא אפּט זעהן דר נאך טרייבט ער אים ער זאל מיט איר ריידן שלעכטע רייד און ניבול פה דר נאך טרייבט ער אים ער זאל מיט איר מזנה זיין דרום זאל דער מענש געווארענט זיין ניט צו זעהן אויף א פרעמדר אשה און מכל שכן ער זאל מיט איר ניט ריידן ובפרט די תלמידי חכמים דארפען מער געווארענט זיין דען אין זייא טוט זיך

דר

אוהל יעקב

לערינט אין בית המדרש נאר צוויי שעה אין טאג איז דם עושר זייער ביטר געווען און רופט דם איידם און שטראפט אים מיט רייד פר וואס ער לערינט ניט ענטפערט דר איידם פרעג דם שמש פון ביהמ"ד אוב איינר פון די יונגע לייט פון דם שטעטיל עפינט אויף איין ספר אפילו איין מאל אין חודש נאר איך אליין לערן אין ביהמ"ד אפילו איך לערן ניט שטענדיג פון דעסט וועגן גייט ניט אוועק ביי מיר איין חודש אדר איין וואך איך זאל ניט לערנן אפילו איך וועל קיין מאל ניט לערנן און וועל גאר געסן פון מיין לערנן פון דעסט וועגן וועל איך נאך מיין קענן לערנן פון די יונגע לייט פון דעם שטעטיל זאגט דער שווער צו אים זאלסט וויסן מיין קינד אז ניט דר פר האב איך דיך גנומן פר איין איידם ווייל דו ביסט דא אין שטעטיל דר בעסטר פון אלע גידענק אז איך האב דיך ארוס גנומן פון אגרוסר ישיבה וואס מען קען דארט לערנן און דארט ביסטו געווען דר בעסטר דרום איז ביי מיר קיין תירוץ ניט וואס די זאגסט דו ביסט דר בעסטר פון דעם שטעטיל נאר דו דארפסט

זיצן און לערנין און זיין אמתמיד אזו וויא די יונגע לייט פון דער ישיבה וואורום איך האב דיך פון דארט גענומן דם נמשל איז דיא טענה פון גאט אקעגין די יודן זייא ווערין זיך אום ווייזן פר גאט אז זיי זענין בעסר פון דיא אומות העולם וואס לייקינן אין גאט דרום זאגט גאט צו דיא יודן עס איז ניט אזו ווייל אין אייך געהייליגט צו מיר נאך איידר איך האב די וועלט בשאפן איידר די שיכורים וואס לייקינן אין גאט זענין נאך גיוועזן אויף דער וועלט האב איך אייך דענסמאל געהייליגט צו מיר מילא ווי אזו קענט איר זאגן איך זאל אייך בארעכנין אקעגין זיי אז די שיכורים זענין נאך דענסמאל אויף דר וועלט ניט גיוועזן דרום דארפט איר זיין הייליג אזו ווי איך בין הייליג איר זאלט אייך מצרף זיין אקעגין מיר ניט אקעגין די אומות העולם פונקט ווי דר שווער הט גיענפרט דם איידם ער זאל זיך אום פיינן אקעגין די יונגע לייט פון דר ישיבה ניט פון דם שטעטיל:

דֶר יֵצֶר הָרָע מֶער אָן רֵייצְן אַזוֹ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט וֶוער עֶס אִיז חָשׁוּבֶר פוּן זַיין חַבֵר אִין דֶם רֵייצְט זִיךְ דֶר יֵצֶר הָרָע מֶער וִויא אִין זַיין חַבֵר דֶען מִיט דִי רְשָׁעִים דַארְף עֶר זִיךְ נִיט רֵייצְען זַייא פָאלְגְן אִים שׁוֹן לַאנְג עֶר דַארְף שׁוֹן מִיט זַייא קֵיין גְרוֹם·טִרְחָה נִיט הָאבְּן דִיא דְרִיטֶע תַּאֲוָה אִיז צוּ עֶסְען אוּנ טְרִינְקְן דְרוּם זָאל זִיךְ דֶר מֶענְשׁ אָפּ הִיטֶן דֶר פוּן אוּנ אֲפִילוּ וָוס גָאר מוּתָּר אִיז זָאל עֶר זִיךְ אוֹךְ נִיט גֶעוֵוינֶען פִיל צוּ עֶסֶן אוּנ צוּ טְרִינְקֶן דִי פֶערְדֶע תַּאֲוָה אִיז זְנוּת זָאל זִיךְ דֶר מֶענְשׁ אָפּ הִיטֶן דָם אֲפִילוּ מִיט זַיין וַוייבּ זָאל עֶר נִיט פִיל לִיגְן דְרוּם וֶוענֶען מִיר וָואֹרֶן גֶעבָּאטֶן אִין דֶר סֶדְרָה (קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ) אִיר זָאלְט זַיין הֵיילִיג דֶען דֶר וָוס שֵׁייד זִיךְ אָפּ פוּן תַּאֲוַת הַגוּף הֵייסְט קָדוֹשׁ אַזוֹ וִויא מִיר גֶעפִינְן בַּיי אֵיין נָזִיר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן וַויין טְרִינְקְן רוּפְט אִים דִי תּוֹרָה קָדוֹשׁ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט קָדוֹשׁ יִהְיֶה (אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ) אַמֶענְשׁ זָאל זִיךְ פַארְכְטֶן פַר זַיין מוּטֶר אוּנ פַר זַיין פָאטֶר אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט דָא דִי מוּטֶר פַר דֶם פָאטֶר אוּנ בַּיי כִּיבּוּד אָב דָם מֶען זָאל עֶרְלֶךְ הַאלְטֶן פָאטֶר אוּנ מוּטֶר שְׁטֵייט פְרִיעֶר דֶר פָאטֶר דָם אִיז וַוייל אֵיין קִינְד הָאט מֶער מוֹרָא פַאר אֵיין פָאטֶר וִוי פַר אֵיין מוּטֶר דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה פְרִיעֶר אָן גֶעשְׁרִיבֶּן דִי מוּטֶר צוּ וַוייזֶן מֶען זָאל אַזוֹ מוֹרָא הָאבֶּן פַר דֶר מוּטֶר אַזוֹ וִוי פַר דֶעם פָאטֶר אוּנ דָם אִיז גֶעוואוּסְט דָאס אֵיין קִינְד הַאלְט עֶרְלִיךְ דִי מוּטֶר מֶער פוּן דֶעם פָאטֶר וַוייל זִיא אִיז מִיט אִים אִין הוֹז אוּנ גִיט אִים אַלֶע גוּטֶע שְׁפַּייז אוּנ רֵייד מִיט אִים גוּטֶע רֵייד דְרוּם הָט דִי תּוֹרָה פְרִיעֶר גֶשְׁטֶעלְט דֶם פָאטֶר צוּ וַוייזֶן מֶען זָאל דֶם פָאטֶר גְלַייךְ עֶרְלֶךְ הַאלְטֶן וִויא דִיא מוּטֶר (וְאֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ) אוּנ מַיינֶע שַׁבָּתוֹת זָאלְט אִיר דָאךְ הִיטֶען חָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהֵייסֶן עֶרְלֶךְ הַאלְטֶן אוּנ מוֹרָא הָאבֶּן פַר פָאטֶר אוּנ מוּטֶר פוּן דֶעסְט וֶועגְן אַז זֵיי וֶועלְן אַייךְ זָאגְן אִיר זָאלְט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין זָאלְט אִיר זֵיי נִיט הֶערְען דֶען זֵיי זֶענֶען אוֹךְ חַיָב צוּ הַאלְטֶן שַׁבָּת. דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט (קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ) אוּנ עֶס שְׁטֵייט דֶער בַּייא (כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל) צוּ וַוייזֶן דָם אֲפִילוּ וַוייבֶּר זֶענֶען חַיָב צוּ זַיין הֵיילִיג אוּנ וַוייל דֶר מַאן אוּנ וַוייבּ דַארְפֶן זִיךְ הֵיילִיג הַאלְטֶן דְרוּם שְׁטֵייט (קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ לִי כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְיָ) דֶען עֶס זֶענֶען דְרַיי חַבְרוּתוֹת אִין דֶם קִינְד גָאט אוּנ דֶר פָאטֶר אוּנ מוּטֶר גָאט גִיט דִי נְשָׁמָה אוּנ דֶעם שֵׂכֶל אוּנ פָאטֶר אוּנ מוּטֶר גִיבֶּן דֶם גוּף דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק (קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ לִי כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְיָ) אִיר זָאלְט זַיין הֵיילִיג וַוייל אִיךְ גָאט בִּין הֵיילִיג אוּנ זָאלְט אַייךְ פַארְכְטֶן פַאר פָאטֶר אוּנ מוּטֶר וַוייל זַייא הָאבְּן דִיךְ אוֹף דֶער וֶועלְט גֶעבְּרַאכְט דְרוּם זָאגְט עֶר דִי מוּטֶר פְרִיעֶר וַוייל דֶער עִיקָר קְדוּשָׁה הֶענְגְט אִין דֶר מוּטֶרְם מַחֲשָׁבָה אוּנ עֶר הָט דֶר בַּיי גֶעשְׁרִיבֶּן (וְאֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ) צוּ וַוייזֶן דָם תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאלֶן נָאר מְשַׁמֵשׁ זַיין אוּם שַׁבָּת אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט דֶר בַּיי (אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים) דָם מֵיינְט מֶען אִיר זָאלְט נִיט קוּקְן אוֹף אֵיין פְרֶעמְדֶע אִשָּׁה דֶען עֶס אִיז גְלַייךְ וִוי מֶען קֶערְט זִיךְ צוּ דֶר ע"א אוּנ עֶס שְׁטֵייט דֶר בַּיי (וֵאלֹהֵי מַסֵכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם) דָם מֵיינְט מֶען דֶר מַאן זָאל נִיט הָאבֶּן קֵיין מַחֲשָׁבָה אוֹף אֵיין פְרֶעמְדֶער אִשָּׁה בְּשַׁעַת תַּשְׁמִישׁ (אֲנִי יְיָ אֱלֹהֵיכֶם) גָאט הָט בַּיי פִיל מִצְוֹת אַזוֹ גֶעזָאגְט וַוייל אַלֶע מִצְוֹת זֶענֶען צוּ גָאט אוּנ דֶר ווִילֶען פוּן גָאט אִיז נָאר מֶען זָאל טוּאֶן מִצְוֹת אַזוֹ וִוי דִיא גְמָרָא זָאגְט דֶער וָוס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּנ טוּט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים נִיט אִיז עֶר גְלַייךְ וִוי עֶר הָט קֵיין גָאט נִיט דֶען דֶר וָוס טוּט קֵיין מִצְוֹת נִיט דֶער לֵייקֶענְט גִיךְ אִין גָאט אוּנ דִי חֲכָמִים הָאבֶּן גֶעזָאגְט נִיט תּוֹרָה לֶערְנֶן אִיז דֶער עִיקָר נָאר מַעֲשִׂים טוֹבִים טוּאֶן אִיז דֶער עִיקָר (וּבְקֻצְרְכֶם אֶת קְצִיר אַרְצְכֶם) אַז אִיר וֶועט שְׁנַיידֶן אַייעֶר תְּבוּאָה פוּן אַייעֶר פֶעלְד זָאלְט אִיר אִיבֶּער לָאזֶען אַייעֶר עֶק פֶעלְד מִיט תְּבוּאָה כְּדֵי דֶער עָנִי זָאל עֶס נֶעמֶן אוּנ אוֹךְ אִין וַויין גָארְטֶן זָאלְסְטוּ אִיבֶּר לָאזֶן דִי אֵיינְצִיגֶע וַויין טְרוּבֶּן פוּן דֶם עָנִי וֶועגְן אוּנ וֶוען עֶס פַאלְט אַרָאפּ צְוַוייא זַאנְגֶן בְּשַׁעַת שְׁנִיט זָאלְסְטוּ נִיט אוֹף הֵייבֶּן נָאר דֶער עָנִי, אָבֶּר דְרַיי זָאל דֶער עָנִי נִיט נֶעמֶן נָאר דֶר בַּעַל הַבַּיִת (לֹא תִּגְנוֹבוּ) אִיר

זאלט

זָאלְט נִיט גַנְבֶנֶן דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין בָּבָא מְצִיעָא מֶען טָאר נִיט גַנְבֶנֶן בַּיי דֶעם חַבֶר אֲפִילוּ וֶוען דוּ ווִילְסְט אִים נָאר צַעַר אָן טָאן הָאטְשֶׁע דוּ הָאסְט בְּדַיָעה דֶר נָאךְ עֶס אָפּ גֶעבְּן נָאר עֶר זָאל אֵיין רֶגַע צַעַר הָאבְּן טָארְסְטוּ אוֹךְ נִיט טָאן אוּנ דֶער וָוס גַנְבֵית דֶער לֵייקֶענְט אוּנ שְׁוֶוערְט פַאלְשׁ אוּנ אִיז מְחַלֵל הַשֵׁם חַס וְשָׁלוֹם דֶען אֵיין עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי אַנְדֶערִי (וְלֹא תִשָּׁבְעוּ בִשְׁמִי) אִיר זָאלְט נִיט שְׁוֶוערֶן בַּיי מַיין נָאמֶן מִיט וָואס פַר אֵיין נָאמֶן עֶס אִיז (לֹא תַעֲשׁוֹק אֶת רֵעֲךָ) דוּ זָאלְסְט נִיט הַאלְטֶן בַּיי דִיר דִי שְׂכִירוֹת פוּן דַיין חַבֶר וָוס הָט בַּיי דִיר גֶעאַרְבֵּייט עֶר זָאל דִיר נָאךְ לוֹפֶן נָאךְ גֶעלְד נָאר דוּ זָאלְסְט אִים צָאלֶן אִין דֶם טָאג וָוס עֶר הָט בַּיי דִיר גֶעאַרְבֵּייט (וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל) אוּנ פַאר אֵיין בְּלִינְדֶן זָאלְסְטוּ נִיט גֶעבְּן אֵיין שְׁטְרוֹכְלִינְג עֶר זָאל פַאלֶען דְרִיבֶּר נָאר זָאלְסְט אִים פִירֶן אִין רֶעכְטֶן וֶועג. אוּנ אוֹךְ וֶוען דַיין חַבֶר פְרֶעגְט דִיךְ אֵיין עֵצָה אִין אֵיין זַאךְ וָוס עֶר אִיז דְרִינֶן בְּלִינְד אוּנ ווַייסְט נִיט וָוס צוּ טָאן זָאלְסְט אִים אֵיין גוּטֶע עֵצָה גֶעבְּן דְהַיְינוּ וֶוען עֶר פְרֶעגְט דִיךְ אוֹבּ עֶר מֶעג דִי סְחוֹרָה קוֹפֶן אוֹבּ עֶס אִיז נִיט טַייעֶר זָאלְסְטוּ נִיט זָאגֶען אַז עֶס אִיז טַייעֶר כְּדֵי עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין אוּנ דוּ וֶועסְט זִי קוֹפֶן דָם טָארְסְטוּ נִיט טָאן אוּנ אוֹבּ דוּ וֶועסְט דִיר טְרַאכְטֶן וֶוער וֶועט עֶס ווִיסֶן דָם אִיךְ הָאבּ אִים אֵיין שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה גֶעגֶעבְּן דְרוּם שְׁטֵייט דֶער בַּייא (וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ) דוּ זָאלְסְט דִיךְ פַארְכְטֶן פַר גָאט וָוס עֶר ווַייסְט אַלְץ וָואס אִין דַיין הַארְצֶען אִיז (בְּהֶמְתְּךָ לֹא תַרְבִּיעַ כִּלְאַיִם) דוּ זָאלְסְט נִיט בַּהֶעפְטֶן אֵיין אוֹקְס מִיט אֵיין אֵייזֶל אָדֶר אַנְדֶערֶע בְּהֵמוֹת אוּנ חַיוֹת זָאלְסְטוּ נִיט בַּהֶעפְטֶן מִיט אֵיין אַנְדֶר מִין, דֶר בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם טָאר מֶען נִיט בַּהֶעפְטֶן צְוֵויי מִינִים מִיט אַנַאנְדֶר ווַייל גָאט הָט בַּשַׁאפֶן אִיטְלִיכְם מִין בַּאזוּנְדֶר אֲפִילוּ קְרֵייטֶר הָט עֶר בַּשַׁאפֶן אִיטְלִיכְם מִין בַּזוּנְדֶר אוּנ אִיטְלִיכְם מִין הָט אַמַזָל אִין הִימֶל וָוס טְרַייבְּט עֶס, עֶס זָאל וַואקְסֶן אוּנ וֶוען דֶער מֶענְשׁ מַאכְט בַּהֶעפְטֶן אֵיין אוֹקְס מִיט אֵיין אֵייזֶל מִיט אַנְדֶר קוּמְט דֶר פוּן אַרוֹם אֵיין נַייא בַּשֶׁעפֶנִישׁ אֵיין בַּאזוּנְדֶר מִין וָואס אִיז הַאלְבּ אוֹקְס אוּנ הַאלְבּ אֵייזֶל אוּנ עֶר ווַייזְט דָם עֶר הָאט מֶער חָכְמָה פוּן גָאט דָם גָאט הָט אַזוֹ אֵיין בַּשֶׁעפֶנִישׁ נִיט גֶעקֶענְט בַּשַׁאפֶן אוּנ אוֹךְ דִי קְרֵייטֶר אוּנ בֵּיימֶר אִיז אִיטְלִיכְם בַּשַׁאפֶן גֶעוָארֶן ווִי אַזוֹ עֶס זָאל זַיין אוּנ וֶוען עֶר זֵייעֶט קָארְן אָדֶר ווַייץ אִין אֵיין זַיין גָארְטֶן פַר מִישְׁט עֶר דִי מִינִים אוּנ צוּ מִישְׁט אוֹךְ דִי מַזָלוֹת אִין הִימֶל דֶען אִיטְלִיכְם מִין הָט אֵיין בַּזוּנְדֶר מַזָל אוּנ אַז עֶר בַּהֶעפְט צְוֵויא מִינִים מִיט אַנַאנְדֶר צוּ מִישְׁט עֶר דִי מַזָלוֹת אִין הִימֶל אוּנ מַאכְט קְרִיג צְווִישֶׁן זֵיי (לֹא תִשָּׂא פְנֵי דָל) וֶוען אֵיין עָנִי מִיט אֵיין עוֹשֶׁר קוּמֶן פַאר דִיר צוּם מִשְׁפָּט זָאלְסְטוּ נִיט טְרַאכְטֶן עֶר אִיז אֵיין עָנִי דֶר עוֹשֶׁר אִיז אִים חַיָיב צוּ גֶעבְּן צְדָקָה דְרוּם וֶועל אִיךְ דֶם עָנִי גֶערֶעכְט מַאכֶן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּן זַיין פַּרְנָסָה בְּכָבוֹד דָאס זָאלְסְטוּ נִיט טָאן (וְלֹא תֶהְדַּר פְּנֵי גָדוֹל) אוּנ זָאלְסְט נִיט בַּשֵׁיינֶן דֶם עוֹשֶׁר דוּ זָאלְסְט נִיט זָאגֶן אַז עֶר אִיז אֵיין עוֹשֶׁר ווִי קֶען מֶען אִים אוּם גֶערֶעכְט מַאכֶען עֶס אִיז אִים

## של"ה הקדוש

(וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל) דָאס הֵייסְט עֶר זָאל אַמֶענְשׁ נִיט גֶעבִּין אַשְׁלֶעכְטֶע עֵצָה, דֶער טַעַם דֶער פוּן ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) דוּ זָאלְסְט דַיין חַבֶר אַזוּ לִיבּ הָאבֶּן ווִיא דִיךְ אַלֵיין אוּנ דִי גְמָרָא זָאגְט וָואס דִיר אִיז גֶעפַיינְד זָאלְסְטוּ דַיין חַבֶר אוֹךְ נִיט טָאן אוּנ דָם אִיז אַתִּיקוּן פַר דֶם יִשׁוּב הָעוֹלָם אוּנ אַז אַמֶענְשׁ גִיט אֵיין עֵצָה דֶם אַנְדֶערִין וָוס עֶס קָאן זַיין צְוֵויי עֶרְלֵיי גֶעדַאנְקִין קֶען עֶר זִיךְ פַאר עֶנְטְפֶערֶן אוּנ אוּם זָאגִין אַז דֶר אַנְדֶער וֶועט אוּף אִים פַר אִיבֶּל הָאבִּין וֶועט עֶר זָאגִין אוּנ שְׁוֶוערִין אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט זַיין טוֹבָה אָבֶּער דִיא זַאךְ אִיז מָסוּר צוּם הַארְצֶען נָאר דֶם הַארְץ ווַייסְט ווִי עֶר הָט גֶעמֵיינְט דְרוּם שְׁטֵייט (וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ אֲנִי ה') גָאט זָאגְט אוּף דִיר אַזוּ אִיךְ הָאבּ דַיין חַבֶר בַּאשַׁאפֶען מִיט אוֹגִין אוּנ דוּ הָאסְט אִים אַרוּם גֶענוּמֶען זַיינֶע אוֹגִין אוּנ הָאסְט אִים בְּלִינְד גֶעמַאכְט זָאלְסְטוּ ווִיסֶען אַז אִיךְ בִּין אַמַשְׁגִיחַ אוּנ זֶעה אוֹבּ דוּ וֶועסְט אַזוּ טָאן וֶועל אִיךְ דִיךְ שְׁטְרָאפִין:

אים איין חרפה דם טארסטו ניט טאן (לא תלך רכיל) דו זאלסט קיין רכילות ניט זאגן (לא תקום ולא תטור) ווען איין שכן קומט צו דיר לייען איין כלי זאלסטו זיך ניט נוקם זיין אונ אים זאגן דו האסט ניט געוואלט לייען קיין האק איך וועל דיר ניט לייען קיין זיפ טארסטו ניט טאן אונ אפילו ווען דו ווילסט אים יוא לייען נאר דו זאלסט אים זאגען האטשע דו האסט מיר ניט געוואלט לייען וויל איך דיר דאך לייען טארסטו אוך ניט טאן (ואהבת לרעך כמוך) דו זאלסט ליב האבן דיין חבר וויא דיך אליין (שלש שנים יהיו לכם ערלים) ווען דו פלאנצט איין בוים זאלסטו דריי יאר זיינע פירות ניט עסן אונ דם פערדן יאר זאלסטו די פירות היילגן צו גאט דען עס איז ראוי מען זאל צום ערשטן אפ געבן כבוד צו גאט צו ברענגן אים דיא ערשטע פירות אונ צום מיינסטן וואקסן ניט קיין פירות ביז נאך דריי יאר אזו איז אין פערדען יאר די ערשטע פירות אונ אזו אוך איז דער מענש אונ אוך דאס אופס וואס וואקסט פר דריי יאר איז זייער אום געזונד ווייל דער בוים הט זיך נאך ניט רעכט דר היצט פון דר זין דרום זענען די פירות גראב פון דם פאכטקייט פון דר ערד,

דער מדרש זאגט (שלש שנים יהיו לכם ערלים) דם ווייזט דם קינד קען ניט רעכט ריידן ביז דריי יאר אונ אין פערדן יאר אז ער קען רעכט ריידן זאל ער זיין קודש דר פאטר אונ מוטר זאלן אים לערנן איין ברכה מאכן אונ צו זאגן לוב צו גאט אונ אין פיפטן יאר זאל מען מיט אים לערנן תורה. דער תולדות יצחק שרייבט די פרשה קדושים תהיו ווייזט אונז אוף אלערליי קדושות דם דר מענש זאל זיך ריין האלטן דם ער זאל ניט פיל עסן אונ ניט פיל טרינקן דען עס זענען אטייל לייט וואס מיזן ווייניג עסן אונ טרינקן דען ווען זיי עסן פיל זענען זיי קראנק דהיינו אלטע לייט עסן ווייניג אונ יונגע לייט עסן פיל אונ אוך זענען אלטע לייט וואס עסן פיל אונ יונגע לייט וואס עסן ווייניג אונ די תורה הט ניט געקענט אן שרייבן איטליכן מענשן וויא פיל ער זאל עסן אונ טרינקן ווייל דיא מענשן זענען ניט גלייך אין דיא מאגענס אונ אין דער טבע דרום הט דיא תורה אן געשריבן (קדושים תהיו) איר זאלט אייך היילג האלטען מיט עסען אונ טרינקן אונ אוב דוא ווילסט ווער עס זאל דיר זאגן ווי פיל דו זאלסט עסן דאס זאגט דר פסוק (איש אמו ואביו תיראו) די מוטר

אונ

ליקוטי יקרים

(איש אמו ואביו תיראו) איטליכער מאן פון אייך זאל זיך פארכטין פר זיין פאטר אונ מוטר אזו ווי דר אלשיך הקדוש שרייבט ווייל איך האב אייך געבאטען איר זאלט זיין היילג כדי איך זאל אייך ברענגין צו עולם הבא אונ אייערע פאטר אונ מוטר האבין אייך גיברענגט אוף דר וועלט נמצא ווען זיי זאלען אייך ניט ברענגען אוף דר וועלט וואלט איר ניט זוכה געווען צו עולם הבא איבר דם דארפט איר ניט פר געסין אין דר טובה וואס אייערע עלטערין האבין געטאן מיט אייך אונ איר זאלט אייך פארכטין פר זיי (מפני שיבה תקום) פאר אגראים זאלסטו אוף שטיין אונ זאלסט באשיינן דם פנים פון איין אלטען מאן אונ זאלסט דיך פארכטין פאר דיין גאט וואס הייסט דיר אזו טאן. דר מבשר צדק שרייבט דר פסוק איז מרמז אז דר מענש זאל תשובה טאן איידר ער ווערט גראה אונ אלט אזו וויא דיא גמרא שרייבט אין מסכת סוכה אז דיא חסידים פלעגין זינגען ביא שמחת בית השואבה וואל איז אונזערי יונגע יאר וואס האבן ניט פר שעמט די אלטע יארען כלומר מיר האבן ניט געטאן שלעכטע מעשים אין דר יוגענד אז מיר זאלען זיך מיט זיי דארפין שעמין אוף דר עלטער איבער דעם זאגט דא דר פסוק (מפני שיבה תקום) אז דו וועסט תשובה טאן אוף דיינע זינד איידר דו וועסט גראה ווערן (והדרת פני זקן) וועסטו מיט דם באשיינען דיין עלטער אזו ווי דיא חסידים האבן געזונגען אונ דר נחל קדומים שרייבט אז דו זיצט אונ וועסט זעהן דם איין אלטר מאן שטייט אונ קאן שון ניט דר שטיין זאלסטו אוף שטיין אונ זאלסט אים לאזען זעצין אוף דיין ארט אונ דם פנים פון איין אלטן כלומר ער איז נאך ניט אלט נאר זיין פנים איז שון אלט זאלסטו אים באשיינען אונ זאלסט אים זאגן אז דו ווילסט זעצט דיך אוף מיין ארט אונ איך וועל אוף שטיין אז דו וועסט אזו טאן וועסטו זוכה זיין דם דו וועסט דיך פארכטין פר גאט ברוך הוא:

אונ דר פאטר ווייסן ווי פיל דס קינד דארף
עסן אונ וואס פר דעם קינד איז געזונד אונ
דרום הט דיא תורה דער ביי אן געשריבן
(ואת שבתותי תשמורו) צו ווייזן חאטשע
דו ביסט געוויינט אין דר וואכן ווייניג עסן
דאך זאלסטו לכבוד שבת מער עסן וויא
אין דער וואכן אבר דאך ניט צו פיל אונ
דרום שטייט דר ביי (אל תפנו אל האלילים)
צו ווייזן חאטשע די שטערין זעהר אונ די
מכשפים זאגען מען זאל אום שבת קיין
פלייש ניט עסן אונ קיין וויין ניט טרינקן
וועט אים דאס מזל שבתאי געבן מזל אונ
הצלחה זאלסטו דיך ניט קערין צו דיא אפ
געטער אונ מכשפים אונ האלט שבת ערליך
עס יוא פלייש אונ טרינק יוא וויין אונ
קלייד אן שיינע קליידר וועט דיר גאט געבן
הצלחה אונ דרום שטייט אין דיא עשרת
הדברות פריער מען זאל האלטן שבת אונ
דער נאך שטייט מען זאל ערליך האלטען
פאטר אונ מוטר צו ווייזען דאס שבת איז
פריער פר כיבוד אב ואם כלומר חאטשע
עס איז ראוי ערליך צו האלטן פאטר אונ
מוטר צו טאן אזו ווי ער הט דיך געוויינט
ווייניג עסן דאך לכבוד שבת זאלסטו מער
עסן וויא זייא האבן דיך געוויינט אונ דרום
שטייט ביי כיבוד אב ואם (למען יאריכון
ימיך) כלומר ווען דו וועסט ערליך האלטן
פאטר אונ מוטר מיט דעם וואס זיי האבן
דיך געוויינט ווייניג עסן וועסטו לאנג לעבן
דען דורך פיל עסן קומט פיל קראנקייט
דס מען מוז שטארבן דר פון אונ דרום הט
די תורה אן געשריבן נאך כיבוד אב (לא
תרצח לא תנאף) צו ווייזען ווען אפאטר
לערינט ניט זיין קינד קומט דאס קינד צו
רציחה אונ צו זנות אזו וויא דוד האט קיין
מאל ניט אן געשריגן אין אבשלום דורך
דעם הט אבשלום געמאכט פר לירן פיל
פון די ישראל אונ הט מזנה געוועזן מיט זיין
פאטרס ווייבר אונ האט דעם פאטר אליין
אויך געוואלט הרגען אונ ער קען אויף (לא
תגנוב) אויך עובר זיין דען ווען ער איז
געוויינט צו פרעסן אונ צו זופן אונ ווען ער
קריגט עס ניט טוט ער גנבנין אונ דרום הט

די תורה פריער אן געשריבן מען זאל מורא
האבן פר דר מוטר ווייל זיא איז דר עיקר
אין הוז זיא קען מער געוויינן דאס קינד צו
גוטן מער ווי דר פאטר אזו ווי שלמה המלך
הט אים זיין מוטר געבונדן צו איין זייל אונ
הט אים געשלאגן אונ געשטראפט. די תורה
הט אן געשריבן (וכי תזבחו זבח) ווען איר
וועט ברענגן קרבנות אונ עס שטייט דער
ביי מען זאל דעם עני לאזן איין עק פעלד
מיט תבואה צו ווייזען דאס דיא צדקה איז
געבליבן צו קרבנות (לא תלין פעולת שכיר)
דו זאלסט ביי דיר ניט לאזן איבר געבטיגן
ביז אין דער פריא דאס געצאלץ פון דעם
געדונגענעם וואס ער הט ביי דיר היינט פר
דינט. אונ ווייל דר שטייגר פון אמאל מענשן
איז ווען מען מאנט זיי געלד טאן זיי שעלטן
דרום הט דיא תורה דער ביי אן געשריבן
(לא תקלל) דו זאלסט ניט שעלטן קיין
מענשן, אונ עס קען דער פון קומן ווען מען
בצאלט ניט באלד דם פועל זאל ער שלאגן
דם בעל הבית דרום שטייט דר ביי (ולפני
עור לא תתן מכשול) דו זאלסט דם פועל
באלד בצאלן כדי דו זאלסט אים ניט ברענגן
צו קיין מכשול דאס ער זאל דיך שלאגן
(בצדק תשפוט עמיתך) דו זאלסט רעכט
משפטן דיין חבר אונ עס שטייט דער ביי
מען זאל קיין רכילות ניט זאגן אויף צו ווייזן
ווען איין דיין הט עפעס געפסקית זאל דר
אנדרר דיין ניט זאגן אויף אים דם ער הט
דם מענשן פאלש געפסקית אונ ווייל דורך
רכילות דר שלאגט מען דם וואס מען זאגט
אויף אים רכילות דרום שטייט דער ביא
(לא תעמוד על דם) מאך ניט פר גיסן קיין
בלוט (מפני שיבה תקום) פר איין אלטן
מאן זאלסטו אויף שטיין חאטשע ער איז
איין עם הארץ אונ פאר איין תלמיד חכם
זאלסטו אויף שטיין חאטשע ער איז יונג אונ
אוב דו וועסט צו מאכן דיינע אויגן גלייך ווי
דו זעהסט אים ניט פיר גיין אונ וועסט ניט
אויף שטיין פר אים דרום שטייט דער ביי
(ויראת מאלהיך) דו זאלסט דיך פארכטן
פר גאט וואס ער ווייסט וואס אין דיין הארצן
איז (לא תעשו עול במשפט במדה במשקל

וּבַמְשׂוּרָה) דוּ זָאלְסְט רֶעכְט מֶעסְטֶן מִיט אֵיין גֶערֶעכְטֶר מָאס אוּנ אֵיין גֶערֶעכְטֶר וָואג אוּנ וֶוען דוּ טוּסְט מֶעסְטֶן אֵיין מַשְׁקֶה זָאלְסְטוּ נִיט מַאכֶן קֵיין שׁוּם כְּדֵי יֶענֶר זָאל מֵיינֶן עֶס אִיז פוּל דִי מָאס אוּנ דֶר נָאךְ וֶועט עֶס אָפּ גֵיין, רַבִּי זָאגְט פַאלְשֶׁע מָאסֶן אִיז הַארְבֶּר פוּן צוּ מְזַנֶה זַיין מִיט אֵיין אֵשֶׁת אִישׁ דֶען וֶוען עֶר אִיז מְזַנֶה מִיט אֵיין אֵשֶׁת אִישׁ אוּנ הָט מִיט אִיר קֵיין קִינְד נִיט קֶען עֶר תְּשׁוּבָה טָאן אָבֶּר דֶער וָוס מֶעסְט פַאלְשׁ דֶער קֶען קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן וַוייל עֶר וַוייסְט נִיט וֶועמֶן אוּם צוּ קֶערִין דָס וָוס עֶר הָט גֶעגַזֶלְת מִיט פַאלְשׁ מֶעסְטֶן אוּנ דִיא תְּשׁוּבָה קֶען אַנְדֶרְשׁ נִיט הֶעלְפֶן סַיידֶן מֶען קֶערְט אוּם דָס וָוס מֶען הָט גֶעגַזֶלְת (וְאִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת אִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת רֵעֵהוּ) דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק פְרֶעגְט וָוארוּם שְׁטֵייט צְוֵויי מָאל אֵשֶׁת אִישׁ אוּנ אֵשֶׁת רֵעֵהוּ עֶס אִיז דָאךְ אַלְץ אֵיינְס עֶנְטְפֶערְט דֶר תּוֹלְדוֹת יִצְחָק אֵיין תֵּירוּץ דָס וַוייזְט אוּנְז וֶוען רְאוּבֵן אִיז גֶעלֶעגֶן בַּייא דֶעם וַוייבּ פוּן שִׁמְעוֹן אוּנ שִׁמְעוֹן אִיז דֶר נָאךְ גֶעלֶעגֶן בַּייא דֶעם וַוייבּ פוּן רְאוּבֵן זָאלְסְטוּ נִיט מֵיינֶען שִׁמְעוֹן קוּמְט קֵיין מִיתָה נִיט וַוייל רְאוּבֵן אִיז פְרִיעֶר גֶעלֶעגֶן בַּיי זַיין וַוייבּ דְרוּם אִיז עֶר גֶעלֶעגֶן בַּיי זַיין וַוייבּ דְרוּם שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה צְוֵויי מָאל צוּ וַוייזֶן דָס מֶען זָאל צוּ שִׁמְעוֹן הַרְגֶּ'נֶען

(וְאֶת הַבְּהֵמָה תַּהֲרוֹגוּ) וֶוען אַמֶענְשׁ לִיגְט בַּייא אֵיין בְּהֵמָה זָאל מֶען דִיא בְּהֵמָה אוֹךְ הַרְגֶ'נֶען וַוייל עֶס אִיז דוּרְךְ אִיר גֶעקוּמֶן בַּייז אוֹף דֶם מֶענְשֶׁן כְּדֵי מֶען זָאל נִיט זָאגֶן דוּרְךְ דֶר בְּהֵמָה הָט מֶען דֶם מֶענְשֶׁן גֶעהַרְגֶת פוּן דַאנֶן קֶען מֶען זֶעהֶן הַאמְשֶׁע דִי בְּהֵמָה הָט קֵיין שֵׂכֶל נִיט פוּן דֶעסְט וֶועגֶן וַוייל דוּרְךְ אִיר אִיז גֶעקוּמֶן בַּייז אוֹף דֶם מֶענְשֶׁן דְרוּם הָט מֶען זִיא גֶעהַרְגִית מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַמֶענְשׁ וָוס הָאט שֵׂכֶל בְּרֶענְגְט בַּייז אוֹף זַיין חָבֶר דֶם וֶועט גָאט פְּשִׁיטָא שְׁטְרָאפֶן (חֶסֶד הוּא) וֶוען אַמֶענְשׁ נֶעמְט זַיין שְׁוֶועסְטֶר פַר אַוַוייבּ אִיז עֶס אֵיין גְרוֹסֶע עֲבֵירָה מֶען דַארְף אִים טֵייטֶן אוּנ אוֹבּ דוּ וֶועסְט זָאגֶן וָוארוּם הָט קַיִן גֶענוּמֶן זַיין שְׁוֶועסְטֶר דָס אִיז גֶעוֶוען אֵיין חֶסֶד פוּן גָאט כְּדֵי דִיא וֶועלְט זָאל גֶעבּוֹיְט וֶוערֶן דֶען אַלֶע לַייט זֶענֶען פוּן זַייא אַרוֹס גֶעקוּמֶן (נִדָּה הוּא) וֶוען אֵיינֶר לִיגְט בַּיי זַיין בְּרוּדֶרְס וַוייבּ אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר לִיגְט בַּייא אַנִדָּה, דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם גְלַייכְט עֶר עֶס צוּ אַנִדָּה צוּ וַוייזֶן אַזוֹ וִוי אֵיין נִדָּה וֶוען זִיא וֶוערְט רֵיין אִיז זִיא מוּתָּר אַזוֹ אוֹךְ דֶם בְּרוּדֶרְס וַוייבּ וֶוען דֶר בְּרוּדֶר שְׁטַארְבְּט אָן קִינְדֶר אִיז זִי צוּ אִים מוּתָּר (וָאַבְדִּיל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי) אוּנ אִיךְ הָאבּ אַייךְ אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן דִיא פֶעלְקֶר דָס אִיר זָאלְט זַיין צוּ מִיר:

# הפטרת קדושים.

(וַיְהִי דְבַר יְיָ אֵלַי לֵאמֹר) זָאגְט יְחֶזְקֵאל עֶס אִיז גֶעוֶוען דִיא רֵייד פוּן גָאט צוּ מִיר צוּ זָאגֶען דוּ בֶּן אָדָם זָאלְסְט דִיךְ בַּאוֶוערִין מִיט דֶר שְׁטָאט וָואס מֶען פַאר גִיסְט אִין אִיר בְּלוּט מִיט רְצִיחוֹת (וְאָמַרְתָּ) זָאג צוּ יִשְׂרָאֵל אַזוֹ הָט גֶעזָאגְט גָאט דֶר הַאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶן דִי צַייט מֶען זָאל חָרוּב מַאכֶן דִיא שְׁטָאט מִיט דִי לַייט וֶועגֶען זַייעֶר רְצִיחָה אוּנ וֶועגֶען דָם זַיי דִינֶען דִיא גֶעצִין דֶען אִיר הָט מְטַמֵא גֶעוֶוען דִיא שְׁטָאט עֶס אִיז שׁוֹן גֶעקוּמֶן דַיין טָאג חָרוּב צוּ מַאכֶען דִיךְ אוּנ אִיךְ וֶועל דִיךְ גֶעבֶּען צוּ חֶרְפָּה צְוִוישֶׁן דִי פֶעלְקֶר (הַקְּרוֹבוֹת) דִיא נָאהֶנְטֶע אוּנ דִיא וַוייטֶע וֶועלֶען שְׁפֶּעטֶן פוּן דִיר אוּנ וֶועלֶן זָאגֶען דָס אִיז אֵיין אוּמָה וָואס הָט מְטַמֵא גֶעוֶוען אִיר נָאמֶען דֶען זִיא הָט פְרִיעֶר גֶעהֵייסֶן עִיר הַקּוֹדֶשׁ אוּנ הַיינְט הֵייסֶן זַיי עַם טְמֵא שְׂפָתַיִם (הִנֵּה נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל) דִי הַארְן פוּן יִשְׂרָאֵל אִיז אִיטְלִיכֶר גֶעוֶוען מִיט

## משלי יהודה

(בְּדָמֵךְ אֲשֶׁר שָׁפַכְתְּ אָשַׁמְתְּ וגו׳) מִיט דַיין בְּלוּט וָואס דוּ הָאסְט פַר גָאסֶן הָאסְטוּ דִיר פַר שׁוּלְדִיגְט, מִיט דַיינֶע מִיאוּסֶע זַאכֶן וָוס דוּ הָאסְט גֶעטָאן בִּיסְטוּ גֶעוָוארֶן פַר אוּם רֵיינִיגְט בַּיי וַואנֶן (וַתַּקְרִיבִי יָמַיִךְ וַתָּבוֹא עַד שְׁנוֹתָיִךְ) דוּרְךְ דַיינֶע פִיל שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים הָאסְטוּ מְקָרֵב גֶעוֶוען דַיינֶע טֶעג עֶס וֶוערְט דִיר גֶערֶעכֶנְט פַר פִיל טֶעג לְפִי עֶרֶךְ דַיינֶע פִיל מַעֲשִׂים דוּרְךְ דֶם בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶן צוּ פִיל יָארֶן מֵיין חַי פִיל עֶס אִיז בֶּאֱמֶת (עַל כֵּן נְתַתִּיךְ חֶרְפָּה וגו׳) דֶרִיבֶּר וֶועט דַיין בְּרָאךְ זַיין גְרוֹס אַז עֶס וֶועט זַיין לְמָשָׁל אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּנ אַלֶע אוּמוֹת וֶועלֶן דִיר מְבַזֶה זַיין דַיין חֶרְפָּה וֶועט זַיין מְפוּרְסָם דוּ וֶועסְט זַיין לְמָשָׁל אִין יֶעדִירֶע צָרָה מֶען וֶועט זָאגֶן דִי צָרָה אִיז אַזוֹ גְרוֹס וִוי צָרַת יְרוּשָׁלַיִם וגו׳:

מיט זיין שטארקייט דער וואס איז שטארקער דער הט געוואונגען אונ הט פר גאסען בלוט (אב ואם) פאטער אונ מוטער האט מען גרינג געהאלטן אונ מען האט זיא ניט מכבד געוועזן וואס אפילו גאט זאל ניט געבאטען בארוף דארף מען אוך פאטר אונ מוטער ערליך האלטען אונ דם גר אונ דעם יתום אונ דיא אלמנה האבן זיי גענארט אונ דר צייריגט (קדשי בזית) מיינע קדשים האסטו מבזה געוועזן אונ מיינע שבתים האסטו פאר שוועכט (אנשי רכיל) עס איז אין דיר דא לייט וואס זאגען רכילות צו פר גיסען בלוט אונ עס איז אין דיר געוועזן דיא וואס דינגען געצין אונ אויף דיא בערג הט מען זנות געפירט צווישן דיר (טמאת הנדה) איין אשה נדה הט מען געפייניגט אין דיר, דרום זאגט ער מען הט געפייניט ווייל עס איז אגרוסער צער צו אנדה ווען מען ליגט ביי איר (שוחד לקחו) שוחד האט מען גענומען אין דיר רוחים האסטו גענומען אונ האסט געזילת דיין חבר אונ מיך האסטו פרגעסען אזו זאגט גאט (והנה הכתי כפי) אונ איך טוא שלאגען איין האנד אין דר אנדערר אזו ווי איינר וואס איז זיך מצער אונ דם איז וועגן דיין גזילה וואס דו טוסט אונ וועגן דיין בלוט וואס דו האסט פר גאסען (היעמוד לבך) וועט דען קענען באשטיין דיין הארץ אדר וועלען זיך דען שטארקען דיינע הענד קענגען דיא צרות וואס איך וועל טאן אין דיר דען איך גאט האב גערייד אונ וועל דם געווים טאן (והפיצותי) אונ איך וועל דיך פאר שפרייטען צווישען דיא אומות אונ וועל אפ טאן דיא טומאה פון דיר (ונחלת בך) אונ דו וועסט אליין קרענקען פר דיא אוגען פון דיא פעלקער אוף דם בייז וואס דו האסט געטאן אונ דו וועסט וויסען אז איך בין גאט איך בין מקיים מיינע רייד:

# פרשת אמור.

(אמור אל הכהנים) שלמה המלך זאגט אין משלי (שפתים ישק משיב דברים נכוחים) לייט וואלטן גערן געקישט דעם וואס רייד נוטע רייד אוך ווייזט דער פסוק דאס דער צדיק וואס לערנט תורה שטארבט דורך דעם קישן פון גאט אזו ווי אהרן אונ משה וואס עס שטייט ביא זייא (על פי יי) זיי זענען געשטארבן דורך דעם קישן פון גאט דורך דעם איז זייער נשמה אום געגאנגען אונ מרים איז אוך געשטארבן אזו אונ דרום שטייט ניט בעשיידליך ביא איר על פי יי ווייל עס איז ניט שיין צו שטעלן ביי איין אשה דם זי איז געשטארבן דורך דעם קישען פון גאט אונ אזו זענען געשטארבן אברהם יצחק ויעקב אונ רבינו הקדוש אונ רב זעגען אוך אזו געשטארבן אן אמלאך המות דען רבינו איז געוועזן איין גרוסר צדיק ער הט קיין הנאה ניט געהאט פון דער וועלט די גמרא ירושלמי זאגט אז רבינו הקדוש איז געשטארבן האט ר' ינאי געלאזט אום רופען אין אלע גאסען דעם היינטיגן טאג איז ניט דא קיין כהונה כלומר די כהנים מעגן זיך מתעסק זיין מיט רבינו הקדוש ווייל ער איז ניט טמא אזו וויא די אנדערע מתים וואס שטארבען דורך דעם מלאך המות דען רבינו הקדוש איז דורך גאט אליין געשטארבען אונ די כהנים האבן אים בעגראבען אבער דיא אנדערע מתים טארן

### ליקוטי יקרים

(ויאמר יי אל משה לאמר) האט גאט געזאגט צו משה אונ הט צו אים אזו געזאגט רייד צו די ישראל אונ זאלסט זיי אזו זאגען אז פיפצען טאג אין זיבענטען חודש זאלען זיי זיך מאכען איום טוב פון סוכות זיבען טאג זאלט איר מקריב זיין קרבנות פר גאט ברוך הוא אונ דער אכטער טאג איז אהייליג רופונג ער הייסט עצרת איין אוף האלטונג אונ איר זאלט מקריב זיין קרבנות צו גאט ברוך הוא אזו ווי רש"י שרייבט פון וועגין דם מדרש דס דר טאג ווערט גערופען אוף האלטונג אזו ווי אמלך הט איין געבייט זיינע קינדר אויף אסעודה

### אוהל יעקב

קדושים יהיו לאלהיהם) גאט הט געזאגט די כהנים זאלן זיין הייליג (כי את אשי ד' לחם אלהיהם הם מקריבים) ווארום זיי זענין מקריב קרבנות צו גאט (והיו קדש) דארפן זיי זיין הייליג (וקדשתו) אונ דו זאלסט אים הייליגן עס איז אדמיון ווען דר שר פון דר שטאט הייסט די שטאט לייט זיי זאלן געבין איינם פון זייער שטאט אסאך געלד אויף פרנסה אוך פון זיין הויז געזינד וועגין וועט דם זיין ביי די שטאט לייט אוואונדר זיי וועלין זאגן צום שר אז דו האסט דם מענש ליב פר וואס זאלסטו אים אליין ניט געבן זיין פרנסה וויפיל ער דארף אבר אז דר שר קען גיט ריידן דם לשון פון די שטאט לייט אונ זיצט אין אהויז וואס דם הויז איז פר שלאסן אונ עס קען קיינר גיט קומן צו אים ער זאל

טָארֶען דִיא כֹּהֲנִים זִיךְ נִיט אָן רִירֶען דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק אֱמֹור אֶל הַכֹּהֲנִים זָאג צוּ דִי כֹּהֲנִים זֵיי זָאלֶען זִיךְ נִיט מְטַמֵא זַיין צוּ אַמֵת אוּנ אוֹיךְ דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים זָאל מֶען אָפּ הִיטֶען זֵיי זָאלֶען זִיךְ צוּ קֵיין מֵת נִיט מְטַמֵא זַיין אִיז קָשֶׁה וָוארוּם הָט ר׳ יַנַאי מַתִּיר גֶעוֶוען דִי כֹּהֲנִים זָאלֶן זִיךְ מְטַמֵא זַיין צוּ רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ נָאךְ זַיין טוֹט אַמֶער דֶער זוֹהַר זָאגְט דְרוּם אִיז אַמֶענְשׁ טָמֵא נָאךְ זַיין טוֹט וַוייל אַז דִי נְשָׁמָה גֵייט פוּן אִים אַרוּם אִין הִימֶל אַרַיין בַּאהֶעפְטֶען זִיךְ אִין גוּף פִיל רוּחוֹת הַטֻמְאָה זֵיי מֵיינֶען וֶוען זֵיי וֶועלְן זַיין אִין גוּף וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ קוּמֶען אִין הִימֶל דְרוּם אִיז אַמֵת טָמֵא פוּן וֶועגֶען דִיא רוּחוֹת הַטֻמְאָה וָואס אִין אִים אִיז אוּנ דִי נְשָׁמָה פוּן רַבִּי אִיז גֶעוִוים גֶעגַאנְגֶען אִין הִימֶל נוּא וָואס הָט ר׳ יַנַאי מַתִּיר גֶעוֶוען צוּ דִי כֹּהֲנִים זֵיי זָאלְן זִיךְ מִיט אִים מִתְעַסֵק זַיין אַמֶער וֶוען דִיא נְשָׁמָה אִיז פוּן אִים אַוֶועק גֶעגַאנְגֶן אִין הִימֶל אַרַיין אַזוֹ הָאבֶּן זִיךְ דָאךְ בַּאהֶעפְט דִי רוּחוֹת הַטֻמְאָה אִין זַיין גוּף אוּנ הָאבֶּען אִים טָמֵא גֶעמַאכְט דֶער תֵּירוּץ אִיז וַוייל רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָאט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט תּוֹרָה גֶעלֶערְנְט אוּנ דְרוּם רוּפְט אִים דִיא גְמָרָא אוֹיף אַלֶע עֶרְטֶער רַבִּי אוּנ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּן הָט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין תּוֹרָה נָאךְ גֶעזָאגְט וָוס זֵיי הָאבֶּן פוּן אִים גֶעלֶערְנְט וָואס דוּרְךְ דֶעם רֵיידֶן דִי לֶעפְצֶן פוּן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אִין קֶבֶר אַזוֹ וִויא דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (אָגוּרָה בְּאָהָלְךָ עוֹלָמִים) פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וִוי אִיז מֶעגְלִיךְ אַמֶענְשׁ זָאל לֶעבֶּן אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטֶן אִין אֵיין מָאל עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא דָוִד הַמֶלֶךְ הָט גֶעבֶּעטֶען מֶען זָאל נָאךְ זָאגֶען פוּן זַיינֶעט וֶועגֶען תּוֹרָה נָאךְ זַיין טוֹט וֶועלְן זַיינֶע לֶעפְצֶן רֵיידֶן אִין קֶבֶר וֶועט עֶס זַיין גְלַייךְ וִוי עֶר לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ אַזוֹ וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (דוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים) דִיא לֶעפְצֶען פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים רֵיידֶען אִין קֶבֶר וַוייל מֶען זָאגְט תּוֹרָה פוּן זֵייעֶרְט וֶועגֶען אוּנ דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ דָאס זַיינֶע לֶעפְּצֶן הָאבֶּן גֶערֵייד אִין קֶבֶר אוּנ וַוייל דִי רוּחוֹת הָאבֶּן גֶעזֶעהְן דָאס זַיינֶע לֶעפְצֶן רֵיידֶן הָאבֶּן זֵייא גֶעמֵיינְט דָאס דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ אִין זַיין גוּף אוּנ הָאבֶּן זִיךְ נִיט בַּאהֶעפְט אִין זַיין גוּף דְרוּם הָאבֶּען דִי כֹּהֲנִים גֶעמֶעגְט זִיךְ מִתְעַסֵק זַיין מִיט אִים

אמור

## ליקוטי יקרים

אַסְעוּדָה אוֹיף עֶטְלִיכֶע טָאג וִויא עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צַייט דָס דִיא סְעוּדָה הָט שׁוֹן גִיעֶנְדִיגְט אוּנ דִיא קִינְדֶר הָאבֶּען שׁוֹן פוּן דֶר סְעוּדָה גֶעדַארְפְט אַוֶועק צוּ גֵיין הָט דֶר מֶלֶךְ גֶעזָאגְט קִינְדֶערְלֶךְ אִיךְ בֶּעט אַייךְ הַאלְט אַייךְ אוֹיף מִיט מִיר נָאךְ אַטָאג וָוארֶען עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַייעֶר צוּ שֵׁיידֶען, דֶר אַהֲבַת שָׁלוֹם) גִיט צוּ פַר שְׁטֵיין דָם מָשָׁל פוּן רש״י מִיט אֵיין אַנְדֶער מָשָׁל דָם דֶר מִנְהָג פוּן דֶר וֶועלְט אִיז דָם אִיטְלִיכֶר פָאטֶר לֶערִינְט זַיינֶע קִינְדֶר זֵיי זָאלֶען זִיךְ לִיב הָאבֶּען אוּנ עֶס זָאל צְוִוישֶׁן זֵיי זַיין אַחְדוּת אוּנ אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ צוּ מָאל דָאס עֶס וֶוערְט צְוִוישֶׁען דִיא קִינְדֶר אַצוּשֵׁיידוּנְג דוּרְךְ קְרִיג אָדֶער שִׂנְאָה אוּנ קִנְאָה הָט דֶער פָּאטֶר פוּן דֶעם גְרוֹם צַעַר אוּנ אַז דֶר פָּאטֶר ווִיל וִוידֶר זַיינֶע קִינְדֶר זָאלֶען זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטִין אוּנ עֶס זָאל צְוִוישֶׁען זֵיי זַיין שָׁלוֹם אוּנ אַחְדוּת וִוי פְרִיעֶר אִיז דִיא בֶּעסְטֶע עֵצָה אַז עֶר זָאל מַאכֶען אַגְרוֹסֶע סְעוּדָה אוּנ זָאל דִיא קִינְדֶר רוּפֶען אוֹיף דֶער סְעוּדָה אוּנ נָאךְ דֶער סְעוּדָה וֶועט עֶר מִיט זֵיי קֶענֶען שְׁמוּסֶען וֶועגֶען דֶעם מַחְלוֹקֶת וָוס עֶס אִיז צְוִוישֶׁן זֵיי אוּנ קָאן זֵיי

שטראפען

## אוהל יעקב

זָאל אִים בְּרֶענְגִין אַמַתָּנָה אוּנ קֵיינֶר קֶען נִיט קוּמֶן צוּ אִים בֶּעטִין עֶפִּים אַזַאךְ אוּנ דֶר מֶענְשׁ פוּן דֶר שְׁטָאט קֶען יָא דָם לָשׁוֹן פוּן שַׂר עֶר זָאל אִים אַמַתָּנָה גֶעבֶּן אָדֶר עֶר זָאל בֶּעטִין בַּיים שַׂר אוּנ זֵיי וָועלִין דוּרְךְ דֶם מֶענְשׁ אַלְדִינְג פּוֹלֶען אוֹיף אַזוֹ אֵיין אוֹפֶן אִיז שׁוֹן דֶר מֶענְשׁ בַּיי זֵיי וֶוערְט זֵיי זָאלֶן אִים גֶעבִין אַסַאךְ גֶעלְד אוֹיף פַּרְנָסָה פוּן זַיין הוֹיז גֶעזוּנְד וֶועגִין, עֶס אִיז גָאךְ בַּיי זֵיי אָן גֶעלֵייגְט וָוס זֵיי גֶעבֶּן אִים גֶעלְד וָוארוּם דוּרְךְ אִים קֶענִין זֵיי הָאבֶּן אַלֶע טוֹבוֹת פוּן דֶם שַׂר דָם נֶעמְלִיכִי זָאגְט אוּנְז דֶר פָּסוּק עֶס זָאל אוּנְז גִיט קָשֶׁה זַיין פַר וָוס גָאט הָט אוּנְז גֶעהֵייסֶן גֶעבִין דֶם כֹּהֵן מַתָּנוֹת פוּן דִיא קָרְבָּנ״ת אוּנ מִיר וֶועלִין אַזוֹ זָאגֶן אַז גָאט הָט דֶם כֹּהֵן לִיב זָאל עֶר אִים אַלֵיין גֶעבִין אַז מִיר וֶועלִין פַר שְׁטֵיין דֶם אֶמֶת אַז מִיר אַלֵיין הָאבֶּן נִיט בְּכֹּחַ מְקַבֵּל צוּ זַיין פוּן גָאט דִי שֶׁפַע פוּן פַּרְנָסָה אוּנ גִיט מִיר הָאבֶּן דִי מַעֲלָה אַז גָאט זָאל אוּנְז מְקַבֵּל זַיין דֶם קָרְבָּן פַר שְׁטֵיין מִיר שׁוֹן דִי מַעֲלָה פוּן כֹּהֲנִים אַז זֵיי הָאבֶּן דִי וֶוערְט דִי מַתָּנוֹת וָוס גָאט הָט זֵיי גֶעהֵייסֶן גֶעבִין וַוייל דוּרְךְ זֵיי וָוס זֵיי זֶענִין מַקְרִיב דִי קָרְבָּנוֹת אִיז גָאט מְקַבֵּל דֶם קָרְבַּן אוּנ אִיז אוּנְז מַשְׁפִּיעַ דוּרְךְ זֵיי דִי פַּרְנָסָה אִיז שׁוֹן בַּיי אוּנְז רֶעכְט וָוס מִיר גֶעבִין זֵיי דִי מַתָּנוֹת דָם זָאגְט דֶר פָּסוּק (כִּי אֶת אִשֵּׁי ה׳ לֶחֶם אֱלֹהֵיהֶם הֵם מַקְרִיבִים) וָוארוּם זֵיי זֶענִין מַקְרִיב קָרְבָּנוֹת צוּ גָאט אוּנ גָאט אִיז בַּיי זֵיי מְקַבֵּל דִי

קרבנות

(אמור ואמרת) דער פסוק זאגט צוויי מאל
אמור ואמרת צו ווייזן ווען אמת מצוה איז
דא וואס קיינער האט אים ניט צו בעגראבן
זאלען כהנים גיין צו באגראבען אים (בני
אהרן) די זין פון אהרן טארען זיך צו קיין
מת ניט מטמא זיין אבער די טעכטער פון
אהרן מעגען זיך מטמא זיין צו אמת ווייל
איין אשה האט געבראכט דעם טוט אויף דער
וועלט דרום דארף איטליכע אשה זיך מיט
מתים מתעסק זיין אפילו דיא טעכטער פון
כהנים און דרום שטייט דיא פרשה פון
כהנים נאהענט צו יענער סדרה פון קדושים
וואס עס שטייט אין איר מען זאל ניט טואן
קיין כישוף פון אוב און ידעוני צו ווייזען דם
ישראל דארפן ניט פרעגן אין כישוף וואס
עס וועט זיין דען זייא האבען כהנים אורים
ותומים זיי זאלן זיי זאגען וואס זיי דארפען
(כי אם לשארו) צו זיין ווייב מעג זיך אכהן
יוא מטמא זיין צו בעגראבען זיא און אויך צו
זיין פאטער און מוטער און צו זיין זון און זיין
טאכטער און צו זיין ברודער און שוועסטער
וואס האט קיין מאן ניט צו זייא מעג ער זיך
מטמא זיין און אז אכהן בעגראבט זיינע
קרובים מעג ער גיין איבער קברים צו
בעגראבן זיי אבער ווען ער גייט צוריק פון
דעם באגראבן טאר ער ניט גיין אויף דיא
קברים און ער מעג זיין אין הויז וויא זיין
קרוב אמת איז. דער בחיי און דר תולדות
יצחק פרעגען ווארום שטייט (לאמו ולאביו
יטמא) שטייט די מוטער פריר זאגט רבי
אברהם אתירוץ ווייל ווייבר שטארבן גיכער
פון מענער דרום שטייט די מוטער פריר איז
קשה ווארום שטייט ביי א כהן גדול דם
ער טאר זיך ניט מטמא זיין צו זיין פאטער
און מוטער שטייט דער פאטער פריר נור
דער תירוץ איז אכהן הדיוט וואס מעג זיך
מטמא זיין צו זיין פאטער און מוטער זאגט
ער די מוטער פריר צו ווייזן צו זיין מוטער
ווס זי איז געווים זיין מוטר דען אלע ווייסן
דאס זי האט אים געוואונן מעג ער זיך בוודאי
מטמא זיין נור אפילו צו זיין פאטער וואס
איך ווייס ניט געווים אוב ער איז זיין פאטר
מעג ער זיך דאך מטמא זיין און ביי אכהן
גדול זאגט ער דאס איז אפשיטא דאס צו
זיין פאטר וואס ער ווייסט ניט געווים אוב
ער איז זיין פאטר טאר ער זיך בוודאי ניט
מטמא זיין נור אפילו צו זיין מוטר וום ער
ווייסט געווים דאס זי איז זיין מוטער טאר
ער זיך דאך ניט מטמא זיין (לא יקרחו
קרחה) דער כהן זאל ניט אויס רייסען קיין
האר איבר אמת זיין קרוב און זאל ניט צו
קראצען זיין לייב דרום זאל מען ניט אויס
רייסן די האר אדער צו קראצן דאס לייב
איבר אמת כדי די לייט זאלען ניט זאגען
דאס גאט האט חס ושלום ניט רעכט געטואן
דאס ער האט געטייט זיינע קרובים ער זאל
זיך אזו מצער זיין וועט עס זיין אחלול השם
דרום האבען אונזערע חכמים געזאגט דער
מענש וואס וויינט פיל איבר אמת וועט אים
גאט שטראפן דם ער וועט נאך מער וויינן
איבר

## ליקוטי יקרים

שטראפען מיט רייד אזו ווי אפאטר שטראפט זיין
זון און דורך דם הט ווידר דר פאטר כח אין זיי
אריין צו ברענגין דיא ערשטע ליבשאפט און
דאס אחדות אזו וויא פריער און דאס איז אליין
נאר דורך דר סעודה ווייל זיי זענען געזעסן ביי
דר סעודה אלע אין איינם ביי זייער פאטרס טיש
און אזו איז ביי גאט ברוך הוא ווס ער איז אמלך
איבר אלע מלכים מיט זיינע קינדר דם זענען די
ישראל און גאט ברוך הוא זאגט צו זיי האלט אייך
אויף מיט מיר נאך אטאג און דר עיכוב זאל זיין
נאר כדי עס זאל זיין צווישען אייך אחדות און
ליבשאפט ווארען עס איז ביי מיר שווער אייער
צו שיידן ווס איר זענט ברוגז איינר מיט דם אנדערן:

## אוהל יעקב

קרבנות און איז דיר משפיע דורך זיי שפע און דו אלייך
האסט ניט די מעלה אז גאט זאל ביי דיר מקבל זיין דיא
קרבנות און זאל דורך דיר אליין משפיע זיין שפע נאר
דורך די כהנים דרום (וקדשתו) זאלסטו אים היילגן
ואלסט אים געבין מתנות ווארום דורך אים האסטו צוויי
טובות גאט איז מקבל זיין קרבן און איז דיר משפיע פרנסה:
(ששת ימים תעשה מלאכה) זעקס טאג מעגסטו טאן
אמלאכה (וביום השביעי) אין זיבטן טאג דם מיינט
מען שבת (שבת) רואונג (שבתון) גאנץ רואונג אצונד וועלין
מיר געבין צו פר שטיין ווס גאט האט געזאגט צוויי מאל
דם ווארט רואונג עס איז אמשל איינר איז געקומן צו
פארן פון דעם וועג און האט געבראכט דעם זון אמתנה
אזייגעריל ער זאל האבן תענוג פון דם זייגעריל דר בחור
הט זיך אלע מאל געשפילט מיטן זייגעריל ביז ער האט
דם

אִיבֶּער אֵיין אַנְדֶערְן מֵת נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז
וֶוען אַמֶענְשׁ וַויינְט פִיל אִיבֶּער אַמֵת דֶער
נייזְט גְלַייךְ ווִי דֶער מֵת אִיז וָואךְ פַארְלוֹרֶן
פוּן יֶענֶעם עוֹלָם דָאס אִיז אַחִלוּל הַשֵּׁם נָאךְ
אַפְּשַׁט אִיז אַכֹּהֵן שְׁטֵייט אַלֶע צַייט אוּנ בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ פַאר נָאט אִיז נִיט רֶעכְט דֶר דִינֶער
פוּן דֶעם מֶלֶךְ זָאל הָאבֶּען אוּם גֶערִיסֶענֶע
הָאר אָדֶר אַצֶעקְרַאצְט פָּנִים (וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל
מֵאֶחָיו) דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל מוּז זִיךְ מֶער רֵיין
הַאלְטֶען פוּן אַכֹּהֵן הֶדְיוֹט עֶר טָאר זִיךְ נִיט
מְטַמֵּא זַיין אֲפִילוּ צוּ זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער
אוּנ טָאר נִיט נֶעמֶען אֵיין אַלְמָנָה אָדֶר אַגְרוּשָׁה
נוּר אַבְּתוּלָה זָאל עֶר נֶעמֶען פַאר אֵיין וַוייבּ
אוּנ דְרוּם זָאל עֶר נֶעמֶען אַבְּתוּלָה כְּדֵי עֶר
זָאל קֶענֶען זִי גֶעוַוינֶען מִיט וַוייניג תַּשְׁמִישׁ
אַזוֹ וִויא עֶס אִיז רָאוּי צוּ אַכֹּהֵן גָּדוֹל אוּנ ווִי
אַזוֹ עֶר וֶועט זִי גֶעוַוינֶען אַזוֹ וֶועט זִי בְּלַייבֶּען
דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבְּט וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל מֵאֶחָיו
דֶער כֹּהֵן זָאל חָשׁוּבֶער זַיין פוּן אַנְדֶערֶע
כֹּהֲנִים מִיט פִינְף זַאכֶן עֶר מוּז זַיין שֵׁיין אוּנ
שְׁטַארְק אוּנ אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ אֵיין חָכָם אוּנ
עֶלְטֶר פוּן אַלֶע כֹּהֲנִים אוּנ וֶוען עֶר אִיז נִיט
רַייךְ גֶעוֶוען הָאבֶּען אִים דִי בְּרִידֶער דִי כֹּהֲנִים
רַייךְ גֶעמַאכְט (אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם וגו׳) דֶער
כֹּהֵן וָואס הָט אַמוּם עֶר אִיז בְּלִינְד אָדֶר עֶר
הִינְקְט זָאל עֶר דִי עֲבוֹדָה נִיט טוּאֶן אִין בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ סַיי דֶער מוּם אִיז אִין אִים גֶעבּוֹרֶן
גֶעוָוארֶען אָדֶער עֶס אִיז גֶעוָוארֶען נָאךְ זַיין
גֶעבּוֹרֶן נוּר עֶר מֶעג עֶסֶן תְּרוּמָה אוּנ פְלֵייש
פוּן דִי קָרְבָּנוֹת אוּנ אוֹיךְ וֶוען עֶר אִיז טָמֵא
טָאר עֶר אוֹיךְ דִי עֲבוֹדָה נִיט טוּאֶן (וְכָל זָר
לֹא יֹאכַל קוֹדֶשׁ) אוּנ וֶוער עֶס אִיז נִיט קֵיין
כֹּהֵן זָאל נִיט עֶסֶן קֵיין תְּרוּמָה אָבֶּער אַקְנֶעכְט
פוּן אַכֹּהֵן אֲפִילוּ אֵיין כְּנַעֲנִי מֶעג עֶסֶן תְּרוּמָה
אוּנ וֶוען אַטָאכְטֶער פוּן אַכֹּהֵן אִיז צוּ אַיִשְׂרָאֵל
פַאר אַוַוייבּ זָאל זִיא קֵיין תְּרוּמָה נִיט עֶסֶן

אָבֶּער וֶוען אִיר מַאן שְׁטַארְבְּט אוּנ זִי הָאט
מִיט אִים קֵיין קִינְדֶר נִיט זָאל זִי גֵיין צוּ אִיר
פָאטֶער אוּנ מֶעג ווִידֶר עֶסֶן תְּרוּמָה אוּנ וֶוען
אַיִשְׂרָאֵל אָדֶער אַלֵוִי הָאט גֶעגֶעסֶן תְּרוּמָה
הָאט עֶר גֶעמוּזְט דֶעם כֹּהֵן אַזוֹ פִיל תְּבוּאָה
גֶעבֶּן ווִי פִיל עֶר הָט אוֹיף גֶעגֶעסֶען אוּנ נָאךְ
מֶער אֵיין פִינְפְט חֵלֶק (כָּל אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא
תַקְרִיבוּ) אוּנ וֶוען אַבְּהֵמָה הָאט אַמוּם זָאל
מֶען זִיא נִיט בְּרֶענְגֶען פַאר אַקָרְבָּן (שׁוֹר אוֹ
כֶשֶׂב אוֹ עֵז כִּי יִוָּלֵד) וֶוען עֶס וֶועט וֶוערֶען
גֶעבּוֹרֶן אֵיין אָקְס אָדֶער אַשָׁאף אָדֶר אַצִיג
זָאל עֶס זִיבֶּן טֶעג זַיין מִיט דֶער מוּטֶער אוּנ
פוּן דֶעם אַכְטֶען טָאג אוּנ וַוייטֶער זָאל מֶען עֶס
מֶעגֶן מַקְרִיב זַיין פַאר אַקָרְבָּן צוּ נָאט דֶער
מֶדְרָשׁ זָאגְט דְרוּם הָט נָאט גֶעהֵייסֶן נֶעמֶען
אֵיין אָקְס פַאר אַקָרְבָּן צוּ מְכַפֵּר זַיין דִיא
עֲבֵירָה פוּן דֶעם עֵגֶל אוּנ אוֹיךְ גָאלְד אִיז צוּם
עֶרְשְׁטֶען וָוארֶן גֶעבְּרַאכְט צוּם מִשְׁכָּן אַזוֹ ווִי
אִין פָּסוּק שְׁטֵייט זָהָב וָכֶסֶף וּנְחוֹשֶׁת צוּ
מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דֶעם עֵגֶל וָואס זֵייא הָאבֶּען
גֶעמַאכְט פוּן גָאלְד רַבִּי לֵוִי זָאגְט עֶס אִיז
אַמָשָׁל אַוַוייבּ פוּן אַגְרוֹסֶן הַאר אִיז אוֹיף אִיר
אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אַשֵׁם רָע דָאס זִי הָאט מְזַנֶּה
גֶעוֶועזֶן הָט עֶר נָאךְ גֶעפְרֶעגְט אוּנ גֶעפָארְשְׁט
אוֹבּ עֶס אִיז אֶמֶת אִיז עֶר גֶעוָואר גֶעוָוארֶען
אַז דָאס אִיז שֶׁקֶר אַזוֹ הָאט עֶר גֶעמַאכְט
אַסְעוּדָה אוּנ הָאט דָאס וַוייבּ צוּם עֶרְשְׁטֶען
גֶעזֶעצְט צוּ וַויזֶן אַז דָאס אִיז שֶׁקֶר וָוָאס מֶען
הָט זִי חוֹשֵׁד גֶעוֶועזֶן אַזוֹ אוֹיךְ נָאט אִיז גֶעוָואר
גֶעוָוארֶן דָאס נִיט יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גֶעמַאכְט
דָאס עֵגֶל נוּר דָאס עֵרֶב רַב וָואס הָאבֶּן זִיךְ
מְגַייר גֶעוֶועזֶן הָאבֶּען עֶס גֶעמַאכְט דְרוּם הָט
עֶר דֶעם אָקְס צוּם עֶרְשְׁט גֶעזָאגְט אִין דֶער
פַּרְשָׁה אוּנ דְרוּם הָאט נָאט גֶעהֵייסֶן נֶעמֶען
פַאר אַקָרְבָּן אֵיין אָקְס אָדֶער אַשָׁאף אָדֶער
אַצִיג דִי חֲכָמִים זָאגֶען אֵיין אָקְס אִיז אַקֶעגֶן
אברהם

אוהל יעקב

דָם זֵייגֶרִיל קַאלִי גֶעמַאכְט אוּנ דֶר זוּן הָט פוּן דֶם זֵייגֶרִיל
גְרוֹיסֶע יִסוּרִים נָום עֶס אִיז קַאלִי הָאט דֶער פָאטֶר גֶעטַעֲנִית
צוּם זוּן הָאבּ אִיךְ דִיר דֶען גֶעבְּרַאכְט דָם זֵייגֶערִיל זָאלְסְט
הָאבֶּן יִסוּרִים אִיךְ הָאבּ דִיר דָם גֶעגֶעבֶּן זָאלְסְט דֶער פוּן
הָאבֶּן תַּעֲנוּג נִיט יִסוּרִים דָאס גֶעמְלִיכִי הָאט נָאט אוּנְז
גֶעגֶעבֶּן דִי שַׁבָּתִים אַטֵייעֶרֶע מַתָּנָה אַז אִיטְלִיכֶר זָאל רוּאֶן
פוּן דֶר אַרְבֵּייט אוּנ פוּן דָם צַעַר פוּן אַגַאנְצֶר וָואךְ נִיט דֶר

שַׁבָּת זָאל זַיין אַצַעַר וָוארִים אַז דֶר מֶענְשׁ לָאזְט אַוֶועק
דָם שַׁבָּת אוּנ לֶערִינְט נִיט קֵיין תּוֹרָה אוּנ שְׁמוּסְט דֶם גַאנְצֶן
טָאג דְּבָרִים בְּטֵלִים וֶועט דֶר מֶענְשׁ הָאבֶּן אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט
אַגְרוֹסֶן עוֹנֶשׁ דְרוּם הָט נָאט גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל דָם רוּאוּנְג
אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבֶּן דֶם שַׁבָּת אִיר זָאלְט הָאבֶּן רוּה
אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט אָבֶּער נִיט אִיר זָאלְט
הָאבֶּן דוּרְךְ דֶם שַׁבָּת אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט צַעַר:

אברהם וואס עס שטייט ביי אים ואל הבקר רץ אברהם ער האט גענומען איין אָקס פון וועגן די מלאכים צו מכבד זיין ווי דען ער האט געמיינט ווי זענען מענשען אשאף איז אקעגען יצחק דם מען האט אשאף מקריב געוועזען פאר אקרבן אויף זיין ארט וואס מען האט אים געוואלט מקריב זיין אציג איז אקעגען יעקב דאס זיין מוטער האט אים אנגעטוען אפעל פון ציקעלך אויף זיין האלז דאס דער פאטער זאל מיינען ער איז עשו און זאל אים בענטשען נאך אפשט איז איין אָקס און אשאף און אציג ווערן תמיד גיזאגט פון די חיות דאס זיי אנטלופען פאר די חיות וויל זיי זענען ניט שטארק און זענען נידריג דרום האט זיי גאט צו אקרבן גענומען דען גאט הט ליב דעם וואס מאכט זיך נידריג (אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְיָ אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם בְּמוֹעֲדָם) די ימים טובים זענען וואָרן איבר געגעפערט צו ישראל אין די הענד ווי זאלן מאכן יום טוב נאך זייער שכל נאך יחזקאל הנביא האט געוואלט מאכען אחודש מעובר פון דרייסיג טאג אין חוצה לארץ האט גאט צו אים געזאגט מען טאר ניט מעבר זיין קיין חדשים נור אין ארץ ישראל פון דאנן לערנן אונזערע חכמים אפ דאס אפילו גרוסע צדיקים און חכמים טארן אין חוצה לארץ קיין עיבור ניט מאכן נור אין ארץ ישראל מעגין אפילו ניט גרוסע חכמים מאכן איין עיבור אזו האבן זיי מעבר גיוועזן דאס יאר אדער אחודש מען האט געבראכט אספר תורה און עס האבן זיך איינגעזאמעלט אלע

חכמים און איטליכר איז געזעסען נאך זיין חשיבות נאך און האבן זייער פנים אראפ געהאלטען און דער נאך זענען זייא אויף געשטאנען און האבן אויף געהובן זייערע הענד אקעגען דעם הימעל און דער ראש ישיבה הט דער מאנט אשם איז אקול געקומען פון דעם הימעל אוב עס זאל זיין איין עיבור אבר ווען דאס דור איז זינדיג געוועזן האבן די חכמים קיין קול ניט געהערט אבר וואל דעם דור וואס די חכמים האבן יוא געהערט אקול אזו ווי אין פסוק שטייט (אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה יְיָ בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן) וואל דעם פאלק וואס הערן אקול פון דעם הימל און גייען אין דעם דער לייכטונג פון דיין פנים אזו ווי דו ווייזט זיי פון דעם הימל און ווען די חכמים האבען אין ביהמ"ק געזאגט מקודש מקודש דער טאג איז הייליג פאר ראש חודש אזו האט גאט אויך געזעצט מלאכים אין הימל פר סנהדרין און האבן אויך הייליג געמאכט דעם טאג פאר ראש חודש און גאט שטעלט זיין שטול און הייסט ברענגען די ספרים און סנהדרין פאר אים און זאגט מיר וועלן משפטן די וועלט אזו ווי אין פסוק שטייט (כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא מִשְׁפָּט לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב) ווען ישראל מאכען דעם ראש השנה אזו טוט גאט משפטן די וועלט (אַךְ בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ) צעהן טאג אין תשרי זאל זיין יום כפור דם איז די חתומה פון דעם יום הדין דער מדרש זאגט דאס ווארט (אך) ווייזט דאס יום כפור איז מכפר צו די וואס טוען תשובה אבער ניט צו די וואס

של"ה הקדוש

(מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אוֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי) מען קען זאגען אז דער פסוק מיינט אז איר זאלט הייליגען דיא ימים טובים צו פרייען זיך אין זיי לשם שמים און דם גוטע עסען וואס איר וועט מאכען זאל זיין איר זאלט זיך אויף מונטערן אייערע כוחות און דאס נפש זאל זיין פרייא צו גאטס דינסט און צו לערנען די הייליגע תורה אויף אזו איין אופן הייסט דם מקראי קודש, זאגט דארוף השי"ת (אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי) דם הייסט מיינע ימים טובים דיא וואס מאכען יום טוב און מיינען דם גוף צו פרידען שטעלען אויף זיי זאגט

דער פסוק (מוֹעֲדֵיכֶם שָׂנְאָה נַפְשִׁי) אייערע ימים טובים האב איך פיינד זאגט גאט און דם איז דער טעם קען מען זאגען דם יום טוב איז אסור איין מלאכה צו טאן כדי ער זאל ניט זיין פר טיפט אין זיין ארבייט און אין זיינע עסקים וועט ער זיין צו געבונדען מיט דיא געדאנקען צו השי"ת. דר כלל איז דיא ימים טובים זענען געהייליגט דר מענש זאל אין זיי מוסיף זיין דביקות צו השם יתברך דעמילט הייסט דם מועד און עס ווערט אן גערופן (מוֹעֲדֵי ה') דיא ימים טובים פון גאט:

וָואס טוּאָן קֵיין תְּשׁוּבָה מֶען זָאל נִיט מֵיינֶען אַז (כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם) דָאס דֶער טָאג אִיז מְכַפֵּר אֲפִילוּ אָן תְּשׁוּבָה, עֶס אִיז נִיט אַזוֹ מֶען זָאל זִיךְ אוֹיף דֶעם טָאג נִיט פַּר לָאזֶען (וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן) אִיר זָאלְט נֶעמֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג סוּכּוֹת אֵיין אֶתְרוֹג אוּנ אַלוּלָב אוּנ אַהֲדָס אוּנ אֵיין עֲרָבָה דֶען דִי פִיר עֶרְלֵיי וַואקְסֶען בַּיי וַואסֶער אוּנ אִין דִי טֶעג טוּאָן מִיר תְּפִלָּה אוֹיף רֶעגֶן אוּנ מֶען זָאל נֶעמֶען אֵיין אֶתְרוֹג אוּנ אַלוּלָב אוּנ דְרַיי הֲדַסִים אוּנ צְוֵויי צְוַויינְלֶעךְ פוּן עֲרָבָה (כַּפּוֹת תְּמָרִים) דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דְרוּם שְׁטֵייט תְּמָרִים צְוֵויי טֵייטֶל בֵּיימֶר אוּנ עֶס שְׁטֵייט נִיט תָּמָר אֵיין טֵייטֶל בּוֹים צוּ וַוייזֶען דָאס אַרֶעכְטֶער בּוֹים אִיז אַזָכָר אוּנ אַנְקֵבָה אוּנ וֶוען מֶען פְּלַאנְצְט נִיט אַזָכָר מִיט אַנְקֵבָה קֶען פֵּירוֹת דַרוֹיף נִיט וַואקְסֶען דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ הָדָר) אִיז אַקֶעגֶען אַבְרָהָם עֶר הָאט גֶעוִוייזֶען דָאס גָאט אִיז אַיָחִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹ וִוי אֵיין אֶתְרוֹג אִיז אֵיינֶער אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט עֵץ אַבּוֹם צוּ וַוייזֶען ווִיא אַבּוֹם אָן וַואסֶער וֶוערְט פַאר דַארְט אָבֶּער וֶוען עֶר קְרִיגְט וַואסֶער וַואקְסְט עֶר ווִידֶער אַזוֹ אוֹיךְ אַבְרָהָם צוּם עֶרְשְׁטֶען הָט עֶר נִיט גֶיקֶענְט קִינְדֶער הָאבֶּן אוּנ צוּ הוּנְדֶערְט יָאר הָט עֶר גֶעקְרוֹגֶען כֹּחַ אוּנ הָאט גֶעהַאט אַזוּן יִצְחָק (הָדָר) כְּלוֹמַר גָאט הָאט אַבְרָהָם בֶּעשֵׁיינְט מִיט עֶלְטֶער דֶען אֵיי אַבְרָהָם אִיז גֶעקוּמֶען הָאט מֶען נִיט דֶער קֶענְט וֶוער דֶער פָאטֶער אָדֶער דֶער זוּן אִיז וַויא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קֵיין בָּארְד אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרָהָם אוּנ הָאט תְּפִלָּה גֶעטוּאָן אַמֶענְשׁ זָאל הָאבֶּען אַבָּארְד אוּנ אֵיין אַלְטֶער מַאן זָאל הָאבֶּען אַגְרוֹיֶע בָּארְד כְּדֵי מֶען זָאל דֶער קֶענֶען וֶוער דֶער פָאטֶער אָדֶר דֶער זוּן אִיז אוּנ אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעהַאט אַגְרוֹיֶע בָּארְד וָואס דָאס אִיז שֵׁיין צוּ אַזָקֵן כַּפּוֹת תְּמָרִים אִיז אַקֶעגֶען יִצְחָק דֶען כַּפּוֹת אִיז טַייטְשׁ גֶעבּוּנְדֶען דָאס וַוייזְט אוֹיף יִצְחָק דָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוּנְדֶן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ תְּמָרִים אִיז טַייטְשׁ רוֹיךְ כְּלוֹמַר אַרוֹיךְ אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶן פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ וָוס יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוּנְדֶן אוֹיף אִים (וַעֲנַף עֵץ עָבוֹת)

אִיז דֶער הָדָס דָאס אִיז אַקֶעגֶען יַעֲקֹב דֶען אַזוֹ וִוי אַהֲדָס הָט פִיל בְּלֶעטֶער אַרוּם זִיךְ אַזוֹ הָט יַעֲקֹב פִיל קִינְדֶער אַרוּם זִיךְ גֶעהַאט (וְעַרְבֵי נָחַל) אִיז אֵיין עֲרָבָה דָאס אִיז אַקֶעגֶען יוֹסֵף דֶען אַזוֹ וִוי אֵיין עֲרָבָה וֶוערְט גִיךְ פַאר דַארְט אָן וַואסֶר אוּנ וֶוען עֶס בֶּעקוּמְט וַואסֶר טוּט עֶס גֶעכֶר וַואקְסֶען פוּן אַלֶע בֵּיימֶר אַזוֹ אוֹיךְ אִיז יוֹסֵף גֶעוֶוען פַאר דַארְט פוּן פִיל צָרוֹת דָאס עֶר אִיז וָוארֶען גֶעוָוארְפֶען אִין אַגְרוּב אוּנ אִיז וָוארֶן פֶערְקוֹיפְט אוּנ אִיז תָּפוּס גֶעוֶועסֶן אוּנ דֶער נָאךְ אִיז עֶר אַשַׁלִיט גֶעוָוארֶן אִין מִצְרַיִם מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ דֶער נָאךְ אַז זַיין פָאטֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּן אִין זַיינֶע טֶעג אִיז עֶר וָוארֶן גְלַייךְ ווִיא פַר דַארְט אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּן פְרִיעֶר פַר זַיינֶע בְּרִידֶער גְלַייךְ וִוי אֵיין עֲרָבָה וָוס וֶוערְט בַּאלְד פַאר דַארְט אוּנ דֶער מִדְרָשׁ לֶערִינְט אוּנְז מִיר זָאלֶן תְּפִלָּה טָאן אוּנ זָאלֶן דֶער מַאנֶן דֶעם זְכוּת פוּן דִיא אָבוֹת אַזוֹ וֶועט אוּנְזֶר תְּפִלָּה וֶוערֶן אָן גֶענוּמֶן אוֹיךְ זָאגְט דֶר מִדְרָשׁ אֵיין אֶתְרוֹג אִיז גְלַייךְ וִוי אֵיין הַארְץ אוּנ עֶס אִיז גֶעוואוּסְט דָס אִין הַארְץ הֶענְגֶן אָן פִיל מִצְוֹת אוּנ עֲבֵירוֹת גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּנ בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּנ אוֹב עֶר הָאט אֵיין עֲבֵירָה גֶעטָאן מִיט דֶם הַארְץ הָאט עֶר אֵיין כַּפָּרָה מִיט דֶעם אֶתְרוֹג וָואס עֶר אִיז גֶעגְלֶעכֶן צוּ אֵיין הַארְץ אוּנ עֶר זָאל וַוייטֶר תְּשׁוּבָה טָאן אוּנ דֶער לוּלָב אִיז גְלַייךְ ווִיא אַרוּקֶען פוּן אַמֶענְשׁ וָואס אִין רוּקֶען גֵייט דֶער פָאדֶעם פוּן דֶעם מוֹחַ וָואס אִין אִים אִיז שֵׂכֶל אוּנ חָכְמָה וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר מֶענְשׁ דֶער הָדָס אִיז גְלַייךְ וִוי דִי אוֹגֶען פוּן דֶעם מֶענְשׁ דֶען דֶער עִיקָר עֲבֵירָה אוּנ מִצְוָה הֶענְגְט אִין דִי אוֹגֶן אוּנ דִי עֲרָבָה אִיז גְלַייךְ צוּ לֶעפְּצֶען פוּן דֶעם מוֹל אוּנ פִיל מִצְוֹת אוּנ עֲבֵירוֹת הֶענְגֶען אָן דֶעם מוֹל דְרוּם זָאל דֶער מֶענְשׁ נֶעמֶען דִי פִיר מִינִים צוּ מְכַפֵּר זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי פִיל גְלִידֶער דֶען אִיטְלִיכֶעם גְלִיד הָט אַכַּפָּרָה אַקֶעגֶן אַזוֹ וִוי מִיר גֶעפִינֶן בַּיי הוֹרְדוֹס הַמֶּלֶךְ דָאס עֶר הָט גֶעהַארְגֶעט פִיל צֶעהֶן טוֹיזֶענְד פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ דֶער נָאךְ הָט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוּנ הָט גֶעפְרֶעגְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח מִיט וָואס עֶר קֶען

אַכַּפָּרָה הָאבְּן הָט עֶר צוּ אִים גֶעזָאגְט וַוייל עֶר הָאט גֶעהַארְגֶעת אַלֶע חֲכָמִים וָואס זַייא זֶענֶן דִי לִיכְט פוּן דֶער וֶועלְט דְרוּם זָאלְסְטוּ בּוֹאֶן דָאס בֵּיהמ"ק וֶועסְטוּ דֶער מִיט דֶער לַייכְטֶן דִי וֶועלְט אוּנ וֶועסְט אַכַּפָּרָה הָאבְּן אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער מֶדְרָשׁ דֶער אֶתְרוֹג הָט אַגוּטֶן טַעַם אוּנ אַגוּטֶן רֵיחַ דָאס אִיז אַקֶעגְן דִיא צַדִיקִים וָואס זַיי הָאבֶּען אִין זִיךְ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים (כַּפּוֹת תְּמָרִים) דֶר לוּלָב אִיז פוּן אַטֵייטֶל בּוֹם וָואס הָט אַגוּטֶן טַעַם אוּנ נִיט קֵיין גוּטֶן רֵיחַ דָאס אִיז אַקֶעגֶען דִי וָוס לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ הָאבְּן נִיט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים (וַעֲנַף עֵץ עָבוֹת) אוּנ דֶער הָדָס עֶר הָט אַגוּטְען רֵיחַ אוּנ נִיט קֵיין טַעַם דָאס אִיז אַקֶעגֶען דִיא וָואס הָאבֶּען אִין זִיךְ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ נִיט קֵיין תּוֹרָה (וְעַרְבֵי נָחַל) אוּנ דִיא עֲרָבָה וָואס הָט נִיט קֵיין טַעַם אוּנ קֵיין רֵיחַ דָאס אִיז אַקֶעגֶען דִי פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל וָוס הָאבֶּען אִין זִיךְ נִיט קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים צוּ וַוייזֶן דָאס מֶען זָאל זִיךְ צוּ זַאמֶען נֶעמֶן מִיט דִי פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אִין אוּנְזֶער תְּפִלָּה וֶועט גָאט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת אוֹיךְ בַּיי קְטוֹרֶת וָואס זַייא זֶענֶען פוּן אַלֶערְלֵייא גוּטֶע בְּשָׂמִים הָט גָאט גֶעהֵייסֶן נֶעמֶן טַייבֶּלְם קוֹט וָוס הָט קֵיין גוּטֶן רֵיחַ דָאס אִיז קֶעגֶען דִי רְשָׁעִים צוּ וַוייזֶן דָאס מִיר זָאלֶען זַיי צוּ אוּנְז בַּאהֶעפְטֶן אִין אוּנְזֶר תְּפִלָּה אוּנ תְּשׁוּבָה וֶועט גָאט אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דֶער מֶדְרָשׁ דֶער אֶתְרוֹג אִיז אַקֶעגֶען גָלוּת בָּבֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּייא אִים רֵאשֵׁיהּ דִי דְהַב דֶער קָאפּ פוּן דֶעם בִּילְד אִיז גֶעוֶוען פוּן גָאלְד אוּנ דֶער אֶתְרוֹג הָט אוֹיךְ אַמַרְאֶה פוּן גָאלְד אוּנ דֶער לוּלָב אִיז לַאנְג דָאס וַוייזְט אוֹיף גָלוּת אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וָואס מֶען הָאט הָמָן גֶעהָאנְגֶען אוֹיף אַלַאנְגֶע תְּלוּיָה אוּנ דֶער הָדָס וַוייזְט דֶען אַזוֹ וִויא אַהָדָס אִיז גֶעפְלָאכְטֶן מִיט פִיל בְּלֶעטֶר אַזוֹ אוֹיךְ אִין גָלוּת זֶענֶען יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען גֶעפְלָאכְטֶן מִיט פִיל צָרוֹת. דֶער בְּחַיֵי שְׁרַייבְּט דֶער אֶתְרוֹג וַוייזְט דֶעם שְׂכַר פוּן דֶער וֶועלְט דֶען עֶס זֶענֶען פִיל מִצְוֹת וָואס דֶער מֶענְשׁ עֶסְט זַייעֶר שְׂכַר פוּן אֵיין יָאר צוּם אַנְדֶערְן יָאר אַזוֹ אוֹיךְ דֶער אֶתְרוֹג בְּלַייבְּט אוֹיף דֶעם בּוֹם

פוּן אֵיין יָאר צוּם אַנְדֶערְן דֶער לוּלָב וַוייזְט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא דֶען אַזוֹ וִוי דֶער לוּלָב הָט בְּלֶעטֶער אֵיינֶע הֶעכֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער אַזוֹ אוֹיךְ לְעוֹלָם הַבָּא אִין גַן עֵדֶן אִיז דָא שְׁטִילֶן אוּנ שְׁטַאפְּלֶן אֵיינֶע הֶעכֶר פוּן דֶער אַנְדֶערֶער צוּ אִיטְלִיכֶן מֶענְשׁ אַזוֹ וִויא אוֹיף אַלוּלָב וַואקְסְט פֵּירוֹת עֶרְשְׁט נָאךְ זִיבְּצִיג יָאר אַזוֹ עוֹלָם הַבָּא קוּמְט דֶעם מֶענְשׁ נָאךְ דֶעם אַז עֶר לֶעבְּט אוּם זִיבְּצִיג יָאר אוּנ שְׁטַארְבְּט אוּנ דֶער הָדָס אִיז בִּיטֶר צוּ וַוייזֶן דָאס מֶען קֶען אַנְדֶערְשׁ נִיט קוּמֶן צוּ עוֹלָם הַבָּא נוּר אַז מֶען פַאר בֵּיינְגְט אוּנ מֶען פַייניְגְט דֶעם גוּף מִיט תַּעֲנִיתִים אוּנ מֶען לָאזְט זִיךְ נִיט צוּ קֵיין תַּעֲנוּג אוּנ נָאךְ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכֶען אוּנ דִיא עֲרָבָה וַוייזְט דָאס מֶען קֶען נִיט קוּמֶען לְעוֹלָם הַבָּא נוּר אַז מֶען הַאלְט זִיךְ נִידְרִיג אַזוֹ וִויא אֵיין עֲרָבָה וַואקְסְט אִין דֶער נִידֶר אִין אַטָאל אוּנ דְרוּם נֶעמֶען מִיר דֶעם אֶתְרוֹג אִין דֶער לִינְקֶער הַאנְד וַוייל עֶר וַוייזְט אוֹיף דֶעם שְׂכַר פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ דֶער לוּלָב אוּנ דֶער הָדָס אוּנ עֲרָבָה וַוייזֶען אוֹיף עוֹלָם הַבָּא נֶעמֶען מִיר אִין דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹרֶךְ יָמִים בִּימִינָהּ בִּשְׂמֹאלָהּ עוֹשֶׁר וְכָבוֹד דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם דֶער לֶעבְּט לַאנְג כְּלוֹמַר עֶר הָט עוֹלָם הַבָּא אָבֶּר דֶער וָואס לֶערְנְט נִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם דֶער הָט נוּר עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט עוֹלָם הַבָּא אַזוֹ זֶעהְן מִיר דָאס דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן דֶעם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא רֶעכְטֶע הַאנְד אוּנ דָאס עֲשִׁירוּת פוּן דֶער וֶועלְט לִינְקֶע הַאנְד (כִּי בַסּוּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) אִיר זָאלְט זִיטְצֶען אִין סוּכּוֹת דֶען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעצְט דִי יִשְׂרָאֵל אִין סוּכּוֹת אַז אִיךְ הָאבּ זַייא אוּם גֶעצוֹיגֶען פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם אַטֵייל חֲכָמִים זָאגֶען דָאס יִשְׂרָאֵל הָאבְּן אִין דֶער מִדְבָּר אוֹיךְ גֶעמַאכְט סוּכּוֹת פוּן הָאלְץ אוּנ בַּאדֶעקְט מִיט בֵּיימֶער דְרוּם מַאכֶען מִיר אַזוֹ וִוי זַיי הָאבֶּען גֶעמַאכְט צוּ גֶעדֶענְקֶן דִי נִיסִים וָואס גָאט הָט גֶעטוֹאָן צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל אִין דֶער מִדְבָּר אוּנ אוּבּ דוּא ווִילְסְט. פְרֶעגֶען וִוי הָאבֶּען יִשְׂרָאֵל גֶענוּמֶען בֵּיימֶר אִין דֶער מִדְבָּר דָארְט וַואקְסְט דָאךְ

נאר ניט דער תירוץ איז סוחרים האבן געבראכט צו ישראל פון פרעמדע לענדער אלץ וואס זיי האבן בעדארפט אונ אטייל חכמים זאגן די וואלקן זענען געוועזן ארום ישראל פון פיר זייטען אונ פון אובן אזו ווי אסוכה (ויצא בן אשה ישראלית) אמענש דער זון פון אישראלית איז ארויס געגאנגען פון דער פרשה וואס אובן שטייט כלומר ער הט געשעפט פון דעם וואס אובן שטייט מען זאל אויף דעם טיש אין משכן לייגען דאס לחם הפנים פון איין שבת צום אנדערן הט ער געזאגט ווי געשיקט זיך אמלך זאל אלט געבאקן ברוט עסן אונ ער איז געוועזן דער זון פון דעם מצרי וואס משה האט געטייט אין מצרים אונ אמענש האט אים געזאגט דאס משה הט געטייט זיין פאטער מיט אשם דרום האט ער געשאלטן דעם שם ווייל זיין פאטער איז ווארען דורך אים געטייט אונ ער הט ניט געוואלט קומן צו משה צום משפט הט מען אים געבראכט דער בחיי שרייבט דרום האט דיא תורה ניט געשטעלט קורץ דעם דין ווער עם שעלט גאט דער זאל ווערן געטייט ווייל די תורה וויל אונז ווייזן צוויי זאכען איינס ווייזט אונז די תורה דאס קיין שום מענש הט זיך ניט צו דער וועגן צו שעלטען דעם שם נור ווייל ער קומט ארויס פון אשלעכטער זרע דרום איז ער אזו שלעכט געוועזן דאס אנדערע ווייזט אונז דיא תורה דאס ער האט ארויס גערייד דעם שם מיט אלע פיר אותיות אונ הט אים געשאלטן אזו ווי אין פסוק שטייט (ויקוב בן האשה הישראלית את השם) ער הט באשיידליך ארויס גערייד דעם שם מיט זיינע פיר אותיות אונ האט אים געשאלטן פון דאנן זאל מען אפ לערנען ווען מען דער מאנט אשם אין דער תפלה זאל מען אין הארץ אין זינן האבן דעם בעשייד וואס אין די פיר אותיות פון דעם שם איז אזו וועט די תפלה ווערן דער הערט פאר גאט (ושם אמו שלומית בת דברי) זיין מוטער האט געהייסן שלומית די טאכטער פון דברי, דער בחיי שרייבט ווער עס האט עזות אקעגען לייט זאל מען זעהן נאך זיין מוטער אזו וויא דער פסוק דער מאנט ניט זיין מוטערס נאמען ערשט אז ער הט די עבירה געטואן שטעלט די תורה דער מוטערס נאמען צו ווייזען דאס זי הט אים גורם געוועזן ער זאל שלעכט זיין דען אקינד האט אין זיך דיא מעשים פון דער מוטער מער ווי פון דעם פאטער ווייל ער קומט פון איר בלוט אונ וואקסט אין איר בוך אונ אז ער ווערט געבוירען זויגט ער איר מילך דרום געראט אפט דאס קינד אין דער מוטערס מעשים אונ אויך ווען דאס קינד האט אין זיך גוטע מעשים דאס קומט פון דער מוטער אזו ווי עמרם הט גענומען יוכבד הט ער מיט איר געהאט משה אהרן אונ מרים אלע גוטע קינדער דער פסוק ווייזט אונז דם צווישען ישראל איז מער קיין זונה ניט געוועזן נור די איינע אונ ווייל זיא האט איטליכען מאן שלום געגעבן אונ הט מיט איטליכן גערייד דרום האט זיך איר געטראפען דיא מעשה אונ דרום הט מען זי גערופן שלומית ווייל זי הט איטליכען שלום געגעבן (למטה דן) זיא איז געוועזן פון שבט דן ארשע ברענגט חרפות אויף זיין פאטער אונ מוטער דרום זאגט דער פסוק פון וואס פאר אשבט זי איז געוועזן אונ אצדיק ברענגט אגוטן שבח אויף זיין פאטער אונ מוטער אונ אויף זיין משפחה (בנקבו שם יומת) אונ עס שטייט דער ביא (ואיש כי יכה) צו ווייזן ווען איינער שלאגט זיין חבר איז גלייך אזו וויא ער שעלט אים (וסמכו כל השומעים וגו') די עדים זאלען ארויף לייגען זייערע הענד אויף דעם קאפ פון דעם וום הט געשאלטן דעם שם דען די עדים האבן געמוזט ארויס זאגן ווי אזו ער הט געשאלטן דעם שם אונ דאס איז איין עבירה דרום האבן זיי ארויף געלייגט זייערע הענד אויף זיין קאפ צו זאגן די עבירה זאל זיין אויף דיר וום מיר האבן געמוזט ארויס ריידען דעם שם:

(וְהַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם בְּנֵי צָדוֹק אֲשֶׁר שָׁמְרוּ אֶת מִשְׁמֶרֶת מִקְדָּשִׁי) זָאגְט גָאט דִי כֹּהֲנִים פוּן שֵׁבֶט לֵוִי דִיא קִינְדֶער פוּן צָדוֹק וָוס הָאבֶּען גֶעהִיט דָאס הִיטִינְג פוּן מַיין הֵיילִיקֵייט אִין דֶער צַייט וָוס דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען אַוֶועק גֶעבְּלָאנְזִיט פוּן מִיר דְרוּם זָאלֶען זֵיי גִינֶעהְנִין צוּ בַּאדִינֶען מִיךְ אוּנ מַקְרִיב צוּ זַיין צוּ מִיר חֵלֶב אוּנ דַם אַזוֹ זָאגְט גָאט דֶער הַאר (הֵמָּה יָבֹאוּ אֶל מִקְדָּשִׁי) זֵיי זָאלֶען קוּמֶען אִין מַיין מִקְדָּשׁ אוּנ זֵיי זָאלֶען גִינֶעהְנֶען צוּ מַיין טִישׁ צוּ בַּאדִינֶען מִיךְ אוּנ צוּ מְסַדֵּר זַיין דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים אוּנ זָאלֶען הִיטֶען מַיין הִיטִינְג (וְהָיָה בְּבוֹאָם אֶל שַׁעֲרֵי הֶחָצֵר הַפְּנִימִית) אוּנ וֶוען דִי כֹּהֲנִים גְרוֹלִים וֶועלֶען קוּמֶען אִין דֶעם אִינְוֵוינִינְגְסְטֶען הוֹף אוּם יוֹם כִּפּוּר כְּלוֹמַר אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים זָאלֶען זֵיי אָן קְלֵיידֶען לַיינֶען קְלֵיידֶער אוּנ זָאלֶען נִיט אָן קְלֵיידֶען וָואלִינֶע קְלֵיידֶער אַז זֵיי וֶועלֶען בַּאדִינֶען אִין דֶעם אִינְוֵוינִינְגְסְטֶן הוֹף אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים (פַּאֲרֵי פִשְׁתִּים יִהְיוּ עַל רֹאשָׁם) הִיטְלֶען פוּן לַיינֶען זָאל זַיין אוּף זֵייעֶר קָאפּ, מִכְנְסַיִם פוּן לַיינֶען זָאל זַיין אוּף זֵייעֶר לֶענְדִין (לֹא יַחְגְּרוּ בַּיָּזַע) זֵיי זָאלֶען נִיט אָן קְלֵיידֶען אוּף דֶעם אָרט וָוס שְׁוִויצְט דָם אִיז נִיט הֶעכֶער פוּן דֶעם עֶלִינְבּוֹגֶען אוּנ נִיט נִידְרִיגֶער פוּן דִיא לֶענְדִין (וּבְצֵאתָם אֶל הֶחָצֵר הַחִיצוֹנָה) אוּנ אַז זֵיי וֶועלִין אַרוּס גֵיין אִין אוֹיסִינְוֵוינִינְגְסְטִין הוֹף צוּם פָאלְק דָם אִיז עֶזְרַת נָשִׁים וָוס כָּל יִשְׂרָאֵל מֶעגֶען אַהִין אַרַיין גֵיין זָאלֶען זֵייא אוּם טָאן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער וָואס זֵיי הָאבֶּען בַּאדִינְט אִין זֵיי אוּנ זָאלֶען זֵיי לֵייגֶען אִין אַקַאמֶער אִין מִקְדָּשׁ אוּנ זָאלֶען אָן טָאן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער אוּנ זֵיי זָאלֶען נִיט אָן רִירֶען אִין פָאלְק מִיט דִי הֵיילִיגֶע קְלֵיידֶער (וְרֹאשָׁם לֹא יְגַלֵּחוּ) אוּנ זֵייעֶרֶע קֶעפּ זָאלֶען זֵיי נִיט אָפּ גָאלֶען אוּנ זָאלֶען זִיךְ נִיט נָאר לָאזֶען וַואקְסֶען דִיא הָאר נָאר זֵיי זָאלֶען זִיךְ שֶׁערֶען דָם אַשְׁפִּין פוּן אֵיין הָאר זָאל גְרֵייכֶען בִּיז אִין וָוארְצֶעל פוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאר דָם דֶער קָאפּ זָאל זַיין בַּאדֶעקְט מִיט הָאר. דִיא גְמָרָא זָאגְט אַמֶּלֶךְ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶעשָׁארֶען אַלֶע טָאג אוּנ אַכֹּהֵן גָדוֹל אַלֶע פְרֵייטָאג אוּנ אַכֹּהֵן הֶדְיוֹט הָאט זִיךְ גֶעשָׁארֶען אַלֶע חֹדֶשׁ (וְיַיִן לֹא יִשְׁתּוּ) אוּנ קֵיין וַויין זָאלֶען דִי כֹּהֲנִים נִיט טְרִינְקֶען וֶוען זֵיי וֶועלֶען

דַארְפֶען טָאן דִיא עֲבוֹדָה (וְאַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה לֹא יִקְחוּ) אַכֹּהֵן גָדוֹל זָאל נִיט נֶעמֶען אֵיין אַלְמָנָה אוּנ אַגְרוּשָׁה פַאר אַוַוייבּ אוּנ אַכֹּהֵן הֶדְיוֹט מֶעג נֶעמֶען אֵיין אַלְמָנָה נָאר אַגְרוּשָׁה טָאר עֶר נִיט נֶעמֶען (כִּי אִם בְּתוּלֹת מִזֶּרַע בֵּית יִשְׂרָאֵל) נָאר אַבְּתוּלָה פוּן יִשְׂרָאֵל זָאל אַכֹּהֵן גָדוֹל נֶעמֶען אוּנ אֵיין אַלְמָנָה זָאלֶען נָאר אַטֵייל כֹּהֲנִים נֶעמֶען דָם זֶענֶען דִיא פְרָאסְטֶע כֹּהֲנִים (וְאֶת עַמִּי יוֹרוּ) אוּנ דִי כֹּהֲנִים זָאלֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט יִשְׂרָאֵל (וְעַל רִיב הֵמָּה יַעַמְדוּ לְמִשְׁפָּט) אוּנ אוּף אַקְרִיג זָאלֶען זֵיי אַמִשְׁפָּט גֶעבֶּען (וְאֶל מֵת אָדָם לֹא יָבֹא לְטָמְאָה) אַכֹּהֵן זָאל זִיךְ נִיט מְטַמֵּא זַיין צוּ אַמֵת נָאר צוּ זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ צוּ אַזוּן אוּנ צוּ אַטָאכְטֶער אוּנ צוּ אַבְּרוּדֶער אוּנ צוּ אַשְׁוֶועסְטֶער וָוס הָט נָאךְ קֵיין מַאן נִיט צוּ דִיא זָאל עֶר זִיךְ מְטַמֵּא זַיין אוּנ נָאךְ דָם זָאל עֶר צֵיילֶען זִיבֶּען טֶעג אוּנ זַיין טָהוֹר (וּבְיוֹם בֹּאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ) אוּנ אִין דֶם טָאג וָוס דֶער כֹּהֵן וֶועט דָם עֶרְשְׁטֶע מָאל אַרַיין קוּמֶען אִין הֵיכָל צוּ טָאן דִיא עֲבוֹדָה זָאל עֶר מַקְרִיב זַיין אַחַטָּאת דָם אִיז גֶעמֵיינְט דָם צֶעהְנְטֵיל מָאס מֶעל וָוס אַכֹּהֵן הָט גֶעדַארְפְט מַקְרִיב זַיין אִין עֶרְשְׁטֶען טָאג וָוס עֶר הָט אָנְגֶעהוֹבֶּען דִיא עֲבוֹדָה טָאן אִין בֵּיהמ"ק אַזוֹ זָאגְט גָאט דֶער הַאר (וְהָיְתָה לָהֶם לְנַחֲלָה) דִיא כְּהוּנָה זָאל זַיין צוּ זֵיי אַנַחֲלָה זֵיי זָאלֶען נִיט נֶעמֶען קֵיין פֶעלְדֶער אוּנ שְׁטֶעט אַזוֹ וִוי יִשְׂרָאֵל דֶען אִיךְ גָאט בִּין זֵייעֶר נַחֲלָה זֵיי וֶועלֶען הָאבֶּען צוּ עֶסֶען קָרְבָּנוֹת פוּן מִנְחָה אוּנ חַטָּאת אוּנ אָשָׁם אוּנ אַלְץ וָוס מֶען מַאכְט הֶקְדֵּשׁ זָאלֶען זֵיי עֶסֶען אוּנ בִּיכּוּרִים אוּנ תְּרוּמָה אוּנ חַלָּה זָאלְט אִיר גֶעבֶּען צוּם כֹּהֵן אוּנ גָאט וֶועט דִיר גֶעבֶּען אַבְּרָכָה אִין דַיין הוֹז פוּן וֶועגֶען דֶם זְכוּת (כָּל נְבֵלָה וּטְרֵפָה מִן הָעוֹף וּמִן הַבְּהֵמָה לֹא יֹאכְלוּ הַכֹּהֲנִים) אַנְבֵלָה אוּנ אַטְרֵפָה פוּן אַבְּהֵמָה אוּנ פוּן אֵיין עוֹף זָאלֶען דִיא כֹּהֲנִים נִיט עֶסֶען אוּנ אַיִשְׂרָאֵל טָאר אוֹיךְ קֵיין נְבֵלָה אוּנ טְרֵפָה נִיט עֶסֶען נָאר דְרוּם זָאגְט עֶר כֹּהֲנִים חָאטְשֶׁע זֵיי עֶסֶען אַחַטָּאת הָעוֹף וָוס מֶען דֶער וַוארְגְט עֶם וָוס דָם הֵייסְט אַנְבֵלָה פוּן דֶעסְט וֶועגֶען זָאלֶען זֵיי קֵיין אַנְדֶערֶע נְבֵלָה וּטְרֵפָה נִיט עֶסֶען:

# פרשת בהר.

(בְּהַר סִינַי) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (לֵב צַדִּיק יֶהְגֶּה לַעֲנוֹת וגו׳) דֶער צַדִּיק טוּט רֵיידֶען מִיט שְׁפְּלוּת אוּנ וֵוייכֶע רֵייד אוּנ דֶער רָשָׁע טוּט רֵיידֶען מִיט גַאֲוָה אוּנ הַאפֶערְדִיגֶע

ליקוטי יקרים

(וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר) הָאט גָאט גֶערֵייד צוּ מֹשֶׁה אוּף דֶעם בַּארְג סִינַי אוּנ הָט צוּ אִים אַזוֹ גֶעזָאגְט רֵייד צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל אוּנ זָאלְסְט זֵיי אַזוֹ זָאגֶען וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען אִין דֶם

הָאפֶּרְדִיגֶע רַייד אוּנ דִיא רַייד פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען טַייזֶען אוֹיף דֶער מַחֲשָׁבָה פוּן זַיין הַארְץ אוּנ דָס אִיז גֶוואוּסְט דָס שִׁפְלוּת אִיז דִי בֶּעסְטֶע מִדָּה צְווִישֶׁן אַלֶע מִדוֹת דֶען דִי שְׁכִינָה טוּט אַנְדֶערְשׁ נִיט רוּהֶען נָאר בַּיי דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ נִידְרִיג אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וגו') גָאט זָאגְט אִיךְ בִּין הוֹךְ אוּנ הֵיילִיג אוּנ טוּא רוּהֶען מִיט דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ נִידְרִיג. אוּנ דִיא תּוֹרָה קֶען נָאר בְּלַייבֶּן בַּיי דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ נִידְרִיג אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם) גְלַייכְט עֶר דִי תּוֹרָה צוּ וַואסֶער וָואס זִיא גֵייט נָאר אוֹיף אֵיין נִידְרִיג אָרְט אוּנ נִיט אַרוֹיף אַזוֹ דִי תּוֹרָה גֵייט נָאר צוּ דֶעם מֶענְשֶׁן וָואס הַאלְט זִיךְ נִידֶרִיג אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר דָס גָאט הָט גֶלָאזְט שְׁטֵיין אַלֶע הוֹכֶע בֶּערְג אוּנ הָט דִיא תּוֹרָה גֶגֶעבֶּן אוֹיף אַנִידְרִיגֶען בַּארְג דָס אִיז דֶר בַּארְג סִינַי אוּנ אוֹיךְ דְרוּם הָאט גָאט גֶעהֵייסֶן דִי עֶרְד זָאל רוּהֶען אִין דֶעם זִיבֶּטִין יָאר דָאס אִיז שְׁמִיטָּה מֶען זָאל נִיט אַקֶרִין אוּנ זַייֶען אוּנ אֲפִילוּ וָואס וַואקְסְט פוּן זִיךְ אַלֵיין זָאל מֶען אוֹיךְ נִיט שְׁנַיידֶן אוּנ אוֹיךְ אוּוַיין גָארְטִין זָאל מֶען נִיט גְרָאבֶּען אוּנ שְׁנַיידֶען אִין שְׁמִיטָּה כְּדֵי דֶער מֶענְשׁ זָאל וִוישֶׁען וָואס עֶר אִיז נִיט קֵיין הַאר אִיבֶּר קֵיין שׁוּם זַאךְ עֶס זָאל אַלְץ פְּרַייא זַיין צוּ וַוייזֶען דָס דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נִיט הוֹךְ הַאלְטֶען מִיט זַיין פֶעלְד אוּנ מִיט זַיין וַויין גָארְטֶן עֶר זָאל וִוישֶׁן דָס עֲשִׁירוּת אִיז אַלְץ צוּ גָאט אַלֵיין (שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת) זָאלְסְט צֵיילֶן זִיבֶּן שְׁמִיטּוֹת נָאךְ אַנַנְדֶר צוּ זִיבֶּען יָאר דֶר נָאךְ אִיז יוֹבֵל זָאלְסְטוּ בְּלָאזִין מִיט אַשׁוֹפָר אוּנ זָאלְסְט פְּרַייא לָאזֶען אַלֶע קְנֶעכְט אוּנ דִינְסְט מֵיידִין דָאס זֵיי זָאלֶען דִיךְ מֶער נִיט דִינֶען אוּנ וֶוען אֵיינֶער הָאט לַאנְג פַר קוֹיפְט זַיין פֶעלְד זָאל עֶס זִיךְ אוּם יוֹבֵל צוּ אִים אוּם קֶערֶען אוּנ אוּם יוֹם כִּפּוּר הָאט מֶען גֶבְּלָאזִין מִיט אַשׁוֹפָר מֶען זָאל וִוישֶׁן אַז עֶס אִיז יוֹבֵל (וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ) אִיר זָאלְט נִיט נַארֶען אַמֶענְשׁ זַיין חַבֵר וֶוען דוּ
ווילסט

## ליקוטי יקרים

לַאנְד אַרַיין וָואס אִיךְ גִיבּ אַייךְ זָאל דִיא עֶרְד רוּהֶען פוּן גָאטְס וֶועגֶען, זֶעקְס יָאר זָאלְסְטוּ זֵייֶען דַיין פֶעלְד אוּנ זֶעקְס יָאר זָאלְסְטוּ אַרְבֵּייטֶען אִין דַיין וַויין גָארְטֶען אוּנ זָאלְסְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִיא תְּבוּאוֹת אוּנ דִיא פֵּירוֹת אָבֶּער דָס זִיבֶּענְטֶע יָאר זָאל זַיין רוּהוּנְג צוּ דֶער עֶרְד אוּנ עֶס זָאל הֵייסֶען שַׁבָּת פוּן גָאטְס וֶועגֶען. דֶער אֶבֶן עֶזְרָא שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז אַמִצְוָה דָס אַיוּד טָאר אֲפִילוּ אַגוֹי נִיט לָאזֶען אַרְבֵּייטֶן אוֹיף זַיין פֶעלְד אַזוֹ וִוי מִיר טָארֶען אַגוֹי נִיט לָאזֶען אַרְבֵּייטֶען אוּם שַׁבָּת אוֹיף יִידִישֶׁע פֶעלְדֶער אוּנ אִיבֶּער דָם זָאגְט דֶר פָּסוּק שַׁבָּת צוּ גָאט כְּלוֹמֶר דִי מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָּה הָט אִין זִיךְ דֶעם דִין וִוי שַׁבָּת. דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ פְרֶעגְט פַר וָואס שְׁטֵייט נִיט גֶעשְׁרִיבֶּן בַּיי קֵיין מִצְוָה אַז זִיא אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי נָאר בַּיי דֶר מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָּה אוּנ חָאטְשֶׁע אוּנְזֶערֶע רַבָּנִים הָאבֶּען דָאךְ שׁוֹן גֶעזָאגְט דֶעם טַעַם אַז פוּן דַאנֶען לֶערְנֶען מִיר אָפּ דָס אַלֶע מִצְוֹת מִיט זֵייעֶרֶע כְּלָלִים אוּנ פְּרָטִים זֶענֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אִיז נָאךְ פָארְט אַקַשְׁיָא פַר וָואס שְׁטֵייט נִיט בַּיי דֶער עֶרְשְׁטֶער מִצְוָה אַז זִיא אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי וֶועלֶען מִיר זִיךְ קָאנֶען דְרִינְגֶען אַז אַלֶע דִי אִיבְּרִיגֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּנ צְוֶועלְף מִצְוֹת זֶענֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי אָבֶּער בַּיי דֶר אוּנְטֶערְשְׁטֶר מִצְוָה וֶועלֶען מִיר אוֹיךְ קָאנֶען דְרִינְגֶען אוֹיף דִיא זֶעקְס הוּנְדֶערְט צְוֶועלְף פְרִירִיגֶע מִצְוֹת נָאר דֶר אֱמֶת'עֶר תֵּירוּץ אִיז וַוייל בַּיי דֶר מִצְוָה הָט גָאט בָּרוּךְ הוּא מַזְכִּיר גֶעוֶוען צוּ מֹשֶׁה דִיא מַתָּנָה וָואס עֶר גִיט צוּ דִי יוּדֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיבֶּר דֶם זָאגְט דֶר פָּסוּק אַז דִי מִצְוָה אִיז אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶן צוּ וַוייזֶען אַז דוּרְךְ דֶם וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶם בַּארְג סִינַי אוּנ הָאבֶּען דִי תּוֹרָה מְקַבֵּל גֶעוֶוען אִיז בַּאשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארֶן דִיא מַתָּנָה וָוארֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא הָט נָאר אוֹיף דֶעם תְּנַאי גֶעגֶעבֶּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ דִי יוּדֶען זֵיי זָאלֶען הַאלְטֶען דִי תּוֹרָה אוּנ וִוי בַּאלְד דִי יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען נָאר עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶר תּוֹרָה הָט זֵיי גָאט בָּרוּךְ הוּא דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען אַרוֹם גֶעטְרִיבֶּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל:

(וְסָפַרְתָּ לְךָ שֶׁבַע שַׁבְּתוֹת שָׁנִים) אוּנ זָאלְסְט דִיר
אפ

## אוהל יעקב

(וְסָפַרְתָּ לְךָ שֶׁבַע שַׁבְּתוֹת שָׁנִים) גָאט הָט גֶעזָאגְט זָאלְסְט אָפּ צֵיילֶן זִיבֶּן שְׁמִיטּוֹת יָארֶן (שֶׁבַע שָׁנִים שֶׁבַע פְּעָמִים) זִיבֶּן מָאל זִיבֶּן יָאר (וְהָיָה לְךָ יְמֵי שֶׁבַע שַׁבְּתוֹת הַשָּׁנִים תֵּשַׁע וְאַרְבָּעִים שָׁנָה) וֶועט זַיין דִי זִיבֶּן שְׁמִיטּוֹת
יארען

ווילסט פר קופען איין פעלד זאלסטו וועהן
ווי פיל יאר עס איז ביז יובל אוב עס איז
פיל יארן זאלסטו פיל געלד דר פר נעמן
אונ אוב עס איז ווייניג יארן זאלסטו ווייניג
געלד דער פר נעמען נאך דעם חשבון פון
דער תבואה וואס עס קען וואקסען ביז יובל
זאלסטו אים פר קופען דר בחיי שרייבט
דרום האט דיא תורה דיא פרשה נאהינט
געשטעלט ביי דער פרשה פון שמיטה צו
ווייזען מען זאל געווארינט זיין צו האלטען
שמיטה דען אז ער וועט קיין שמיטה ניט
האלטען וועט גאט אויף אים שיקען דלות
דאס ער וועט מיזען פר קופען זיינע כלים
אונ קליידער טוט ער תשובה איז גוט אונ
אוב ניט וועט ער מיזען פאר קופען זיינע
פעלדער אונ ווען ער טוט נאך קיין תשובה
ניט מוז ער בעטען ברוט (ולא תונו איש
את עמיתו) איין מענש זאל דם אנדרען ניט
נארען אונ דער צערנען מיט רייד אונ זאל
אים מאכען וויינען דען פון דעם מאל אן וואס
דער בית המקדש איז חרוב געווארן זענען
פר שלאסען געווארן דיא טויערין פון תפלה
אבער די טויערין פון טרערן וואס מען וויינט
זענען ניט פר שלאסען אונ גאט איז מקבל
דיא תפלה מיט געוויין אונ ווען מען דער
צערינט איינם מיט רייד איז זיין הארץ צו
בראכען אונ ער טוט וויינען דרום וועט דיך
גאט שטראפען אז ער וועט הערן זיין תפלה
מיט געוויין (וכי תאמרו מה נאכל) ווען איר
וועט זאגען וואס וועלען מיר עסען אין דעם
אכטען יאר אז מען וועט ניט זייען אין דעם
זיבעטין יאר זאגט גאט איך וועל געבן מיין
ברכה אין זעקסטען יאר עס זאל וואקסען
תבואה אויף דרייא יאר אויף דעם זעקסטען
יאר אונ אויף דעם זיבעטין יאר אונ אויף דם
אכטען יאר וועט איר זייען אזו וועט איר
עסען פון דר אלטער תבואה ביז אין ניינטען
יאר (כי ימוך אחיך) ווען דיין ברודר וועט
ארום ווערען אונ וועט פאר קופען אפעלד
דם לערינט אונז דם אמענטש זאל ניט פר
קופען זיין פעלד סיידן ער הט גרוס דחקות
אונ דלות (מאחוזתו) איין טייל פון זיינע
פעלדר הט ער פר קופט די תורה לערינט
דרך ארץ אמענטש זאל ניט פר קופן אלע
זיינע פעלדר ער זאל זיך אוך עפים איבר
לאזען (ובא גואלו הקרוב אליו) אונ ווען
חז

## ליקוטי יקרים

אפ ציילען זיבען שמיטות פון זיבען יארען זיבען
מאל צו זיבען יאר וועט זיין ניין אונ פערציג יאר
אונ דם פופצינגסטע יאר זאלט איר היילגען מיט
שופר בלאזען אום יום כפור אונ זאלט רופען אז
דם איז אפרייא יאר אונ איטליכער וואס הט פר
קופט צו זיין חבר אשטיק פעלד זאל ער זיך צו
דם פעלד צוריק אום קערען אונ עס זאל זיין זיינם
אזו ווי איידר ער הט עס פרקופט אונ איטליכער
קנעכט זאל זיך אומקערען אהיים אונ זאל זיין
פרייא פון זיין האר. דר נחל קדומים שרייבט פר
וואס שטייט ביי דער מצוה פון פרייא לאזען דיא
קנעכט אונ די פעלדר אז זיא איז געזאגט געווארן
אויף דם בארג סיני ווארען גאט ב"ה הט געזאגט
צו משה איך האב אייך ארוס גענומען פון מצרים
איר זאלט זיין פרייא אונ האב אייך געגעבען די
היילגע תורה אויף דם בארג סיני אונ האב אייך
גערופען איר זאלט זיין פריי פון מלאך המות זאג
איך אייך אז איר זאלט אוך רופען פריי צו דיא
קנעכט אונ צו דיא פעלדר אונ דורך דם יאר וועט
איר זיין פריי פון דיא אומות:

## אוהל יעקב

יארן ניין אונ פערציג יאר אונ נאך דם זאל זיין יובל
אצונד וועלין מיר געבין צו פר שטיין מיט אמשל פר וואס
דר פסוק רעכינט פריער דיא איינציגע יארן אונ רעכינט
דר נאך די כללות יארן איין ארימאן איז ארום געגאנגן
אין די הייזר פיל יארן אונ נאך דם הט ער זיך בזעצט אין
אקליין שטעטל אונ איז געווארן אבעל הבית הט ער זיך
גרוס געהאלטן פר די מענשן פון דם שטעטל אונ הט זיך
בארימט מיט זיין עשירות אמאל איז געקומן איינר פון
דער שטאט וואס ער איז פון דארטן אונ זאגט צו אים דו
נארישר מענש ביסט געוואנט ארום צו גיין אין די הייזר
אונ רעכינן וויפיל פרוטות דו האסט אז דו האסט געהאט
דריי גולדן האסטו געמאכט אחשבון אז דו האסט דריי
הונדרט פרוטות אזו אצונד מאכסטו אוך דעם חשבון פון
דיין ביסעל געלד וואס דו רעכענסט אויף פרוטות ווייזט זיך
דיר אוס אז דו האסט אסאך אונ ביסט איין עושר מאך דו
גאר אבר איין חשבון פון דיין געלד אויף רענדלך וועסטו
זעהן אז פון דם גאנצן סאך וועט זיין אביסל וועסטו זעהן
אז דו ביסט קיין עושר אונ וועסט פר שטיין דיין נארישן
שכל. דר נמשל איז דר פסוק ווייזט מיט חכמה איין עצה
דם מענשן ווי אזו ער זאל זיך בארעכענן זיינע יארן מיט
זיינע לעב טאג אויף דער וועלט אז ער וועט מאכן דעם
חשבון פון לעב טאג אויף יארן אדר אויף טעג וועט זיין
דר

דוא האסט פר קופט איין פעלד האט דיא תורה אויף דיר רחמנות געהאט דו זאלסט עס קענען אויס לייזען ווען דוא האסט געלד נאר פאר צוויא יאר קענסטו עס ניט אויס לייזען עס מוז זיין צוויי יאר ביי דעם וואס האט עס געקופט אונ ווען ער האט ניט קיין געלד דאס פעלד אויס צו לייזען זאלן זיינע קרובים דאס אויס לייזען אונ ווען ער הט קיין קרוב ניט זאל דאס פעלד בלייבען ביי דעם וואס הט דם געקופט ביז יובל וועט עס זיך אומקערן צום ערשטן הארן (ואיש כי ימכור בית מושב עיר חומה) אונ ווען איין מענש פר קופט זיין הויז וואס דם איז אגרויסע חרפה מעג ער אויס לייזען אפילו אין דעם ערשטן יאר (וכי ימוך אחיך) ווען איין ישראל ווערט ארום זאלסטו אים העלפן מיט וואס מעגלך איז אונ אז דו וועסט אים לייען געלד זאלסטו פון אים ניט נעמן קיין רווחים (ויראת מאלהיך) דוא זאלסט דיך פארכטען פאר גאט (אני יי' אלהיכם) איך בין אייער גאט וואס איך האב געוואוסט אין מצרים ווער עס איז איין בכור אונ ווער ניט וועל איך אויך שטראפן דעם וואס נארט זיין חבר (והשב עם קונהו) ווען איין ישראל הט זיך פר קופט צו איין פרעמדן אונ וויל זיך אויס לייזען זאל ער מיט דעם פרעמדן ארעכטן חשבון האבן אויף ווי פיל יאר דו ביסט צו אים ווארן פר קופט אונ ווי פיל דו האסט אים געדינט אונ זאלסט אים קיין שקר ניט טוען אונ מען זאל אים ניט מאכן ער זאל אטעות האבען דען עס איז איין חילול השם אונ ווען מען גיט אפ אפילו דאס וואס דער פרעמדר אליין הט אטעות געהאט דאס איז איין רעכטר קידוש השם אונ גאט וועט אים טאפל בצאלן אונ דרום האט יעקב געהייסן זיינע קינדער זיי זאלען אום קערן דם זילבר וואס זיי האבען געפונן אין זייער תבואה קיין מצרים דיא גמרא זאגט עס איז מער עבירה איין נכרי פאלשקייט צו טאן וויא איין ישראל אונ דרום הט שלמה המלך תפלה געטאן אז ער הט אויף גבועט דעם בית המקדש אונ הט גזאגט רבונו של עולם ווען אפרעמדר וועט תפלה טאן אין ביהמ"ק זאלסטו אן נעמען זיין תפלה חאטשי ער וועט ניט ווערט זיין אונ ווען די קרובים לייזען אויס דם קנעכט פון דעם פרעמדען זאלען זייא אים פריא לאזען אונ זאלען ניט זאגען מיר האבן אים אויס געלייזט לאז ער בייא אונז דינען (לא תעשו לכם אלילים) איר זאלט אייך ניט מאכן קיין אפ געטר (אני יי') איך בין גאט וואס איך קאן בצאלן גוטען שכר צו די וואס האלטן מיינע מצות אונ וועל שטראפן צו די וואס האלטען ניט מיינע מצות דרום זאל איטליכר מענש געווארנט זיין צו האלטן גאטס מצות צו מקבל זיין גוטן שכר:

אוהל יעקב

דער מספר גרוס ער וועט האבן געלעבט אויף דר וועלט זיבציג יאר אדר אכציג יאר וועט ער מיינן ער איז אתושב אויף דער וועלט אז ער וועט אבר מאכן אחשבון וויפיל שמיטות ער לעבט וויפיל יובלות ער לעבט וועט שון דר חשבון אוס קומן אז ער לעבט נאר צעהן שמיטות אדר עליף וואורן איין שמיטה איז זיבן יאר אונ איובל איז פיפציג יאר וועט שון אויף שמיטות זיין דער חשבון קליין וועט קענין דר מענש פר שטיין אז ער איז אויף דר וועלט ניט קיין תושב נאר אגר:

# הפטרת בהר.

(ויאמר ירמיהו היה דבר יי' אלי לאמר) הט ירמיהו געזאגט עס איז געוועזען די רייד פון גאט צו מיר צו זאגען עס וועט קומען צו דיר דיין פעטערס זון חנמאל בן שלום אונ וועט דיר זאגען קויף דיר מיין פעלד וואס ביי דער שטאט ענתות איז דען דו דארפסט עס קויפען ווייל אז איך זאל עס פר קויפען איין אנדערין וואלסטו עס געדארפט אויס לייזען ווייל דו ביסט אקרוב אונ מכל שכן דם דו דארפסט עס קויפען (ויבא אלי חנמאל) איז צו מיר געקומען חנמאל מיין פעטערס זון אזו ווי גאט הט געזאגט אונ זאגט צו מיר קויף דיר מיין פעלד וואס ביי דער שטאט ענתות איז האב איך געוואוסט דם גאטס ווילען איז איך זאל עס קויפן אונ איך האב געקופט דם פעלד פון חנמאל אונ האב אים בצאלט (ואכתוב בספר וגו') אונ האב עס איין געשריבען אין אספר אונ האב דארוף

געהייסן

גֶעהַייסֶען חַתְמִינֶען עֵדִים דָס אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דָס פֶעלְד (וָאֶקַּח אֶת סֵפֶר הַמִּקְנָה) אוּנ אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָם סֵפֶר מִיט דֶער חֲתִימָה אוּנ הָאבּ אִים גֶעגֶעבֶּן צוּ בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה פַר דִיא אוֹיגֶען פוּן דִיא עֵדִים אוּנ פַר דִיא אוֹיגֶען פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל וָוס זֶענֶען דָר בַּייא גֶעזֶעסֶען (וָאֲצַוֶּה אֶת בָּרוּךְ לְעֵינֵיהֶם) אוּנ הָאבּ גֶעבָּאטֶען צוּ בָּרוּךְ פַר זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען עֶר זָאל נֶעמֶען דָם סֵפֶר הַמִּקְנָה מִיט דֶר חֲתִימָה מִיט דֶם קִיּוּם פוּן דַיינִים אוּנ זָאל עֶס גֶעבֶּען אִין אֵיין עֶרְדִינֶע כֶּלִי כְּדֵי עֶס זָאל קֶענֶען אַלַאנְגֶע צַייט גֶעוֶוערֶען (כִּי כֹה אָמַר יְיָ צְבָאוֹת) דֶען אַזוֹ הָט גֶעזָאגְט גָאט דֶר הֵאר אִיבֶּר אַלֶע חַיָּילוֹת דְרוּם זָאלְסְטוּ דָם סֵפֶר בַּאהַאלְטֶען צוּ וַוייזֶען דָם יִשְׂרָאֵל וֶועלֶען ווִידֶר וֶוערֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּנ וֶועלֶען קוּמֶען צוּרִיק אִין זֵייעֶר לַאנְד אוּנ צוּ זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער אוּנ הַייזֶער דְרוּם וֶועט מֶען דָם סֵפֶר דַארְפֶען וַוייזֶען דָם אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דָם פֶעלְד (וָאֶתְפַּלֵּל אֶל יְיָ) הָאבּ אִיךְ יִרְמְיָה גֶעבֶּעטֶען צוּ גָאט נָאךְ דֶם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבֶּן דִיא בְּרִיף צוּ בָּרוּךְ בֶּן נֵרִיָּה אוּנ הָאבּ גֶעזָאגְט דוּ גָאט הָאסְט בַּאשַׁאפֶן הִימֶל אוּנ עֶרְד מִיט דַיין כֹּחַ אוּנ וֵוייסְט אַלֶע פַרבָּארְגִינֶע זַאכֶען אוּנ וֵוייסְט דָם מִיר וֶועלֶען פַר טְרִיבֶּען וֶוערֶען אוּנ וָוארוּם הָאסְטוּ מִיר גֶעהֵייסֶען קוֹיפֶען דָם פֶעלְד (עֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים) דוּ טוּסְט חֶסֶד צוּ צְוֵויי טוֹיזֶנְד דוֹרוֹת אוּנ בַּצָאלְסְט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָוס דֶר פָאטֶר טוּט צוּ דִי קִינְדֶר וֶוען זֵיי טָאן דִי עֲבֵירוֹת וָוס דִי פֶעטֶר הָאבֶּן גֶעטָאן (גְּדֹל הָעֵצָה וְרַב הָעֲלִילִיָּה) דוּ בִּיסְט אַגְרוֹסֶר חָכָם עֵצוֹת צוּ גֶעבֶּען אוּנ טוּסְט גְרוֹסֶע מַעֲשִׂים דַיינֶע אוֹיגֶען זֶענֶען אָפֶען צוּ זֶעהֶן אוֹיף דֶם וֶועג פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען צוּ בַּצָאלֶען אִיטְלִיכֶען מִיט זַיין כֹּחַ (אֲשֶׁר שַׂמְתָּ אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים) וָוס דוּ הָאסְט גֶעטָאן גְרוֹסֶע וואוּנְדֶער אִין לַאנְד מִצְרַיִם צוּ יִשְׂרָאֵל אוּנ צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען בִּיז אִין הַיינְטִיגֶען טָאג אוּנ הָאסְט אוֹיסְגֶעצוֹגֶען דִיא יִשְׂרָאֵל פוּן מִצְרַיִם מִיט גְרוֹסֶע וואוּנְדֶר (וַתִּתֵּן לָהֶם אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת) אוּנ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבֶּען דָם דָאזִיגֶע לַאנְד אַזוֹ וִוי דוּ הָאסְט גֶעשְׁווֹארֶען צוּ אַבְרָהָם (וַיָּבֹאוּ וַיִּרְשׁוּ אוֹתָהּ) אוּנ זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּנ הָאבֶּן גֶעיַרְשִׁית דָם לַאנְד אוּנ יִשְׂרָאֵל הָאבֶּן נִיט צוּ גֶעהֶערְט צוּ דַיינֶע מִצְוֹת דְרוּם אִיז גֶעקוּמֶן אוֹיף זֵיי אַלֶע צָרוֹת (הִנֵּה הַסּוֹלְלוֹת בָּאוּ הָעִיר) דִי לַייט וָוס הַאלְטֶען מִלְחָמָה אוֹיף דִי שַׁאנְצֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶן אִין שְׁטָאט אַרַיין צוּ בַּאצְווִינְגֶען זִיא אוּנ דִיא שְׁטָאט וֶוערְט אִיבֶּער גִיעֶנְפֶּערְט אִין דֶר הַאנְד פוּן דִי כַּשְׂדִּים וָוס הַאלְטֶען מִלְחָמָה אוֹיף אִיר פוּן וֶועגֶען שְׁוֶוערְד אוּנ פוּן וֶועגֶן הוּנְגֶר אוּנ טוֹט אוּנ דָם וָוס דוּ הָאסְט גֶערֵייד אִיז גֶעוֶוען אוּנ דוּ גָאט זֶעהְסְט אַז עֶס אִיז אַזוֹ אוּנ זָאגְסְט מִיר אִיךְ זָאל קוֹיפֶען אַפֶעלְד פַר עֵדוּת אוּנ דִי שְׁטָאט וֶועט וֶוערֶען גֶעגֶעבֶּן אִין דֶר הַאנְד פוּן דִי כַּשְׂדִּים דְרוּם וָוס טוּג מִיר דָם פֶעלְד דָם דִי כַּשְׂדִּים וֶועלֶען עֶס חָרוּב מַאכֶען (וַיְהִי דְּבַר יְיָ אֶל יִרְמְיָהוּ) הָט גָאט גִיעֶנְפֶערְט צוּ יִרְמְיָהוּ אִיךְ וֵויים אַלֶע פַר בָּארְגִינֶע זַאכֶען אוּנ וֵויים דָם יְרוּשָׁלַיִם וֶועט חָרוּב וֶוערֶען דְרוּם הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעהֵייסֶען קוֹיפֶן דָם פֶעלְד צוּ טְרֵייסְטֶען דֶר מִיט דִי יִשְׂרָאֵל זֵיי זָאלֶען ווִיסֶען דָם זֵיי וֶועלֶען דֶר לֵייזְט וֶוערֶען אוּנ וֶועלֶען ווִידֶר קוֹיפֶן פֶעלְדֶער אוּנ הַייזֶר:

# פרשת בחקותי.

(אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (עֲטֶרֶת חֲכָמִים עָשְׁרָם אִוֶּלֶת כְּסִילִים אִוֶּלֶת) צוּ חֲכָמִים אִיז דָם עֲשִׁירוּת אַקְרוֹין אוּנ צוּ דִי רְשָׁעִים אִיז דָם עֲשִׁירוּת אֵיין נַארִישְׁקַייט עֶם מַאכְט זֵיי שְׁטְרוֹיכְלִין אִין אַלֶע זַאכֶען דֶען וֶוען אֵיין חָכָם אִיז אֵיין עוֹשֶׁר וֶוערֶען זַיינֶע רֵייד אָן גֶנוּמֶן אוּנ לַייט פָאלְגֶען אִים אָבֶּער וֶוען עֶר הָט דֶעם דַלוּת וֶוערֶען זַיינֶע רֵייד נִיט צוּ גֶעהֶערְט חָאטְשֶׁע עֶר זָאגְט גְרוֹסֶע חָכְמוֹת אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (וְחָכְמַת הַמִּסְכֵּן בְּזוּיָה) דִיא חָכְמָה פוּן אֵיין אָרוּם מַאן אִיז מְבוּזָה אוּנ אוֹיךְ קֶען דֶער חָכָם דוּרְךְ עֲשִׁירוּת פִיל מִצְוֹת טָאן צְדָקָה גֶעבֶּען אוּנ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע מִצְוֹת קֶען עֶר טָאן מִיט דֶעם גֶעלְד אָבֶּער בַּייא דֶעם רָשָׁע אִיז דָם עֲשִׁירוּת צוּ אֵיין נַארִישְׁקַייט אוּנ

## אוהל יעקב

(אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ) גָאט הָאט גֶעזָאגְט אוֹב אִיר וֶועט גֵיין אִין דִיא גִיזֶעץ פוּן מַיין תּוֹרָה (וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם) אוּנ מַיינֶע מִצְוֹת וֶועט אִיר הִיטֶן אוּנ וֶועט זֵייא טָאן (וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם) וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבִּין רֶעגִין אִין דֶער צַייט וָוס מֶען דַארְף (וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ) אוּנ דִי עֶרְד וֶועט גֶעבִּין אִיר פְּרוּכְט עֶס זָאל וַואקְסֶן דִיא תְּבוּאָה זָאגְט דֶר מִדְרָשׁ דָם גֶעמְלִיכֵי הָט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶזָאגְט אִין תְּהִלִּים (חִשַּׁבְתִּי דְרָכָי וָאָשִׁיבָה רַגְלַי אֶל עֵדוֹתֶיךָ) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט אַזוֹ גֶעזָאגְט צוּ גָאט אַלֶע טָאג הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶערֶעכִינְט אוּנ הָאבּ גֶעזָאגְט צוּ דֶם אָרְט אוּנ צוּ דֶעם הוֹיז דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ טָאן אֵיין מַשָּׂא וּמַתָּן אוּנ מַיינֶע פִים הָאבֶּן מִיךְ גֶעטְרָאגֶן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרַיין אַצוּנְד וֶועלִין מִיר

אונ צו איין שטרויכלונג דען ער גיט ניט קיין צדקה אונ האלט זיך דורך דעם זייער הוך אונ וויל ניט ריידען מיט לייט דורך דעם האבען אים לייט פיינד אונ שיידן זיך אפ פון אים אונ האלטן אים נידריג ווייל ער וויל קיין גוטס ניט טאן צו לייען מענשען געלד אפילו אויף איין משכון אונ דר מיט מאכט ער זיך איין ביין שם דען איטליכר טוט פון אים ריידען אבער ווען ער זאל האבן דעם דלות וואלט מען פון אים ניט גרייד חאטשע ער הט אין זיך בייזע מעשים מען וואלט אין אים פר געסען אבר דורך דעם געלד וואס ער האט טוט דר עני פון אים ריידן אונ דר ציילט אלע זיינע מעשים וואס ער האט אין זיך אונ מען זעצט נאך צו אפילו וואס ער האט אין זיך ניט אונ מען שענט זיין סחורה אונ מען איז זיך משמח אויף זיין מפלה אונ דרום האט דיא תורה אלע מאל אן געשריבן מען זאל מצות טאן אונ שטעלט דאס ער וועט דער פר געבען קארין אונ רעגין חאטשע די תורה איז ניט געגעבן געווארן פון דעם עולם וועגען צו עסען אונ צו טרינקן פר איר דאך הט די תורה געמוזט זאגען דאס ער וועט האבן גענוג צו עסען אונ צו טרינקען כדי מען זאל קענען לערנען אונ מצות טאן מען זאל קענען קומען לעולם הבא דרום האט דיא תורה דא אן געהובן (אם בחוקותי תלכו) ווען איר וועט פרום זיין צו האלטן מיינע מצות וועל איך געבען גענוג רעגין דס איר זאלט האבען צו עסען (ונתתי שלום בארץ) איך וועל געבן שלום אין לאנד כדי ישראל זאלען ניט זאגען יוא מיר האבען צו עסען ווען עס איז קיין שלום ניט איז עס גאר ניט ווערט דרום זאגט דר פסוק איך וועל אייך געבן שלום (ורדפו מכם חמשה מאה) פינף ישראל וועלען נאך יאגען הונדערט (ומאה מכם רבבה ירדופו) אונ הונדרט פון אייך וועלען נאך יאגען צעהן טויזענד איז קשה ווען פינף יאגען נאך הונדערט קומט אום דר חשבון דם הונדרט דארפען נאך יאגען צוויי טויזענד אונ ניט קיין צעהן טויזענד דר תירוץ איז עס איז ניט גלייך דר זכות פון פיל ישראל וואס זענען גוועזן ביי אנגדר וויא דר זכות פון ווייניג ישראל דען גאט הערט גערן דיא תפלה פון פיל לייט דרום ווען הונדערט פון ישראל וועלען זיין אין איינם וועט איטליכר קענען נאך יאגען הונדערט אבער ווען נאר פינף וועלען זיין אין איינם וועט איטליכר נאר קענן נאך יאגן צוואנציג (ופניתי אליכם) גאט זאגט איך וועל מיך קערען צו אייך (והתהלכתי בתוככם) אונ איך וועל גיין צווישען אייך כלומר לעולם הבא וועל איך מיט אייך שפאצירען אין גן עדן

אוהל יעקב

מיר געבין צו פאר שטיין דעם מדרש ומיט אמשל איינר פלעגט תמיד קופן ביי אסוחר אין גיוועלב סחורה אמאל הט דר סוחר געזעהן ווי דר מענש גייט ארוס פון אנגדר גיוועלב מיט סחורה הט דעם סוחר זייער פר דראסן אויף דם מענש נאך וואס ער האט גענומן אין אנגדר גיוועלב סחורה נאר פון דעסט וועגין קען זיך דר מענש פר ענפרן פר דעם סוחר אונ זאגן איך בין געגאנגן קופן אזו אמין סחורה וואס ביי דיר אין גיוועלב איז ניט דא האב איך געמוזט גיין אין אנגדר גיוועלב צו נעמין די סחורה אבר אז דר סוחר הט ביי זיך אין גיוועלב אלערליי מיני סחורות קען זיך שון דר מענש ניט פר ענפרן פר דם סוחר ווארום דער סוחר קען אים זאגן וועלכע סחורה איז דען ביי מיר אין גיוועלב ניט דא אונ ביי אנאנדערן איז זי דא ביי מיר איז זיך דא פון אלע מיני סחורות עס פעלט גאר ניט דאס נמשל איז אלע זאכן פון דער וועלט קען מען האבן דורך דר תורה אזו ווי דר מדרש זאגט עס איז פר האנדן אמענש קופט פעלדר הט ער ניט קיין וויין גערטנר איינר קופט וויין גערטנר הט ער ניט קיין פעלדר אבר אין דער תורה געפינט זיך אלדינג אז מען לערינט תורה קען מען האבן דורך דר תורה אלדינג דם נעמליכי הט דוד המלך געזאגט אלע טאג האב איך מיך גערעכינט אונ האב געזאגט איך דארף גיין צו דעם אונ דם אורט צו טאן מיין געשעפט אונ מיינע געדאנקן האבן מיר געזאגט אפילו וועגין די געשעפטן איז אויך גוט זאלסט גיין אין בית המדרש צו לערנין תורה אונ תפלה טאן וועט דיר גאט העלפן אין דיינע געשעפטן דם נעמליכי זאגט אויך דר פסוק אונב איר וועט גיין אין מיינע געזעץ פון דער תורה וועל איך אייך געבין רעגין אין דר צייט וואס מען דארף אונ עס וועט וואקסן תבואה ווארום אין דר תורה געפינט זיך אלדינג דורך דער תורה קענט איר האבן אלדינג פונקט ווי דער סוחר הט געקענט זאגן צו דם מענש ביי מיר אין גיוועלב איז דא פון אלע מיני סחורות נאך וואס דארפסטו גיין אין אנאנדר גיוועלב אז ביי מיר געפינסטו אלע מיני סחורות:

עֶדֶן אוּנ דִי פַּרְשָׁה הָט צוּם עֶרְשְׁטֶן גֶעזָאגְט
דָאס עֶר וֶועט אוּנְז גֶעבֶּען בְּרוֹט מִיר זָאלֶען
קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ צוּ קוּמֶען דוּרְךְ דֶעם
צוּ עוֹלָם הַבָּא אוּנ דֶער נָאךְ זָאגְט זִיא דָאס
גָאט וֶועט זַיין מִיט אוּנְז לְעוֹלָם הַבָּא אַז
מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען (וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת)
אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גָאט דָאס בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ הוֹךְ בּוֹיעֶן צְוַויי מָאל אַזוֹ הוֹךְ ווִיא
דִיא הֵייךְ פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּנ דִיא מֶענְשֶׁן
וֶועלֶען אוֹיךְ אַזוֹ הוֹךְ זַיין אוּנ דִי פַּרְשָׁה אִיז
וָוארֶען אָן גֶעהוֹבֶּן מִיט אֵיין אל"ף אוּנ לָאזְט
זִיךְ אוּס מִיט אֵיין ת"ו צוּ וַוייזֶען וֶוען יִשְׂרָאֵל
וֶועלֶען הַאלְטֶן דִי תּוֹרָה פוּן אל"ף בִּיז ת"ו
וֶועלֶען אוֹיף זֵיי קוּמֶען אַלֶע בְּרָכוֹת וָוס אִין
דֶר פַּרְשָׁה שְׁטֵייט אוּנ נָאהֵינְט דֶר בַּיי הָט
דִי תּוֹרָה אָן גֶעשְׁרִיבֶּן דִי קְלָלוֹת וָוס וֶועלֶען
קוּמֶען אוֹיף דִיא יִשְׂרָאֵל וָוען זֵיי וֶועלֶן עוֹבֵר
זַיין אוֹיף דִי מִצְוֹת אוּנ זֵיי הֵייבֶּן זִיךְ אָן מִיט
אֵיין וא"ו אוּנ לָאזֶען זִיךְ אוּס מִיט אֵיין ה"א
דָס זֶענֶען דִי צְוַויי אוֹתִיּוֹת פוּן דֶעם שֵׁם פוּן
גָאט דָס וַוייזְט אוּנְז דָאס גָאט אִיז בַּיי אוּנְז
אוּנ וֶועט אוּנְז אוּס לֵייזֶען פוּן דִיא קְלָלוֹת
דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט מֶען זָאל נִיט זָאגֶען דִיא
בְּרָכוֹת זֶענֶען וֵוינִיג פְּסוּקִים אוּנ דִי קְלָלוֹת
זֶענֶען פִיל פְּסוּקִים דְרוּם הָט עֶר דִי בְּרָכוֹת
אָן גֶעהוֹבֶּען מִיט אֵיין אל"ף אוּנ לָאזְט אוּס
מִיט דֶר ת"ו צוּ וַוייזֶן דָם דִי בְּרָכוֹת וֶועלֶן
לַאנְג דוֹיעֶרִין אַזוֹ ווִי פוּן אל"ף בִּיז ת"ו אִיז
וַוייט אָבֶער קְלָלוֹת הֵייבֶּן זִיךְ אָן מִיט אֵיין
וא"ו אוּנ לָאזֶען זִיךְ אוּס מִיט אה"א וָוס דִיא
צְוַויי אוֹתִיּוֹת שְׁטֵייעֶן אֵיינְס בַּיי דֶם אַנְדֶרֶן
צוּ וַוייזֶען דָאס דִיא קְלָלוֹת וֶועלֶן נִיט לַאנְג
גֶעוֶוערִין. דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק שְׁרַייבְּט
(בְּחוּקוֹתַי תֵּלֵכוּ) אִיז גֶעמֵיינְט אִיר זָאלְט
הַאלְטֶען דִי מִצְוֹת וָוס הָאבֶּן קֵיין טַעַם נִיט
וָוארוּם מֶען הַאלְט זֵיי נָאר וַוייל גָאט הָאט
גֶעהֵייסֶן מֶען זָאל זֵיי הַאלְטֶען אוּנ דֶער נָאךְ
זָאגְט עֶר (מִצְוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ) אִיר זָאלְט
הַאלְטֶען דִיא מִצְוֹת וָוס הָאבֶּען יוֹא טְעָמִים
אוּנ נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז תִּשְׁמוֹרוּ דָם אִיז טַייטְשׁ
וַוארְטֶען אִיר זָאלְט וַוארְטֶען אוֹיף דִי מִצְוֹת
צוּ טאָן זַיי נִיט דִיא מִצְוֹת זָאלֶען אוֹיף אֵייךְ
וַוארְטֶן אוּנ זָאלְסְט חֵשֶׁק הָאבֶּן צוּ אִיטְלִיכֶר
מִצְוָה אוּנ דְרוּם זָאגְט עֶר דֶר נָאךְ (וַעֲשִׂיתֶם
אוֹתָם) כְּלוֹמַר אִיר זָאלְט וַוארְטֶן אוֹיף דֶר
מִצְוָה צוּ טָאן זִיא אוּנ וֶוען דִיא צֵייט קוּמְט
זָאלְט אִיר זִיא טָאן דִי פַּרְשָׁה לֶערִינְט אוּנְז
דָם עֶס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען פִיר כִּיתּוֹת צְווִישֶׁן דִי
יִשְׂרָאֵל אַטֵייל דִי וָוס אַקֶערִין אוּנ זַייעֶן דִי
עֶרְד אָן צוּ זַאמְלֶען קָארִין אַקֶעגֶען זֵיי זָאגְט
דֶר פָּסוּק (וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם) אִיךְ וֶועל
אֵייךְ גֶעבֶּען רֶעגִין אִין דֶער צֵייט דָאס זֵייא
זָאלֶען הָאבֶּן קָארִין אוּנ אַטֵייל זֶענֶען גֶעוֶועזֶען
וָוס ווִילֶען פִיל גֶעלְד אוּנ אַקֶערִין נִיט אוּנ
ווִילֶען קֵיין מִלְחָמָה נִיט הַאלְטֶען נָאר זֵייא
ווִילֶען רוּא הָאבֶּן אַקֶעגֶען זֵיי זָאגְט דֶר פָּסוּק
(וְנָתַתִּי שָׁלוֹם) אִיךְ וֶועל זֵיי גֶעבֶּן רוּא אוּנ
אַטֵייל לַייט זֶענֶען גֶעוֶועזֶען וָוס הָאבֶּן גֶעהַאסְט
לוּסְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶן אַקֶעגֶען זֵיי זָאגְט
דֶר פָּסוּק (וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה) פִינְף
פוּן אֵייךְ וֶועלֶין נָאךְ יָאגֶן הוּנְדֶערְט אוּנ אַטֵייל
לַייט זֶענֶען גֶעוֶועזֶען וָוס בֶּגֶערִין נִיט קֵיין מִלְחָמָה
צוּ הַאלְטֶן אוּנ נִיט צוּ אַקֶערִין אוּנ נִיט קֵיין
עוֹשֶׁר נָאר זֵייא בֶּגֶערֶען תּוֹרָה לֶערְנֶען אוּנ
מִצְוֹת הַאלְטֶן אַקֶעגֶען זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק
(וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם וְהִתְהַלַּכְתִּי
בְּתוֹכְכֶם) אִיךְ וֶועל מַאכֶן רוּעֶן מַיין שְׁכִינָה
צְווִישֶׁן אֵייךְ פוּן וֶועגֶען דֶר תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת
וָוס אִיר הַאלְט (וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ לִי) אוּב
אִיר וֶועט נִיט צוּ הֶערֶען צוּ מִיר וַוייל אִיר
וֶועט זִיךְ טְרַאכְטֶן מַיין הַשְׁגָּחָה אִיז נִיט אוֹיף
אֵייךְ דְרוּם וֶועט אִיר נִיט טָאן מַיין גֶעבָּאט
אַקֶעגֶען דֶעם אַנְדֶרֶען זָאגְט עֶר (וְאִם בְּחוּקוֹתַי
תִּמְאָסוּ) אוּנ אוּב אִיר וֶועט נִיט הַאלְטֶן דִי
מִצְוֹת וָוס דֶר שֵׂכֶל אִיז נִיט מְחַיֵּיב צוּ טָאן
זֵיי הָאבֶּן קֵיין טַעַם נִיט אוּנ אַקֶעגֶען דֶעם
דְרִיטֶען זָאגְט עֶר (וְאִם אֶת מִשְׁפָּטַי תִּגְעַל
נַפְשְׁכֶם) אִיר וֶועט נִיט טָאן מֵיינֶע מִצְוֹת
וַוייל זִיא זֶענֶען פִיל דְרוּם זֶענֶען זֵייא אֵייךְ
מִיאוּס אוּנ אַקֶעגֶען דֶעם פֶערְדִין זָאגְט עֶר
(לְהַפְרְכֶם אֶת בְּרִיתִי) צוּ פַר שְׁטֶערֶן מֵיינֶע
מִצְוֹת דֶען אִיר ווִילְט ווִידֶער שְׁפֶּענִיגֶען אִין
מִיר אוּנ דְרוּם שְׁטֵייט אִין דֶר פַּרְשָׁה דָם
גָאט וֶועט זֵיי שְׁטְרַאפֶן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוֹיף
דָם וָוס אִיר זָאגְט מַיין הַשְׁגָּחָה אִיז נִיט אוֹיף
אֵייךְ דָם זָאגְט דֶר פָּסוּק (וְהִפְקַדְתִּי עֲלֵיכֶם

בהלה) איך וועל השגחה אויף אייך האבן
אונ איך וועל אויף אייך ברענגן איין דער
שרעקעניש אונ דם איז ווייל איר זאגט איך
האב צו טאן מיט מלחמות דרום בין איך
צו צייטן איילענדיג אונ דער שראקן דרום
ווע. איך אויף אייך ברענגן איין דר שרעקניש
אונ אויף דם וום איר זאגט דר שכל איז ניט
מחייב די מצות צו טאן דרום זענען זיי אויף
אייך מיאוס אונ דם קומט פון וועגן גאוה וום
איר האלט אייך חשוב דרום זאגט דער
פסוק (ושברתי את גאון עזכם) איך וועל
צו ברעכן אייער גאוה אונ וועל אייך נידריג
האלטן די הימלן וועלן זיין שווארץ אזו ווי
אייזן איבר דיא פיל וואלקן וום וועלן זיין
אונ קיין רעגין ווערט דאך ניט גיין די וואלקן
וועגן זיך ניט קערין צו אייך זיי וועלן אייך
פר ניט האלטן אונ אקעגין דם וום איר הט
געזאגט דיא מצות זענען זייער פיל דרום
זענען זיי אייך מיאוס דרוף זאגט דר פסוק
(והשלחתי את חית השדה) איך וועל אין
אייך שיקן די חיות פון דם פעלד אונ זייא
וועלן אייך מינרין אזו וויא איר בגערט ניט
פיל מצות אזו וועל איך ניט בגערין פיל
פון אייך אונ אקעגין דעם פערדן וואס איר
ווילט ווידר שפעניגן אין מיר אונ ווילט אפ
רייטן דם עול מצות פון אייך אזו וועל איך
אייך באצווינגן אין מיינע הענד דם איר וועט
ניט קענין אנטלופן דרוף זאגט דער פסוק
(והבאתי עליכם חרב) איך וועל אויף אייך
ברענגן איין שווערד פון די אומות אזו וועט
איר אנטלופן אין אייערי שטארקע שטעט
וועל איך שיקן איין מארד אין אייערע
שטעט וועט איר דארפן ארום פון זיי אזו
ווי דער סדר איז אין איין מארד גייט מען
ארום פון דער שטאט אונ איר וועט ניט
קענין ארום פון וועגין דר שווערד אזו וועט
איר זיין געפאנגן אין מיין האנד (בשברי
לכם מטה לחם) איך וועל צו ברעכן אייערע
ברוט דאס אין אובן וועט פאלן פון אים
שטיקר ווייס אזו וויא איר האט צו בראכן
מיין ברית ניט צו האלטן מיינע מצות (ואם
תלכו עמי קרי) ווען גאט גיט דעם מענשן
עשירות זאל ער וויסן דם גאט הט עס אים
געגעבן מיט זיין חסד ניט ער זאל זאגן דם
ער איז אליין איין עושר געווארן אדר גאט
הט אים געגעבן פון וועגן זיינע מעשים טובים
נאר עס איז איין חסד פון גאט אונ אויך ווען
עס קומט אויף דעם מענשן צרות זאל ער
עס ניט אן הענגן אין אטרעפונג נאר ער
זאל וויסן אז דם איז פון וועגן זיינע עבירות
אונ אוב ער וועט אן הענגן אין איין טרעפונג
וועט גאט אויף אים נאך מער צרות שיקן
(ואפו עשר נשים) צעהן ווייבר וועלן זייער
ברוט אין איין אובן באקן אונ דאס ברוט
וועט ניט זיין אום געבאקן אונ דרום זאגט
ער צעהן ווייל ווען דער פסוק זאגט פיל
זאגט ער צעהן אין איין מאל זאגט דר פסוק
זיבן ווען ער וויל זאגן פיל אזו ווי אין פסוק
שטייט (כי שבע יפול צדיק וקם) זיבן מאל
וועט דער צדיק פאלן אונ וועט דאך אויף
שטיין אויך שטייט ביי יעקב וישתחו ארצה
שבע פעמים (ושממו עליה אויביכם וכשלו
איש

### של"ה הקדוש

(ואם תלכו עמי קרי) דיא מיינונג דר פון איז אז
איטליכע זאך וום דר מענש טוט אין גאטס
דינסט דארף דיא זאך זיין מיט אבאשטאנד אונ
אקיום אזו ווי דיא גמרא זאגט (צריך לקבוע מקום
לתורתו ולתפלתו) מען דארף קובע מקום זיין צום
לערנען אונ צו דער תפלה דיא כוונה פון דעם
מאמר איז דר מענש זאל זיין באהעפט אין דיא
זאך וום ער טוט אונ זאל ניט אפ קערען אפילו
איין מאל מיט דם דיבור אונ ניט מיט דר מחשבה
אונ ניט מיט דער מעשה ווארען עס טרעפט זיך
אז דר מענש אמאל טוט ער די מצוה אונ אמאל
ניט ווערט דם אן גערופען (הולך בקרי) ער גייט
מיט דעם איבערשטין מיט אמקרה דאס הייסט
טרעפענדיג דס איז צייטען ווייס, נאר דר מענש
דארף האבען אקביעות צו דיא זאך וום ער הייבט
אן צו טאן צו אין תורה צו אין תפלה צו אין דם
היילינקייט וום ער נעמט זיך פאר ער זאל דר פון
ניט אפ קערען אויף אייביג אונ ווען אפילו אין
אגוט זאך נאר עס זאל ביי אים שטייגען די זאך
די מצוה אונ תורה וום ער הייבט אן עס זאל ניט
געפעלט ווערען קיין מאל וועט זיין (להעלות נר
מצוה ותורה אור תמיד) וועט זיין תורה אונ מצות
שטענדיג אויף ברענגען אליבט:

איש באחיו) אונזרי חכמים זאגן דס איטליכר פון ישראל איז איין ערב פר זיין חבר ווען זיין חבר טוט איין עבירה מוז ער ליידן שטראף אונ כל ישראל ווערין צו צייטן געשטראפט פון וועגין איינם אונ דרום זענן ישראל געגליכן צו אהופן ניס ווען מען נעמט איין ניס טואן זיך אלע רירן אזו אוך זענין ישראל ווען איינר טוט איין עבירה שטראפט גאט אנדרי ישראל פון דער עבירה וועגין (וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור) דער פסוק שרייבט פריער יעקב חאטשי ער איז יינגר גיוועזן פון אלע אבות צו ווייזן אז עס איז גענוג דאס ישראל זאלן ניצול ווערין אין זיין זכות אליין אונ אוב עס וועט ניט זיין גענוג זיין זכות וועט גאט דר מאנן דעם זכות פון יצחק אונ אוב עס וועט ניט גענוג זיין וועט גאט דר מאנן דם זכות פון אברהם דיא תורה הט געשריבן ביי יעקב (וזכרתי) אונ ביי אברהם אזכור אונ ביי יצחק הט ער ניט אן געשריבן דם ער וועט אים דר מאנן דם איז ווייל זיין אש ליגט אויף דם מזבח צו איין זכרון פר גאט.

יעקב שטייט מיט איין וא"ו אונ ווידר געפינן מיר פינף מאל אליהו אן איין וא"ו דאס אליהו האט געגעבן זיין וא"ו צו יעקב פאר אמשכון ער זאל קומן זאגן דיא בשורה צו ישראל אז משיח וועט קומן צו אוס לייזן זיי אונ וא"ו איז אזו וויא אפינגר אונ פינף מאל איז פינף פינגר דם ווייזט דם אליהו הט צו יעקב דיא האנד תקיעת כף געגעבן ער זאל קומן אבשורה זאגן צו ישראל מיט איין טאג פריער איידר משיח וועט קומן דם משיח וועט קומן (בערכך נפשות) ווען אמענש זאגט ער וויל געבן איין הקדש ווי פיל מען וועט אים שאצן אזו זאל מען אים שאצן נאך די יארן נאך פון צוואנציג יאר ביז זעכציג יאר זאל ער געבן פופציג שקלים זילבר אונ איין נקבה פון צוואנציג ביז זעכציג זאל זי געבן דרייסיג שקלים זילבר אונ פון זעכציג יאר אונ ווייטר זאל איין זכר געבן פופצען שקלים אונ איין נקבה זאל געבן צעהן שקלים דען איין נקבה אויף דר עלטר איז באלד אזו חשוב וויא איין זכר דרום גיט זיא פר זיך ניט פיל ווייניגר וויא אזכר דיא וועלט זאגט איין אלטר מאן אין

הוז

## ליקוטי יקרים

(וזכרתי את בריתי יעקוב) אונ איך וועל געדענקין דם ברית וואס איך האב פר שניטען מיט יעקב אונ דם ברית וואס איך האב פר שניטן מיט יצחק אונ דם ברית וואס איך האב פר שניטן מיט אברהם וועל איך געדענקין אונ די ערד וועל איך איך געדענקין, דר כלי יקר שרייבט דם וואס דר פסוק געדענקט דיא אבות ניט כסדר נאך עלטר נאר אדרבה ער געדענקט זיי פר קערט פריער יעקב דר נאך יצחק אונ דר נאך אברהם ווארען איטליכס דור לעבט אונ געניסט דעם זכות פון דיא היילינע אבות איבער דעם געדענקט ער זיי פר קערט אזו ווי למשל איינר הט דריי בייטלן מיט רענדלך אין איטליכן בייטל איז דא הונדערט רענדלך הט ער פון איין בייטל אן געהובן ניצען אין ראש חודש ניסן, פון דם אנדערין בייטל ראש חודש אייר אונ פון דם דריטען בייטל ראש חודש סיון וויסען מיר דאך גיט וואל אז אין דם בייטל וואס ער הט פון אים אן געהובן ניצען ראש חודש סיון איז אוודאי דא מעהר ווי אין דם בייטל וואס הט אים אן געהובן ניצען פון ראש חודש אייר אונ ווידר אין דם בייטל פון ראש חודש אייר איז דא מעהר ווי אין דם בייטעל וואס ער הט פון אים אן געהובען ניצען פון ראש חודש ניסן אזו איז דא אוך ביי זכות אבות אונ איז מבטיח צו דיא ישראל אז זיי וועלן תשובה טאן אונ וועלן חרטה האבען אויף זייערע עבירות לא די דאס ער וועט זיי גידענקין דם זכות פון יעקב וואס ער איז דער שפעטסטער פון די אבות איז נאך זיין זכות גרוס נאר אפילו דם זכות פון יצחק וואס איז שון עלטר מיט פיל יארען וועט ער זיי אוך געדענקין אונ זאלסט ניט מיינען אז דער זכות פון אברהם איז שון לאנג נישטא ווארען ער איז דאך נאך עלטר פון יצחק איבער דם זאגט דר פסוק אז דם זכות פון אברהם וועט ער אוך געדענקין אונ דיא ערד וועל איך אוך געדענקין ווארען איינמליך קאן מען פרעגין אז דיא מענשען האבען געזינדיגט זאלען ווערען פר טריבען פון ארץ ישראל וואס איז דיא ערד שולדיג אז זיא זאל זיין וויסט אונ זיא זאל זיין פאר ברענט אין שוועביל אונ אין זאלץ איבער דם זאגט דר פסוק ווייטער (והארץ

תעזב

הויז איז קריג אין הויז און איין אלטע אשה אין הויז איז מזל און ברכה אין הויז. דער תולדות יצחק שרייבט דרום שטייט דיא פרשה פון ערכין ווען איינר וועט זיך שאצן נאהינט פון דר פרשה פון דיא קללות צו ווייזן ווען אמענש וועהט פר זיך קללות און הערט פון זייא ניצול זאל ער געבן צדקה און נדרים וייל גאט האט אים מציל גיוועזן עס איז געוואוקסט דם דריי ערליי ביין קען קומן דורך די קללות ווס אובן איזגעשטאנן דרום זאגט די פרשה לא יחליפנו ולא ימיר אותו גאט וועט ישראל ניט פר ביטן (לא יבקר בין טוב לרע) מען זאל אלין גאט לובן סייא ער גיט גוטן אדער שלעכטן (בשנת היובל ישוב השדה לאשר קנהו) כלומר ווען די גאולה וועט קומן וועלן ישראל ווידער אום קערין צו זייער לאנד:

ליקוטי יקרים

תעזב מהם) און דיא ערד וועט זיין פר לאזט פון זיי ביז זיא וועט באוויליגען איר שמיטה ווארען פריער הט דיא ערד געמאנט איר שאנד ווס מען הט אויף איר געארבייט אין שמיטה דר נאך אבער אז דיא זינדיגע מענשען האבן שון אפ גענומען זייער עונש וועט זיא פר לאזט ווערען פון זייא כלומר זיא וועט זיך נאך לאזען פון דיא ישראל און וועט שון ניט האבען ווס צו קלאגען זיך אויף דיא ישראל ווארען זיי וועלען שון האלטען שמיטה אזו ווי דר דין איז און וועט באוויליגן די שמיטה:

# הפטרת בחקותי.

(יי עוזי ומעוזי) זאגט ירמיה דו גאט ביסט מיין שטארקר ווס דו העלפסט מיר און איך אנטלויף צו דיר אין דעם טאג פון אצרה (לכן) דרום זאגט גאט איך וועל זייא מודיע זיין מיין שלאק און מיין שטארקייט און זיי וועלען וויסען דם מיין נאמען איז גאט איך קען מקיים זיין מיין גזירה (חטאת דיא זינד פון שבט יהודה איז געשריבן מיט איין אייזערנע פען וואס קריצט טיף מען קען עס ניט גרינג אפ מעקין און מיט דם נאגעל פון דם ווארים ווס הייסט שמיר ווס ער קריצט טיף איין אזו איז זייער זינד זיא איז טיף איין געאקערט אויף דעם טאוויל פון זייער הארץ דם זיי פר געסען ניט אין זייערע אפ געטר און אויף דיא ווינקלן פון אייערע מזבחות איז אן געשריבען אייערע זינד (כזכור) אזו וויא זיי געדענקין אז זיי דער מאגען זיך אין זייערע קינדר אזו געדענקין זיי אז זיי דר מאגען זיך אין זייערע מזבחות און אין זייערע לינדען ביימר דען די מזבחות שטייאן ביי די צווייגדיגע ביימר און אויף אלע הויך זאגט גאט (הררי) דו ירושלים ווס דו ביסט געבויעט אויף אבארג ווס ארום איז אגלייכער פלאץ זאלסטו וויסן דם דיין גוטס און דיינע אוצרות וועל איך געבין צו רויבונג דיא גזלנים וועלען דם רויבען וייל דיינע במות זענען געמאכט געווארען פון זינד וועגען אין אלע דיינע גרעניצן דם מען זאל אויף זיי מקריב זיין צו דם אפ גאט (ושמטת) דו וועסט מיזען מיט געוואלד שמיטה האלטן וייל דו וועסט פר טריבן ווערען פון דיין לאנד און איך וועל מיך נוקם זיין אין דיר פון וועגען דיין נחלה ווס איך האב דיר געגעבן און דו האסט אין איר קיין שמיטה ניט געהאלטן ווארען אפייער הט איר געמאכט ברענען אין מיינע נאז לעבר עס וועט ברענען ביז אייביג (כה אמר יי) אזו זאגט גאט פר שאלטן זאל זיין דר מענש וואס פר זיכערט זיך אין אמענש און טוט אויף אמענש זיין שטארקייט און פאר לאזט זיך אויף אים ער זאגט איך וועל זייען אין שמיטה איך זאל

האבן

משלי יהודה

(ארור הגבר אשר יבטח באדם וגו' ומן יי יסור לבו וגו') דר גדר הבטחון איז אז מען זאל זיך ניט פר לאזין אויף נסים נאר עוסק צו זיין במלאכה אדר במו"מ און צו האבן אבטחון אז השי"ת וועט אים מזמין זיין זיין פרנסה דורך דיא סיבה וייל דיא סיבות זענין ניט קיין בעלי בחירה נאר דר רצון פון השי"ת הייסט עס ביטוח השלם אבער אז ער מאכט אסיבה אמענש ווס ער איז אבעל בחירה איז דר בטחון ניט בשלמות. דר מדרש זאגט אשרי הגבר אשר שם יי מבטחו דם איז יוסף ווס ער הט ניט געהאט אבטחון אויף דיא מצרים ווס הייסן רהבים נאר וייל ער הט געזאגט צו דם שר המשקים זאלסט מיך גידענקין איז ער געזעסין צוויי יאר מיין אין דר תפיסה, עפ"י משל אשר הט געהאט אסך שטעט און דערפר הט ער געשיקט זיינעם אפריינד ער זאל זיין אמושל אויף אשטעטיל און דר מס זאל קערין צו אים במתנה זייט ער וועט לעבין דר וייל איז געקומן אסוחר ווס הט געהאט פון שר אשריפט אז ער איז פטור פון מס און הט זיך באזעצט אין דם שטעטיל ווי מען איז געקומן מאנען ביי אים מס הט ער געוויזן דיא שריפט פון שר אז ער איז פטור זאגט דר פקיד דו האסט געטאן אנארישקייט פר ווס האסטו דיר

ניט

הָאבְּן צוּ עֶסְן אוּנ פוּן גָאט טוּט עֶר אָפּ זַיין הַארְץ וָוס גָאט הָאט צוּ גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט הַאלְטְן שְׁמִיטָּה אוּנ מֶען וֶועט נִיט זֵייעֶן וֶועט עֶר גֶעבְּן זַיין בְּרָכָה מֶען וֶועט הָאבְּן וָוס צוּ עֶסְן (וְהָיָה) אוּנ דֶר מֶענְשׁ וֶועט זַיין וִוי אֵיין אֵיינְצִיגֶר בּוֹם וָוס שְׁטֵייט אַלֵיין אוֹיף אַפְּלַאץ אוּנ רוּהְט אִין דַארְקַייט אִין דֶער מִדְבָּר וָוס עֶס אִיז נִיט בַּאזֶעסְן (בָּרוּךְ) גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶר מֶענְשׁ וָוס פַר זִיכֶערְט זִיךְ אִין גָאט וֶועט גָאט זַיין אִין זַיין הִילְף (וְהָיָה) אוּנ דֶער מֶענְשׁ וֶועט זַיין גְלַייךְ וִוי אַבּוֹם וָוס אִיז גֶעפְלַאנְצְט בַּיי וַואסֶר אוּנ בַּיי אַטַייךְ טוּט עֶר פַר שְׁפְּרֵייטְן זַיינֶע וָוארְצְלֶען אוּנ עֶס שַׁאט אִים נִיט קֵיין הִיץ אוּנ זַיינֶע בְּלֶעטֶער זֶענֶען צְוַויינְגֶענְדִיג אוּנ אִין אַהוּנְגֶער יָאר זָארְגְט עֶר נִיט אוּנ וֶוערְט נִיט אָפּ גֶעטָאן פוּן וַואקְסְן פֵּירוֹת זָאגְט גָאט (עָקוֹב הַלֵּב) דָאס הַארְץ פוּן דֶעם מֶענְשׁ אִיז פוּל מִיט בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּנ עֶס אִיז שְׁלַאף עֶר מֵיינְט וֶוען עֶר טוּט אֵיין עֲבֵירָה וֵייסְט גָאט נִיט אָבֶּער עֶס אִיז נִיט גוּט אַזוֹ (אֲנִי יְיָ) אִיךְ גָאט פָּארְשׁ דָם הַארְץ פוּן דֶם מֶענְשׁ אוּנ פְּרוּב דִיא נִירֶען צוּ וִויסֶען וָוס זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען כְּדֵי צוּ גֶעבֶּען אִיטְלִיכֶן מֶענְשׁ וִוי זַיינֶע וֶועגֶען זֶענֶען אוּנ אַזוֹ וִוי דִיא פֵּירוֹת פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען (קוֹרֵא) דֶר פוֹגִיל וָוס הֵייסְט קוֹרֵא רוּפְט צוּ זִיךְ קְלֵיינֶע פֵייגֶעל וָוס עֶר הָט נִיט גֶעוואוּנֶען אוּנ זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ כָּל זְמַן זֵיי זֶענֶען

קְלֵיין אָבֶּער אַז זֵיי וֶוערֶען גְרוֹס גֵייעֶן זֵיי אִים נִיט נָאךְ אוּנ פַר לָאזְן אִים אַזוֹ אִיז אוֹיךְ (עוֹשֶׂה עוֹשֶׁר) דֶר וָוס זַאמְלְט אֵיין עֲשִׁירוּת נִיט מִיט גֶירֶעכְטִיקַייט טוּט אִים דָאס גֶעלְד פַר לָאזֶען אִין זַיינֶע הַאלְבֶּע טֶעג אוּנ צוּם סוֹף וֶועט עֶר וֶוערֶען אָן גְרוֹיסֶען שְׁלֶעכְטֶער. זָאגְט יִרְמְיָה צוּ גָאט (כִּסֵּא כָבוֹד) דוּ גָאט וָוס דַיין שְׁטוּל אִיז דֶער הוֹכֶען אִין הִימֶל פוּן דֶם עֶרְשְׁטֶען מָאל אָן וָוס דִיא וֶועלְט אִיז וָוארֶען בַּאשַׁאפֶען אוּנ זִיא אִיז מְכוּוָן קֶעגֶען אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל יְיָ) דוּ גָאט וָואס דוּ בִּיסְט דָם הָאפוּנְג פוּן יִשְׂרָאֵל זִיצְט אוֹיף דֶר שְׁטוּל בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַלֶע וָוס פַר לָאזֶען דִיךְ זָאלֶען פַר שֶׁעמְט וֶוערֶען אוּנ דִיא וָוס קֶערֶען אָפּ פוּן מַיינֶע רֵייד זֵיי וִוילֶען נִיט צוּ הֶערֶען מַיינֶע רֵייד וָוס אִיךְ זָאג פוּן דַיינִיט וֶועגֶען דִיא זָאלֶען פַר שְׁרִיבֶּען וֶוערֶען צוּ קוּמֶען אִין דֶר טִיפֶענִישׁ פוּן דֶר עֶרְד אִין גֵיהִנָּם וַוייל זֵיי הָאבֶּן פַר לָאזְט דֶם קְוַואל פוּן קְוֶועלֶענְדִיג וַואסֶר דָם מֵיינְט מֶען גָאט וָוס עֶר טוּט זֵיי תָּמִיד גוּטְס אַזוֹ וִוי אַקְוַואל וָוס קְוֶועלְט תָּמִיד (רְפָאֵנִי יְיָ) הֵייל מִיךְ גָאט וֶועל אִיךְ גֶעהֵיילְט וֶוערֶען הֶעלְף מִיר פוּן דִיא וָוס שְׁטֵייעֶן אוֹיף אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ וֶוערֶען גֶעהָאלְפֶן דֶען דוּ בִּיסְט מַיין לוֹב אִיךְ טוּא מִיךְ לוֹבֶּען אוּנ בַּארִימֶען דָאס דוּ גָאט הֶעלְפְסְט מִיר תָּמִיד:

## משלי יהודה׃

נִיט אוּם גֶעקְלִיבֶּן צוּ בַּאזֶעצִין זִיךְ פוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע שְׁטֶעט פוּן שַׂר נִיט אִין דֶם שְׁטֶעטִיל וָוס קֶער צוּ מִיר בְּמַתָּנָה אַזוֹ יוֹסֵף פַר וָואר עֶר הָט נִיט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶם וָוס עֶר הָט גֶעזוּכְט אַסִיבָּה עֶר זָאל אַרוֹס פוּן דֶר תְּפִיסָה מֶען מֶעג זוּכֶען אַסִיבָּה אוּנ מֶען אִיז אַבּוֹטֵחַ בַּיְיָ אוּנ אוֹיף אִים גֵייט דֶר פָּסוּק אֲשֶׁר שָׂם יְיָ מִבְטַחוֹ נָאר דֶר מִיט הָט עֶר קַאלֶע גֶעמַאכְט וָוס עֶר הָט גֶעמַאכְט דֶם שַׂר הַמַּשְׁקִים דִי סִיבָּה

וָוס עֶר אִיז אַבַּעַל בְּחִירָה אוּנ דַארִיבֶּר אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאלְטֶן גֶעוָוארִין אִין תְּפִיסָה נָאךְ צְוֵויי יָאר טַאקֶע אִיבֶּר דִיא שְׁלֶעכְטֶע חַזָרָה דֶם זָאגְט דֶר פָּסוּק (אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם וְשָׂם בָּשָׂר זְרוֹעוֹ) עֶר נֶעמְט דֶם מֶענְשׁ פַר דִיא גַאנְצֶע סִיבָּה. (וּמִן יְיָ יָסוּר לִבּוֹ) זַיין בְּחִירָה אִיז אָפּ גֶענוּמֶען פוּן גָאט נָאר דֶר רָצוֹן אִיז בְּיָדוֹ דַארִיבֶּר אִיז דֶר בִּטָּחוֹן נִיט קֵיין בִּטָּחוֹן׃